STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02158

LOZ GOT ZAYN VORHAFTIK

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

„לאָז גאָט זיין וואָרהאַפטיק"

„און וואָס אויב עטלעכע האָבן
נישט געגלויבט? צי זאָל זייער
נישט־געטרייישאַפט מבטל זיין די
געטרייישאַפט פון גאָט? חלילה!
גיכער זאָל גאָט זיין וואָרהאַפטיק,
און יעדער מענטש אַ ליגנער,
ווי עס שטייט געשריבן: כדי
דו זאָלסט זיין גערעכטפאַרטיקט
אין דיינע רייד, און זאָלסט בייש־
טיין בעת דו וועסט געמשפט
ווערן." — רוימער ג: 3, 4.

„לאז גאט זיין װארהאפטיק"
ארויסגעגעבן אין ענגליש 1946
ארויסגעגעבן אין יידיש 1949
פון
WATCHTOWER BIBLE AND TRACT SOCIETY, INC.
International Bible Students Association
Brooklyn 1, N. Y., U. S. A.

ערשטע אויפלאגע אין ענגליש
איינע מיליאן ביכער

"Let God Be True"
Yiddish

Made in the United States of America
געמאכט אין די פאראייניקטע שטאאטן פון אמעריקע

געווידמעט

צו דעם

עליון על כל

„א גאט פון אמת,"

און

בגלל פון די

„אנדערע שאף" פון זיין

גוטן פאסטוך

דברים 4:32
יוחנן 11:10, 14, 16

אינהאַלט

קאַפּיטל		זייט
1	„לאָז גאָט זיין וואָרהאַפטיק"	7
2	„ווער איז יהוה?"	21
3	„וואָס זאָגט איר מכּח משיחן?"	32
4	שׂטן דער טייוול	43
5	וואָס איז דער מענטש?	55
6	גיהנום, אַן אָרט פון רוען אין האָפענונג	66
7	איז פאַראַן אַ דריי־אייניקייט?	78
8	„אַן אויסלייז פאַר אַ סך"	90
9	„די קירך פון גאָט"	101
10	„דאָס מלכות־שמים"	113
11	געבּרויכן געצן־בּילדער ביים גאָטס־דינסט	125
12	דער וועג צו גאָט דורך תּפילה	136
13	דער שבּת: אין שאָטן און אין ווירקלעכקייט	149
14	„נישט אונטער תּורה, נייערט אונטער חסד"	164
15	דעם הארם צוריקקער	178
16	יידן צונויפזאַמלונג — אַמאָל און היינט	189
17	ווער זיינען יהוהס עדות?	201
18	סאַלוטן און פּאָליטיק	216
19	„דער קץ [סוף] פון דער וועלט"	233
20	די „נייע ערד"	245
21	תּחית־המתים	256
22	דער יום־הדין	266
23	הייליקן זיך — דער וועג צום לעבן	279
24	דאָס דינען דעם אמתן גאָט	290

„לאָז גאָט זײַן װאָרהאַפטיק“

קאַפּיטל 1

בײַ ערלעכן, פּשוטן מאַן און פרוי עפענען זיך אַלץ אָפטער די אויגן און זיי הייבן אָן צו זען אַלץ קלאָרער דעם כּאָס פון די רעליגיעס אין דער וועלט און די אומקאָנסעקווענטקייט פון די רעליגיעזע פירער, וועלכע זאָגן איין זאַך טון טוען זיי אַ צווייטע זאַך. דענקענדיק, אַז אָט די רעליגיעזע פירער רעפּרעזענטירן טאַקע גאָט און רעדן אין זיין נאָמען, הייבן אָן אַ סך ערלעכע מענטשן צו צווייפלען צי ס'איז בכלל דאָ אַן אמת אויף דער וועלט. זייערע מוחות הייבן אָן צו אַרבעטן אַזוי ווי ביי יענעם מאַן פון אוראַלטע צייטן, וועלכער האָט פון אַנטוישונג אויסגערופן: „איך האָב געזאָגט אין מיין אַנגסט: אַלע מענטשן זיינען פאַלש.“ (*) זיי ווערן אַנטמוטיקט און קרעכצן שטילערהייט. עס איז אָבער קיין שום ספק, אַז ווען זיי וועלן דערהערן דעם ריינעם געקלאַנג פון אמת אָנקומענדיק פונם ריכטיקן קוואַל, וועלן זיי עס דערקענען און אויפנעמען מיט פאַרגעניגן און פעסטהאַלטן, ניט געקוקט אויפן גרילץ פון די רעליגיעס אויף דער ערד.

2 דער קאָלאָסאַלער אוניווערס, וועלכן מיר זען, איז באַזירט אויף אמת און גייט פאָרויס אין אָרדענונג און אָן שטערונג, ניט געקוקט אויף די בלאָנדזשענישן פון די מענטשן אויף דער ערד. דער באַשעפער פון דער וועלט איז דער גרויסער גאָט פון אמת. ער איז דער גאָט צו וועמען אַלע „קריסטלעכע“ לייט זיינען כּלומרשט מתפלל. אָבער די יאָר־הונדערטער־לאַנגע

---

* ציטאַט פון תנ"ך, ביי תהלים קטז:11.

---

1. ווי אַזוי זיינען ערלעכע מענטשן געניינגט צו רעאַגירן אויף דער היינטיקער רעליגיעזער סיטואַציע?
2. (א) פאַרוואָס טויגן ניט די אַלטע אויסטייטשונגען פון דעם תנ"ך? (ב) צו וואָס פאַרא מין תנ"ך שטודיע ווערן די לייענער יאָ איינגעלאַדן און געפירט?

רעליגיעזע אונטערשיידן צװישן זיי, זייערע מחלוקתן און טעותן האָבן געבראַכט דערצו, אַז מע רוקט גאָר כּסדר אַרויס טענות צו גאָט און צו דעם געשריבן װאָרט, װאָס ער האָט געגעבן דעם מענטשלעכן מין. יענע בלאָנדזשענדיקע, װעלכע האָבן זיך באַמיט צו געפינען דעם אמת, האָבן אין אַ סך פאַלן האָפענונגס־לאָז אויסגערופן: „אַך, דער תּנ"ך איז אַן אַלטער פידל, אויף װעלכער מע קען אויסשפּילן װאָס פאַר אַ ניגון מע װיל." אויב דאָס װאָלט טאַקע אמת געװען, װאָלט עס געהייסן, אַז דער מחבר פונם תּנ"ך איז אַליין געװען פאַרפּלאָנטערט און ער איז זיך אַליין אָפּט סותר. אָבער דאָס קען ניט זיין ריכטיק װען דאָס װערט געזאָגט װעגן גאָט, װעמענס זעעבאַרער װעלט־באַשאַף איז װונדערלעך האַרמאָניש און איז זיך ניט סותר. ס'איז דעריבער קלאָר, אַז זיין ספר, דער תּנ"ך, קען ניט זיין פאַר־דרייט און קען ניט דערלאָזן גלאַט װאָס פאַר אַן אויסטייטשונג מע װיל. די בלומרשטע אויסטייטשערס, די רעליגיעזע פירער פון דעם אַזוי גערופענעם „קריסטנטום", די, װעלכע קענען ניט קומען צו אַ הסכּם צװישן זיך און קעמפן אַפילו טיילמאָל צװישן זיך, זיי זיינען עס די שולדיקע אין דער צעמישונג. און דערפאַר װען דער לייענער װעט צוטרעטן צו שטודירן דעם תּנ"ך, האַלטנדיק אין האַנט דעם דאָזיקן בוך, זאָל ער ניט מיינען, אַז מע רופט אים דאָ צו שטודירן גאָטס הייליק װאָרט לויט די קאָמפּליצירטע און סודותפולע רעליגיעזע פעלער־טעאָריעס פון דעם „קריסטנטום". דער לייענער װערט יאָ געבעטן צו שטודירן לויט דעם, װאָס גאָט אַליין האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין אייגן װאָרט. „װאָרום גאָט איז נישט קיין גאָט פון פאַרװירונג, נייערט פון שלום." (*)

[3] כּדי צוצוקומען צום אמת, מוזן מיר אַרויסװאַרפן אַלע רעליגיעזע פאָרורטיילן פון אונדזערע הערצער און מוחות. מיר מוזן לאָזן רעדן גאָט אַליין. יעדער אַנדערער װעג װאָלט גע־פירט צו אַ װייטערדיקן פּלאָנטער. װאָס זשע מאַכט עס אויס,

* ציטאַט פון קאָרינטער א, יד:33.

3. (א) װאָס מוזן מיר טאָן, כּדי צוצוקומען צום אמת? (ב) װאָס דאַרף זיין אונדזער שטאַנדפּונקט פּנים־אל־פּנים מיט די אומטרייהייט פון מענטשן?

אז רעליגיעזע און ניט־רעליגיעזע מענער האָבן דיסקרעדיטירט דעם תנ"ך און געמאַכט אים צו קליינגעלט און זיי שטעלן זייערע אייגענע מיינונגען אָדער די מיינונגען און טראַדיציעס פון אנדערע מענטשן העכער פאַרן תנ"ך? און וואָס איז, אויב רעליגיעזע פירער האָבן אָפּגעוואָרפן די דירעקטע עדות פון דעם תנ"ך? וואָס איז, אויב די הויך געערטע גייסטלעכע פון „קריסטנטום" זיינען געפונען געוואָרן פעלשער און פאַרפירער? ענדערן דען די שאָקירנדיקע און אנטוישנדיקע פאַקטן דעם עצם פון תנ"ך און זיין בשורה פון אמת? דער געזונטער שכל זאָגט אונדז, אז דער אמתדיקער און לעבעדיקער גאָט האָט געמוזט שענקען דעם פאַרשנדיקן מענטשלעכן מין עפּעס אן אינספּירירטע געשריבענע אנטפּלעקונג וועגן זיך אליין. און אויב עס איז אזוי, טאָ לאָמיר פאַרנעמען אזא שטעלונג, ווי עס טוט איינער פון די ביבל־שרייבער, וועלכער האָט געזאָגט אזוי: „און וואָס אויב עטלעכע האָבן נישט געגלויבט? צי זאָל זייער נישט־געטריישאַפט מבטל זיין די געטריישאַפט פון גאָט? חלילה! גיכער זאָל גאָט זיין וואָרהאַפטיק, און יעדער מענטש א ליגנער, ווי עס שטייט געשריבן: כדי דו זאָלסט זיין גערעכטפאַרטיקט אין דיינע רייד, און זאָלסטביישטיין בעת דו וועסט געמשפּט ווערן." (*) דער שרייבער, וואָס איז דאָ ציטירט געוואָרן איז געוועזן א ער־לעכער מאַן און געוועזן מוטיק גענוג מודה צו זיין זיך, אז ער אליין איז געוועזן א פאַרוווירטער זינדיקער, און גערעכטפאַרטיקט דעם אלמעכטיקן גאָט אין יעדן פאַל. ער האָט געזאָגט צו גאָט: „צו דיר אליין האָב איך געזינדיקט, און וואָס איז שלעכט אין דיינע אויגן האָב איך געטאָן; דרום ביסטו רעכטפאַרטיק אין דיין רעדן, ביסטו גערעכט אין דיין משפּטן." (†) ווען מיר גלייבן, אז גאָט איז וואָרהאַפטיק, דעמאָלט וועט ער אונדז ווייזן דעם אמת דורך זיין געשריבן וואָרט.

⁵ האַלטן גאָט פאַר וואָרהאַפטיק—דאָס מיינט צו לאָזן גאָט

---

* ציטאַט פון רוימער ג:3, 4.
† תהלים נא:6.

---

4. (א) וואָס מיינט צו האַלטן גאָט פאַר וואָרהאַפטיק? (ב) מיט וואָס איז דער שטודיע־אופן פונם א בוך אין איינקלאַנג מיט ישעיה ח:20?

אַליין זאָגן, וואָס איז דער אמת, וועלכער מאַכט דעם מענטשן פריי. דאָס מיינט אָנצונעמען זיין וואָרט, די ביבל, פאַרן אמת. דערפאַר ווענדן מיר זיך נאָכן אמת אין דעם בוך—צו דער ביבל. מיר האַלטן פאַר אונזער חוב צו באַגרינדן אַלץ, וואָס מיר זאָגן דאָ אין דעם בוך, אויף ציטאַטן פון דער ביבל, כּדי צו דערווייזן, וואָס איז וואָרהאַפּטיק און פאַרלאָזלעך. דאָס איז דער דרך, מיט וועלכן עס זיינען געגאַנגען אַליין און אָנגעוויזן פאַר אַנדערע—די באַגייסטערטע שרייבער פון גאָטס וואָרט, ווי אויך זיינע געטרייע מענער. ישעיה, אַ פּראָמינענטער נביא, שרייבט פאַר אָט אַזאַ ווירקונג: „און אַז זיי וועלן זאָגן צו אייך: פרעגט ביי די גייסטער און ביי די רוחות וואָס פּיפּסן און וואָס מורמל־ען, [זאָלט איר זאָגן:] דאַרף ניט אַ פאָלק פרעגן ביי זיין גאָט? [צו וואָס פרעגן] איז פאַר די לעבעדיקע ביי די טויטע לערנונג און וואָרעניש? פאַרוואָר, זיי וועלן זאָגן אַזוי ווי דאָסדאָזיקע וואָרט, וואָס האָט ניט קיין זין.“ (ישעיה ח:19, 20) (האַלט) זיך צו דער תּורה מער פאַר אַלץ, און צום עדות, און באמת זיי וועלן מאַכן אַזאַ דערקלערונג ווי דאָסדאָזיקע, אין וועלכן דאָ איז קיין ליכט ניט.“ (ישעיה ח:20; לעסער און אַנדערע ווערסיעס) אין די לערעס פון די מענטשן אויף דער אָ וועלט, וואָס זיינען אונטערן איינפלוס פון איבערמענטשלעכע אומזעבאַרע דעמאָנען, אָט די בייזע גייסטער, וואָס זיינען בעיקר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פינצטערניש אויף דער אָ וועלט, איז ניטאָ קיין שפּור ליכט פון אמת. מיר וועלן קיינמאָל ניט דערגרייכן יענע ליכט, וואָס אירע שטראַלן באַווייזן, אַז אַן אָנהויב פון אַ נייער, יושרדיקער וועלט קומט אָן,—אויב מיר וועלן ניט ווענדן זיך דירעקט צום געבאָט און עדות פון גאָטס געשריבן וואָרט.

[5] מלאָכי, דער סאַמע לעצטער פון די אַלט־העברעישע נביאים, האָט אָנגעוויזן, פּונקט ווי ישעיה, אין דער זעלבער ריכטונג—צו גאָטס געשריבן וואָרט. אַלס באַגייסטערטער שליח פון גאָט, האָט ער געזאָגט: „געדענקט די תּורה פון מיין קנעכט משהן, וואָס איך האָב אים באַפוילן אין חורב פאַר גאַנץ ישראל, חוקים

5. וואָס האַלטן און וואָס לערנען אונדז דער ערשטער און דער לעצטער שרייבער פון די אַלטע העברעישע שריפטן, און אויך די שרייבער צווישן זיי?

און געזעצן.״ (מלאָכי ג:22) די ערשטע פינף בענד פון היינטיקן תנ״ך—דאָס זיינען די המשה־חומשי־תורה פונם נביא משה; אַזוי אַרום איז דער לעצטער פון די אַמאָליגע העברעיִשע נביאים אין איינקלאַנג מיט דעם סאַמע ערשטן פון די תנ״ך שרייבער, וועלכער האָט געלעבט מיט מער ווי טויזנט יאָר פאַר אים. אַזוי איז אויך די שטעלונג ביי אַלע שרייבער פון דער משך צייט צווישן משה און מלאָכי; דער נביא משה, ווידער האָט אויפגעהאַלטן אין זיינע שריפטן די אינספּירירטע רייד פון גאָטס אַלע נביאים, וועלכע זיינען געווען פאַר אים.

[6] קיין איינער פון די שרייבער פון דעם תנ״ך, פון מלאָכי ביז צוריק אויף משה, גיט ניט קיין שום אָנדייט וועגן אַזעלכער תורה־שבעל־פּה אָדער אַ טראַדיציאָנעלן געזעץ, וואָס זאָל עקזיסטירן זייט ביי זייט מיט גאָטס געשריבן וואָרט. אינערגעץ דערקלערן זיי ניט, אַז די טראַדיציעס פון די רעליגיאָניסטן קענען זיך גלייכן מיט גאָטס פאַרשריבענעם וואָרט, אָדער אַז גאָטס געשריבן וואָרט זאָל זיין ניט פולקאָם אָן די אַ מסורהס [טראַדיציעס]. דער נביא משה האָט זיך אַרויסגעזאָגט שטרענג קעגן צוגעבן צו גאָטס וואָרט און עדות די מסורהס פון ניט־רוח־הקודשדיקע מענער. משה האָט געזאָגט: „איר זאָלט ניט צולייגן צו דעם וואָרט וואָס איך געביט אייך, און איר זאָלט ניט מינערן דערפון, כדי צו היטן די געבאָט פון גאָט אייער האַר, וואָס איך געביט אייך.״ (דברים ד:2) גאָטס געשריבן וואָרט איז געלויטערט אויך אָן מענטשלעכע טראַדיציעס; און יענע וואָס לערנען און האַלטן זיך ביי אָט די טראַדיציעס און באַטראַכטן זיי פאַר גלייך, צי אַפילו העכער פונם געשריבענעם וואָרט, יענע ווייזן זיך אַרויס אַלס ליגנער. „איטלאַך וואָרט פון גאָט איז געלייטערט; ער איז אַ שילד פאַר די וואָס שיצן זיך אין אים. זאָלסט ניט צולייגן צו זיינע ווערטער, כדי ער זאָל דיך ניט פאַרהאַלטן, און וועסט בלייבן אַ ליגנער.״—משלי ל:5, 6.

[7] גאָט האָט באַפוילן זיין נביא ישעיה אַרויסצוזאָגן זיך אין

---

6. וואָס ווייזן אַרויס משה און משלי בנוגע דער אַזוי־גערופענער „תורה־שבעל־פּה״ אָדער טראַדיציע?
7. מיט וועלכע שטאַרקע ווערטער האָט זיך ישעיה אַרויסגעזאָגט קעגן יענע, וואָס פאָלגן נאָך די דאָזיקע מענטשלעכע טראַדיציעס און געבאָטן?

שטאַרקע ווערטער קעגן יענע, וועלכע גיבן זיך אָן בלומרשט פאר גאָטס פאָלק, אָבער אין דער אמתן פּראַקטיצירן היפאָ־קריטסקייט דורך פאָלגן די מענטשלעכע געבאָטן און טראַדיציעס מער, איידער די אינספּירירטע שריפטן. „און גאָט האָט גע־זאָגט: ווייל דאָסדאָזיקע פאָלק האָט גענענט מיט זיין מויל, און מיט זיינע ליפּן מיך געערלאַכט, אָבער זיין האַרץ האָט ער דערווייטערט פון מיר, און זייער מורא פאַר מיר איז ווי אַן איינגעלערנט געבאָט פון מענטשן, דרום זע, איך טו נאָך מער פאַרוואונדערן דאָסדאָזיקע פאָלק, וואונדערלאך פאַרוואונדערן; און פאַרלאָרן ווערן וועט די חכמה פון זיינע חכמים, און די פאַר־שטאַנדיקייט פון זיינע פאַרשטאַנדיקע וועט פאַרהוילן ווערן.״— ישעיה כט:13, 14.

דאָס געשריבענע וואָרט
אַנטקעגן דער טראַדיציע

[8] צוליב דעם אַ שטרייט איבער די טראַדיציעס און געבאָטן פון די רעליגיע־פירער איז אַנטשטאַנען דער קאָנפליקט צווישן דעם גרויסן לערער פון נצרת און די רבנים אינעם ערשטן יאָר־הונדערט פון אונדזער צייטרעכענונג. אויף דער טעמע גע־פינען מיר אַזאַ באַשרייבונג: „דעמאָלט זיינען צו ישוע געקומען פרושים און סופרים פון ירושלים, און האָבן געזאָגט: פאַרוואָס זיינען דיינע תלמידים עובר די מסורה פון די זקנים? מחמת זיי וואַשן זיך נישט די הענט, ווען זיי עסן ברויט. און ער האָט געענטפערט און צו זיי געזאָגט: אַלמאַי זענט איר אויך עובר גאָטס געבאָט צוליב אייער דין? וואָרום גאָט האָט געזאָגט: גיב אָפּ כבוד דיין פאָטער און דיין מוטער. און: דער וואָס שעלט פאָטער אָדער מוטער זאָל טייטן געטייט ווערן. איר אָבער זאָגט: ווער עס זאָגט צו זיין פאָטער אָדער מוטער: פון דעם קרבן וואָס קומט פון מיר קאָנסט דו הנאה האָבן, דער דאַרף מער נישט אַכפּערן [ערן] זיין פאָטער אָדער מוטער. און דערמיט האָט איר מבטל געווען גאָטס וואָרט צוליב אייער דין. איר,

---

8. ווען וואָס פאַרא שטרייט איבער טראַדיציע דערציילט מתיא, טו:1־9, און ווער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גערעכט און ווער זיינען עס די ליגנערס?

חונפים [היפּאָקריטן], גוט האָט ישעיה אויף אייך נביאות געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: דאָסדאָזיקע פאָלק אַכפּערט מיך מיט זיינע ליפּן, אָבער זיין האַרץ איז ווייט פון מיר, און אומזיסט טוען זיי מיך דינען, מיט לערנען איינגעלערנטע מצוות פון מענטשן." (מתיא טו:1־9) אויף אַזאַ אופן איז באַוויזן געוואָרן, אַז די רעליגיעזע טראַדיציע־מענער זיינען ליגנער, און אַז זיי ברעכן גאָטס געשריבענע געזעצן; אַקעגן, האָט דער ערלעכער לערער פון נצרת געהאַלטן, אַז גאָט איז וואָרהאַפטיק, ווייל ער האָט אַפּעלירט צו גאָטס געשריבן וואָרט און אים געפאָלגט.

[9] איינס איז קלאָר: די אַלטע העברעישע שריפטן לערנען אונדז ניט צו גלייבן אין דער תורה־שבעל־פה פון די רבנים, וואָס מע האָט זי שפּעטער פאַרשריבן און פאַרעפנטלעכט. לויט זיי איז די תורה־שבעל־פה גלייך צו די אינספּירירטע שריפטן אָדער אַפילו נאָך וויכטיקער פאַר די שריפטן, ווען עס איז דאָ אַ שטרייט צווישן זיי ביידע. עס איז אויך פּונקט אַזוי זיכער, אַז די אינספּירירטע שריפטן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אויף גריכיש במשך דעם ערשטן יאָר־הונדערט נ. ק., לערנען אונדז ניט, אַז מיר זאָלן אָננעמען און זיך פאַרלאָזן אויף די טראַדיציעס און מאָראַלישע געבאָטן פון יענע, וואָס באַהויפּטן צו זיין די קריסטלעכע גייסטלעכע. דערפאַר איז, אַז די קריסטלעכע גריכישע שריפטן ציטירן און פאַררופן זיך הונדערטער מאָל אויף גאָטס געשריבן וואָרט, וואָס די העברעישע שריפטן אַנטהאַלטן אין זיך. פאַררופנדיק זיך אויף יענע העברעישע שריפטן, וועלכע זיינען געווען די איינציקע וואָס ער האָט אין האַנט געהאַט אין יענע צייטן, האָט ישוע פון נצרת אַזוי געזאָגט אין זיין תפילה צו גאָט פאַר זיינע תלמידים: „הייליק זיי אין דעם אמת; דיין וואָרט איז אמת." (יוחנן יז:17) און ווען ער איז פאַרזוכט געוואָרן דורכן גרויסן קעגנער, דעם שׂטן, בעת זיינע פערציק טעג פון אָפּגעזונדערטקייט אין דעם מדבר, האָט ער זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם שׂונאס אָנפאַלן באַנוצנדיק גאָטס געשריבן

9. (א) וואָס ווייסן מיר אויף זיכער וועגן דער שטעלונג פון די הייליקע שריפטן צו די מענטשלעכע טראַדיציעס? (ב) ווי אַזוי האָט ישוע, בעת זיין תפילה־טאָן און אין זיינע נסיונות, דערוויזן זיין דרך־ארץ פאַרן געשריבענעם געטלעכן וואָרט?

װאָרט. מיט דער הילף פון גאָטס געשריבן װאָרט האָט ער באַװיזן, אַז זיין קעגנער איז אַ ליגנער. פנים־אל־פנים מיט דעם ערשטן נסיון פון שטן, האָט ער געזאָגט: „עס שטייט געשריבן: נישט פון ברויט אַליין לעבט דער מענטש, נייערט פון יעדן װאָרט, װאָס קומט אַרויס פון גאָטס מויל.“ בעת ער איז געשטאַנען פאַרן צװייטן נסיון, האָט ישוע געזאָגט: „עס שטייט אויך געשריבן: דו זאָלסט ניט פּרוּװן גאָט דיין האַר.“ און בעת ער איז בייגעשטאַנען דעם דריטן נסיון, האָט ער געזאָגט: „טראָג זיך אָפּ, שטן! װאָרום עס שטייט געשריבן: דו זאָלסט דיך בוקן צו גאָט דיין האַר, און אים אַליין זאָלסטו דינען.“ אין יעדן פאַל האָט ער ציטירט גאָטס װאָרט אָט אַזוי װי עס איז פאַרשריבן געװאָרן דורכן נביא משה.—מתיא ד:4, 7, 10; דברים ח:3; ו:16; ו:13.

[10] װען ישוע האָט אין דער שול פון נצרת דערקלערט זיין שליחות אויף דער ערד, געבעטן מ'זאָל דערלאַנגען דעם ספר פון ישעיה־הנביא און איבערגעלייענט די פסוקים 1, 2 פון קאַפּיטל סא. (לוקאס ד:16—21) שפּעטער האָט ער געזאָגט: „מיינט נישט, אַז איך בין געקומען מבטל צו זיין די תּורה, אָדער די נביאים. איך בין נישט געקומען מבטל צו זיין, נייערט מקיים צו זיין. װאָרום פאַרװאָר, איך זאָג אייך, ביז הימל און ערד װעלן פאַרגיין, װעט קיין איין יוד אָדער אַ שטריכל פון דער תּורה נישט פאַרגיין, ביז אַלץ װעט מקוים װערן.“ (מתיא ה:17, 18) און יענע רעליגיעזע לייט װאָס האָבן ניט געגלייבט אין אים, האָט ער געעצהט זיי זאָלן פאָרשן גאָטס געשריבן װאָרט: „איר פאָרשט די כּתבי־הקודש, מחמת איר מיינט, אַז אין זיי האָט איר אייביק לעבן; און די דאָזיקע זיינען עס װאָס זיינען מעיד [דערציילן] אויף מיר; . . . װאָרום װאָלט איר משהן געגלויבט, װאָלט איר מיר געגלויבט; װייל ער האָט געשריבן װעגן מיר. אויב אָבער איר גלויבט ניט זיינע כּתובים, װי אַזוי זאָלט איר גלויבן מיינע רייד?“—יוחנן ה:39, 46, 47.

---

10. װי אַזוי האָט ישוע װייטער אַרויסגעװיזן זיין רעספּעקט צו די שריפטן, װען ער האָט געדרשנט און געעצהט די אומגלויביקע רעליגיאַניסטן?

[11] סוף־כּל־סוף, איז זײַנע רעליגיעזע שׂונאים, מיט דער הילף פֿון אַ פֿאַררעטער, געלונגען געזעצלאָז אים צו פֿאַרהאַפּטן. פֿאַרוואָס האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אַנטקעגנצושטעלן זיי? ווײַל ער האָט געגלױבט גאָטס וואָרט זײַן אמתדיק. ער האָט וועגן דעם געוואָרנט פֿון פֿאָרויס זײַנע תּלמידים: „וואָרום איך זאָג אײַך, אַז דאָס וואָס שטייט געשריבן, מוז אין מיר מקוים ווערן: און ער איז געציילט געוואָרן מיט פֿאַרברעכער. וואָרום דאָס, וואָס איז נוגע מיר, קומט צו אַ סוף." (לוקאַס כּב:37) אייניקע טעג שפּעטער, ווען ער האָט זײַנע דערשטוינטע תּלמידים דערציילט וועגן זײַנע מאָדנע איבערלעבונגען, און נאָכאַמאָל אונטערגע־שטראָכן, אַז גאָטס געשריבן וואָרט איז וואָרהאַפּטיק און אויפֿ־געוויזן ווי אַזוי עס איז מקוים געוואָרן אין אים. מיר לייענען אַזוי וועגן זײַן געשפּרעך מיט צוויי פֿון זײַנע תּלמידים: „און ער האָט פֿאַר זיי באַשיידט אַלע כּתובֿים, אָנהויבנדיק פֿון משהן ביז אַלע נבֿיאים, וואָס ווערט דאָרט בנוגע אים גערעדט." שפּעטער, אין אַ געשפּרעך מיט אַ גרעסערער גרופּע תּלמידים, „האָט צו זיי געזאָגט: דאָס זענען מײַנע רייד, וואָס איך האָב צו אײַך גערעדט, בשעת איך בין נאָך געווען מיט אײַך, אַז אַלץ מוז מקוים ווערן, וואָס שטייט געשריבן אויף מיר אין תּורת־משה, און די נבֿיאים, און תּהלים. דערנאָך האָט ער געעפֿנט זייער פֿאַרשטאַנד, כּדי זיי זאָלן פֿאַרשטיין די כּתובֿים, און ער האָט צו זיי געזאָגט: אַזוי שטייט געשריבן." (לוקאַס כּד:27, 44—46) ער האָט קיינמאָל ניט פֿאַררופֿן זיך אויף די רבנישע לערן־שטות מיט זייערע טראַדיציעס און מענטשישע געבאָטן, ער האָט אויף אַ געטרייען אופֿן אָפּגעשיקט זײַנע תּלמידים צו גאָטס געשריבענעם וואָרט, כּדי צו פֿאַרהערלעכן דעם וואָר־האַפּטיקן גאָט, כאָטש אין דער זעלבער צײַט האָט עס זיך באַ־וויזן, אַז די רעליגיעזע פֿירער וואָס זײַנען פֿאַרערט געוואָרן פֿון אַלעמען זײַנען ליגנער.

11. פֿאַרוואָס האָט ער זיך ניט קעגנגעשטעלט, ווען זײַנע שׂונאים האָבן אים פֿאַרהאַפּט? און ווי אַזוי האָט ער אין עטלעכע טעג אַרום גרויס געמאַכט גאָטס וואָרט פֿאַר זײַנע תּלמידים?

[12] דער פאַל מיט ישוע פון נצרת איז געװען אַ ביישפּיל. עס מאַכט קלאָר, אַז יענע מענטשן װאָס פאָלגן תּמיד נאָך די רעליגיעזע אויסטײַטשונגען פון די רעליגיאָניסטן און װאָס באַאַכטן די מענטשישע טראַדיציעס מער װי דאָס הייליקע געשריבענע װאָרט, װעלן זיכער זיך אַנטקעגנשטעלן און פאַרפאָלגן ישועס געטרײַע תּלמידים, װעלכע פּראָקלאַמירן גאָטס געלײַטערט װאָרט. איינער פון זײַנע נאָענסטע תּלמידים נעמט זיך אַליין פאַר אַ ביישפּיל, כּדי צו באַװײַזן װי אַזוי אַ בלינדער גלויבן אין די רעליגיעזע טראַדיציעס און סיסטעמען—פּירט איינעם צו קעגנערשאַפט לגבי די, װעלכע האַלטן פון דער װאָרהאַפטיקייט פון גאָטס װאָרט. פּאָולוס, ישועס אַ תּלמיד, איז זיך מודה אַזוי: „װאָרום איר האָט געהערט פון מײַן פריערדיקן שטייגער לעבן אין דעם יידישן דת [רעליגיע], װיאַזוי איך האָב שטאַרק נערודפט [פאַרפאָלגט] די קהילה פון גאָט, און זי חרוב געמאַכט; און איך בין געשטיגן אין דעם יידישן דת העכער פון אַ סך פון מײַנע חברים צװישן מײַן פאָלק, װײַל איך בין געװען אַ סך מער קנאי [פאַנאַטיש] פאַר די איבערענטפערונגען פון מײַנע אָבות.“—גאַלאַטער א:13, 14.

[13] פּאָולוס האָט געװוּסט װי אַזוי די רעליגיעזע טראַדיציעס האָבן אויף אַ געװיסער צײַט אים געמאַכט בלינד צו דעם אמת פון די שריפטן פון משה און פון אַנדערע נביאים און פון תּהלים. ער האָט אויך פון פאָרויס געװוּסט, אַז די מענער װאָס פּרעטענדירן צו זײַן קריסטלעכע גײַסטלעכע, װעלן אויפבויען אַ סיסטעם פון רעליגיעזע געבאָטן און טראַדיציעס און מיט זיי פאַרשטעלן דעם אמת פאַר די מיטגלידער פון די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס. דערפאַר האָט ער געשריבן: „גיב אַכטונג, אַז קיינער זאָל פון אײַך ניט מאַכן אַ זאַקרויב דורך װעלטלעכער חכמה און פּוסטן באַטרוג, לויט נאָך דער מסורה פון מענטשן, לויט נאָך די יסודות פון דער װעלט, און ניט לויט משיחן.“ (קאָלאָסער ב:8) פּאָולוס האָט געװוּסט, אַז אַזעלכע טראַדיציעס

12. װאָס פאַר אַ באַװײַז איז ישועס פאַל בנוגע די נאָכפאָלגער פון טראַדיציעס? און װי אַזוי ברענגט זײַן תּלמיד פּאָולוס זיך אַליין אַלס אַ ביישפּיל?

13. װאָס זײַנען געװען פּאָולוסעס װאָרענונגען מכּח אויפשטעלן אַ סיסטעם פון רעליגיעזע טראַדיציעס?

וועלן זיין ליגנס און דערפאַר וועלן זיי רעקאָמאַנדירן אַט אַזאַ וועג פון רעטונג, וואָס איז גאָר אַנדערש פון דעם, וואָס איז אַנט־האַלטן אין דעם אינספּירירטן, געשריבענעם געטלעכן וואָרט. גוט וואָלט געווען, ווען די היינטצייטיקע רעליגיעזע מענטשן, ווען די רעליגיעזע טראַדיציעס האָבן פאַרפירט אַוועק פון דער גוטער בשורה, אַזוי ווי זי איז פאַרצייכנט אין דער הייליקער ביבל, וואָלטן זיך צוגעהערט צו דער עצה פון פאַולוס: „עס זענען פאַראַן טײלן [מענטשן], וואָס פאַרטומלען אייך, און וואָס וואָל־טן וועלן פאַרדרייען די בשורה פון משיחן. נאָר הגם מיר, אָדער אַ מלאָך פון הימל, זאָלן אייך אָנזאָגן אַ בשורה אַנדערש ווי יענע, וואָס מיר האָבן אייך אָנגעזאָגט, זאָל ער זיין אין חרם. ווי מיר האָבן פריער געזאָגט, אַזוי זאָג איך אַצונד ווידעראַמאָל: אויב עמיצער טוט אייך אָנזאָגן אַ בשורה, אַנדערש ווי יענע, וואָס איר האָט מקבל געווען, זאָל ער זיין אין חרם.”—גאַ־לאַטער א:7—9.

[14] דערפאַר האָט זיך פאַולוס געהאַלטן פּינקטלעך ביי גאָטס געשריבן וואָרט, ווען ער האָט געלערנט אָדער געפּרײדיקט. ער האָט אַפילו דערלויבט זיינע צוהערער זיי זאָלן נאָכקאָנטראָלירן זיינע רייד מיט זייערע אייגענע תנ״ך־ביכער. באמת, ווענן יענע וואָס פלעגן אַזוי טאָן, רעדט פאַולוסעס פּערזענלעכער דאָקטער, לוקאַס, ווי ווענן איידעלע מענטשן, און עס פעלט אים גאָר ניט איין זיי צו טאַדלען, ווייל זיי האָבן געלייענט דעם תנ״ך, כדי אויסצופּרווון די וואָרהאַפטיקייט פון אַן אַפּאָסטאָל. לוקאַס האָט געשריבן: „און די ברידער האָבן תיכף ביינאַכט אַוועקגעשיקט פאַולוסן און סילאַסן קיין בערייע. און בעת זיי זענען אָנגעקומען אַהין, זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין דער יידי־שער שול אַריין. און די דאָזיקע זענען געווען איידעלער איידער יענע אין טעסאַלאָניקע, וואָרום זיי האָבן מקבל געווען דאָס וואָרט מיט דעם גאַנצן האַרצן, און האָבן טעגלעך געפאָרשט די כּתובי־הקודש, אויב די זאַכן זענען טאַקע אַזוי.” (מעשים יז:10, 11) און דערפאַר איז, אויב אַ רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע פאַרבאָט אירע מיטגלידער צו לייענען די ביבל און פאָדערט

14. וואָס איז, בכן, געווען פאַולוסעס דרך בנוגע גאָטס וואָרט? און וואָס פאַר אַ פּיינע באַציונג דאַרף זיין לגבי די, וואָס פּרעדיקן?

פון זיי אָנצונעמען אַלץ וואָס אירע גייסטלעכע לערנען, אָן צו פאַרגלייכן זייערע לערעס מיט די כּתבי־הקודש, דעמאָלט פאַר־ניינט די אַ רעליגיע־אָרגאַניזאַציע איר אַפּאָסטאָלישן כּאַראַקטער.

פּעטרוסעס שטעלונג צו דעם וואָרט

[15] פּאַולוסעס חבר־אַפּאָסטאָל, פּעטרוס, האָט וועגן דעם ענין געהאַט די זעלבע מיינונג, אַז פון אויבן־אָן געהערן די הייליקע שריפטן. פּעטרוס האָט אַ סך מאָל ציטירט די העברעישע שריפטן און האָט געשריבן אַזוי: „אָבער דאָס וואָרט פון גאָט באַשטייט אויף אייביק. און דאָס איז דאָס וואָרט פון דער גוטער בשורה, וואָס איז אייך אָנגעזאָגט געוואָרן.”—פּעטרוס א, א:25.

[16] אין קיין שום שריפט פון פּעטרוסן אָדער אין זיינע גע־שריבענע דרשות האָט ער זיך ניט באַרימט, אַז ער קאָן ניט מאַכן קיין פעלער; ער האָט קיינמאָל ניט באַהויפּט אויף קיינע הויך־קלינגנדע רעליגיעזע טיטלען; ער האָט ניט געפאָדערט מע זאָל אים אָפּגעבן געטלעכן כּבוד. תּמיד ווייזט ער אָן זיינע צוהערער אָדער די לייענער אויף גאָטס אומפאַרענדערלעך וואָרט פאַר אַ ליכטיקן פירער, ביז דער טאָג פון גאָטס קעניגרייך זאָל אויפגיין. פּעטרוס האָט געשריבן: „און מיר האָבן אויך דאָס זיכערע וואָרט פון נבואה, און איר טוט רעכט, וואָס איר גיט אכטונג דערויף ווי אויף אַ ליכט, וואָס לייכט אין אַ פינצטערן אָרט, ביז דער טאָג טאָגט, און דער מאָרגנשטערן גייט אויף אין אייערע הערצער; פאַרשטייט ראשית [ערשטנס] דאָס, אַז קיין שום נבואה פון די כּתבי־הקודש האָט אַן אייגנעם באַשייד. וואָרום קיין שום נבואה איז ווען עס איז געקומען דורך דעם רצון [ווילן] פון אַ מענטשן; נייערט מענטשן האָבן גערעדט פון גאָט דורך דער השפּעה [איינפלוס] פון דעם רוח־הקודש. עס זענען אָבער אויך אויפגעשטאַנען פאַלשע נביאים צווישן דעם פאָלק, ווי עס וועלן אויך זיין צווישן אייך פאַלשע לערער, וואָס וועלן בסוד אריינברענגען צעשטערנדיקע אפּיקורסות, און וועלן

---

15. אויף וועלכן אופן האָט פּעטרוס אַרויסגעזאָגט וועגן דעם ענין די זעלבע מיינונג וואָס פּאַולוס?
16. האָט פּעטרוס דערהויבן זיך אַליין? און פאַרוואָס דרינגט ער, אַז קריסטן זאָלן אכטונג געבן אויף גאָטס געשריבן וואָרט?

אַפילו פאַרלייקענען דעם האַר, וואָס האָט זיי אויסגעקויפט, און אויף זיך אַליין ברענגען גיכע פאַרלענדונג [טויט] ... כּדי איר זאָלט געדענקען די רייד, וואָס זענען פריער גערעדט געוואָרן דורך די הייליקע נביאים, און דאָס געבאָט פון דעם האַר און גואל דורך אייערע שלוחים.״—פעטרוס ב, א:19—21; ב:1; ג:2.

[17] דערפאַר טאַקע האָבן מיר אין דעם בוך, וואָס געפינט זיך איצט אין דעם לעזערס הענט, באַשלאָסן נאָכצופאָלגן דעם אַפּאָסטאָלישן דרך. מיר וועלן באַווייזן גאָטס וואָרהאַפטיקייט, ריכטנדיק אונדזערע לעזער צו גאָטס אומצעשטערבאַרן געשריבן וואָרט. אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז גאָט האָט אינספּירירט די הייליקע שריפטן מיט זיין רוח־הקודש, און אַזוי אַרום פאַרזיכערט זייער פאַרלאָזלעכקייט, קלייבן מיר א י ם אויס פאַרן אויסטייטשער דורך זיין פאַרווירקלעכטער נבואה און דורך די געשעענישן אין דער מאָדערנער געשיכטע, וואָס ער האָט זיי אַרויסגערופן, כּדי צו פאַרווירקלעכן די נבואות, וואָס דאַרפן מקוים ווערן אין אונדזער צייט. „פּיתרונים [אויסטייטשונגען] זיינען דאָך פון גאָט.״ (בראשית מ:8) יאָ; און זיין אויסטייטשונג איז דער אמת־ער. צוליב דעם איז טאַקע דאָס דאָזיקע בוך פול מיט ציטאַטן און פּסוקים פון די שריפטן, און מיר ווינטשן, אַז אונדזערע לייענערס זאָלן אויסגעפינען אין זייער ביבל אַלע ניט־ציטירטע פּסוקים, און זאָלן זיי דאָרט איבערלייענען.

[18] אויב עס איז ניט אָנגעמערקט געוואָרן אַנדערש, זיינען אַלע ציטאַטן גענומען פון די איבערזעצונגען פון די העברעישע כּתבי־הקודש פון יהואש, די גריכישע כּתבי־הקודש פון דר. איינשפּרוך. די לייענער וועלן זיך שנעל איבערציינגן, אַז אַנדערע ציטאַטן ווערן געבראַכט פון די פאַרשיידענע אויסגאַבעס פון דער ביבל, לויט ווי מיר האָבן איינגעזען, וועלכע פון זיי מאַכט קלאָרער דעם זינען פון די אָריגינעלע העברעישע און גריכישע טעקסטן. די פראַגעס וועלכע געפינען זיך צום סוף פון יעדן זייטל, זיינען צוליבן זעלבסט־עקזאַמינירן פון דעם לעזער וועגן

---

17. אויף וועלכן אופן פאָלגט נאָך דאָס דאָזיקע בוך דעם אַפּאָסטאָלישן דרך?

18. וואָס זאָגט דאָס דאָזיקע בוך בנוגע ציטאַטן, געדרוקטע פראַגן, און אינהאַלט פון די קאַפּיטלען?

דעם, וואָס ער האָט איבערגעלייענט אינעם אַפּזאַץ, אָדער צום נוצן זיי אין די קלאַסן, צוליב שטודירן די ביבל מיט אַנדערע. די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך זיינען געווידמעט דער פּראָגרעסיווער פאָרשונג פון די וויכטיקע גרונט־לערעס פונעם געטלעכן וואָרט.

קאפיטל 2

„ווער איז יהוה?“

„ווער איז עס אזוינס יהוה?” ס'איז אן אלטע פראגע. ווען די פראגע איז געשטעלט געווארן צום ערשטן מאל אין אט דעם קלאנג דורך דעם פרעה, מלך מצרים, אין דעם זעכצנטן יאר־הונדערט פ. ק., איז עס געשטעלט געווארן מיט ארויספאדערונג און פאראכטונג, און דער פרעגער האט צוגעגעבן: „אז איך זאל צוהערן צו זיין קול, אוועקצולאזן ישראל? ניט איך קען יהוה, און ניט איך וועל אויך אוועקלאזן ישראל.” די דאזיקע ארויסרופונג האט שפעטער געבראכט צו די פאלגנדיקע טרייסטנדע ווערטער געווענדט צו משה־הנביא: „אבער פערה וועט ניט צוהערן צו אייך, און איך וועל ארויפטאן מיין האנט אויף מצרים און וועל ארויסציען מיינע מחנות, מיין פאלק, די קינדער ישראל, פון לאנד מצרים, מיט גרויסע משפטים. און די מצרים וועלן וויסן, אז איך בין יהוה, ווען איך וועל אויסשטרעקן מיין ־האנט אויף מצרים, און וועל ארויסציען די קינדער פון ישראל פון צווישן זיי.” (שמות ה:2 און ז:4, 5) מצרים ווערט אין תנ"ך דערמאנט ווי א מיניאטור מוסטער פאר אגנזער גאנצער היינטיקער וועלט. אין אט יענע ווערטער וועגן מצרים ווערט, בכן, ארויסגעזאגט א נבואה, אז אינגיכן וועט די גאנצע וועלט אויסגעפינען און וויסן, אז יהוה איז דער איינציקער אמתדיקער און לעבעדיקער גאט, אבער געשען וועט דאס אויף אזא אופן, וואס וועט די מענטשן קיין הנאה ניט שאפן. דערפאר איז איצט די צייט צו לערנען, וואס און ווער ער איז, כדי מיר זאלן איצט קענען האנדלען פאר אונדזער טובה וועגן.

2 ווען משה איז געשטאנען פארן פרעה פון מצרים און האט

---

1. ווען איז די פראגע „ווער איז יהוה”? געשטעלט געווארן צום ערשטן מאל, און מיט וואס פארא וויכטיקע באדייטונג?
2. מיט וועלכן נאמען האט משה אנגערופן גאט פאר פרעהן און ישראל?

אים געזאָגט וועגן גאָטס פאָדערונג, האָט משה ארויסגערעדט דעם נאָמען פונעם גאָט, וואָס האָט אים געשיקט. משה האָט ניט געזאָגט—,דער האַר האָט געזאָגט אַזוי און אַזוי'; ווייל פרעה און די מצרים האָבן גערינט און אָנערקענט זייערע אייגענע פאַלשע געטער פאַר האַרן. אַפילו ווען ער האָט גערעדט צו זיין אייגן פאָלק, כדי זיי צו דערקלערן פאַרוואָס ער איז צוריקגעקומען צו זיי קיין מצרים, האָט משה אָנגערופן גאָטס נאָמען, כדי פעסטצושטעלן, ווער איז דער איינער וואָס האָט אים געשיקט צוריק קיין מצרים. מיר לייענען אַזוי: „האָט גאָט געזאָגט צו משהן: א י ך ב י ן ו ו ע ר א י ך ב י ן. און ער האָט געזאָגט: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו די קינדער פון ישׂראל: „א י ך ב י ן" [העברעיש: אהיה] האָט מיך געשיקט צו אייך. און גאָט האָט ווייטער געזאָגט צו משהן: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו די קינדער פון ישׂראל: יהוה, דער גאָט פון אייערע עלטערן, דער גאָט פון אברהמען, דער גאָט פון יצחקן, און דער גאָט פון יעקבן, האָט מיך געשיקט צו אייך. דאָס איז מיין נאָמען אויף אייביק, און דאָס איז מיין געדעכעניש אויף דור־דורות." (שמות ג:14, 15) און נאָך דעם ווי משה און זיין ברודער אהרן זיינען געקומען צו פרעהן דאָס ערשטע מאָל, לייענען מיר: „און גאָט האָט גערעדט צו משהן, און צו אים געזאָגט: איך בין יהוה; און איך האָב זיך באַוויזן צו אברהמען, צו יצחקן, און צו יקבן, ווי גאָט שדי; אָבער מיט מיין נאָמען יהוה האָב איך זיך ניט געלאָזט דערקענען צו זיי."—שמות ו:2, 3.

[3] עס איז ניט אויסצומיידן: ווען מיר לייענען זיין געשריבן וואָרט, באַגעגענען מיר זיך מיט גאָטס נאָמען. מע געווינט גאָרניט ווען מע פּלפּולט־זיך וועגן דעם, אַז דער נאָמען יהוה וועט ניט ריכטיק אַרויסגערעדט. די כּתבי־הקודש, וועלכע זיינען אָנגעשריבן געוואָרן פאַר אונדזער צייט־רעכענונג, זיינען כּמעט אַלע געשריבן געוואָרן אין העברעיש, נאָר אַ טייל אין סיריש; און אין די דאָזיקע כּתבי־הקודש שטעלט זיך צונויף גאָטס

3. ווי אַזוי דערשיינט גאָטס נאָמען אין די העברעישע שריפטן, און פאַרוואָס דערשיינט ער ניט אין דער גריכישער „סעפּטואַגינטע ווערסיע"?

נאָמען פון די בוכשטאַבן יוד, היי, וואָוו, היי (יהוה), פונם ערשטן ספר ביזן לעצטן. דער אַ נאָמען, סימבאָליזירט דורך די פיר העברעישע קאָנסאָנאַנטן, דערשיינט 6,823 מאָל (*) אין די העברעישע כּתבֿי־הקודש. די העברעישע הייליקע שריפטן זיינען צום ערשטן מאָל איבערגעזעצט געוואָרן אויף גריכיש אַרום 285—247 פ. ק.. אָבער מיט אַ געוויסער צייט פריער, אויס אַבערגלויבישער מורא אויסצורעדן דעם נאָמען פון גאָט אומזיסט, האָבן די העברעער אָנגעהויבן אויסמיידן אויסצורעדן דעם נאָמען יהוה. און דערפאַר איז יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן געלייענט און צוגעקומען צו דעם נאָמען, האָבן זיי אָנשטאָט דעם אויסגערעדט דאָס וואָרט אדוני (האַר) אָדער אלוהים (גאָט). און ווען עס איז געמאַכט געוואָרן די ערשטע איבערזעצונג אויף גריכיש, וואָס מ'רופט זי „סעפּטואַגינטע ווערסיע" (סז), האָבן די איבערזעצערס נאָכגעפאָלגט דעם העברעישן מנהג און איבערזעצט די אויבן־געבראַכטע סובסטיטוטן פון גאָטס נאָמען אין זייער גריכישער ווערסיע אַריין.

די שרייבער פון די גריכישע קריסטלעכע שריפטן האָבן[4] זיך באַנוצט מיט אָט דער סעפּטואַגינטע ווערסיע און זיי האָבן ציטירט פון דאָרט דעם גריכישן טעקסט, וועלכער האָט אויסגעמיטן דעם בוכשטעבלעכן נאָמען פון אַלמעכטיקן גאָט; דאָס דערקלערט טיילוויז, פאַרוואָס דער נאָמען דערשיינט ניט אין די קריסטלעכע גריכישע שריפטן. דזשעראָם, ווען ער האָט געמאַכט די לאַטיינישע וולגאַטע איבערזעצונג, האָט נאָכגעפאָלגט דעם זעלבן מנהג, און אין שמות ו:3 האָט ער באַנוצט דאָס וואָרט אדוני אָנשטאָט יהוה, און דאָס איז די סבּה, פאַרוואָס דער אַ נאָמען דערשיינט ניט אין דער ענגלישער רוימיש־קאַטוילישער דואַי ווערסיע. אין דער אויטאָריזירטער אָדער קעניג דזשיימס ווערסיע טרעפן מיר דעם נאָמען „יהוה" אין שמות ו:3; תהלים פג:19; און ישעיה יב:2 און כו:4. ראָטהער־

* זייט 39, פאַר. 2 פון „דער ביבלישער טעקסט ווי ער איז געשריבן געוואָרן" [ענגליש], פאַרפאַסט דורך ראָבערט גאָרדיס.

4. פאַרוואָס דערשיינט ניט דער נאָמען „יהוה" אין די גריכישע קריסטלעכע שריפטן? און אויף וואָס פאַרא אופן איז באַהילפיק דאָס באַנוצן דעם נאָמען?

האמס איבערזעצונג, די עמפּאַטישע ביבל, גיט איבער דעם נאָמען אַלע 6,823 מאָל אַלס „יאַהוועה"; אָבער די אַמעריקאַנער סטאַנדאַרד ווערסיע גיט אים אָן יעדעס מאָל אַלס „יהוה". אויב אַפילו קיין איינער פון די צוויי אופנים פון אַרויסרעדן זאָל ניט זיין פּינקטלעך ווי גאָט האָט אַרויסגעזאָגט זיין נאָמען ווען ער האָט גערעדט צו משהן, דאָך העלפט עס אונדז גלייך פעסטצושטעלן וועמען מע מיינט מיט דעם נאָמען. פּונקט אַזוי איז דער נאָמען „ישוע" [יעזוס] ניט דער אָריגינעלער אופן ווי אַזוי מ'האָט אָט דעם נאָמען אַרויסגערעדט אויף העברעיש אָדער אַראַמיש; פונדעסטוועגן העלפט אונדז דער דאָזיקער אומגעפעריקער אופן פון אַרויסרעדן תּכף צו אידענטיפיצירן וועמען מע מיינט, און דאָס ברענגט ניט קיין שום אומכּבוד אָדער לעסטערונג צו אים.

[5] אַלס אילוסטראַציע: די קאַטוילישע דואַי ווערסיע גיט אַזוי איבער תּהלים קי:1, 2: „דער האַר זאָגט צו מיין האַר: זיץ ביי מיין רעכטער האַנט; ביז איך וועל מאַכן דיינע פיינט פאַר אַ בענקל צו דיינע פיס. דער צעפּטער פון דיין מאַכט וועט דער האַר אויסשטרעקן פון ציון; געוועלטיק צווישן דיינע פיינט." אָבער די אַמעריקאַנער סטאַנדאַרד ווערסיע ברענגט אַרויס די זעלבע שטעלע פון תּהלים קי:1, 2: „יהוה זאָגט צו מיין האַר [נאָם יהוה, לאדוני]: זיץ ביי מיין רעכטער האַנט, ביז איך וועל מאַכן דיינע פיינט פאַר אַ בענקל צו דיינע פיס. יהוה וועט אויסשטרעקן דעם צעפּטער פון דיין מאַכט פון ציון; געוועלטיק צווישן דיינע פיינט." אַזוי ווי די לעצטע איבערזעצונג גיט דעם געהעריקן אָפּשאַץ צו גאָטס נאָמען אויף אַן ערלעכן אופן, מיידט זי אויס דעם פּלאָנטער אין די מוחות; זי ציינגט, אַז דער, וועמען דוד האָט גערופן „מיין האַר", איז דער משיח, וועמען יהוה האָט געמאַכט פאַר אַ קעניג און אַ כּהן לויט דעם ראַנג פון מלכּי־צדק.

---

5. וואָס קען דינען פאַר אַ גוטע אילוסטראַציע וועגן דער נוצלעכקייט פון דעם דאָזיקן נאָמען?

ווער ער איז

[6] ווען מיר קוקן אַריין אין די פּסוקים אין דעם העבּרעישן תּנ״ך, ווּ דער נאָמען יהוה איז דערמאָנט, באַקוּמען מיר די מעגלעכקייט צוּ ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, ווער איז יהוה? אין תּהלים צ שרייבּט משה־הנביא אַזוי: „גאָט, דוּ בּיסט אוּנדז געווען אַ בּאַשיצוּנג אין אַלע דורות. איידער די בּערג זיינען געבּאָרן געוואָרן, אוּן דוּ האָסט בּאַשאַפֿן די ערד אוּן די וועלט, פֿוּן אייבּיקייט בּיז אייבּיקייט, בּיסט דוּ גאָט. קער זיך אוּם, גאָט [יהוה]—ווי לאַנג נאָך?—אוּן דערבּאַרים זיך אויף דיינע קנעכט.“ (תּהלים צ:1, 2, 13) ווער איז עס, בּכן, יהוה? יהוה—דאָס איז גאָט, אוּן ווי אַזעלכער האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט קיין אָנהייבּ. אויך ישעיה נז:15 דערקלערט זיין אייבּיקלעכקייט: „וואָרוּם אַזוי זאָגט דער הויכער אוּן דערהויבּענער, דער וואָס רוּט אייבּיק, אוּן הייליק איז זיין נאָמען: אין הויכקייט אוּן הייליקייט טוּ איך רוּען.“ נעמענדיק אין אַכט אָט די אייבּיקייט זיינע, איז עס דוּרכוים אַ גאָט־לעסטערוּנג, ווען מע רעדט וועגן יעדע בּאַליבּיקע פֿרוי אַלס „גאָטס מוּטער“, ווייל די פֿרוי איז דאָך פּשוּט אַ נידעריקע בּאַשעפֿעניש וואָס גאָט האָט זי בּאַשאַפֿן פֿאַרן מאַן, כּדי צוּ זיין זיין העלפֿער.

[7] יהוה הערשט אייבּיק איבּערן גאַנצן שטח פֿוּנעם אוּניווערס. ער פֿאַרדינט יעדער מין כּבוד אוּן הערלעכקייט, אוּן איינער פֿוּן זיינע אינספּירירטע שרייבּער זאָגט מיט רעכט: „אוּן דעם אייבּיקן מלך, דעם אוּמשטערבּלעכן, אוּמזעבּאַרן, דעם איינציקן גאָט, זאָל זיין כּבוד אוּן הערלעכקייט אויף אייבּיק אוּן אייבּיק.“ (טימאָטעאוּס א, א:17) ווייל ער איז אייבּיק אוּן אוּמשטערבּלעך, איז ער אין דעם זין דער איין־אוּן־איינציקער ניט־בּאַשאַפֿענער. ס׳זיינען דאַ אַזעלכע, וועלכע האַלטן, אַז דער נאָמען יהוה מיינט „זעלבּסט־עקזיסטירנדיקער“ אָדער „אייבּיקער“; אוּן די תּנ״ך איבּערזעצוּנג פֿוּנם יידישן געלערנטן אַי. לעעסער אוּן אויך פֿוּן י. מאָפֿאַט געבּן טאַקע איבּער דעם העבּרעישן נאָמען אין ענגלישן תּנ״ך, „דער אייבּיקער“ אָנשטאָט יהוה.

---

6. ווער איז יהוה אוּן אויף ווי לאַנג?
7. אין וואָס פֿאַראַ זינען איז ער דער איינציקער ניט־בּאַשאַפֿענער?

[8] אַלזאָ, עס איז געווען אַ צייט ווען יהוה איז געווען איינער אַליין אינעם אוניווערסאַלן שטח. דאָס גאַנצע לעבן און די פולע ענערגיע און דער גאַנצער געדאַנק זיינען כּלל־געווען אין אים אַליין, אָבער ער האָט ניט געקענט זיין איינזאַם, ווייל ער האָט דאָך אַלצדינג אין זיך איינגעשלאָסן, וואָס מיינט, אַז ער איז פולקאָם אין זיך גופא און עס פעלט אים גאָרניט. דאַן איז געקומען די צייט ווען יהוה האָט אָנגעהויבן צו באַשאַפן. אָט צום ערשטן מאָל איז ער דעמאָלט געוואָרן גאָט צו זיין גאַנצן באַשאַף. און דערפאַר, ביים סאַמע אָנהייב פונעם באַריכט וועגן באַשאַף, רעדט וועגן אים די סאַמע ערשטע שורה פונעם תנ"ך אַלס גאָט: „אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד." (בראשית א:1) און ווייל יהוה איז גאָט דער באַשעפער, דערפאַר איז פּאַסיק דער אויסדרוק „יהוה גאָט" און ער ווערט טאַקע באַנוצט. אָט דער אויסדרוק געפינט זיך גלייך נאָכן באַריכט וועגן דער באַשאַפונג. מיר לייענען: „דאָס איז די געשיכטע פון דעם הימל און דער ערד ווען זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן, אין דעם טאָג וואָס גאָט דער האַר [יהוה אלהים] האָט געמאַכט ערד און הימל." (בראשית ב:4, 5, 7—9, 15, 18, 19, 21, 22) זיינע ערשטע באַשעפענישן זיינען געווען גייסטער—ווי ער אַליין. עס ווערט געזאָגט אין יוחנן ד:24: „גאָט איז גייסט; און די, וואָס טוען תּפילה צו אים, מוזן תּפילה טון אין גייסט און אמת." און ווייל ער איז אַ גייסט, איז יהוה אומזעבאַר פאַרן מענטשלעכן אויג און אַזוי וועט ער אויף שטענדיק פאַרבלייבן. ער האָט געזאָגט צו משהן: „קענסט ניט זען מיין פּנים, וואָרום אַ מענטש קען מיך ניט זען און בלייבן לעבן." (שמות לג:20) ער איז אַזוי הערלעך, אַז קיין שום מענטשלעכע באַשעפעניש איז ניט בכּולת צו זען אים.

[9] הגם ער איז דער גרויסער גייסט, דער גרויסער אינטעלי־גענטער און אַקטיווער פערזענלעכקייט אומזעבאַר צום מענטשן, דאָך האָט ער זיך געטאָן אַנטפּלעקן צו די מענטשן דורך זיין

8. (א) צי איז ער אַמאָל געווען אַליין, און פאַרוואָס איז פּאַסיק דער אויסדרוק „יהוה גאָט"? (ב) פאַרוואָס וועט קיין שום מענטש קיינמאָל ניט זען גאָט?

9. ווי אַזוי האָט ער זיך געטון אַנטפּלעקן פאַרן מענטשלעכן מין? און וואָס האָט ער געמאַכט פון זיינע מלאָכים־שלוחים?

ווונדערלעכער באַשאַף־ווערק. דערפאַר דאַרף מע פאַרדאַמען יענע, וואָס לייקענען אָפּ זיין געטלעכקייט אָדער דעם עצם פאַקט, אַז ער איז גאָט דער באַשעפער. „וואָרום זיין מהות [איי־גנשאַפט], וואָס איז פאַרהוילן, ווערט זינט דער באַשאַפונג פון דער וועלט געזען און באַנומען דורך די ווערק זיינע, דהיינו, זיין אייביקע מאַכט און געטלעכקייט, כּדי זיי זאָלן זיין אָן אַ פאַרענטפערונג.“ (רוימער א:20) רעדנדיק וועגן זיין רום אַלס באַשעפער, האָט דער באַגייסטערטער תהלים־שרייבער אויסגע־זונגען מיט גלויבן: „לויב גאָט [יהוה], מיין זעל; יהוה מיין גאָט, ביסט גרויס ביז גאָר, אין גלאַנץ און שיינקייט ביסטו אָנגעקליידט. דער וואָס וויקלט זיך אין ליכט ווי אין אַ מאַנטל, וואָס שפּרייט אויס די הימלען ווי אַ פאָרהאַנג. וואָס באַלקנט מיט וואַסער זיינע אויבערשטובן; וואָס מאַכט וואָלקנס פאַר זיין רייטוואָגן, וואָס גייט אויף די פליגלען פון ווינט. וואָס מאַכט זיינע שלוחים די ווינטן, זיינע משרתים—פלאַקערדיק פייער.“—תהלים קד:1—4; יידן א:7, 14.

10 אַליין דער באַשעפער, איז יהוה דער קוואַל פון אַלעם לעבן און קראַפט און פון אַלע גוטע מדות, און זיינע ווערק זיינען פולקאָמען. צו אים האָט משה געזונגען דעם געזאַנג: „וואָרום דעם נאָמען פון יהוה וועל איך רופן; גיט גרויסקייט צו אונדזער גאָט. דער פעלז—זיין ווערק איז גאַנץ [פּערפעקט], ווייל אַלע זיינע וועגן זיינען רעכט; אַ גאָט פון געטריישאַפט, און אָן אומרעכט, גערעכט און רעכטפאַרטיק איז ער.“ און ער איז עס דערפאַר דער, וועגן וועמען עס איז געשריבן: „יעדע גוטע מתנה, און יעדע מתנה שלימה [פּערפעקטע] איז פון אויבן, און קומט אַראָפּ פון דעם פאָטער פון ליכטיקייטן, ביי וועמען עס איז נישטאָ קיין פאַרענדערונג אָדער אַ שאָטן וואָס בייט זיך.“ (דברים לב:3, 4; יעקב א:17) גאָט האָט, בכן, קיינמאָל ניט אַראָפּגע־שיקט אויף דער וועלט קיין שטן, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט באַשאַפן אַזאַ רשעותדיקע באַשעפעניש. להפך, ער איז דער מחבר פון אַלע מיטלען ווי אַזוי צו ראַטעווען דעם מענטשלעכן מין פון זינד, פאַרשקלאַפונג, טרויער און טויט, וואָס אַט יענער

10. ווי זעען אויס זיינע ווערק? און אדאַנק וועמען קומט די ישועה?

שטן־הרשע האָט זיי געבראַכט אויף אונזער מין. דערפאַר טאַקע איז געזאָגט געוואָרן: „ביי גאָט איז די הילף; זאָל קומען דיין ברכה אויף דיין פאָלק!"—תהלים ג:9.

זיין אוניווערסאַלע אָרגאַניזאַציע

11 יהוה גאָט האָט אַלע זיינע הייליקע, אינטעליגענטע באַשעפענישן איינגעאָרדנט אינם הימל אין אַ גערעגלטער, האַרמאָנישער און פרידלעכער אָרגאַניזאַציע וואָס איז אים אונטערגעאָרדנט, כדי צו דערפילן זיין רצון. די אַלע מלאָכים־גייסטיקע באַשעפענישן, אַזוי אַרום איינגעאָרדנט, געהערן צו זיין אוניווערסאַלער אָרגאַניזאַציע אין עולם־העליון. אַלע זיינען געווען גאָטס זין, ווייל זיי האָבן אַלע באַקומען זייער לעבן פון אים, דעם קוואַל פון לעבן. ווען דער פולקאָמענער מאַן און פרוי זיינען באַשאַפן געוואָרן אויף דער ערד און אַריינגעזעצט אין גן־עדן, אַזוי אַרום צו דערפילן גאָטס אויפטראָג, זיינען זיי געוואָרן דער זעבאַרער טייל פון זיין אוניווערסאַלער אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען געווען זיינע ערדישע קינדער; און דערפאַר טאַקע איז אָדם אָנגערופן געוואָרן „דער זון פון גאָט". (לוקאַס ג:38) און ווען אָדם און חוה האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם רעוואָלט קעגן יהוהס אויבערהערשאַפט, האָבן זיי פאַרלוירן זייער קרובהשאַפט אַלס גאָטס קינדער אין זיין אוניווערסאַלער אָרגאַניזאַציע.

12 אַלס דער באַשעפער און ראש פון זיין אוניווערסאַלער אָרגאַניזאַציע פון הייליקע געטרייע וועזנס, פירט יהוה אויס יושרדיק זיין אויבערהערשאַפט; און די גרויסע שטרייטפראַגע, וואָס פאַר איר שטיין איצט הימל און ערד, איז: ווער איז דער מעכטיקסטער? ווער הערשט באמת און געזעצלעך איבער דער וועלט? יהוהס הויפט־כוונה איז צו שליכטן די דאָזיקע שטרייטפראַגע, ווייל דאָס מיינט די רעכטפאַרטיקונג פון זיין אוניווערסאַלער אויבערמאַכט אָדער אַלוועלטלעכע אויבערהערשאַפט. דער געבעט, אַז ער זאָל רעכטפאַרטיקן זיין העכסטן שטאַנד און

11. ווי אַזוי האָט ער איינגעאָרדנט די אוניווערסאַלע אָרגאַניזאַציע?
12. וואָס איז היינט די גרויסע שטרייטפראַגע, און ווי אַזוי וועט עס אַנטשיידן ווערן?

הערשאַפט אַנטקעגן אַלע זיינע פאַרבינדעטע שׂונאים, איז אויסגעדריקט אין תּהלים פג:18, 19 אין די פאָלגנדע ווערטער: „זאָלן זיי פאַרשעמט און דערשראָקן ווערן אויף אייביק, און זאָלן זיי צו שאַנד ווערן און אונטערגיין. און זאָלן זיי וויסן, אַז דו אַליין וואָס דיין נאָמען איז יהוה, ביסט דער העכסטער איבער דער גאַנצער ערד.״ זיין אויבערהערשאַפט וועט דערוויזן ווערן אויסער אַלע צוקונפטיקע אָפּלייקענען.

[13] ווען יהוה וועט אַזוי אַרום רעכטפאַרטיקן זיין אוניווערסאַלע הערשאַפט דורך דעם וואָס ער וועט פאַרטיליקן אַלע זיינע שׂונאים אינם הימל און אויף דער ערד, דעמאָלט וועט ער צוריק ווערן דער גרויסער טעאָקראַט אָדער טעאָקראַטישער הערשער איבער אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן. זיין טעאָקראַטישע רעגירונג וועט הערשן איבער אַלע באַפעלקערטע טיילן פון דער וועלט. אומעטום וועט מע פאָלגן זיין טעאָקראַטישן געזעץ. קיין לאַנגדויערנדער רעוואָלט, אַזוי ווי דער וואָס האַלט שוין אָן זינט זעקס טויזנט יאָרן פונם מענטשנס עקזיסטענץ, וועט קיינמאָל ניט דערלויבט ווערן, ווייל יהוה גאָט וועט איין מאָל פאַר אַלע מאָל רעכטפאַרטיקן זיין אוניווערסאַלע אויבערהערשאַפט און זיין הייליקן נאָמען קעגן אַלע פאַלשע אָנקלאַגן, פאָרוואורפן און אַרויספאָדערונגען פון זיינע ביזוויליקע, צי טייוולאָנישע צי מענטשלעכע קעגנער. ער איז דער אַלמעכטיקער און דער אַלעכסטער. ער און זיין געטלעכער זון, וועמען ער האָט באַשטימט פאַרן טעאָקראַטישן קעניג לעבן זיך אין דער טעאָקראַטישער רעגירונג,—זיי בילדן „די אויבערשטע מאַכט״, צו וועלכער עס מוזן זיין אונטערגעאָרדנט אַלע נשמות וועלכע זיינען ווערט צו לעבן. אַזוי האָט באַפוילן יהוה גאָט.—רוימער יג:1, 2.

[14] יענער געטלעכער זון האָט אַזוי געלערנט זיינע תּלמידים מתפּלל צו זיין: „אונזער פאָטער, וואָס ביסט אין הימל, געהייליקט זאָל ווערן דיין נאָמען. זאָל קומען דיין מלכות. זאָל דיין רצון געטון ווערן, ווי אין הימל, אַזוי אויף דער ערד.״ (מתיא ו:9, 10) גערעדט האָט ישוע־המשיח וועגן יהוה גאָטס הייליקן

---

13. ווי אַזוי וועט זיין טעאָקראַטיע ווידער באַהערשן דעם גאַנצן אוניווערס?

14. וועמענס נאָמען מוז געהייליקט ווערן, און ווי אַזוי?

נאָמען און מלכות. אַלע באַשעפענישן וואָס דערוויזן, אַז זיי זיינען באַרעכטיקט צום אייביקן לעבן צי אינם הימל, צי אויף דער ערד, וועלן סוף־כּל־סוף הייליקן גאָטס נאָמען. און דאָס מיטל, דורך וועלכן זיין נאָמען וועט דערוויזן ווערן צו זיין הייליק און געבענטשט, וועט זיין דאָס מלכות־המשיח וואָס וועט אינגיכן אויסקעמפן די אַנטשיידענע מלחמה פונם הר־מגדון קעגן אַלע זיינע שׂונאים. קיין שום רעבעל אָדער געצנדינערישע באַשעפעניש צי אָרגאַניזאַציע וועט ניט אַוועקנעמען זיין רום פון אים. ווי עס ווערט געזאָגט: „איך בין יהוה, דאָס איז מיין נאָמען; און מיין כּבוד וועל איך צו קיין אַנדערן ניט געבן, און מיין לויב—צו קיין געצן."—ישעיה מב:8.

דער נאָמען

[15] דער נאָמען „יהוה" איז אַ העברעיש צייטוואָרט, און זיין בוכשטעבלעכער מיין איז: „ער איז, כּדי צו זיין" פאַר אַ באַש־טימטן צוועק. ווען ער האָט דעם נאָמען געלאָזט וויסן צו משה זיין נביא אויף אַ ספּעציעלן דרך, האָט ער עס דערפאַר געטאָן אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערקלערן זיין כּוונה בנוגע זיין אויסגעקליבן פאָלק,—אַ פאָלק וואָס איז דעמאָלט געווען אין שקלאַפעריי ביי מצרים. אַזוי אַרום סימבאָליזירט דער נאָמען „יהוה", חוץ דעם בוכשטעבלעכן באַדייט, גאָטס כּוונה בנוגע זיינע באַשעפענישן. (שמות ג:15־21; ו:2־8) אין אַ סך ערטער פון תּנ"ך דערקלערט יהוה, אַז זיין צוועק איז צו באַוועגן אַלע נאַציעס, פונקט ווי זיין אייגן אויסדערוויילט פאָלק, צו וויסן, אַז ער איז יהוה. אינם נביאישן בוך יחזקאל אַליין טרעפן מיר איבער זעכציק מאָל די מעלדונג וועגן גאָטס כּוונה צו לאָזן וויסן יענע אַלע, אַז ער איז יהוה. (שמות ו:7; יחזקאל ו:7, 10, 13, 14) הייסט עס, אַז אַ וויכטיקער טייל פון זיין גרויסן ציל איז צו רעכטפאַרטיקן זיין נאָמען, וועלכן מע האָט פאַלש פאַרגעשטעלט און געלעס־טערט. זיין רעכטפאַרטיקונג איז מער וויכטיקער איידער די רעטונג פון די מענטשן.

15. וואָס באַדייט זיין נאָמען און וואָס שטעלט ער פאָר? און וואָס איז זיין צוועק אין שייכות מיט דעם?

[16] פאַרוואָס האָט דער אַלמעכטיקער גאָט „דערלויבט זיין הויפּט־שׂונא און אַלע דינער פון אָט דעם פאַרשאָלטענעם רשע צו לעבן און פאָרטצוזעצן זייער רשעות אַזש ביז דער אַנט־שיידענער שלאַכט פון הר־מגדון? אין אַ קורצער דערקלערונג האָט יהוה געזאָגט צו דעם האַרט־האַרציקן פּרעה פון מצרים: „כּדי זאָלסט וויסן, אַז ניטאָ אַזאַ ווי איך אויף דער גאַנצער וועלט. וואָרום איך וואָלט אַצונד אויסגעשטרעקט מיין האַנט, און וואָלט געשלאָגן דיך און דיין פאָלק מיט אַ מגפה, אַז דו וואָלסט פאַרטיליקט געוואָרן פון דער ערד. און נאָר דרום האָב איך דיך געלאָזט באַשטיין, כּדי דיר צו ווייזן מיין כּוח, און כּדי מע זאָל דערציילן מיין רום איבער דער גאַנצער וועלט.“ (שמות ט:14‏–16) אָט דאָ אַנטפּלעקט יהוה זיין צוועק אויפצו־שטעלן עדות אויף צו דערקלערן און פאַרשפּרייטן זיין באַרימט־הייט אָדער זיין נאָמען איבער דער גאַנצער ערד, נאָך איידער אַלע זיינע פיינט וועלן פאַרניכטעט ווערן. און זיין הויפּט־עדות איז דער, וועמען ער האָט געמאַכט פאַר זיין משיח אָדער פאַרן געזאַלבטן מלך אין זיין טעאָקראַטישער רעגירונג. מיר לאָזן עס טאַקע איבער פאַר די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך פון דעם בוך צו דערציילן וועגן דעם דאָזיקן הויפּט־עדות און וועגן זיינע מיט־עדות, וואָס וועגן זיי דערציילט דער תּנ״ך אַזוי פיל פון ערשטן בוך ביזן לעצטן.

---

16. פאַרוואָס האָט דער אַלמעכטיקער גאָט דערלויבט דעם גרויסן שׂונא און זיינע רשעותדיקע שלוחים צו זיין טעטיק אַזש ביזן הר־מגדון?

קאַפּיטל 3

וואָס זאָגט איר מכּח משיחן?

די אַראַמיש־רעדנדיקע יידן פֿונעם ערשטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוס האָבן אים גערופֿן „ישוע־המשיח". די גריכיש־רעדנדיקע יידן און די גויים האָבן אים גערופֿן „יעזוס מעסיאַס" אָדער „יעזוס קריסטוס". אין ביידע שפּראַכן מיינט דאָס „ישוע דער געזאַלבטער"; און דער נאָמען ישוע אָדער יעזוס איז פּשוט די פֿאַרקירצטע פֿאָרמע פֿונעם העברעישן נאָמען יהושע, וואָס מיינט יהוה איז דער רעטער. פֿון דער געשיכטע איז פֿולשטענדיק דערוויזן, אַז אַ ייד מיט אָט דעם נאָמען און טיטל פֿלעגט אַרומגיין און פּרעדיקן אין פּאַלעסטינע, אין דער ערשטער העלפֿט פֿון ערשטן יאָר־הונדערט נ. ק.; און מיר דאַרפֿן קיינע ווייטער־דיקע באַווייזן אָנגעבן דערצו. נון, לאָמיר צוטרעטן צו דערגיין פּרטים וועגן אים פֿון די אויטענטישע שריפֿטן, וואָס זיינען פֿאַרצייכנט געוואָרן דורך זיינע מיט־חברים און זייערע פֿריינד.

[2] דאָס לעבן פֿון אָט דעם יידן און זיינע לערעס האָבן באַיינ־פֿלוסט דעם פֿאַרלויף פֿון דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, און ס'איז אַזוי באַשערט, אַז זיי וועלן זי באַיינפֿלוסן נאָך ווייטער אין די קומענדיקע טויזנט יאָר. נאָך איידער ער האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד, האָט ער שוין געהאַט אַ וווּנדערלעכע פֿאַרגאַנגענהייט. כּדי צו באַקומען די פֿאַקטן וועגן דעם, לאָמיר זיך ווענדן צו אַ מאַן, וואָס איז פֿריער געווען זיין ביטערער שונא, אָבער איז אים געוואָרן אַ געטרייער פֿריינד; האָט געזאָגט וועגן זיך אַליין: „בין מלע געוואָרן דעם אַכטן טאָג, בין פֿון די בני־ישראל, פֿון שבט בנימין, אַ ייד פֿון יידן; וואָס שייך דער

1. וואָס איז דער טייטש פֿונעם פֿולן נאָמען „ישוע־המשיח"?
2. וואָס שרייבט אַ געוועזענער פֿיינט וועגן ישועס פֿאַרמענטש־לעכער עקזיסטענץ?

תּורה, אַ פּרושי; וואָס שייך קנאה [אייפער], גערודפט [פאַר־פאָלגט] די קהילה.״ (פיליפּער ג:5, 6) אין דעם זעלבן בריוו צו די גלויביקע פיליפּער דערציילט אונדז דער זעלבער העברעער אַביסל וועגן דעם פּאַרמענטשלעכן לעבן פון ישוען: „האָט דעם־זעלבן זין, וואָס איז אויך געווען אין ישוע־המשיח. וואָס הגם ער איז געווען אין דער געשטאַלט פון גאָט, האָט ער דאָס גלייך־זיין מיט גאָט נישט געהאַלטן פאַר אַ באַרויבונג, נייערט האָט זיך אויסגעליידיקט, בעת ער האָט אָנגענומען די געשטאַלט פון אַ קנעכט, און איז געוואָרן אין דער גלייכקייט פון מענטשן; און בעת ער איז געפונען געוואָרן אין דער פורעם פון אַ מענטשן, האָט ער זיך דערנידעריקט, און איז געוואָרן אונטערטעניק ביז צום טויט, פאַרוואָר, דעם טויט פון דעם קרייץ. דעריבער האָט אים אויך גאָט דערהויבן ביז גאָר, און האָט אים געגעבן דעם נאָמען, וואָס איז העכער פון יעדן נאָמען; כּדי אין דעם נאָמען פון ישוען זאָל זיך בייגן יעדע קני, סיי אין הימל, אויף דער ערד און אונטער דער ערד. און כּדי יעדע צונג זאָל מודה זיין, אַז ישוע־המשיח איז האַר, פאַר דעם כּבוד פון גאָט, דעם פאָ־טער.״—פיליפּער ב:5—11.

[3] דאָס איז ניט געווען יהוה גאָט, אָבער „ער [ישוע] איז גע־ווען אין דער געשטאַלט פון גאָט״. ווי אַזוי? ער איז געווען אַ גייסט־פּערזאָן ווי „גאָט איז אַ גייסט״; געווען מעכטיק הגם ניט אַזוי אַלמעכטיק ווי עס איז יהוה גאָט; ער איז אויך געווען פריער פאַר אַלע אַנדערע גאָטס באַשעפענישן, ווייל ער איז געווען דער ערשטער זון וואָס יהוה גאָט האָט אַרויסגעבראַכט. דערפאַר ווערט ער אָנגערופן גאָטס „איינציקער איינגעבאָרענער זון״, ווייל גאָט האָט ניט געהאַט קיין שום שותּף ביים אַרויס־ברענגען זיין ערשטן איינגעבאָרענעם זון. ער איז געווען דער סאַמע ערשטער פון יהוה גאָטס באַשעפענישן. ער זאָגט אַזוי וועגן זיך אַליין, אין התגלות ג:14: „דאָסדאָזיקע זאָגט דער אָמן, דער געטרייער און וואָרהאַפטיקער עדות, דער אָנהייב פון דער באַשאַפונג פון גאָט.״ אויך אין קאָלאָסער א:15 רעדט זיך דאָ וועגן אים: „ער איז דאָס אָפּבילד פון דעם אומזע־באַרן גאָט, דער בכור פון יעדער באַשאַפונג.״ אַזוי אַרום ווערט

3. ווי אַזוי איז ער „געווען אין דער געשטאַלט פון גאָט״?

ער געשטעלט אין איין ריי מיט גאָטס באַשעפֿענישן—ער איז דער ערשטער צווישן זיי און אויך דער באַליבסטער און באַגינס־טיקסטער. ער איז ניט דער מחבר פֿון גאָטס באַשאַף; אָבער, נאָכדעם האָט גאָט אים באַשאַפֿן אַלס זיין ערשטן זון, און אַזוי אים געברויכט אַלס זיין אַרבעט־שותּף ביים באַשאַפֿן דעם איבעריקן באַשאַף. אַזוי איז עס פֿעסטגעשטעלט אין קאָלאָסער א:16—18 און אין יוחנן א:1—3.

[4] אין יוחנן, קאַפּיטל א, זאָגט זיך, אַז ער איז געווען גאָטס וואָרט, דאָס מיינט, אַז ער איז דער פֿאַרשפּרעכער אָדער מונדשטיק פֿון גאָט. דאָס וואָרט אינם גריכישן תּנ"ך־טעקסט הייסט—לאָגאָס; אַזוי אַז מ'קען אים רופֿן „דאָס וואָרט אָדער לאָגאָס". און אַליין זייענדיק מעכטיק, פֿאַרנעמענדיק די הויכע אָפּיציעלע שטופֿע פֿון אַ לאָגאָס און אַזוי ווי ער איז געווען פֿריער פֿאַר אַלע אַנדערע באַשעפֿענישן, איז ער געווען אַ גאָט, אָבער ניט דער אַלמעכטיקער גאָט, דאָס איז יהוה. דער דאָזיקער אונטערשייד איז געוויזן אין דער עמפֿאַטישער דיאַגלאָטישער [ענגליש] איבערזעצונג פֿון יוחנן א:1־3, אויפֿן פֿאָלגנדן אופֿן: „אין אָנהויב איז געווען דער לאָגאָס, און דער לאָגאָס איז געווען ביי גאָט, און דער לאָגאָס איז געווען גאָט. דאָסדאָזיקע איז געווען אין אָנהייב ביי גאָט. אַלצדינג איז דורך אים געוואָרן; און אָן אים איז גאָרנישט ניט געוואָרן, וואָס ס'איז געוואָרן." (באַמער־קונג: כּדי צו אונטערשיידן גאָט פֿון גאָט, זיינען די ווערטער אינם דיאַגלאָט געזעצט מיט פֿאַרשיידענע מינים שריפֿט). די דיאַגלאָטישע צווישנשורותדיקע איבערזעצונג פֿון גריכיש, וואָרט ביי וואָרט, מאַכט נאָך קלאָרער דעם אונטערשייד צווישן יהוה אַלס דעם „גאָט" און דעם לאָגאָס אַלס „גאָט"; „צום אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט, און דאָס וואָרט איז געווען ביי דעם גאָט, און דאָס וואָרט איז געווען אַ גאָט. דאָסדאָזיקע איז געווען צום אָנהויב ביי דעם גאָט." (די ווייטערדיקע באַטראַכטונג פֿון דעם דאָזיקן טעקסט—זע דאָס קאַפּיטל „איז פֿאַראַן אַ דריי־יניקייט?"). אַזוי אַרום האָט דער לאָגאָס געהאַט אַן עקזיסטענץ זייער לאַנג נאָך איידער איינער פֿון גאָטס שפּעטערדיקע באַשע־פֿענישן איז פֿון זיך אַליין געוואָרן דער טייוול—ווי ער איז

4. וואָס פֿאַרא פֿאָרמענטשלעכן אמט האָט ער אויסגעיבט?

אָנגערופן אין קאָרינטער ב, ד:4,—„דער גאָט פון דערדאָזיקער וועלט".—זע דעם קאַפּיטל וועגן „שטן דער טייוול".

[5] ישוע זאָגט אַליין עדות, אַז ער האָט געהאַט אַ פּאָרמענטש־לעכע עקזיסטענץ: „און וואָס אויב איר זאָלט זען דעם בן־אָדם אַרויפגיין ווו ער איז פריער געווען?" (יוחנן ו:62); „איר זענט פון אונטן, איך בין פון אויבן. . . . פאַרוואָר, פאַרוואָר, איך זאָג אייך, איידער אברהם איז געווען, בין איך געווען." (יוחנן ח:23, 58; אין דעם אָריגינאַל גריכישן טעקסט אונטערשיידט זיך דער אָ „איך בין" פון דעם „איך בין" אין דער גריכישער סעפּטואַ־גינטע־איבערזעצונג פון שמות ג:14, וווּ יהוה גאָט רעדט.) אין זיין לעצטער תּפילה צוזאַמען מיט זיינע תּלמידים האָט ישוע אַזוי געזאָגט צו גאָט: „איך האָב דיך פאַרהערלעכט אויף דער ערד, מחמת איך האָב פאַרענדיקט דאָס ווערק, וואָס דו האָסט מיר געגעבן צו טאָן. און איצט, פאָטער, פאַרהערלעך מיך ביי דיר גופא מיט דעם כּבוד, וואָס איך האָב געהאַט ביי דיר, איידער די וועלט איז געוואָרן. . . . און איך בין נישט מער אין דער וועלט, אָבער זיי זענען אין דער וועלט, און איך קום צו דיר." (יוחנן יז:4—11) וויניקער ווי אין צוויי חדשים אַרום זיינען זיינע תּלמידים געווען עדות, אַז ער איז אַרויף קעגן דעם הימל און פאַרשוווּנדן פאַר זייערע אויגן. צען טעג שפּעטער האָט זיך גאָטס גייסט אויף זיי אויסגעגאָסן דורך ישוען און זיי האָבן באַקומען דעם באַווייז, אַז ער (ישוע) האָט דערגרייכט די הימ־לישע אָנוועזנהייט פון זיין פאָטער אויבן.—מעשׂים, קאַפּיטלעך א און ב.

[6] איידער ער איז געקומען אויף דער ערד, האָט דער אָ גאָטס איינגעבוירענער זון נישט געטראַכט וועגן זיך, אַז ער איז גלייך צו יהוה גאָט; ער האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר „גלייך אין מעכ־טיקייט און אין הערלעכקייט" צום אַלמעכטיקן גאָט; ער האָט נישט נאָכגעפאָלגט דעם וועג פון דעם טייוול און נישט ווידערגע־שפּעניגט און נישט אויסגעטראַכט קיין מיטלען, כּדי צו ווערן

5. ווי אַזוי האָט ישוע באַצייגט וועגן זיין פאָרמענטשלעכער עקזיסטענץ?
6. וואָס באַווייזן די שריפטן מכּח ישוע׳ס שטרעבן צו ווערן ווי גאָט?

אַזוי ווי אָדער גלייך צו דעם אַלהעכסטן גאָט און צו באַרויבן גאָט אָדער צו פאַרכאַפּן זיין פּלאַץ. להפך, ער האָט אַרויסגעוויזן זיין אונטערטעניקייט צו גאָט אַלס זיין אויבערהאַר דורך זיין נידערבויגן זיך אונטער דער האַנט פון אַלמעכטיקן גאָט, אַפילו ביז צו דער העכסטער מדרגה, דאָס הייסט ביז צום גאָר שאַנד־האַפטיקסטן טויט. מיר ציטירן דאָ די עמפאַטישע דיאַגלאָטישע איבערזעצונג פון פיליפּער ב:5־8: „ישוע־המשיח, וואָס הגם ער איז געווען אין דער געשטאַלט פון גאָט, האָט ער ניט געטראַכט צו פאַרכאַפּן דעם פּלאַץ און ווערן גלייך צו גאָט, נייערט ער האָט זיך אויסגעליידיקט און אָנגענומען דאָס געשטאַלט פון אַ קנעכט, און זיך געמאַכט גלייך צו מענטשן; און אַזוי ווי ער איז געווען אין דער געשטאַלט פון אַ מענטשן, האָט ער זיך דערנידעריקט, און איז געוואָרן אונטערטעניק ביז צום טויט, פאַרוואָר, דעם טויט פון דעם קרייץ."

ז אַמאָל האָט ישוע אויסגעפרעגט די יידן וועגן משיחס אַראָפּ־קומען, און אַזוי געזאָגט: „וואָס דענקט איר וועגן דעם משיח? וועמעס זון איז ער?" זיינע קעגנער האָבן געמוזט צוגעבן פון וואָס פאַרא יחוס־אָפּשטאַם משיח דאַרף קומען. זיי האָבן געזאָגט: „דער בן־דוד." (מתיא כב:41, 42) און טאַקע, גאָטס זון איז געקומען אויף דער ערד, געבאָרן אין דער ליניע פון דוד, ווייל זיין מוטער—די יונגפרוי מרים האָט געשטאַמט פון דוד. יוסף, צו וועמען די יונגע פרוי איז געווען פאַרקנסט, האָט אויך געשטאַמט פון דער משפחה דוד, אָבער איידער מרים איז פאַר־ייניקט געוואָרן צו אים, האָט דער מלאָך פון גאָט איר אָנקומענ־דיקע מוטערשאַפט אָנגעזאָגט מיט די ווערטער: „און זע, דו וועסט מעוברת [שוואַנגער] ווערן, און געווינען אַ זון, און זאָלסט רופן זיין נאָמען ישוע. ... דער רוח־הקודש וועט קומען אויף דיר, און די קראַפט פון דעם אייבערשטן וועט דיך באַשאָטענען; דעריבער וועט אויך דאָס הייליק־געבוירענע אָנגע־רופן ווערן: בן־אלהים."—לוקאס א:31־־35.

ח דער מלאָך האָט געזאָגט, אַז מרים'ס קינד זאָל אָנגערופן

7. ווי אַזוי האָט ישוע אויסגעפילט דעם תּנאַי וועגן משיח'ס אָפּשטאַם?

8. פאַרוואָס איז עס אומפּאַסיק צו רופן מרימען „גאָטס מוטער"?

ווערן „בן־אלהים״ [גאָטס זון]. דערפֿאַר איז עס אומפּאַסיק און אַ גאָט־לעסטערונג צו רופֿן איר „גאָטס מוטער״. דעם דאָזיקן טיטל האָבן די רוימיש־קאַטוילישע גלחים איבערגענומען פֿונעם געצנדינערישן בבֿל, ווּ מע האָט אָנגעבעטן די רהעאַ (סעמי־ראַמיסע) אָדער ווענוס, ווי צו דער „מוטער פֿון די געטער״. ישוע פֿלעגט זיך ניט ווענדן צו מרים מיט די ווערטער „געבענטש־טע מוטער״. אין יעדן פֿאַל, ווען די ביבל פֿאַרצייכנט עס, רופֿט ער זי „אשה״ (יוחנן ב:4; יט:26; מתיא יב:46—50); און זיין אַפּאָסטאָל פּאָולוס שרייבט: „בעת אָבער די צייט איז ממלא געוואָרן, האָט גאָט אַרויסגעשיקט זיין זון, וואָס איז געבוירן געוואָרן פֿון אַן אשה, געבוירן אונטער דער תּורה.״ (גאַלאַטער ד:4) אין דער צייט ווען די יונגע פֿרוי איז שוואַנגער געוואָרן דורך דער ווונדער־שאַפֿנדיקער קראַפֿט פֿון אַלמעכטיקן גאָט, איז דאָס לעבן פֿון גאָטס זון אַריבערגעטראָגן געוואָרן פֿון זיין גלאָרייכער פּאָזיציע מיט גאָט זיין פֿאָטער אין הימל—צו אַ מענטשלעכן עמבריאָ.

[9] מרים איז שוואַנגער געוואָרן אין דער שטאָט נצרת אין גליל, אָבער צוליב דעם צאַרס שטייער־באַפֿעל, האָט זי זיך אַריבערגעטראָגן קיין בית־לחם אין יהודה, ווּ דוד־המלך איז געבאָרן געוואָרן מיט ערך עלף יאָר־הונדערטער פֿריער. דאָרט איז ישוע געבאָרן געוואָרן, אַרום דעם ערשטן אָקטאָבער, יאָר 2, פֿאַר קריסטוס. אַזוי איז מקוים געוואָרן די נבֿואה פֿון מיכה ה:2. אין יענער היסטאָרישער נאַכט האָט אַ מלאך אָנגעזאָגט די יידישע פּאַסטוכער אין די פֿעלדער: „וואָרום היינט איז אייך געבוירן געוואָרן אַ גואל, וואָס איז דער משיח, דער האַר, אין דודס שטאָט.״ דאַן האָט זיך באַוויזן אַ שאַר פֿון הימלישן חיל מיט דעם מלאך און האָט געזונגען: „כּבֿוד צו גאָט אין דער הייך, און אויף דער ערד שלום צווישן מענטשן וואָס אין זיי איז זיין ווילגעפֿעלן.״ (לוקאַס ב:8—14) אויפֿן אַכטן טאָג איז ער גע־מלעט געוואָרן אַזוי ווי יעדער געוויינלעך יידיש ייִנגל, און דאַן נאָכן פֿערציקסטן טאָג האָט מע מרימען דערלויבט אַריינגיין אין דעם בית־המקדש אין ירושלים און פֿאָרשטעלן אים. שפּעטער האָט מע דאָס קינד אַוועקגעפֿירט קיין מצרים, כּדי אויסצומיידן

9. ווּ איז ישוע געבוירן און אויפֿגעצויגן געוואָרן?

די מערדערישע זעלנער פון דעם קעניג הורדוס, אָבער נאָכן טויט פון הורדוס האָט מע אים געבראַכט צוריק און אים גענומען קיין נצרת, אַז ער זאָל דאָרט וווינען און אויפוואַקסן. דורך דעם איז מקוים געוואָרן אַן אַנדער נבואה—נעמלעך, אין הושע יא:1: „און פון מצרים האָב איך גערופן מיין זון.— מתיא ב:13—23.

[10] ישועס מוטערס־אַ־קוזין האָט חתונה געהאַט מיט אַ כהן, זכריה, און אים געבאָרן אַ זון,—ישועס אַ קוזין, נאָמענס יוחנן. זעקס חדשים איידער ישוע איז אַלט געוואָרן דרייסיק יאָר, האָט יוחנן אָנגעהויבן צו פּרעדיקן ווי ישועס אַ פאָרלויפער; ער פלעגט אויך טובלען אין וואַסער אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין פּרעדיקן. צו יידן אויסשליסלעך פלעגט ער פּרעדיקן, זאָגנדיק: „טוט תשובה, ווייל דאָס מלכות־שמים איז נאָענט." נאָך דער דאָזיקער דערקלערונג וועגן דעם מלכות־שמים איז ישוע אַוועק צו יוחנן, אים אויפגעוויזן דעם וויכטיקסטן צוועק נאָך וואָס ער איז געקומען אויף דער ערד, נעמלעך, עדות צו זאָגן וועגן גאָטס קעניגרייך וואָס וועט רעכטפאַרטיקן יהוה גאָטס אויבערהער־שאַפט און זיין הייליקן נאָמען. ווען ישוע איז געשטאַנען צום משפט פונם שטאַטהאַלטער פּאָנטיוס פּילאַטוס דריי־און־האַלב יאָר שפּעטער, האָט ער געזאָגט: „מיין מלכות איז נישט פון דער־דאָזיקער וועלט: ... איצט אָבער איז מיין מלכות נישט פונ־דאַנען. דאָ האָט פּילאַטוס צו אים געזאָגט: הייסט עס, דו ביסט אַ מלך? האָט ישוע געענטפערט: דו זאָגסט עס: איך בין אַ מלך. צוליב דעם בין איך געבוירן געוואָרן, און צוליב דעם בין איך אין דער וועלט געקומען, אַז איך זאָל עדות זאָגן פאַר דעם אמת." (יוחנן יח:36, 37) און אָט פאַר דעם מלכות פון גאָט איז ישוע געזאַלבט געוואָרן, כדי צו זיין יהוהס מלך־משיח. ווען?

[11] ווען ער איז געוואָרן 30 יאָר אַלט, איז ישוע אַוועק צו יוחנן־המטביל, כדי זיך לאָזן טובלען אין וואַסער. נאָך דעם ווי יוחנן האָט אים איינגעטונקט אין דעם טייך ירדן און ישוע איז אַרויס פון וואַסער, דאַן „האָט דער הימל זיך געעפנט, און דער

10. ווי אַזוי האָט ישוע אויפגעוויזן דעם וויכטיקסטן צוועק, נאָך וואָס ער איז געקומען צו דער ערד?
11. וועלכע וויכטיקע פּאַסירונגען זיינען פאָרגעקומען בעת ישועס טבילה?

רוח־הקודש האָט אַראָפּגענידערט אויף אים אין אַ לייבלעכער געשטאַלט פון אַ טויב, און אַ קול איז אַרויס פון הימל: דו ביסט מיין געליבטער זון, אין דיר איז מיין ווילגעפעלן". (לוקאס ג:21—23) דורך זיין טובלען־זיך אין וואַסער האָט ישוע באַוויזן, אַז ער וואַרפט זיך אונטער דעם ווילן פון גאָט; און גאָט האָט אים איצט געהייליקט מיט זיין רוח־הקודש. מיט דעם אָנערקענען אים פאַר זיין באַליבטן זון האָט ער געלאָזט ישוען ווערן נאָכאַמאָל זיין גייסטיקער זון, אַנשטאָט מענטשלעכער זון. אויסגיסנדיק זיין רוח־הקודש אויפן געטובלטן ישוע, האָט אים גאָט געזאַלבט מיטן גייסט צו ווערן דער לאַנג־צוגעזאָגטער מלך אין גאָטס קעניגרייך. ווערנדיק אַזוי אַרום געזאַלבט מיטן גייסט, איז ישוע געוואָרן דער משיח, אָדער קריסטוס,—ביידע ווערטער מיינען טאַקע „דער געזאַלבטער". אַזוי אַרום איז ער פּאַקטיש געוואָרן ישוע־המשיח אָדער ישוע דער געזאַלבטער. זיין יידישער תלמיד, פּעטרוס, האָט דערקלערט: „גאָט האָט געזאַלבט ישוע־הנוצרי מיט דעם רוח־הקודש און מיט מאַכט."—מעשים י:38.

[12] נאָך דעם ווי ער האָט פאַרבראַכט פערציק טעג אין מדבר, ווו ער האָט אָפּגעשלאָגן דעם שׂטנס פאַרזוכונגען, האָט זיך ישוע אומגעקערט צו יוחננס פּלאַץ, כּדי זיך צו פאַרבינדן מיט זיינע ערשטע תּלמידים. און ווען יוחנן האָט דערזען ווי ישוע דערנענטערט זיך, האָט ער געזאָגט צו זיינע צוהערער: „זע, דאָס לאַם פון גאָט, וואָס נעמט אַוועק די זינד פון דער וועלט!" (יוחנן א:29, 36) אַזוי אַרום האָט יוחנן אָנגעוויזן אויפן צווייטן צוועק צוליב וועלכן דער בן־אלהים איז געקומען אויף דער ערד, נעמלעך: שטאַרבן פאַר אַ הייליקן קרבן צו יהוה גאָט, כּדי צו מבטל צו מאַכן די זינד פון די גלויביקע מענטשן און צו באַפרייען זיי פון דער קללה פון טויט, און עס זאָל דערמעגלעכט ווערן פאַר זיי צו געווינען אייביק לעבן אין דער גערעכטער נייער וועלט וועלכע גאָט האָט צוגעזאָגט צו באַשאַפן. ישוע איז געווען צוגעפּאַסט צו ווערן אַזאַ אויסלייז־ אָדער אויסקויף־קרבן. דורך דעם וואָס זיין פולקאָמען זינדלאָז לעבן איז פון הימל אַריבערגעטראָגן געוואָרן אינם מוטערלייב פון אַ יידישער

12. וואָס פאַראַ צווייט־וויכטיקן צוועק האָט ישוע אויסגעפילט ווען ער איז אַראָפּ אויף דער ערד, ווי יוחנן־המטביל ווייזט אָן?

בתולה, איז ישוע געבאָרן געוואָרן אַ פולקאָמענער מענטש און אויסגעוואַקסן אַ פולקאָמענער מאַן, אינגאַנצן אָן זינד, הייליק, אומשולדיק, אָן אַ פלעק. (יידן ז:26) און דערפאַר, ווען ער האָט זיך געשטעלט מיט פולער ווידמונג צו דעם ווילן פון גאָט, האָט אים יהוה גאָט אָנגענומען פאַר אַ קרבן און אויסלייזער פונם מענטשלעכן מין. און ווייל ישוע האָט געמוזט אַלס קרבן אוועקליגן אָן אַ זייט זיין מענטשישקייט אויף אייביק, האָט גאָט אים געבאָרן מיט זיין רוח־הקודש צו ווערן נאָכאַמאָל דער גייסטיקער בן־אלהים. דרום האָט ישוע געזאָגט: „דער בן־אָדם איז נישט געקומען באַדינט צו ווערן, נייערט צו באַדינען, און צו געבן זיין לעבן אַן אויסלייז פאַר אַ סך.” (מתיא כ:28) אַזוינאָך האָט ער זיין מענטשלעך לעבן אוועקגעלייגט אויף אייביק.

[13] באַזונכנדיק אויף צוריקוועגס נצרת האָט דער געזאַלבטער ישוע געהאַלטן אַ דרשה אין שול. אָנווענדנדיק דאָ אויף זיך אַליין די נבואה פון ישעיה סא:1, 2, האָט ער מודה־געווען, אַז ער איז געזאַלבט געוואָרן מיט גאָטס רוח־הקודש, כדי צו פּרעדיקן די בשורה־טובה פאַר די זאַנפטמוטיקע מענטשן, וועלכע זוכן זיך צו באַפרייען פון זייער געפאַנגנשאַפט אין רעליגיעזער טעות און זינד. (לוקאַס ד:16—21) נאָכדעם האָט ער איבערן גאַנצן לאַנד פון יהודה, גליל און עבר־הירדן געפּרעדיקט, אַז „גאָטס מלכות איז שוין נאָענט”. ער האָט צונויפגעזאַמלט אַרום זיך צוועלף אַפּאָסטאָלן און נאָך אַנדערע תלמידים, און זיי איינגעניט צו פּרעדיקן דעם הימלשן מלכות פאַר וועלכער ער איז געזאַלבט געוואָרן. ער האָט אויפגעדעקט די רעליגיעזע טראַדיציעס און די טעותים, און אַזוי געפּרעדיקט דעם אמת, כדי צו באַפרייען די מענטשן. דאָס האָט אים געבראַכט צו אַ קאָנפליקט מיט די יידישע רבנים, כהנים און פירער פון די סעקטעס, וועלכע האָבן אים געזוכט צו טייטן. אינם יאָר 33, נ. ק., פסח־צייט, האָבן זיי געכאַפּט ישוען, מיט דער הילף פונם פאַררעטערישן אַפּאָסטאָל איש־קריות, געמאַכט איבער אים אַ חוזקדיקן געריכט, איבערגעענטפערט אים צו די גויים צום משפט

---

13. ווי אַזוי האָט ישוע אויסגעפירט זיין געזאַלבטן שליחות אויף דער ערד? און וואָס איז געווען דער פועל־יוצא פאַר אים אַלס אַ מאַן?

פֿאַר פּאָנטיוס פּילאַטוס און מלך הורדוס אַנטיפּאַס, און דעמאָלט האָבן זיי געמאַכט אוממעגלעך דאָס באַפֿרייען אים דורך דעם, וואָס זיי האָבן אויפֿגערייצט די פֿאַרפֿירטע יידן צו שרייען מע זאָל ישוען צונאָגלען אויף אַ בוים אַזוי ווי אַ געוויינלעכן אויפֿ־העצערישן געזעץ־ברעכער און אַ גאָט־לעסטערער. און ער איז געשטאָרבן אונטערטעניק צו גאָט, און קיינמאָל ניט פֿאַרלייקנט גאָטס קעניגרייך.

[14] אויפֿן דריטן טאָג נאָך זיין קבורה האָט אים זיין אומ־שטערבלעכער פֿאָטער יהוה גאָט מחיה־מתים־געווען—ניט ווי אַ מענטשישן זון, נאָר ווי אַ מעכטיקן און אומשטערבלעכן גייסט־יקן זון, מיט פֿולער אַלמאַכט אין הימל און אויף דער ערד, אונטערן אַלהעכסטן גאָט. דער יידישער עדות, פּעטרוס, זאָגט אַזוי: „ער איז געטייט געוואָרן אין דעם פֿלייש, אָבער לעבעדיק געמאַכט געוואָרן אין דעם גייסט.” (פּעטרוס א, ג:18) פֿערציק טעג נאָך דעם האָט ער זיך פֿאַרקערפּערט, אַזוי ווי די מלאָכים פֿאַר אוים פֿלעגן עס טאָן, כּדי צו באַווייזן זיך לעבעדיקערהייט פֿאַר זיינע תּלמידים, זיי זאָלן זיין עדות. דאַן איז ער אַרויף צום הימל, און מיטן פּרייז פֿון זיין מענטשלעכן קרבן דער־שינען אין דער קעגנוואַרט פֿון גאָט אַלס יהוהס כּהן־גדול, און דאָס זעלבע האָט ער אָנגעווענדט צו די אַלע וועלכע דאַרפֿן אין אים גלייבן.—יידן ט:11, 23, 24; י:12, 13.

[15] גאָט האָט דערהויבן זיין זון ישוע צו זיין העכער, ווי ער איז געווען, באַפֿאָר ער האָט געלעבט און געשטאָרבן אַלס אַ מענטש. אויב ישוע וואָלט געווען „גלייך אין מאַכט און אין הערלעכקייט” מיט דער אויבערשטער פּערזאָן, דאַן וואָלט יהוה גאָט ניט געקענט דערהייבן זיין זון העכער, איידער ער איז געווען אין זיין פּאַרמענטשלעכן צושטאַנד. אָבער איצט ווערט ישוע, אונטער יהוהן, געמאַכט פֿאַרן ראש פֿון גאָטס הויפּט־אָרגאַניזאַציע איבערן גאַנצן אוניווערס. זאָגט דער אַפּאָסטאָל פּעטרוס אַזוי: „דורך דעם תּחית־המתים פֿון ישוע־המשיח, וואָס

---

14. וואָס האָט פּאַסירט אויפֿן דריטן טאָג נאָך זיין טויט און במשך די ווייטערדיקע פֿערציק טעג?

15. ווי אַרום איז דער תּחית־המתים־אויפֿגעשטאַנענער ישוע דערהויבן געוואָרן?

איז ביי דער רעכטער האַנט פון גאָט, נאָכדעם ווי ער איז אַוועק אין הימל אַריין; און מלאָכים און הערשאַפטן און מאַכטן זענען אים אונטערטעניק געוואָרן." (פעטרוס א, ג:21, 22) דאָס באַווייזט, אַז ישוע האָט ניט אַרויפגענומען זיין מענטשלעכן קערפּער אין הימל אַריין, כּדי צו פאַרבלייבן אויף אייביק אַ מענטש אין הימל, וואָרום וואָלט ער אַזוי געטאָן, וואָלט ער צוליב דעם פאַרבליבן אויף אייביק נידעריקער פון די מלאָכים. דורך זיין ווערן אַ מענטש: „זעען מיר אָבער ישוען, וואָס איז געמאַכט געוואָרן שיר נישט מינער פון מלאָכים, פונוועגן די ליידן פון דעם טויט." (יידן ב:6-9) גאָט האָט ניט געהאַט די כּוונה, אַז ישוע זאָל דערנידעריקט ווערן אַזוי אַרום אויף אייביק דורך דעם, וואָס ער זאָל פאַרבלייבן אַ בשר־ודם אויף אייביק; נאָכדעם אָבער, ווי ער האָט זיין פולקאָמענע מענטשישקייט געבראַכט אַלס אַ קרבן, האָט אים דער אַלמעכטיקער גאָט דערהויבן צו אַן אומשטערבלעכן הימליש לעבן ווי אַ רומרייך גייסטיק וועזן. ער האָט אים דערהויבן העכער פון אַלע מלאָכים און פון אַלע אַנדערע טיילן פון זיין אוניווערסאַלער אָרגאַניזאַציע, כּדי ער זאָל זיין דער צווייט־העכסטער, לעבן זיך אַליין, דעם אַל־העכסטן גאָט. וואָס ישוע־המשיח טוט אין דער דאָזיקער דערהויבענער פעיקייט, וועגן דעם וועלן מיר רעדן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך פון דעם דאָזיקן בוך.

קאפיטל 4

שטן דער טייוול

דער מוסטער פון די נאציעס, וועלכע האבן במשך פון זעקס טויזנט יאר בהדרגהדיק געהערשט איבער די עסקים פון דער וועלט, איז אזוי ענלעך איינס צו דאס אנדערע, אז היסטאריקער האבן אויפגעשטעלט די טעאריע, אז די „געשיכטע חזרט זיך איבער". דער אופן ווי אזוי די וועלט-מאכטן האבן זיך לכתחילה געגרינדעט, אויסגעוואקסן צו דער חשיבות פון וועלט-מאכטן, און דאן אראפגענידערט צו א מצב פון פארגעסנהייט,—דער דאזיקער וועג איז געווינלעך ביי זיי אלע. מלחמות זיינען געווען די הויפט-זאך ביי א יעדער. זייערע מעטאדן זיינען געווען—אפשרעקן און אונטערדריקן. רעליגיע איז געווען א איינפלוסרייכער טייל פון יעדער.

2 זעענדיק די א ענלעכקייט און דעם גענויען פאראלעל צו אונדזער מאדערנער וועלט, האבן דענקנדיקע מענטשן געשטעלט די שאלות: „צי איז עס מעגלעך, אז א געווינלעכע אומזעבארע מאכט טוט דאמינירן אלע די נאציעס? האט אויך די זעלבע פירנדע מאכט גורם-געווען זייערע ענלעכע גוואלט-טאטן? פארוואס זאל די געשיכטע זיך שיינבאר איבערחזרן? וועט עס שטענדיק אזוי זיין?

3 עס האט ניט קיין זין צו פרווון טרעפן די פראגע, ווען אין דער ביבל,—אין גאטס געשריבן ווארט,—באקומען מיר אזא קלארן באוויז. אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אנגעהויבן פון דער סאמע באשאפונג פון מענטש, ווייזט גאט אן, אז דער געדאנק וועגן א געוויסער רשעותדיקער אויבערמאכט.

1. פארוואס האבן היסטאריקער ארויסגערוקט די טעאריע, אז די „געשיכטע חזרט זיך איבער"?
2. וואס פארא פראגן האבן דענקנדע מענטשן געשטעלט זעענדיק די א זאכן?
3. פארוואס דארפן מיר ניט טרעפן די פראגע?

באַיינפלוסט אי די מענטשן און אי די נאַציעס, איז ניט בלויז אַ פּוסטע פאַנטאַזיע. עס איז אַ רעאַליטעט.

4 לאָמיר נעמען אָט דעם פאַל פון משיחן ביים אָנהייב פון זיין שליחות דאָ אויף דער ערד. אין מתיא, קאַפּיטל ד, ווערט אונדז דערציילט, אַז גלייך נאָך זיין טבילה אין ירדן האָט דער גייסט אַוועקגעפירט ישוען־המשיחן אינם מדבר, „כּדי געפּרווט צו ווערן פון דעם שׂטן". אַ טייל פונם נסיון איז געווען אין דער פאָרמע פון דריי פאָרשלאָגן וואָס דער שׂטן האָט געמאַכט צו ישוע־המשיח, דער דריטער פאָרשלאָג איז געווען אַזאַ:

5 „און דער שׂטן נעמט אים נאָכאַמאָל אויף זייער אַ הויכן באַרג, און ווייזט אים אַלע מלוכות פון דער וועלט און זייער הערלעכקייט; און ער זאָגט צו אים: דאָס אַלץ וועל איך דיר געבן, אויב דו וועסט אַנידערפאַלן און דיך בוקן צו מיר."— מתיא ד:8, 9.

6 פון דעם איז אוממלאָגיש צו מאַכן עפּעס אַן אַנדער אויספיר ווי אַזאַ: אַלע רעגירונגען פון דער וועלט זיינען דעם טייוולס אייגנטום. ווי דען אַנדערש האָט ער געקענט זיי פאָרלייגן ישוע־המשיחן? ער איז געווען דער אומזעבאַרער הערשער איבער זיי; און צוליב אָט דער סבּה איז דער משיח געווען געצווונגען צו זאָגן: „מיין מלכות איז נישט פון דערדאָזיקער וועלט." „דער שר [אָדער הערשער] פון דער וועלט קומט אָן, און ער האָט גאָרנישט ניט אין מיר." (יוחנן יח:36; יד:30) גיריקייט, גרויזאַמקייט, אייגננוץ—אָט די אַלע אייגנשאַפטן פון טייוול־זיינען אַרויסגעוויזן געוואָרן דורך יעטוועדער ערדישער רעגי־רונג. דער שׂטן איז „דער גאָט פון דערדאָזיקער וועלט".— קאָרינטער ב, ד:4.

פון וואַנען קומט דער טייוול

7 אָבער פון וואַנען איז דער שׂטן געקומען? און פאַרוואָס

4, 5. וואָס פאַרא פּאַסירונג, וועלכע איז פאָרגעקומען צום אָנ־הויב פון ישוע־המשיחס שליחות, קלערט אַ סך אויף די זאַך?
6. וואָס פאַרא אויספיר קענען מיר אויסציען פון דער שריפט אין מתיא ד:8, 9? און, פאַרן זעלבן סמך, וואָס איז דער משיח געווען געצוווּנגען צו זאָגן?
7. וואָס פאַרא ריכטיקע פראַגן ווערן היינט געשטעלט?

האָט דער גאָט פון גערעכטיקייט אים דערלויבט צו פאַרבלייבן און באַיינפלוסן די מענטשן צו שלעכטס? וועט עס אַזוי שטענדיק פאַרבלייבן? איז ניטאָ קיין שום וועג, ווי אַזוי דער ערלעכער מענטש זאָל קענען אויסמיידן אָט דעם איינפלוס?

8 דער טייוול איז ניט שטענדיק געווען טייוול. געווען אַ צייט, ווען ער האָט פאַרנומען אַ הויכן פלאַץ אין גאָטס משפחה. ער איז געווען אַ גייסט־זון פון גאָט און זיין נאָמען איז געווען לוציפר. להפך צו דער מיינונג פון טייל מענטשן, איז ער ניט געווען קיין מאוסע באַשעפעניש מיט הערנער און שוואַנץ, נאָר איז געווען ווונדערשיין. דער תנ"ך באַשרייבט אים אין יחזקאל כח:12, 13: „אַ געצירקלטער זיגלרינג ביסטו געווען, פול מיט חכמה און פאַרפול אין שיינקייט. אין עדן דעם גאָרטן פון גאָט ביסטו געווען; אַלערליי טייער געשטיין איז דיין צודעק געווען."

9 אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס ער איז געווען גאָטס אַ זון האָט מע אים צוגעטיילט אַן אַמט פון גרויס פאַרטרויען און פאַראַנטוואָרטונג: צו זיין אַ אויבערהערשער פונם מענטשלעכן מין. דער באַשטימטער טיטל פאַר דעם אַמט איז געווען, ווי עס איז פעסטגעשטעלט אין תנ"ך, יחזקאל כח:14, „אַ [געזאַלבטער] כרוב אַ בריטשירעמענדיקער."

10 גאָט האָט אריינגעזעצט דאָס פולקאָמענע מענטשן־פּאָר אין דעם גאָרטן פון עדן, און עס איז געווען די פליכט פון דעם גייסט לוציפר צו העלפן זיי אָפּצוהיטן גאָטס פאָדערונגען און דערציען זיי אין געהעריקער באַציונג צו זייער באַשעפער. דערפאַר טאַקע האָט מע עס געקענט זאָגן וועגן אים, „דו ביסט געווען אין עדן".

11 ביז צו אַ געוויסער צייט איז אַלץ צוגעגאַנגען ווויל אין דעם אוניווערס, איבער דער גאַנצער וועלט האָט געהערשט

---

8. פונוואַנען איז דער טייוול געקומען? און ווי אַזוי קען מע אים באַשרייבן?

9. וואָס פאַר אַן אַמט האָט לוציפר געקראָגן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס ער איז געווען גאָטס אַ זון?

10. וואָס פאַרא פליכטן האָט געהאַט אין זיין אַמט דער [געזאַלבטער] „כרוב אַ בריטשירעמענדיקער"?

11. ווי אַזוי האָט זיך די טעאָקראַטישע איינאָרדענונג אין עדן פאַרענדיקט? און וואָס שרייבן וועגן דעם די הייליקע שריפטן?

פֿולשטענדיקער שלום. אָבער לאַנג האָט אַזוי ניט געדויערט. גירי־קייט און גייציקייט זיינען אַריינגעקומען. לוציפֿר האָט געהאַט גרויסע זעונגען. ער האָט געזען אַ ראַסע פֿון מענטשלעכע באַשעפֿענישן אויף אַ פֿולקאָמענער ערד, אַלע פּאַרייניקט האַר־מאָניש אין זייער פֿולער ווידמונג און אָנערקענונג צו יהוה אַלס דעם גרויסן מלך און געבער פֿון אַלץ וואָס איז גוט. לוציפֿר אָבער האָט געוואָלט די דאָזיקע ווידמונג און די אָנערקענונג פֿאַר זיך אַליין, איז דערפֿאַר זיין האַרץ געוואָרן רשעותדיק. ער האָט זיך צעבונטעוועט קעגן דער טעאָקראַטישער איינאָרדע־נונג. אין די פּסוקים פֿון ישעיה יד:12—14 לייענען מיר אַזוי: „ווי ביסטו פֿון הימל געפֿאַלן, דו ליכטיקער מאָרגנשטערן [לו־ציפֿר]! ווי ביסטו אָפּגעהאַקט געוואָרן צו דער ערד, דו גורל־וואַרפֿער אויף פֿעלקער! און דו האָסט געזאָגט אין דיין האַרצן: אין הימל וועל איך אַרויפֿגיין, איבער די שטערן פֿון גאָט וועל איך מיין טראָן דערהייבן; און איך וועל זיצן אויפֿן באַרג פֿון איינזאַמלונג, אין די עקן פֿון צפֿון. איך וועל אַרויפֿגיין איבער די הייכן פֿון וואָלקן, איך וועל צום אויבערשטן זיך גלייכן."

[12] דאָס האַרץ איז דאָס זיץ־אָרט פֿונם סטימולירנדיקן געדאַנק. עס איז דאָס, וואָס טרייבט די באַשעפֿעניש צום טאַט. „דאָס מויל רעדט פֿון דעם איבערפֿלוס פֿונם האַרץ"—האָט געזאָגט דער מייסטער. באַמערק דאָס! לוציפֿר האָט געזאָגט „אין זיין האַרצן", אַז ער וועט זיך דערהייבן. עס איז ניט געווען נויטיק אַרויסצוגעבן אַ דערקלערונג מיט זיינע ליפּן. זיין דרך פֿון טאַט איז געווען געגנוגנד.—משלי כג:7.

[13] אָט די מעשׂה זיינע האָט זיך צוערשט אויפֿגעדעקט דורך דעם, וואָס ער האָט אויף אַ כיטרען און פֿאַרבאָרגענעם אופֿן געבראַכט אויף דער וועלט די זינד. גאָט האָט אָנגעזאָגט דעם פֿולקאָמען מענטשן־פּאָר: אויב זיי וועלן עסן פֿון דעם בוים פֿון וויסן גוטס און שלעכטס, וועט עס גורם־זיין זייער טויט. לוציפֿר

---

12. פֿאַרוואָס איז עס ניט געווען נויטיק, לוציפֿר זאָל מיט רייד דערקלערן זיינע כּוונות?

13. אין וואָס פֿאַרא מעשׂים האָט זיך אויסגעדריקט לוציפֿרס האַרץ? און וואָס איז לוציפֿר געוואָרן דורך דעם?

האָט צוגערעדט חוהן ניט צו פאָלגן דאָס. דורך זיין שליח, די שלאַנג, האָט ער געזאָגט צו איר: „דו וועסט אויף זיכער ניט שטאַרבן.” דאָס איז געווען דער ערשטער ליגן, און לוציפר איז באַדעקט געוואָרן מיטן שאַנד־נאָמען ,דער פאָטער פון שקר׳. —יוחנן ח:44.

[14] כאָטש גאָט האָט אויסגעשפּראָכן דעם טויט־אורטייל איבער לוציפרן, באַווייזט דאָך דער אָנדייט פונם דאָזיקן פּסק־דין, אַז עס וועט זיך ציען אַ לענגערע צייט איידער ער וועט אויסגעפירט ווערן. „און אַ פיינטשאַפט וועל איך מאַכן צווישן דיר און צווישן דער פרוי, און צווישן דיין זאָמען און צווישן איר זאָמען; ער וועט דיך טרעפן אין קאָפּ, און דו וועסט אים טרעפן אין טריט.” (בראשית ג:15) דער טייוול מוז האָבן צייט ביז ער וועט אויפברענגען געוויסע זאָמען. פונם דאָזיקן פונקט אָן און ווייטער, רופט אים ניט די ביבל מער מיטן נאָמען לוציפר, נאָר שׂטן, שלאַנג, טייוול און דראַך.—התגלות יב:9.

[15] ער האָט די ערשטע פּאָר אָפּגעווענדט פון גאָט אין שאַנד, און איצט האָט ער געמיינט, אַז ער איז שוין אויפן וועג צו זיין ציל ,אַרויפצוגיין אין הימל און צו דערהייבן זיין טראָן איבער די שטערן פון גאָט און גלייכן זיך צום אויבערשטן׳. עס שיינט, אַז ער האָט זיך איצט דערנענטערט צו יהוה מיט אַזאַ שפּאָט און חוזק: ,יהוה, דו קענסט ניט שטעלן אויף דער ערד אַזעלכע מענטשן וואָס איך זאָל זיי ניט קענען מיט געוויסע מיטלען אָפּקערן פון דיר.׳

[16] די דאָזיקע ווערטער געפינען זיך ניט ממש אינם תנ״ך, אָבער ס׳זיינען דאָ זיכערע און קלאָרע באַווייזן, אַז זיי זיינען באמת יאָ געזאָגט געוואָרן. ווען מיר מישן אויף דעם ערשטן קאַפּיטל פון איוב, לייענען מיר: „און עס איז געווען דער טאָג, ווען די זין פון גאָט זיינען געקומען זיך שטעלן פאַר גאָט, און

---

14. פאַרוואָס איז דער טויט־אורטייל איבער לוציפרן ניט אויסגעפירט געוואָרן תּכף? און ווי אַזוי האָט מע אים פון דעמאָלט אָן גערופן?

15. וואָס האָט אויסגעוויזן צו זיין דעם שׂטנס פאָלגנדער דרך פון טאַט? און פאַרוואָס?

16. וואָס איז דער באַווייז, אַז שׂטן האָט געשפּאָט פון יהוהן?

אויך דער שׂטן איז געקומען צווישן זיי. האָט גאָט געזאָגט צום שׂטן: פון וואַנען קומסטו? האָט דער שׂטן געענטפערט גאָט, און האָט געזאָגט: פון וואַנדערן איבער דער ערד און פון אַרומ־גיין אויף איר. האָט גאָט געזאָגט צום שׂטן: האָסטו אַכט געטאָן אויף מיין קנעכט איוב, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ ווי ער אויף דער ערד, אַ מאַן ערלאַך און רעכטפאַרטיק, גאָטספאָרכטיק און אָפּגעקערט פון שלעכטס? האָט דער שׂטן געענטפערט גאָט, און האָט געזאָגט: איז דען אומזיסט איוב גאָטספאָרכטיק? ... די אַרבעט פון זיינע הענט האָסטו געבענטשט, ... אָבער שטרעק אָקאָרשט אויס דיין האַנט און ריר אָן עפּעס וואָס איז זיינס, אויב ער וועט ניט אין דיין פּנים דיך לעסטערן."—איוב א:6־11.

[17] די אויפפּאַסונג פון דעם דאָזיקן טעקסט ברענגט אַרויס די שטרייטפראַגע פון גאָר אַלטער צייט צווישן גאָט און דעם שׂטן. גאָטס פראַגע: ‚פון וואַנען קומסטו, שׂטן?' און דעם שׂטנס ענטפער: ‚פון וואַנדערן איבער דער ערד'—באַווייזט, אַז יהוה האָט געגעבן דעם שׂטן דעם זכות אָדער דערלויבט אים אַ פרייע האַנט אויף אַרויסצוברענגען זיין זאָמען אָדער זיינע קינדער פון צווישן מענטשן. חוץ אָפּלייקענען דעם שׂטנס באַרימעריי, אַז ער קען אויפשטעלן זיין טראָן איבער די שטערן פון הימל, האָט די שטרייטפראַגע אויך געהאַנדלט וועגן דעם מענטשנס געטריי־שאַפט צו זיין באַשעפער.

[18] איוב איז געווען אַן אמתער כאַראַקטער אין דער געשיכטע. ער איז געווען אַבֿרהמס אַן אור־אור־פּלימענעק און געלעבט אַרום 1,700 יאָרן פ. ק., אָדער אַרום 2,300 יאָרן נאָכן שׂטנס רעוואָלט אין גן־עדן. די גאַנצע 2,300 יאָר האָבן די מענטשן געהאַט די געלעגנהייט צו דערווייזן זייער טרייהייט צו דעם אויבערשטן. די שטרייטפראַגע איז ניט געווען קיין נייע אין איובס טעג.

---

17. וואָס ברענגט אַרויס דער טעקסט פון איוב א:6־11 בנוגע דער אַלטער מחלוקה? וואָס פאַראַ שטרייטפראַגע איז איינגע־שלאָסן אין דעם?

18. פון וואַנען ווייסן מיר, אַז דאָס איז ניט געווען קיין נייע שטרייטפראַגע אין די צייטן פון איוב?

אַרויסגעוויזן זיך פאַר אַ ליגנער

19 די בלעטער פונם תנ"ך זיינען פול מיט דערציילונגען וועגן די, וואָס האָבן געפעלט זייער באַשעפער אונטערן אָנגריף פונם שׂטן. פון דער אַנדערער זייט, זיינען געווען אַזעלכע וואָס זיינען, אַזוי ווי איוב, יאָ געווען בכּוח אַריבערצוטראָגן אַלץ וואָס דער שׂטן האָט אויף זיי אָנגעשיקט, און דורך זייערע האַנדלונגען אונטער אָט די אומשטענדן האָבן זיי באַוויזן, אַז ער איז דער ,פאָטער פון שקר', און אַז ער איז ניט בכּולת צו ,גלייכן זיך צום אויבערשטן'.

20 דאָס יידישע פאָלק איז אַ נאַציאָנאַלער ביישפּיל. כּל־זמן די יידן האָבן אויף אַ געוויסנהאַפטן אופן זיך באַמיט צו דינען יהוהן, אַלס אַ נאַציע, און האָבן אָפּגעהיט זיינע געבאָטן, איז ער געווען מיט זיי, געקעמפט זייערע שלאַכטן פאַר זיי, און געגעבן זיי עקאָנאָמישן וווילשטאַנד. און ווען זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן צום טייוולס אָנבאָטן און האָבן אָנגענומען די פּאָפּולערע געצנדינערישע מנהגים פון די נאַציעס אַרום זיי, האָט יהוה אַוועקגענומען זיין שוץ, און סיי ווי אַ נאַציע סיי ווי איינצעלנע זיינען זיי אויסגעשטאַנען צרות מצד דעם שׂטן.

21 קיינמאָל אָבער איז עס דעם שׂטן ניט געלונגען אָפּצו־קערן אַלע באַשעפענישן פון דעם באַשעפער. אין יעדער תּקופה פון דער געשיכטע, זינט דעם גן־עדן אָן, האָבן געלעבט געטרייע מענער און פרויען, וואָס זייער לויטערקייט צו גאָט איז געווען אויסער יעדן פאָרוואורף און ווען דער טייוול איז ניט געווען בכּולת אָפּצוקערן פון דער אמתער אָנבעטונג.

22 אַזוי איז עס אויך געווען מיט משיחן. כאָטש ער איז געשטאָרבן מיט אַ חרפּהדיקן טויט אַדאַנק דעם שׂטנס שלוחים, האָט זיך דעם שׂטן ניט איינגעגעבן צו דערוויזן אויף זיין ביי־

19. וואָס באַווייזט דער תּנ"ך בנוגע יענע, וואָס זיינען אָנגעגריפן געוואָרן דורכן שׂטן?

20. וואָס פאַראַ נאַציאָנאַלן ביישפּיל זעען מיר? און ווי אַזוי האָט יהוה באַהאַנדלט די פאַרשיידענע אויפגעקומענע צושטענדן?

21. וועלכער אויסגעשפּראָכענער פאַקט ווייזט אָן די געשיכטע בנוגע יענע, וועמען דער שׂטן האָט פאַרפאָלגט?

22. ווי אַזוי האָט משיחס טויט צונישט געמאַכט דעם שׂטנס צד אין דער מחלוקה?

שפּיל, אַז פֿאַרן מענטשלעכן מין איז עס אוממעגלעך אָנצוהאַלטן לויטערקייט צו גאָט אונטער אַלע אומשטענדן וואָס דער טייוול וועט נאָר קענען ברענגען.

[23] דער משיח איז געווען—ווי די שריפֿטן האָבן באַוויזן,—דער פֿאַרשפּראָכענער זאָמען צו „טרעפֿן די שלאַנג אין קאָפּ אַריין“; און אין התגלות יב:7-9 לייענען מיר דעם באַריכט וועגן דעם, וואָס פֿאַראַ מיטלען ער האָט אָנגענומען צו דעם צוועק גלייך נאָך דעם, ווי ער האָט איבערגענומען זיין קעניגלעכן אַמט. „און אין הימל איז געווען מלחמה: מיכאל און זיינע מלאָכים זענען אַרויסגעגאַנגען מלחמה האַלטן מיט דעם דראַך. און דער דראַך און זיינע מלאָכים האָבן מלחמה געהאַלטן, און זיי האָבן נישט מנצח־געווען [געזיגט], און זייער אָרט איז אויך מער נישט געווען צו געפֿינען אין הימל. און דער גרויסער דראַך איז אַראָפּ־געוואָרפֿן געוואָרן, די אַלטע שלאַנג, וואָס ווערט אָנגערופֿן דער מלשין [פֿאַרלוימדער] און שׂטן, וואָס פֿאַרפֿירט די גאַנצע וועלט: ער איז אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן צו דער ערד, און זיינע מלאָכים זענען אַראָפּגעוואָרפֿן מיט אים.“ פֿאַראַן פֿילצאָליקע באַווייזן, אַז אָט די געשעעניש איז זיך פֿאַרלאָפֿן במשך די יאָרן פֿון 1914—1918, נ. ק..

[24] אין פֿלוג קען זיך אויסדאַכטן, אַז די געשיכטע חזרט זיך איבער פֿון צייט צו צייט; אָבער אַלע זיינען מודה, אַז די אומסטאַבילע צושטענדן וואָס הערשן היינט אויף דער וועלט, שטייגן אַריבער אַלץ, וואָס איז פֿריער געווען אין פֿאַרנעם און גרויס. דער ענטפֿער איז דער, אַז דער שׂטן האָט שוין מער ניט קיין צוטריט צום הימל, נאָר ער איז אַראָפּגענידערט געוואָרן צו דער ערד, און צוזאַמען מיט אים—אַלע זיינע שלעכטע מלאָכים אָדער דעמאָנען. ער איז נאָך אַלץ דער אומזעבאַרער גייסט און אויבערהערשער איבער דער ווידערשפּעניקער מענטשהייט: ער איז נאָך אַלץ ניט געוואָרן באַזייטיקט פֿון דער דאָזיקער פּאָזיציע.

---

23. ווי אַזוי האָט דער משיח אָנגענומען אַקטיווע מיטלען, כּדי צו „טרעפֿן דער שלאַנג אין קאָפּ“? און ווען?

24. פֿאַרוואָס שטייגן איבער די אומסטאַבילע צושטאַנדן, וואָס הערשן איצט אויף דער וועלט, אַלץ וואָס איז פֿריער געווען מיט זייער פֿאַרנעם און גרויס?

25 זאגן די כתבי־הקודש: „פרייט אייך, א הימלען, און איר וואס וואוינט אין זיי! ווי צו דער ערד און צו דעם ים! ווארום דער שטן האט אראפגענידערט צו אייך מיט גרויס גרימצארן, ווייל ער ווייסט, אז ער האט נאר א קורצע צייט.” (התגלות יב:12) מיר זיינען איצט אין דער קורצער תקופה פון אט די וויען. דער שטן ווייסט, אז די צייט, אין וועלכער ער קען דער־ווייזן זיינע באהויפטונגען איז באגרענעצט, ברענגט ער ארויס זיין גאנצע רציחה. אין יעדן טעטיקייטס־געביט באווירקט ער סיי די פירער, סיי דעם פשוטן מענטשן, אז זיי זאלן באגיין טאטן פון גיריקייט, עגאיסטישקייט און גוואלט, און אזוי קומט אויף דער גאנצער וועלט א צושטאנד פון פארווירונג. א סך ערלעכע מענטשן פירן אויס פונקט אזעלכע זאכן, צו וואס דער שטן שטרעבט: זיי קערן זיך אפ פון גאט, ווייל זיי מיינען, אז ער איז די סבה פון זייערע יסורים, אין דער אמתן אבער דער־לויבט בלויז גאט דעם שטן צו דערווייזן, אויב ער קען, זיינע בארימערישע באהויפטונגען פון אויבערהערשאפט און דעם מענטשנס פארפעלטע לויטערקייט.

26 די צייט־גרענעץ געגעבן דעם שטן אויף צו דערווייזן דאס, איז שוין כמעט אריבער, און דער שטן מיט זיינע שדים ווייסן עס. דער פסוק זאגט אזוי, יעקב ב:19: „דו גלויבסט, אז גאט איז איינער; דו טוסט גוט. די שדים גלויבן אויך, און ציטערן.” זיי ציטערן ווייל זייער סוף איז נאענט.

27 דער דאזיקער אנגריף פון במשך די 6,000 יארן איז אזוי כיטרע, אז א סך מענטשן צווייפלען היינט צי עס עקזיסטירט גאר דער שטן אדער זיינע שלעכטע מלאכים. זיי באטראכטן זינד, גאטלאזיקייט און רשעות—פשוט ווי אבסטראקטע צושטענ־דן, וועלכע ליגן אין דעם מענטשנס בלוט. אבער די סבה פונם דאזיקן צווייפל איז דערקלערט אין קארינטער ב, יא:14, ווו מיר לייענען: „ווארום אפילו דער שטן אליין טוט זיך פאר־

---

25. פארוואס זיינען דא מער מעשים פון גיריקייט, עגאיסטיש־קייט און גוואלט, איידער ווען ניט איז פריער? און ווי אזוי זיינען אריינגעפאלן אינם שטנס פאסטקע א סך ערלעכע מענטשן?
26. וואס איז אנגעדייטעט אין דעם פסוק, אין יעקב ב:19?
27. וואס איז דער פועל־יוצא פון דער כיטרעקייט פון דעם שטנס אנגריף? און ווי אזוי דערקלערט עס דער תנ"ך?

שטעלן פאַר אַ מלאָך פון ליכט." זיינע ווערקציינגן אויף אָפּצו־
נאַרן דאָס פאָלק זענען אויס זייער אומשולדיק. אָרגאַניזאַציעס פאַר
שלום און זיכערקייט פון דער וועלט, פאַראייניקטע שטאַאטן פון
פעלקער, פאַראייניקטע באַוועגונגען פון קירכעס, וכדומה,—דאָס
אַלץ זיינען זיינע פּלענער צו מאַכן די מענטשן בלינד צו די
אמתע שטרייטפראַגע.

איינגעצאַמט און פאַרניכטעט

[28] אָבער ניט שטענדיק וועט זיין אַזוי. אין התגלות כ:1־3
דערציילט אונדז וועגן אַ צייט ווען די טעטיקייט פונם ערצי־
באַטריגער וועט פולשטענדיק צוריקגעהאַלטן ווערן. אויף טויזנט
יאָר וועט ער זיין געבונדן, ניט אָפּצונאַרן מער די נאַציעס און
פעלקער, ביז עס וועט קומען גאָטס צייט צו באַפרייען אים
אויף אַ געוויסע פעריאָדע. און דערווייל גיין ווייטער אָן באַטרוג,
ליגנס און היפּאָקריטקייט.

[29] נו, און ווו האַלסטו אין אָט דער פראַגע פון לויטערקייט?
צי שטיצסטו דעם שׂטנס קאַמף מיט דעם שטייגער פון דיין
אויפפירונג? אַ סך באַשיידענע מענטשן זוכן יהוהס אָנערקע־
נונג, און מיט זייערע מעשׂים אָנטפּלעקן זיי—אַז דער טייוול איז
אַ ליגנער. איין אופן ווי אַזוי צו געווינען גאָטס אָנערקענונג
איז באַשריבן אין טימאָטעאוס ב, ב:15: „פּליים [שטודיר]
דיך צו שטעלן זיך באַגלויבט פאַר גאָט, אַן אַרבעטער, וואָס
דאַרף זיך ניט שעמען, און וואָס וויים וויאַזוי איינצוטיילן דאָס
וואָרט פון אמת." דערקענגשטעלן זיך דעם שׂטן קען מע אָבער
נאָר דורך שטודירן גאָטס וואָרט, וואָס דערציילט אונדז וועגן
יענעמס כיטרע מעשׂים. „שטעלט אייך אָבער דערקעגן דעם שׂטן,
און ער וועט אַנטרינען פון אייך"—דאָס איז די וואָרענונג פון
יקעב ד:7.

---

28. וועט די געשיכטע האַלטן זיך אין איין איבערחזרן?
29. (א) וואָס פאַרא פראַגן דאַרפן מיר איצט זיך אַליין שטעלן?
(ב) וואָס טוען היינט די באַשיידענע מענטשן אויף דער ערד?
און פאַרוואָס?

30 דאס מיינט אבער ניט, אז מע קען היינט דערגרייכן אזא מדרגה ווו מ'איז אינגאנצן געשיצט קעגן דעם טייוולס אנפאלן. דאס וועט קיינמאל ניט זיין, ביז שטן איז ניט אינגאנצן געבונדן. עס מיינט אבער יא, אז מע קען זיך באשירעמען ביז צו אזא גראד, ניט פארפירט צו ווערן צו שטיצן דעם שטנס צד אין זיין סכסוך מיט גאט. אונדזער וויכטיקסטע אויפגאבע איז צו קעמפן קעגן די דאזיקע אומזעבארע כוחות. „ווארום אונדזער געראנגעל איז נישט קעגן א בשר־ודם [פלייש און בלוט], נייערט קעגן די שרים [פרינצן], קעגן די מושלים [געוועלטיקער], קעגן די וועלט־הערשער פון דערדאזיקער פינסטערניש, קעגן די טוער פון רשעות אין די הימלישע מקומות [ערטער].״—עפעזער ו:12.

31 דער ענדגילטיקער סוף פונם שטן איז פולקאמע פארניכטונג. און דאס איז פארזיכערט געווארן אין משיחס ווערטער אליין געווענדט צו יענע, וואס זיינען אפגענארט געווארן דורך דעם רשע, שטן: „קערט אפ פון מיר, איר פארשאלטענע, אין אייביקן פייער אריין, וואס איז אנגעברייט פארן שטן און זיינע מלאכים!״ (מתיא כה:41) דאס וואס ווערט צעשטערט דורכן אייביקן פייער, ווערט אינערגעץ ניט אויפגעהאלטן, איז אבער פארצערט אויף אייביק.

32 „דער טייך פון פייער און שוועבל״ אין וועלכן דער שטן דער טייוול וועט סוף־כל־סוף אריינגעשליידערט ווערן,—דאס מיינט אייביקער טויט. „דאס איז דער צווייטער טויט.״ (התגלות כ:10, 14, 15) אז ישוע־המשיח וועט זיך באמיען, אז דער שטן דער טייוול זאל ניט לעבן אייביק, דאס איז פארשריבן אין יידן ב:14: „פונקט אזוי האט ער אויך דערין (אין פלייש און בלוט) א חלק, כדי דורך דעם טויט זאל ער בטל מאכן דעם, וואס האט די מאכט פון דעם טויט, דהיינו, דעם שטן.״ יהוה גאט זאגט אויך צו דעם שטן, דעם אומגעטרייען „כרוב דעם ברייטשירע־מענדיקן״: „דרום האב איך דיך אונטערגעבראכט, דו שירעמענ־

---

30. (א) וואס באדייט דער פסוק פון יעקב ד:7? (ב) קעגן וועמען גייט היינט אונדזר געראנגל?

31. וואס וועט זיין דעם שטנס ענדגילטיקער סוף און פון וואנען ווייסן מיר עס?

32. וואס פארא ווייטערדיקע פארזיכערונג האבן מיר אין די כתבי־הקודש וועגן דער פארניכטונג פונם שטן?

דיקער ברוב, פֿון צווישן די פֿײַערשטײנער. ... אַ שרעקעניש ביסטו געוואָרן, און ביסט אויף אײביק ניטאָ.״ (יחזקאל כח: 16—19) דעמאָלט וועט דער דאָזיקער „גאָט פֿון דער הײַנטיקער רשעותדיקער וועלט׳ שוין ניט קענען מער קאָנטראָלירן די נאַציעס און באַהערשן זיי אויף אַן אומזעבאַרן אופֿן. דער שׂטן וועט זײַן טויט!

[33] בכן, באַוואָפֿן זיך מיט וויסן! לערן זיך! „זײַט ניכטער, זײַט וואַך. אײַער פֿײַנט, דער שׂטן, גײט אַרום ווי אַ ברומנדיקער לייב, און זוכט וועמען ער זאָל קענען פֿאַרצוקן. אים זאָלט איר שטאַרק בײַשטײן אין אײַער אמונה, און ווײסט, אַז דיזעלבע יסורים [וואָס קומען אויף אײַך] ווערן פֿאַרפֿול אין אײַערע ברידער, וואָס זענען אין דער וועלט.״—פּעטרוס א, ה:8 9.

33. וואָס דאַרפֿן מיר טאָן, כּדי אויסצומײַדן דעם שׂטנס אײַנפֿלוס?

קאפיטל 5

וואס איז דער מענטש?

דורות לאנג זיינען די ווייטערדיקע פראגן געווען די טעמע פאר גרויסע וויכוחים צווישן די אידעען־פירער אויף דער וועלט: וואס איז דער מענטש? צי האט ער אן אומשטערבלעכע נשמה? און וואס איז דער גורל פונם מענטשן? די וויסנשאפטסלייט, רעליגיעזע פירער און כירורגן האבן באנוצט א סך צייט און כוחות אין זייער פארזוך צו פארענטפערן אט די פראגן אויף א באפרידיקנדיקן אופן. אין זייערע ענטפערס שטיצן זיך די וויסנשאפטסלייט און כירורגן אויף די פאקטן, וואס זיי האבן געלערנט ביים שטודירן די אנאטאמיע פונם מענטשן; די רעליגיעזע פירער—שטיצן זיך דערביי אויף דעם וויסן וואס זיי האבן באקומען אין רעליגיעזע שולן אדער טעא־לאגישע סעמינארן.

[2] די וויסנשאפטסלייט און די כירורגן זיינען געקומען צו דעם שלוס, אז דער מענטש איז פשוט א העכערע פארמע פון א לעבעדיקער חיה,—זיין ארגאניזם איז נאר קאמפליצירטער און ער קען אויספירן פונקציעס וועלכע זיינען אוממעגלעך פאר יעדער אנדערן מין חיה. זיי האבן ניט געקענט געפינען אינם מענטשן קיין שום זיכערן באווייז פון אן אומשטערבלעכקייט. זיי קענען ניט געפינען קיין שום סמן, וואס זאל באווייזן, אז דער מענטש האט אן אומשטערבלעכע נשמה. להפך צו דעם, באהויפטן די רעליגיעזע פירער, אז דער מענטש האט יא א אומ־שטערבלעכע נשמה, און אז דאס איז דער הויפט־אונטערשייד צווישן דעם מענטשן און די אנדערע מינים פון לעבן. זיי זאגן,

1. (א) וואס פארא פראגן וועלן דיסקוטירט ווערן דא ווייטער? (ב) אויף וואס פארא וויסן שטיצן זיך די רעליגיעזע פירער, וויסנשאפטסלייט און כירורגן ווען זיי ענטפערן אויף די פראגן?
2. (א) וואס איז דער מענטש לויטן וויסנשאפטסמאן און כירורג? (ב) וואס איז דער מענטש לויט די רעליגיעזע פירער?

אז די נשמה איז דער אומשטערבלעכער, אומקערפּערלעכער און גייסטיקער טייל פון דעם מענטשן.

[3] די פאָרשונג, וואָס ווערט דורכגעפירט דאָ ווייטער איבער אָט די פראַגן, האָט פאַר אַ ציל צו דערגרייכן די ענטפערס פון גאָטס וואָרט, די ביבל, אויף יענע וויכטיקע פראַגעס. מעגן אַנדערע באַגרינדן זייערע ענטפערס אויף מיינונגען און שריפטן פון מענטשן; אויב אָבער די דאָזיקע מיינונגען און שריפטן וועלן ניט זיין שטאַרק געגרינדעט אויף גאָטס וואָרט, וועלן די דאָזיקע ענטפערס ניט טרעפן אין פּונקט. און אַזוי ווי עס גייט וועגן ריכטיקע ענטפערס, וועלן מיר דאָ ציטירן דעם תנ"ך אַלס דעם אַווטאָריטעט פאַר אַלץ וואָס ווערט דאָ דערקלערט. דער תּהלים־שרייבער האָט זיך אויסגעדריקט ריכטיק ווען ער האָט אויסגערופן: „דיינע וועגן, גאָט, מאַך מיך וויסן, דיינע שטעגן לערן מיך. פיר מיך אין דיין אמת, און לערן מיך, וואָרום דו ביסט דער גאָט פון מיין הילף."—תהלים כה:4, 5.

[4] איצט לאָמיר באַטראַכטן די פראַגע, וואָס איז דער מענטש? דער תּהלים־שרייבער ענטפערט אונז אויף דער פראַגע אין תהלים ח:5—9 אויף אַזאַ אופן: „וואָס איז דער מענטש, אַז דו זאָלסט אים געדענקען? און אַ מענטשנקינד, אַז דו זאָלסט אים דער־מאָנען? וואָרום האָסט אים געמאַכט שיר ניט מינער פון גאָט, און מיט כּבוד און שיינקייט באַקרוינסטו אים. מאַכסט אים געוועלטיקן איבער די ווערק פון דיינע הענט, אַלצדינג האָסטו געלייגט אונטער זיינע פיס; שאָף און רינדער אַלע, און אַפילו חיות פון פעלד; דעם פויגל פון הימל, און די פישן פון ים— וואָס נאָר עס ציט דורך די שטעגן פון ימען." די דאָזיקע ווער־טער זיינען אין דער אמתן געווען אַ נבואה, אַזוי ווי דער אַפּאָס־טאָל פּאַולוס ווייזט אָן אין יידן ב:5—10, ווו ער ווענדט אָן די ווערטער צום בן־אלהים, וועלכער איז געוואָרן „דער מאַן ישוע־המשיח", אויך גערופן „דער בן־אָדם" און וואָס איז באַקרוינט געוואָרן מיט הערלעכקייט און כּבוד אין די הימלען.—מתּיא טז:13, 27, 28; טימאָטעאוס א, ב:5, 6.

3. ווי אַזוי קענען מיר באַקומען די ריכטיקע ענטפערס אויף אונזערע פראַגן מכּח דעם מענטש?
4. וואָס פאַראַ באַשרייבונג פון דעם מענטשן געפינען מיר אין תּהלים ח:5—9?

דער מענטש—די נשמה

[5] באַשרייבנדיק דעם בראשיתדיקן באַשאַף פונם מענטשן, איז אין בראשית ב:7 איינפאַך דערציילט: „האָט גאָט דער האַר געפורעמט דעם מענטשן פון שטויב פון דער ערד, און האָט אַריינגעבלאָזן אין זיינע נאָזלעכער אַן אָטעם פון לעבן, און דער מענטש איז געוואָרן אַ לעבעדיקער נפש [נפש חיה].” מיר דערוויסן זיך אַזוי אַרום, אַז דער מענטש איז אַ פאַרבינדונג פון צוויי זאַכן, נעמלעך, פונם „שטויב פון דער ערד” און דעם „אָטעם פון לעבן”. די פאַרבינדונג פון די צוויי זאַכן (אָדער עלעמענטן) האָט באַשאַפן אַ לעבעדיקן נפש אָדער נפש חיה וואָס ווערט אָנגערופן מענטש. אויב דער לעזער האָט אַ תנ״ך, קען ער אויפזוכן בראשית א:20, 30 און באַמערקן, אַז די פיש, פייגל און חיות זיינען דאָ אַריין אין דער קלאַס פון „לעבעדיקע נפשות”. דער פרינציפ פונם תנ״ך, אַז מענטשן און חיות זיינען נפשות [נשמות], איז אויך צו זען אינם באַריכט אין במדבר לא:28, וו עס זאָגט זיך: „און זאָלסט אָפּשיידן אַן אָפּגאָב צו גאָט פון די מלחמה־לייט וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין חיל: איין שטיק [נפש] פון פינף הונדערט, פון די מענטשן און פון די רינדער, און פון די אייזלען, און פון די שאָף.”

[6] מיר זעען, בכן: די באַהויפטונג פון די רעליגיעזע פירער, אַז דער מענטש האָט אַן אומשטערבלעכע נשמה, און איז דער־פאַר אַנדערש פון דער חיה, איז ניט אין הסכם מיט די כתבי־הקודש. דער תנ״ך באַוויזט, אַז אי דער מענטש אי די חיה זיינען נשמות, און אַז דער פאָרצוג פונם מענטשן איז נאָר צו פאַרדאַנקען וואָס דער מענטש איז אַ העכערע פאָרמע פון אַ באַ־שעפעניש און האָט לכתחילה געקראָגן די הערשאַפט איבער די נידעריקערע פאָרמען פון די בעלי־חיים. (קהלת ג:18—21) דער ערשטער מענטש, אָדם, איז באַשאַפן געוואָרן אַ לעבעדיקער נפש (קאָרינטער א, טו: 45), און אינערגעץ ווערט ניט געזאָגט, אַז ער האָט באַקומען אַן אומשטערבלעכע נשמה.

---

5. (א) ווי באַשרייבן די כתבי־הקודש דעם מענטשן, אַזוי ווי ער איז לכתחילה באַשאַפן געוואָרן? (ב) וואָס איז אַ נפש? איז דער מענטש די איינציקע באַשעפעניש וואָס איז אַ נפש?
6. צי האָט דער מענטש אַן אומשטערבלעכע נשמה?

[7] עס פּאַסט זיך דאָ אויסצופֿאָרשן ווײַטער די דאָזיקע טעמע וועגן דער נשמה. אין דער יהוֹאָש ווערסיע פֿון דער בּיבּל ווערט דאָס וואָרט זעל, נפש, באַשעפעניש, באַנוּצט אויף איבּערזעצן דאָס העבּרעישע וואָרט נפש און דאָס גריכישע וואָרט פּסוּכע. דאָס וואָרט נפש חזרט זיך איבּער 745 מאָל אין די העבּרעישע כּתבי־הקודש, און דאָס וואָרט פּסוּכע ווערט געבּרויכט 105 מאָל אין די גריכישע שריפֿטן. באַנוּצנדיק זיך מיט אַן אַנאַליטישער קאָנקאָרדאַנץ, ווי יוּנגס [ענגליש], קען מע אויפֿזוּכן יעדן פֿאַל ווּ די צוויי אָריגינעלע ווערטער דערשײַנען. אין סך־הכּל פֿון אַזאַ מין גענויער אויספֿאָרשוּנג וועט מע ניט אויסגעפֿינען קיין איין שטעל ווּ דאָס וואָרט נפש (נשמה) און פּסוּכע (נשמה) זאָל זײַן פֿאַרבּוּנדן אָדער אין שייכוּת מיט אַזאַ וואָרט ווי אוּמשטערבּלעך, אייבּיק־דויערנדיק, באַשטענדיק, אָדער טויטלאָז. ניטאָ קיין איין שטעל אינם תּנ"ך וואָס זאָל באַהויפּטן, אַז די מענטשלעכע נשמה איז יאָ אוּמשטערבּלעך. לאָמיר זשע זיך האַלטן בּײַ די פֿאַקטן פֿון גאָטס וואָרט, און ניט בּײַ די פֿילאָזאָפֿיען פֿון די רעליגיעז־געשטימטע מענטשן.

[8] די אוּרשפּרינגלעכע ווערטער נפש און פּסוּכע ווערן אין דער יהוֹאָש ווערסיע פֿוּנם תּנ"ך איבּערגעזעצט דוּרך אַ צאָל אַנדערע פֿאַרשיידענע יידישע ווערטער. אַזוי ווי די אַלע אוּרשפּרינגלעכע ווערטער שליסן איין אין זייער פֿאַרנעם די פֿאַרשיידענע פֿעיקייטן, פֿוּנקציעס און מעגלעכקייטן פֿון דער מענטשבאַשעפעניש, איז עס נויטיק צוּ באַנוּצן פֿאַרשיידענע יידישע ווערטער, כּדי איבּערצוּגעבּן דעם אַנטשפּרעכנדיקן געדאַנק אויף דער יידישער שפּראַך. אַזוי אַרוּם ווערן פֿון צייט־צוּ־צייט אוּרשפּרינגלעכע ווערטער איבּערגעזעצט אויף יידיש מיט דער הילף פֿון אַזעלכע ווערטער ווי „לעבּן", „לײַבּ", „האַרץ" און אַ סך אַנדערע.

---

7. (א) וועלכע אוּרשפּרינגלעכע ווערטער אויף העבּרעיש און גריכיש ווערן איבּערגעזעצט „נפש"? (בּ) וויפֿיל מאָל חזרן זיך איבּער די דאָזיקע אוּרשפּרינגלעכע ווערטער אין דער בּיבּל, און ווי אַזוי קען מע זיי געפֿינען אין יעדן פֿאַל?

8. וועלכע מאַנכע אַנדערע ווערטער ווערן גענוּצט צוּם איבּערזעצן אויף יידיש נפש און פּסוּכע?

די נשמה איז שטערבלעך

[9] דער פאַקט, אַז די מענטשלעכע נשמה איז שטערבלעך, קען דערוויזן ווערן דורך אַ זאָרגפולער שטודיע פון די כּתבי־הקודש. אַן אומשטערבלעכע נשמה וואָלט ניט געקאָנט שטאַרבן, אָבער גאָטס וואָרט זאָגט אַזוי אין יחזקאל יח:4: „זעט, אַלע נפשות זיינען מיינע, דער נפש פון דעם פאָטער אַזוי ווי דער נפש פון דעם זון איז מיינער; דער נפש וואָס זינדיקט, ער זאָל שטאַרבן.”

[10] אין די העברעישע כּתבי־הקודש זיינען פאַראַן פיר־און־פופציק שטעלן וווּ דאָס וואָרט נפש (נשמה) ווערט באַנוצט אויף צו באַצייכענען דעם מענטש, און זיי ווייזן אונז, אַז דער נפש [נשמה] קען יאָ ווערן פאַרוויסט אָדער געטויט. אַ ביישפּיל פון דעם איז אין יהושע י:28—39. איר וועט דאָרט געפינען זיבן ביישפּילן, ווו עס רעדט זיך, אַז דער נפש [נשמה] איז געוואָרן געהרגעט, פאַרוויסט, אָדער אויסגעראָט.

[11] עס איז אַן אָנערקענטער פאַקט, אַז יעדער לעבעדיקע פלייש־לעכע באַשעפעניש האָט לעבעדיק בלוט פליסן דורך זיין קערפּער. דער נביא ירמיה האָט אַזוי געזאָגט וועגן יענע וועלכע האָבן אין זיין צייט געהאַט בלוטשולד אויף זיך: „אין דיינע ברעגן געפינט זיך אויך בלוט פון נפשות פון אומשולדיקע אָרעמע—ניט ביי אַן איינברעכונג האָסטו זיי געפונען; אָבער ביי אַלעם דעם.” (ירמיה ב:34) דאָס באַווייזט קלאָר, אַז דאָס וואָרט „נפשות” [נשמות] ווערט באַנוצט ווי אַ סינאָנים פאַר באַשעפענישן. אין תּנ״ך זיינען דאָ אַ סך ענלעכע ביישפּילן.

[12] אין די העברעישע כּתבי־הקודש זיינען דאָ 243 שטעלן וווּ דאָס וואָרט נפש ווערט באַנוצט אויף צו באַצייכענען דעם מענטשן ווי ער איז שטערבלעך, און אונטערוואָרפן צו פאַר־

---

9. וואָס דערווייזן די כּתבי־הקודש בנוגע נפשות?
10. (א) קען אַ נפש [נשמה] דערהרגעט ווערן? (ב) גיב אַ ביי־שפּיל פון די כּתבי־הקודש.
11. צי האָבן נשמות בלוט?
12. וויפיל מאָל ווערט נפש באַנוצט פאַר אַ מענטש, באַווייזנדיק, אַז ער איז אַ שטערבלעך נפש [נשמה]?

שידענע מינים טויט, פון וועלכע מע קען זיך ראַטעווען און באַ־
פרייען און פאַרלענגערן דאָס לעבן. איינער אַזאַ ביישפּיל איז אין תהלים כב:21, 30: „זיי מציל פון שווערד מיין זעל, פון דער מאַכט פון הונט מיין איינאיינציקע [ד. ה. מיין זעל]. עסן אַלע פעטסן פון לאַנד, און זיך בוקן, קניען פאַר אים, וועלן אַלע וואָס האָבן אין שטויב גענידערט, און זייער זעל ניט דערהאַלטן געקענט." אין די גריכישע כּתבי־הקודש ווערט דאָס וואָרט פּסוכע באַנוצט אויף אַן ענלעכן אופן.

[13] דאָס דריי־און־פופציקסטע קאַפּיטל פון ישעיה, וואָס אַנט־
האַלט די נבואה וועגן די ליידן פון משיח (אָדער קריסטוס), גיט עטלעכע זייער פיינע ביישפּילן ווי אַזוי דאָס וואָרט „נשמה" ווערט באַנוצט אין דער ביבל. מיר געפינען עס אין ישעיה נג: 10־12: „אָבער גאָט האָט אים געוואָלט צעדריקן מיט קראַנק־שאַפט, צו זען אויב זיין זעל [נפשו] וועט זיך מאַכן פאַר אַ קרבן; כּדי ער זאָל זען זאָמען, דערלענגערן זיינע טעג, און דער רצון פון גאָט דורך זיין האַנט זאָל געלינגען. מאַטערניש פון זיין זעל וועט ער זיך אָנזען צו זאַט; מיט זיין דערקענונג וועט מיין קנעכט דער גערעכטער גערעכט מאַכן פיל, און זייערע זינד וועט ער טראָגן, דרום וועל איך אים איינטיילן צווישן די גרויסע, און מיט מאַכטיקע וועט ער טיילן רויב; דערפאַר וואָס ער האָט אַנטבלויזט צום טויט זיין זעל [הערה למות נפשו] און איז מיט פאַרברעכער געציילט געוואָרן, בעת דעם חטא פון פיל האָט ער געטראָגן, און פלעגט פאַר פאַרברעכער זיך איינשטעלן." די דאָזיקע לערע וועגן אויסלייז דערווייזט, אַז דאָס איז געווען די נשמה (אָדם), וואָס האָט געזינדיקט, און כּדי אויסצוקויפן דעם דאָזיקן מענטשן האָט אַן אַנטשפּרעכנדע נשמה (מענטש) געמוזט געבערענגט ווערן פאַר אַ קרבן. דער אויסלייז־פרייז פאַרן מענטש איז באַזאָרגט געוואָרן, ווען דער משיח האָט „אויסגעגאָסן זיין נשמה ביזן טויט". פון אָט די פּסוקים זעט מע קלאָר, אַז אַפילו דער בן־אָדם, ישוע־המשיח, איז געווען שטערבלעך. ער האָט ניט געהאַט קיין אומשטערבלעכע נשמה: ישוע, די מענטשלעכע נשמה, איז געשטאָרבן.

---

13. וואָס דערווייזט די נבואה פון ישעיה נג:10־12 בנוגע דעם ענין נפש [נשמה]?

[14] אין די גריכישע כּתבי־הקודש איז דאָ א ביישפּיל ווו דאָס וואָרט „נשמה" ווערט באַוויזנדיק באַנוצט אלס דער עקוויוואַלענט פון אַלע רעכטן צו דעם לעבן. אין מתּיא י:28: „און האָט נישט קיין מורא פאַר די ,וואָס טייטן דעם גוף, קאָנען אָבער נישט טייטן די נשמה; נייערט האָט ליבערשט מורא פאַר אים, וואָס קאָן אומברענגען אי נשמה, אי גוף אין גיהנום." דער תּמצית פון אָט דער שטעלע איז, מיר זאָלן מורא האָבן פאַר גאָט, ווייל ער קען אומברענגען ניט נאָר דעם גוף (דאָס איצטיקע לעבן), נאָר אויך דאָס קומענדיקע לעבן. דאָס אומ־ברענגען איז גיהנום, וועגן וועלכן עס רעדט זיך דאָ, מיינט יענעם טויט פון וועלכן עס איז ניטאָ קיין שום תּחית־המתים פאַר א צוקונפטיקן לעבן אלס א נשמה.

אומשטערבלעכקייט

[15] איצט, נאָך דעם ווי מיר האָבן אויסגעפאָרשט די כּתבי־הקודש בנוגע דעם ענין נשמה, איז עס פּאַסיק צו זען וואָס לערנט אונז גאָטס וואָרט אין פּרט פון אומשטערבלעך און אומ־שטערבלעכקייט. עס איז קלאָר דערוויזן, אז דער מענטש (די נשמה) איז שטערבלעך און אונטערגעוואָרפן צום טויט. איצט שטעלט זיך די פראַגע, ווער זשע באַזיצט יאָ אומשטערבלעכקייט? און צי איז עס אויך געטיילט מיט אַנדערע? די ווערטער „אומשטערבלעך" און „אומשטערבלעכקייט" טרעפן זיך זעקס מאָל אין דער דר. איינשפּרוך ווערסיע פון דעם תּנ"ך. לאָמיר זשע, בכן, באַטראַכטן יעדן פאַל באַזונדער.

[16] דער אַפּאָסטאָל פּאָולוס מאַכט צוויי דערקלערונגען בנוגע דעם, אז גאָט באַזיצט אומשטערבלעכקייט. איינע געפינען מיר אין טימאָטעאוס א, א:17, און מיר לייענען: „און דעם אייביקן

---

14. ווי אזוי ווערט דאָס וואָרט „נשמה" באַנוצט אין מתּיא י:28?
15. וויפיל מאָל טרעפן זיך אין תּנ"ך די ווערטער „אומשטערב־לעך" און „אומשטערבלעכקייט"?
16. ווער איז דער איינציקער אומשטערבלעכער, דער איינער וואָס באַזיצט אומשטערבלעכקייט?

מלך, דעם אומשטערבלעכן, אומזעבאַרן, דעם אײנציקן גאָט, זאָל זײַן כּבֿוד און הערלעכקײט אויף אײביק און אײביק, אָמן."
די צװײטע געפינט זיך אין טימאָטעאוס א, ו:16, װוּ ער שטעלט פעסט: „װאָס האָט אַלײן אומשטערבלעכקײט, װױנענדיק אין ליכט װאָס מען קאָן דערצוּ נישט צוקומען, װעמען קײן מענטש האָט נישט געזען און קאָן נישט זען; אים געהערט כּבֿוד און אײביקע מאַכט. אָמן." פון די אויבן געבראַכטע פּסוקים איז קלאָר, אַז נאָר יהוה גאָט גופא, איז דער אײנציקער װאָס איז שטענדיק געװען אומשטערבלעך און באַזיצט אויף אַן אמת די אומשטערבלעכקײט.

[17] אומשטערבלעכקײט—אָנגעבאָטן פּאַרױס,—דאָס איז װאָס אמתע קריסטן דאַרפן זיך באַמיען צו געװינען. אין רױמער ב:7 װערט געזאָגט: „פאַר די, װאָס דורך געדולד און מעשים־טובים באַגערן הערלעכקײט און כּבֿוד און אומפאַרדאַרבלעכקײט [אומשטערבלעכקײט], אײביק לעבן."

[18] װען פּאַולוס רעדט װעגן דער קירך פון טרײַע קריסטן װאָס זײַנען פאַררעכנט אַלס װערטע צו האָבן אַ חלק אין דעם ערשטן תּחית־המתים, זאָגט ער אַזױ: „װאָרום דאָסדאָזיקע פאַרדערבלעכע מוז זיך אָנטאָן אומפאַרדאַרבלעכקײט, און דאָסדאָזיקע שטערבלעכע מוז זיך אָנטאָן אומשטערבלעכקײט. בעת אָבער דאָסדאָזיקע פאַרדערבלעכע װעט זיך האָבן אָנגעטון אומפאַרדאַרבלעכקײט, און דאָסדאָזיקע שטערבלעכע װעט זיך האָבן אָנגעטון אומשטערבלעכקײט, דעמאָלט װעט מקוים װערן דאָס װאָרט, װאָס שטײט געשריבן: דער טױט איז פאַרשלונגען געװאָרן אין נצחון [טריומף]!" (קאָרינטער א, טו:53, 54) די מיטגלידער פון דער קירך דערגרײכן ניט, בכן, זײער אומשטערבלעכקײט ביז עס קומט ניט זײער תּחית־המתים.

[19] אומשטערבלעכקײט װערט דערמאָנט דאָס לעצטע מאָל אין דער ביבל אין טימאָטעאוס ב, א:10, װוּ עס איז פעסטגע־

17. צי באַזיצן די געטרײַע קריסטן אומשטערבלעכקײט?
18. װאָס דערגרײכן יענע, װאָס נעמען אָנטײל אינם ערשטן תּחית־המתים?
19. װען איז געבראַכט געװאָרן צום ליכט די געלעגנהײט צו דערגרײכן אומשטערבלעכקײט?

שטעלט: „איז אָבער איצט נתגלה [אַנטפּלעקט] געוואָרן דורך דער דערשיינונג פֿון אונזער גואל ישוע־המשיח, וואָס האָט אָפּגעשאַפֿט דעם טויט, און האָט געבראַכט לעבן און אומ־שטערבלעכקייט צום ליכט דורך דער בשׂורה." אין דער קאַטוי־לישער דואַי־ווערסיע ביבל חזרט זיך איבער די ווערטער „אומ־שטערבלעך" און „אומשטערבלעכקייט" צוועלף מאָל; דאָס איז דערפֿאַר, ווייל די דואַי ווערסיע אַנטהאַלט אויך די אַפּאָקריפֿישע [גנוזים] געפֿעלשטע ביכער, ווי חכמות שלמה אָדער עקלעזי־אַסטיקוס. עקלעזיאַסטיקוס יז:29 זאָגט אַזוי: „דער בן־אָדם איז ניט אומשטערבלעך." אָבער מיר האַלטן פֿאַר גלייכער זיך צו שטיצן אויף די עדות פֿון די אָנגענומענע אינספּירירטע אַפּאָס־טאָלישע שריפֿטן פֿון דער הייליקער ביבל, איידער זיך צו פֿאַר־לאָזן אויף די אַפּאָקריפֿישע ספֿרים געשריבן פֿאַר דער „דער־שיינונג פֿון אונזער גואל ישוע־המשיח".

20 די כּתבי־הקודש ווייזן אויף באַשטימט, אַז אומשטערב־לעכקייט האָט לכתּחילה געהערט צו יהוהן גאָט אַליין. שפּעטער האָט ישוע־המשיח דערגרייכט אומשטערבלעכקייט ווי אַ באַלוי־נונג פֿאַר זיין געטרייען דרך פֿון טאַט; אומשטערבלעכקייט ווערט אויך געשאָנקען אַלס שׂכר פֿאַר די, וואָס געהערן צו דער אמתער קירך אָדער צו דעם „משיחס קערפּער". אומשטערבלעכקייט איז אַ באַלוינונג פֿאַר אמתע טרייקייט; מענטשן ווערן ניט געבוירן אויטאָמאַטיש מיט אומשטערבלעכקייט.

21 אַזוי ווי דער מענטש איז אַ זינדיקער און אַ שטערבלעכער, דעריבער איז זיין ענדגילטיקער גורל—טויט. גאָט האָט געגעבן דעם פֿולקאָמען אָדם אַזאַ באַפֿעל: „אָבער פֿון דעם בוים פֿון וויסן גוטס און שלעכטס, פֿון אים זאָלסטו ניט עסן, וואָרום אין דעם טאָג וואָס דו עסט פֿון אים, וועסטו זיכער שטאַרבן." (בראשית ב:17) אָדם האָט ניט געפֿאָלגט דעם דאָזיקן באַפֿעל פֿון גאָט, און ער האָט געבראַכט די קללה פֿון טויט אויף זיך

---

20. מאַך אַ סך־הכּל, וואָס דער תּנ"ך לערנט אונז בנוגע אומ־שטערבלעכקייט.

21. (א) וואָס איז דעם מענטשנס ענדגילטיקער גורל? (ב) ווער האָט דער ערשטער געשאַפֿן די לערע וועגן מענטשנס איינגעבוי־רענער אומשטערבלעכקייט, און ווי אַזוי איז די לערע אויס־גענוצט געוואָרן?

און אויף זיינע קינדער. וואָלט ניט דער פֿולקאָמער אָדם געזינ־דיקט, וואָלט עס מעגלעך געווען פאַר אים,—הגם שטערבלעך— צו לעבן דאָ אויף דער ערד אויף אייביק און צו שענקען לעבן צו זיינע קינדער. עס איז כּדי דאָ צו באַמערקן, אַז גאָט האָט גערעדט אויף אַן אויסדריקלעכן אופן בנוגע דעם טויט־אורטייל. ער האָט געזאָגט: „דו וועסט זיכער שטאַרבן [מות תמות]". קיין זאַך דייטעט דאָ ניט אָן, אַז גאָט האָט געמיינט, אַז דער זינדיקער אָדם וועט נאָר כּלומרשט שטאַרבן, אָבער, אַז זיין נשמה וועט ווייטער לעבן אויף אייביק. דער איינציקער פּסוק אין תנ"ך, וואָס באַהויפּט, אַז דער ווידערשפּעניקער מענטש וועט ניט שטאַרבן אויף זיכער, געפינט זיך אין בראשית ג:4: „האָט די שלאַנג געזאָגט צו דער פרוי: שטאַרבן וועט איר ניט שטאַרבן." אַזוי אַרום זעען מיר, אַז די שלאַנג (דער שׂטן) איז געווען דער, וואָס האָט געשאַפן די לערע וועגן דער נשמהס איינגעבוירענער אומשטערבלעכקייט. די דאָזיקע לערע איז דער הויפּט־מיטל וואָס דער טייוול האָט באַנוצט במשך יאָרהונדער־טער, כּדי אָפּצונאַרן מענטשן און האַלטן זיי אין קנעכטשאַפט צו רעליגיע. אמת, דאָס איז די גרונט־לערע פון יעדער רעליגיע.

22 דער תנ"ך זאָגט, אַז מענטשן און חיות שטאַרבן אויפן זעלבן אופן. קהלת ג:19, 20 שטעלט פעסט: „וואָרום דער טראַף [געשעעניש] פון די מענטשנקינדער איז דער טראַף [געשעע־ניש] פון דער בהמה; איין טראַף ביי זיי. ווי דער שטאַרבט, אַזוי שטאַרבט דער, און איין אָטעם ביי ביידן, און קיין מעלה פון מענטשן איבער דער בהמה איז ניטאָ, וואָרום אַלץ איז נישטי־קייט. ביידע קומען אַהין אין איין אָרט, ביידע זיינען פון שטויב, און ביידע קערן זיך אום צו שטויב."

23 רעדנדיק וועגן דעם מענטשנס טויט זאָגט אַזוי דער תהלים־שרייבער: „גייט אויס זיין אָטעם, קערט ער זיך אום צו זיין שטויב; אין יענעם טאָג גייען אונטער זיינע טראַכטונגען." (תהלים קמו:4) ער קומט אַריין אינם אומבאַוווּסטזיין.

24 די כּתבֿי־הקודש ווייזן אָן, בכן, אַז דער נאַטירלעכער גורל

---

22. שטאַרבט דער מענטש אַנדערש ווי די חיות?
23. וואָס געשעט מיטן מענטשן ווען ער שטאַרבט?
24. וואָס פאַרא האָפענונג גיבן די כּתבֿי־הקודש דעם מענטשן?

פונם זינדיקן מענטש איז דער טויט. אָבער די ביבל זאָגט אויך צו אַ שטראַל פון האָפענונג. אין רוימער ו:23 זאָגט זיך: „וואָרום דער שׂכר פון דער זינד איז טויט; אָבער די מתּנה פון גאָט איז אייביק לעבן אין ישוע־המשיח, אונדזער האר." אָט אין די ווערטער איז אונז געגעבן דער סך־הכּל פון דער אמתער האָפענונג. ווען אַ מענטש קערט זיך אום צו גאָט דורך ישוע־המשיח און זוכט עניוות און גערעכטיקייט, דאַן קען דער מענטש געווינען אייביק לעבן.—צפניה ב:3.

[25] דער אויספיר פונם תּנ"ך בנוגע דער פראַגע, וואָס איז דער מענטש?—איז איינפאַך און לאָגיש. ניטאָ דאָ קיין פוסטע פילאָזאָפישע לערעס פון מענטשן! און, דאָס וויכטיקסטע איז, אַז נאָר די כּתבֿי־הקודש גיבן אמתע האָפענונג פאַר יענע וואָס זוכן דעם האר און באַמיען זיך צו גיין אין זיינע וועגן.

25. צו וואָס פאַראַ אויספיר קומען מיר, ווען מיר באַטראַכטן די ענטפערס פון דער ביבל אויף אונזערע פראַגן?

קאפיטל 6

דער גיהנום, אן ארט פון רוען אין האפענונג

„וואס פארא שרעקלעכע און עקלהאפטע טעמע! כ'וויל ניט דיסקוטירן וועגן דעם. כ'האב נישט קיין שום פארלאנג צו הערן וועגן אט דעם שרעקן־פלאץ. מיר האבן גענוג גיהנום דא. זיי אזוי גוט, הייב ניט אן מיט אזא טעמע!" —אזוי האט אויסגעשריגן מיט עקל א פרוי, מיט וועלכער איינער פון יהוהס עדות האט געפירט א שמועס.

[2] קענט איר בלאמירן יענע פרוי פאר אויסדריקן זיך אויף אזא אופן? מיר, אוודאי ניט. דאס איז נאר נאטירלעך, און ניט נאר פאר איר, נאר אויך פאר אט אלע יענע וועלכע מע האט פון קינדוויז אן געלערנט צו גלייבן אין אט דער גאט־לעסטערנדיקער רעליגיעזער לערע וועגן דעם פלאמענדיקן גיהנום וואס איז באשטימט אויף צו פייניקן אייביק די באוווסטזיניקע מענטשלעכע נשמות. אזוי ווי אבער דו ביסט אן ערלעכע פערזאן, וואס איז באשאנקן געווארן דורך דיין גרויסן באשעפער מיט אן אינטעליגענטן און פארשנדן מוח, וועסטו יא וועלן וויסן, וואס אזוינס דער גיהנום איז. ווי אזוי זעט ער אויס? ווען, דורך וועמען און צוליב וואס פארא צוועק איז ער באשאפן אדער אנטדעקט געווארן? ווער פאלט אריין אהין און אויף ווי לאנג?

[3] די ערשטע פראגע וואס א פארשטענדלעכער און פארשנדיקער מענטש וועט שטעלן פאר זיך איז, פון וואנען נעמט זיך

1, 2. וואס איז די אלגעמיינע מיינונג וועגן גיהנום? און וואס פארא פראגן שטעלן זיך ביי א פארשנדיקן מוח?

3. פון וואנען נעמט זיך דאס יידישע ווארט גיהנום? און וווּ ליגט דער טעות פונם איבערזעצער?

דאָס יידישע וואָרט גיהנום? נאָר איין איינציק וואָרט פון די אַלטע העברעישע כּתבי־הקודש איז אין דער יהואָש ווערסיע איבערגעזעצט, און דאָס וואָרט איז שאול. אין די העברעישע כּתבי־הקודש טרעפט זיך דאָס וואָרט שאול 65 מאָל. ווען דו וואָלסט געדאַרפט איבערזעצן אַ בוך פון אַ פרעמדער שפּראַך אויף יידיש און דו וואָלסט געפונען דאָרט דאָס פרעמדע וואָרט פאַר ברויט 65 מאָל,—צי וואָלסטו איבערגעזעצט עס 31 מאָל ברויט, 31 מאָל פיש, און 3 מאָל פלייש? פאַרשטייט זיך, אַז ניט! פאַרוואָס? ווייל אויב דו וואָלסט אַזוי געטאָן, וואָלט די איבערזעצונג ניט געווען קיין ריכטיקע. ווייל דאָס וואָס איז ברויט, קען גלייכצייטיק ניט זיין פיש אָדער פלייש, און דאָס זעלבע פאַרקערט. פונקט דאָס זעלבע איז מיטן וואָרט שאול. אויב שאול איז דער קבר, איז דעמאָלט אוממעגלעך, אַז עס זאָל זיין אין דער זעלבער צייט אַן אָרט פון פלאַמיקער פייניקונג און גלייכצייטיג אַ גרוב.

⁴ נון, איר קענט פרעגן: פונוואַנען ווייסן מיר, אַז שאול מיינט אַ קבר און ניט אַ פּלאַץ פון פייניקונג? דער תּנ"ך, גאָטס וואָרט, פאַרטייטשט עס אונז אַזוי. אין בראשית לז:35 און מב:38 האָט יעקב, איינער פון די פּאַטריאַרכן און פון ישועס אָבות, באַוויינענדיק זיין זון יוסף, און דענקנדיק, אַז ער איז טויט, געזאָגט צו זיינע זין און טעכטער וועלכע זיינען געקומען אים טרייסטן: „אָן אבל [אין טרויער] וועל איך נידערן צו מיין זון אין קבר [שאולה].” און (שפּעטער) נאָכאַמאָל: „וועט איר מאַכן נידערן מיינע גראָע האָר מיט טרויער אין קבר [שאולה].” לאָמיר זשע זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווייַלע און זיך באַטראַכטן: האָט דען יעקב געגלויבט, אַז זיין זון יוסף איז אַוועק צו אַ פּלאַץ פון פיין און מאַטערנדיקע יסורים, כּדי צו פאַרברענגען דאָרט אַן אייביקייט? האָט ער טאַקע אַליין געוואָלט גיין אַהין און דאָרט זיך באַגעגענען מיט אים? אַדרבה, האָט ער ניט געטראַכט, אַז זיין געליבטער זון איז טויט און איז אין קבר, און ער האָט זיך אַליין געווונשן צו שטאַרבן? וואָלט ער געדאַרפט גיין אין אַזאַ היים און פלאַמיק פּלאַץ, וואָלטן

4. (א) פון וואַנען ווייסן מיר, אַז שאול מיינט קבר? גיב אַן אילוסטראַציע, וואָס שטיצט דעם אמתן ענטפער אויף דעם ענין.

זיינע גרויע האר גאר ניט לאנג אויסגעהאלטן. שטעל זיך דא אפ! דענק! באטראכט זיך! אויב א קאטוילישער, א פראטעס־טאנט, א ייד, צי פון אן אנדערע רעליגיע.

⁵ גייען די גוטע מענטשן אין גיהנום אריין? יא, אויב מיט גיהנום מיינט איר דעם שאול פון תנ״ך. װער װייסט עס ניט װעגן איובן אדער װער האט ניט געלייענט אין תנ״ך װעגן זיין געטריישאפט און לויטערקייט צו גאט? אין מיטן פון זיינע יסורים און אונטערן דרוק מצד דעם שטן און זיינע פלומרשטע פריינט האט איוב געזאגט אזא געבעט צו גאט: „װען דו װאלסט מיך אין אונטערערד [העברעיש—שאול] באהאלטן, מיך פאר־בארגן ביז דיין צארן װעט אפגיין, מיר שטעלן א צייט און זיך דערמאנען אן מיר!" (איוב יד:13) װאלט שאול געמיינט א פלאץ פון מאטערניש און פייער, װאלט איוב דארט גיין אהין און פארברענגען זיין צייט ביז גאט װעט זיך אן אים דערמאנען? די דאזיקע פראגע פאדערט פון אונז, אז מיר זאלן באנוצן אונזער שכל־הישר, איידער בלינדן גלויבן. עס איז קלאר, אז איובס װונטש איז געװען צו שטארבן און גיין אין קבר אריין, כדי זיינע יסורים זאלן אויפהערן.—תהלים קלט:8.

װוּ איז דער גיהנום

⁶ אבער װוּ געפינט זיך דער גיהנום?—קענט איר פרעגן. דער 7טער באנד פון דער קאטוילישער ענציקלאפעדיע דערק־לערט אונטערן װארט „העלל" [גיהנום]: „די הייליקע שריפט שיינט אנצוּװייזן, אז דער גיהנום געפינט זיך טיף אין דער ערד, װייל זי באשרייבט דעם גיהנום װי אן אפגרונט אין װעלכן די רעשים גייען אראפ. ..." לייען אבער װאס דער תנ״ך זאגט װוּ דער גיהנום געפינט זיך. װען יונה־הנביא איז איינגעשלונ־גען געװארן דורך א גרויסן פיש, כדי צו ראטעװען אים פון דערטרונקן צו װערן, האט ער מתפלל־געװען אין דעם פישס

5. (א) גייען די גוטע מענטשן אין גיהנום [שאול] אריין? (ב) װאס פארא ראיה דערצו האבן מיר אין דעם געטרייען איובס תפלה?

6. װוּ געפינט זיך דער גיהנום, לויט די לערעס פון דער רעליגיע? אבער װאס לערנט דער תנ״ך?

אינגעווייד מיט אַזעלכע ווערטער: „איך האָב גערופן פון מיין נויט צו גאָט, און ער האָט מיר געענטפערט; פון דעם בויך פון אונטערערד [שאול] האָב איך געשריען. האָסטו צוגעהערט מיין קול.” (יונה ב:2) ווו איז יונה געווען? אינם בויך פונם פיש וואָס גאָט האָט צוגעגרייט אויף איינצושלינגען אים. דער אָ ענגער פינצטערער אָרט וואָלט געוואָרן דעם נביאס קבר, ווען גאָט וואָלט ניט ,געהייסן דעם פיש, און ער האָט אַרויסגעשפּיגן יונהן אויף דער יבשה׳. ביז צו יענער צייט אָבער איז ער געווען אין שאול, אין זיין קבר אָדער טויטנגרוב; ער איז געווען אַזוי ווי טויט, אין שאול. פּשוט גערעדט, דער שאול געפינט זיך ניט אינם היציקן צענטער פון אונזער ערד, ווייל ער איז ניט טיפער ווי דער קבר.

⁷ און וואָס איז מכּח די זעלנער וועלכע שטאַרבן אין אַ בלוטיקער שלאַכט? צי גייען זיי אין גיהנום אַריין אָדער אין הימל? דעם ענטפער קענען מיר געפינען אינם ווייטערדיקן פּסוק: „און די געפאַלענע [אין דער שלאַכט] פון די אומבאַשניטענע וועלן ניט ליגן מיט די גבורים וואָס האָבן גענידערט אין אונטערערד [שאול] מיט זייערע כּלי־מלחמה, און זייערע שווערדן האָט מען געלייגט אונטער זייערע קעפּ; וואָרום זייערע זינד זיינען אויף זייער געביין, ווייל דער שרעק פון די גבורים איז געווען אין לאַנד פון די לעבעדיקע.” (יחזקאל לב:27) דאָ זאָגט דער נביא בפירוש, אַז די זעלנער וואָס שטאַרבן אין דער מלחמה ווערן אַריינגעשליידערט אין שאול אַריין אָדער אין קבר, און ניט נאָר זיי נאָר אויך זייער כּלי־מלחמה ווערט אַריינגעלעגט מיט זיי אין גיהנום אונטער זייערע קעפּ. און ווייטער: „אַז זיי וועלן זיך פאַרגראָבן אין אונטערערד [בשאול], וועט זיי פון דאָרטן אַרויסנעמען מיין האַנט.” (עמוס ט:2) ווי אַזוי קענען מענטשן זיך איינגראָבן אין גיהנום, אויב דאָס איז אַן אָרט פון בוכשטעבלעכן פייער און שוועבל אין דעם אינגעווייד פון דער ערד? ס׳איז אַזוי קלאָר, אַז דער גיהנום [שאול] פון

---

7. (א) ווּהין גייען די זעלנער וואָס שטאַרבן אין שלאַכט—צי אין גיהנום אַריין, צי אין הימל, צי ערגעץ אַנדערש? (ב) איז עס מעגלעך פאַר מענטשן צו פאַרגראָבן זיך אין גיהנום?

תנ"ך מיינט טויטנגרוב, קבר, אַז אַפילו אַן ערלעך קליין קינד קען עס פאַרשטיין, נאָר ניט די רעליגיעזע טעאָלאָגן.

[8] אין במדבר טז:32, 33, שטייט געשריבן וועגן יענע וואָס האָבן רעבעלירט קעגן משהן, אַז די ערד „האָט געעפנט איר מויל, און האָט איינגעשלונגען זיי, און ... זיי און אַלץ וואָס איז זייערס האָבן אַראָפּגענידערט לעבעדיקערהייט אין אונטער־ערד [שאולה]". דאָ האָבן מיר אַ פאַל, ווו שאול איז איבערגע־זעצט „אונטערערד", און עס מיינט דעם קבר, אין וועלכן די ערדציטערניש האָט איינגעשלונגען די רעבעלן.

דאָס אַרויסקומען פון גיהנום

[9] צי איז דאָ אַ פאַל אין די כתבי־הקודש, אַז אַ מענטש וואָס איז געהאַט אַוועק אין גיהנום אַריין, זאָל ווערן צוריק באַפרייט פון דאָרט? יאָ: יונה איז געווען אַזעלכער. אָבער די ביבל גיט אונז אַן אַנדער ביישפּיל, דאָס איז געווען ישוע. ער איז אַוועק אין גיהנום [שאול] אַריין איז פאַרבליבן דאָרטן במשך פון דריי טעג, און דעמאָלט מיטן כּוח פונם אַלמעכטיקן גאָט איז ער אויפגעשטאַנען תחית־המתים. הער, וואָס דער אַפּאָסטאָל פּעט־רוס דערקלערט וועגן דעם מאַרטירער ישוע־המשיח. פאַררופנדיק זיך אויף תהלים טז:10, האָט ער געזאָגט: „ער וועט נישט געלאָזן ווערן אין שאול, אויך וועט זיין פלייש נישט זען קיין פאַרדאַרבונג. דעמדאָזיקן ישוע האָט גאָט אויפגעוועקט און מיר אַלע זיינען עדות דערפון." (מעשים ב:31, 32) דאָס העברעישע וואָרט אין תהלים טז:10, איבערזעצט „אונטערערד" איז:— שאול; אָבער אינם גריכישן טעקסט איז עס האַדעס. אַזוי אַרום זען מיר, אַז האַדעס איז דער גריכישער עקוויוואַלענט פון שאול. דאָס אורשפּרינגלעכע וואָרט באַדייט אין ביידע שפּראַכן קבר, אַ צושטאַנד אין וועלכן מע קען גאָרניט זען; דאָס איז טאַקע דאָס אָרט וואוהין דער בן־אלהים איז אַוועק אויף דריי טעג.

---

8. קען אַ מענטש, ווען ער גייט אַראָפּ אין גיהנום [שאול] פון דעם תנ"ך, מיטנעמען מיט זיך זיינע זאַכן?

9. איז פאַראַן אין די כתבי־הקודש אַ ביישפּיל פון אַ מענטשן, אַראָפּגענידערט זיך אין גיהנום אַריין און געוואָרן באַפרייט פון דאָרטן? וואָס איז דער עקוויוואַלענט אין די גריכישע שריפטן פון דעם העברעישן וואָרט שאול?

10 אָבער צי דערציילט זיך דען ניט, אַז שׂטן דער טייוול געפינט זיך מיט זיינע טייוולאָנים אין גיהנום, און אַז זיי האַלטן דאָרט אונטער די פייערן און מאַכן עס זייער שווער פאַר די וועלכע געפינען זיך דאָרט? יאָ, אַזוי לערנען די רעליגיעזע פירער; אָבער איר וועט שטאַרק איבערראַשט ווערן, ווען איר וועט זיך דערוויסן, אַז דער שׂטן איז גאָר קיינמאָל ניט געווען אין אָט דעם מין אָרט. דעם שׂטנס קנעכט, דער מלך פון בבל, איז אַוועק אין גיהנום אַריין, דאָס איז דער גיהנום [שאול] פון תנ"ך. ווען ישעיה־הנביא האָט גערעדט צו דעם אומגעטרייען לוציפר אָדער שׂטן דער טייוול אינם געשטאַלט פונם „מלך פון בבל", האָט ער געזאָגט: „די אונטערערד [שאול] פון אונטן ציטערט אויף צוליב דיר, אַנטקעגן דיין קומען; זי וועקט די טויטע צוליב דיר, אַלע פירער פון דער ערד; זי מאַכט אויפשטיין פון זייערע טראָנען אַלע מלכים פון די פעלקער." (ישעיה יד:9) וואָלט דער שׂטן דאָרט שטענדיק זיך געפונען, טאָ ווי אַזוי זשע וואָלט דער גיהנום געקאָנט אויפציטערן, כדי אים ערשט צו באַגעגענען? און ווייטער, אין פסוק 15 ווערט וועגן אים נביאיש געזאָגט: אָבער אין אונטערערד [אל שאול] וועסטו געגידערט ווערן, אין די עקן פון גרוב." ס'איז, בכן, קלאָר, אַז דער שׂטן וועט אַהין אַריינפאַלן צום ערשטן מאָל בעת דער שלאַכט פון הר־מגדון, כדי צו באַגעגענען די טויטע, און שאול אַנטשפּרעכט דאָ דעם תהום [אָפּגרונט] אין וועלכן ער איז פאַרשלאָסן אויף טויזנט יאָר.—התגלות כ:1—3, 7.

11 אַ סך רעליגיעזע סעקטעס גליובן, אַז פאַר די, וואָס האָבן געהאַט דעם אומגליק אַריינצופאַלן אין גיהנום אַריין, איז ניטאָ קיין שום האָפענונג, אַז זיי זאָלן ווען עס איז אַרויס פון דאָרטן. אָבער די שריפטן לערנען אַנדערש; אין התגלות כ:13, 14, לייענען מיר: „און דער טויט און דער שאול האָבן אַרויסגעגעבן די טויטע וואָס זענען געווען אין זיי. און איטלעכער מענטש

---

10. איז'ס אמת, אַז דער שׂטן האָט זיך געפונען שטענדיק אין גיהנום און האַלט אונטער די פייערן? און וואָס שטעלט פעסט וועגן אים די נבואה פון ישעיה?

11. (א) וועט דער גיהנום [שאול] דויערן אייביק? (ב) וואָס זשע דען, איז „דער טייך פון פייער", לויט דער דערקלערונג פון דער ביבל גופא?

איז געמשפּט געוואָרן לויט זיינע מעשׂים נאָך." דאָ ווערט פעסט־געשטעלט, אַז דער ,שאול האָט אַרויסגעגעבן די טויטע וואָס זיינען געווען אין אים', און אַז יענע טויטע זיינען געמשפּט געוואָרן לויט זייערע מעשׂים. נו, איצט לאָזט זיך באַשליסן, ווער עס איז גערעכט: צי גאָט, צי די גייסטלעכע? אינם 14טן פּסוק ווידער ווערט דערקלערט: „און דער טויט און דער שאול [האַדעס] זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם טייך פון פייער. דאָס איז דער צווייטער טויט." דאָס איז אַ הויך־סימבאָלישע שפּראַך: טויט און שאול זיינען צושטענדן, און שכלדיק זיי קענען ניט אַריינגעוואָרפן ווערן אין אַ בוכשטעבלעכן „טייך פון פייער". דער טויט אַליין, זאָגט פאָולוס, וועט צעשטערט ווערן. „דער טויט איז פאַרשלונגען געוואָרן אין נצחון [זיג]." (קאָרינטער א, טו:54, 55) קיינער וואָלט ניט בכולת־געווען צו פאַרשטיין די סימבאָלישע שפּראַך, ווען דער תנ"ך גופא וואָלט אונז ניט געגעבן די אויסטייטשונג, זאָגנדיק: „דאָס", ד"ה דער טייך פון פייער, „איז דער צווייטער טויט"; און פונם דאָזיקן צושטאַנד איז ניטאָ קיין צוריקקומען אָדער תחית־המתים. און דעמאָלט ווערט צוגעגעבן אַזאַ פריילעכע דערקלערונג אין פּסוק 10: דער שׂטן גופא ווערט „אַריינגעוואָרפן אין דעם טייך פון פייער און שוועבל", וועלכער איז, לויטן תנ"ך, „דער צווייטער טויט". און פונם דאָזיקן צושטאַנד וועט שוין דער שׂטן קיינמאָל ניט אַרויס אויף צו באַלעסטיקן די אונטערטאַנען פונם מלך פון דער נייער וועלט. דעם שׂטנס ,פּיין' אינם „טייך פון פייער" באַדייט, אַז ער וועט פאַרבלייבן אינם „צווייטן טויט" אויף אייביק.

גיהנום

[12] ווי אַזוי זשע וועט איר דערקלערן—וועלן אייניקע פרעגן,—ישועס רייד אין מאַרקוס ט:47, 48?, ווו עס רעדט זיך אַזוי: „און אויב דיין אויג מאַכט דיך שטרויכלען, רייס עס אַרויס; עס איז בעסער פאַר דיר אַריינצוקומען אין מלכות פון גאָט מיט

12. אויף וואָס פאַרא פּסוק שטיצן זיך די גיהנום־פייער שרייערס ווען זיי פרוּוון באַווייזן אומזיסט, אַז גיהנום איז אַ פּלאַץ פון פייניקונג?

אין אויג, איידער מיט בּיידע אויגן אַרײַנגעוואָרפֿן צוּ ווערן אין גיהנום, ווּ זייער וואָרעם שטאַרבּט נישט, אוּן זייער פֿייער ווערט נישט פֿאַרלאָשן." די וואָס שרײַען שטאַרק וועגן גיהנום־פֿייער, שטיצן זיך אויף אָט דעם טעקסט אוּן זיי בּאַמיען זיך צוּ דערווײַזן, אַז עס איז יאָ פֿאַראַן אַן אָרט פֿוּן מאַטערניש ווּ די רשעים לײַדן פּײַן אוּן יסוּרים בּײַם פֿוּלן בּאַוווּסטזײַן. אָבער בּײַ אַ גענויער אוּנטערזוּכוּנג פֿוּן דעם טעקסט מאַכט קלאָר, אַז דאָס וואָס איז אוּמשטערבּלעך איז נאָר ניט די מענטשישע בּריאה, נאָר די ווערים. אַזוי אַרוּם בּאַקוּמט זיך לויט זייער טעאָריע, אַז די ווערים זײַנען אוּמשטערבּלעך; אוּן דאָס איז אינגאַנצן ניט אין גײַסט פֿוּן תּנ"ך אוּן ניט פֿאַרנוּנפֿטיק. ישוּע האָט גאָרניט ניט געזאָגט וועגן דעם, אַז בּאַשעפֿענישן זאָלן בּײַ זייער פֿוּלן בּאַוווּסטזײַן טראָגן די לײַדן אין יענעם פֿײַער.

[13] וואָס זשע האָט ישוּע יאָ געמיינט? דער בּאַדײַט פֿוּן ישוּעס רייד איז, אַז ס'איז בּעסער פֿאַר אַ מענטשן בּאַרויבּט צוּ ווערן פֿוּן עפּעס וואָס איז אים אַזוי טײַער ווי אַן אויג, אַ האַנט אָדער אַ פֿוּס, איידער אײַנצוּהאַלטן עס אוּן אוּמקוּמען אין גיהנום. דאָ בּאַנוּצט ניט דער גריכישער טעקסט דאָס וואָרט האַדעס, נאָר דאָס וואָרט געהעננאַ, אוּן דאָס ווערט פֿאַלש איבּער־געזעצט „פֿײַער פֿוּן גיהנום"; אָבער לויט די העבּרעישע כּתבֿי־הקודש האָט דאָס אַ שײַכוּת צוּם „טאָל פֿוּן הינום". דער דאָזיקער טאָל איז געלעגן פֿוּן יענער זײַט פֿוּן די דרוּמדיקע אוּן מערבֿ־דיקע מויערן פֿוּן ירוּשלים, אוּן מע האָט אים בּאַנוּצט פֿאַר אַ פּלאַץ צוּם פֿאַרבּרענען: די ײִדן פֿלעגן דאָ אַרײַנוואַרפֿן דעם אָפּפֿאַל אוּן מיסט פֿוּן דער שטאָט, אוּן אויך די טויטע קערפּערס פֿוּן חיות אוּן פֿוּן נידעריקע פֿאַרבּרעכערס, אוּם צוּ פֿאַרניכטן דוּרך פֿאַרבּרענען. קיינע לעבּעדיקע נפֿשות האָט מע ניט אַרײַנ־געוואָרפֿן, ווײַל דאָס איז געווען קעגן ײִדישן געזעץ. די דאָזיקע פֿײַערן פֿלעגן אוּנטערגעהאַלטן ווערן אוּמויפֿהערלעך, אוּן כּדי צוּ פֿאַרגרעסערן זייער קראַפֿט, פֿלעגן די ײִדן צוּגעבּן שוועבּל. אוּן צוּליבּ דעם איז געהעננאַ אָדער דער טאָל פֿוּן הינום געוואָרן

---

13. (א) וואָס זשע איז דער מיין פֿוּן ישוּעס רייד אין מאַרקוּס ט:47, 48? (בּ) וואָס אַזוינס איז געווען דער גי־הנום, אוּן פֿאַר וואָס האָבּן אים די ײִדן בּאַנוּצט?

אַ סימבאָל ניט פון אייביקע מאַטערנישן, נאָר פון אַ צושטאַנד פון אייביקער פאַרמשפּטקייט אָדער אייביקער „פאַרדאַמונג". זיינע פלאַמען האָבן סימבאָליזירט די אייביקע און פולקאָמענע פאַרניכטונג, צו וועלכער אַלע טייוולאַנישע שׂונאים פון גאָט און זיין מלכות וועלן אַריינגייען און פון וועלכן עס איז ניטאָ קיין צוריקקומען אָדער אַ תּחית־המתים. אַט אַזוי ווערט דער גיהנום [געהעננאַ] אויף אַן אַנדערן אופן באַשריבן ווי אַ „טייך וואָס ברענט מיט פייער און שוועבל". (התגלות כא:8) האָדעס אָבער שטעלט פאָר אַ צושטאַנד, פון וועלכן תּחית־המתים איז יאָ מעגלעך. אויב מ'זאָל טייטשן, אַז ישוע'ס ווערטער באַדייטן אַ בוכשטעבלעך פייער, דאַן וועלן נאָר די איין־פּוסיקע און די איין־אויגיקע מענטשן ממש דערגרייכן אייביקן לעבן. פאַרגלייך מתיא כג:33, ווו גיהנום ווערט באַנוצט.

[14] אין אַלע די שטעלן, ווו דאָס גריכישע וואָרט געהעננאַ איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש גיהנום, מיינט עס אייביק־דויערנדיקע פאַרניכטונג אָדער פאַרטיליקונג. נעם אין אַכט ישוע'ס פאָלגנדע ווערטער (מתיא י:28) „און האָט נישט קיין מורא פאַר די, וואָס טייטן דעם גוף, קאָנען אָבער נישט טייטן די נשמה; נייערט האָט ליבערשט מורא פאַר אים וואָס קאָן אומברענגען אי נשמה, אי גוף אין גיהנום [גריכיש: געהעננאַ]." באַמערק, ישוע זאָגט דאָ: גאָט קען פאַרניכטן, ניט פּייניקן, דעם גוף און די נשמה; דאָס איז אַן ענדגילטיקער באַווייז, אַז געהעננאַ אָדער דער טאָל פונם זון פון הנום [גי בן־הנום]— דאָס איז אַ בילד אָדער אַ סימבאָל פון פולשטענדיקער צעשטערונג אָדער פאַרניכטונג, און ניט פון אייביקער פּייניקונג. אַט, דאָס מיינט דער ווערב אומברענגען. דער זעלבער געדאַנק איז אויסגעדריקט אין דעם משל וועגן די „שאָף און בעק". דאָרט, נאָך דעם, ווי ישוע האָט אַרויסגעגעבן אַ פּסק־דין איבער „די בעק", די קעגנער פון גאָטס מלכות און די וואָס זינדיקן ביים שיין פון פולער ליכט, דערקלערט ער: „ און די דיראָזיקע [די

---

14. (א) איז אייביקע מאַטערניש אָדער אייביקער אומקום באַשערט אַלס די שטראָף פאַר יענע, וואָס פאַלן אין גיהנום אַריין? (ב) ווי אַזוי ווערט דאָס באַשטעטיקט דורכן משל וועגן די „שאָף און בעק"?

בּעק] וועלן אַוועקגיין צוּ אייבּיקער שטראָף [גריכיש: קאָלאַ־סיס]"; דאָס מיינט אייבּיקע פאַרשניטונקייט, אוּן ניט אייבּיקע מאַטערניש. (מתיא כה:46) די עמפאַטישע דיאַגלאָט [ענלגיש] גיט איבּער דעם פּסוּק אַזוי: „אוּן דידאָזיקע וועלן אַוועקגיין צוּ אייבּיקער פאַרשניטנקייט; די צדיקים אָבּער—צוּם אייבּיקן לעבּן."

[15] איצט קען מע פרעגן: וואָס קענט איר זאָגן וועגן דעם „עושר", וואָס דער האַר ישוּע האָט דערציילט, אַז ער איז אַוועק אין גיהנום אַריין, אוּן וועגן „אלעזר" וואָס איז „פוּן די מלאָכים געטראָגן געוואָרן אין אַברהמס שויס אַריין"? (לוּקאָס טז: 19־־31) צי בּאַווייזט עס ניט, אַז עס איז יאָ דאָ אַ פלאַמיקער גיהנום מיט בּאַוּוּסטזיניקע מענטשן אינעווייניק? אַבּסאָלוּט ניט; ווייל דאָס איז אַ משל, אוּן אַ משל איז אַ סימבּאָלישע אוּן בּילדערישע דערציילוּנג וואָס שטעלט פאָר אַ געוויסע רעאַליטעט. עס איז קעגן שׂכל־הישר זיך פאָרצוּשטעלן, אַז איינער גייט אין גיהנום אַריין ווייל ער איז רייך, טראָגט פיינע מלבּושים אוּן האָט אַ סך צוּ עסן; אוּן גערעכנט קעגן דעם רייכן מאַן [דיוועס], איז גאָרניט. פוּן דער צווייטער זייט, וואָלט עס געווען קאָמיש צוּ גלייבּן , אַז כּדי אַריינצוּקוּמען אין הימל מוּז איינער זיין אַ בּעטלער, ליגן בּיים טויער פוּן עפּעס אַן עושר, עסן בּרעקלעך וואָס פאַלן אַראָפּ פוּן זיין טיש, פוּל־זיין מיט געשווירן אוּן די הינט זאָלן קוּמען אוּן אים לעקן. וויפיל אַזעלכע מענטשן זיינען עס דאָ היינט אויף דער ערד? אוּן ווייטער, אויבּ דער עושר וואָלט געווען אין מיטן פוּן אַ טייך פוּן פייער, ווי זשע וואָלט אלעזר געקאָנט קילן זיין צוּנג מיט אַ בּלויזן טראָפּן וואַסער אויפן שפּיץ פוּן זיין פינגער?

[16] דוּרך דעם משל האָט ישוּע אַרויסגעגעבּן אַ נבוּאה, וועלכע ווערט אין אַ היינטצייטיקער פאָרמע מקוּים זינט דעם יאָר 1918. עס קאָן אָנגעווענדט ווערן צוּ צוויי קלאַסן מענטשן וואָס עקזיס־טירן היינט אויף דער ערד. דער עושר שטעלט דאָ פאָר דעם אוּלטראַ־עגאָיסטישן קלאַס גייסטלעכע פוּנם „קריסטנטוּם", וועל־

---

15. פאַרוואָס איז עס אוּמלאָגיש אוּן קאָמיש צוּ גלייבּן, אַז דער „עושר" איז אַריין אין אַ גיהנום פוּן פיין, אוּן דער „בּעטלער"—צוּם בּוּכשטעבּלעכן „שויס פוּן אַברהם"?

16. טייטש אויס, בּקיצוּר, דעם מיין אוּן אָנווענדוּנג פוּנם משל.

כע זיינען איצט אָפּגעפֿרעמדט פֿון גאָט און זיינען טויט צו זיין גנאָד, און געפּייניקט דורך דעם אמת פֿאַרקינדיקט אומעטום. אלעזר שילדערט אַזעלכע פֿון דעם קלאַס וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון „משיחס קערפּער" און אויך די קלאַס מענטשן פֿון גוטן־ווילן. אַזעלכע וועלן באַקומען גאָטס גנאָד און טרייסט דורך זיין הייליק וואָרט, ווען זיי וועלן פֿאַרלאָזן די רעליגיע. פֿאַר אַ פּרטימדיקער באַהאַנדלונג פֿון אָט דעם משל שיקן מיר אָפּ דעם לייענער צום בוך די נייע וועלט [אין ענגליש], זייטן 359־361, און אויך צו דער בראָשור פֿליכטלינגען,—דאָס וועט געבן אַ גרויסן טרייסט און אַ צופֿרידנשטעלנדיקן ענטפֿער פֿאַר אַלע לעזער.

[17] און איצט, ווער זשע איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אָט דער גאָט־לעסטערנדיקער לערע? און וואָס איז יענעמס כּוונה? פֿראָקלאַמירט האָט עס דער שׂטן גופֿא; און זיין כּוונה ביים איינפֿירן דאָס איז געווען —אָפּצושרעקן די מענטשן פֿונם שטודירן דעם תּנ"ך און באַוועגן זיי צו האַסן גאָט. דער אומפֿולקאָמער מענטש פּייניקט ניט אַפֿילו קיין משוגענעם הונט, נאָר טייט אים; די גייסטלעכע אָבער שרייבן גאָט צו, וועלכער איז די ליבשאַפֿט אַליין (יוחנן א, ד:16), דעם שרעקלעכן פֿאַרברעכן פֿון פּייניקן מענטשלעכע נפֿשות בלויז דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן געהאַט דאָס אומגליק געבוירן צו ווערן זינדיקע. די לערע וועגן גיהנום־פֿייער איז ניט געווען באַקאַנט במשך פֿון 4,000 יאָרן נאָך אָדמס פֿאַלן. פּונקט ווי די לערע וועגן „ריניקונגס־פֿייער", אַזוי באַזירט זיך אויך די אַנדערע פֿאַלשע דאָקטרין וועגן דער „אומשטערבלעכקייט פֿון דער נשמה". כּדי צו ליידן נאָכן טויט אייביקע באַוווּסטזיניקע מאַטערנישן, מוז דאָך די מענטשלעכע נשמה זיין אומשטערבלעך און אומצעשטערבאַר.

[18] די לערע וועגן אַ ברענענדיקן גיהנום וווּ די רשעים ווערן אייביק געפּייניקט נאָכן טויט, קען ניט זיין אמת—צוליב פֿיר

---

17. ווער זשע איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער דאָזיקער גאָט־לעסטערנדיקער לערע? און וואָס איז זיין כּוונה?

18. צוליב וועלכע פֿיר סבּות קען ניט זיין אמת די לערע וועגן אַ גיהנום־פֿייער וווּ די רשעים ליידן אייביק? וואָס זעט מען קלאָר פֿון דער דאָזיקער קורצער אָפּהאַנדלונג?

סבות־בעיקר: (1) ווייל עס איז אינגאנצן ניט אין איינקלאנג מיט די כתבי־הקודש; (2) ווייל עס איז ניט לאגיש; (3) ווייל ס'איז אנטקעגן צו גאטס ליבשאפט; און (4) ווייל עס איז להפך צו דער גערעכטיקייט. עס איז קלאר פון דעם, אז שאול אדער האדעס באדייטן קבר, טויטנגרוב,—יענעם צושטאנד, צו וועלכן אלע קומען, צי גוטע צי שלעכטע, און ווארטן אויפן טאג פון תחית־המתים; גיהנום איז א צושטאנד פון פארניכטונג, און דער שטן, זיינע שדים און אלע קעגנער פון דער טעאקראטישער רעגירונג פון יהוה גאט, וועלן קומען צו דעם צושטאנד און פון אים ניט געפינען קיין צוריקקומען אדער תחית־המתים.

קאַפּיטל 7

איז פאַראַן אַ דריי־אייניקייט?

איינער פון די עקרים אין דער אַזוי גערופענער „אָרגאַניזירטע רעליגיע״ איז די אַ לערע גוט באַקאַנט אַלס די „הייליקע דריי־אייניקייט״. זי איז אָנגענומען אַלס אַ ביבלישער אמת, און מיליאָנען מענער און פרויען האַלטן זי פאַר הייליק. די דאָזיקע לערע זאָגט, בקצור, אַז דריי געטער זיינען דאָ אין דעם איינעם: גאָט דער פאָטער, גאָט דער זון, און גאָט דער הייליקער גייסט; אַלע דריי זיינען גלייך אין דער מאַכט, אין דער סובסטאַנץ און אין דער אייביקייט. לויט דעפיניציע אין דער קאַטוילישער ענציקלאָפּעדיע אונטערן קעפּל: „דריי־אייניקייט, די געבענטשטע״: די „דריי־אייניקייט איז דער אויסדרוק באַנוצט אויף צו באַצייכענען די צענטראַלע דאָקטרין פון דער קריסטלעכער רעליגיע— ... אין דער אייניקייט פון דער גאָטהייט זיינען דאָ דריי פּערזאָנען, דער פאָטער, דער זון און דער הייליקער גייסט, און די דאָזיקע דריי פּערזאָנען אונטערשיידן זיך אויף אַן אמת איינער פון צווייטן. אַזוי איז עס אין די ווערטער פון דעם אַטאַנאַזישן גלויבנס־באַקענטעניש: ,דער פאָטער איז גאָט, דער זון איז גאָט, און דער הייליקער גייסט איז גאָט, און דאָך זיינען ניטאָ קיין דריי געטער, נאָר איין גאָט.׳ ״

[2] אַזאַ לערע איז זייער צעטומלנדיק, צוזאַמען מיט איר גאַנצער דערקלערונג, און ווען מע אַנטשולדיקט זי מיט דעם וואָרט „געהיימניש״, קען עס ניט צופרידן שטעלן. און ווען מע האָט אין זינען דעם אַפּאָסטאָלס ווערטער, אַז „גאָט איז נישט קיין גאָט פון פאַרווירונג״ (קאָרינטער א, יד:33), דעמאָלט זעט מע גלייך, אַז אַזאַ מין לערע איז ניט פון גאָט. נו, קען מע פרעגן:

---

1. דעפיניר די „דריי־אייניקייט״ לערע.
2. וועלכע אַרגומענטן ווערן אַרויסגערוקט, וואָס רופן אַרויס דעם צווייפל, צי גאָט איז טאַקע דער מחבר פון דער אַ לערע?

וויבאַלד גאָט איז ניט דער מחבר פֿון דער דאָזיקער צעטומלענ־דיקער לערע, טאָ ווער זשע איז עס?

[3] דעם אָפּשטאַם פֿון דער „דריי־איינִיקייט" לערע געפֿינען מיר ביי די אַלטע בבלים און מצרים, און די אַנדערע אַלטע מיטאָ־לאָגיסטן. סיי יידן סיי קריסטן וועלן ניט באַשטרייטן, אַז יענע אוראַלטע נאַציעס האָבן געדינט די טייוול־געטער, און אַז גאָטס טיפּיש נאַציע ישׂראל איז געוואָרנט געוואָרן ניט צו באַפֿריינדן זיך מיט זיי צוליב דעם פֿאַקט. הייסט עס, בכן, אַז גאָט איז ניט דער מחבר פֿון דער אַ לערע. פֿאַראַן נאָך צוויי אינטערעסאַנטע פֿאַקטן: ערשטענס, דער טערמין „דריי־איינִיקייט" ווערט ניט באַנוצט אפילו קיין איין מאָל אין די אינספּירירטע כּתבי־הקודש; און אַ רעליגיעזער שרייבער מיטן נאָמען טערטוליאַן וואָס האָט געלעבט אינם צווייטן יאָרהונדערט אין קאַרטאַגע, אַפֿריקע, האָט איינגעפֿירט דעם טערמין „דריי־איינִיקייט" אין די לאַטיינישע קירכלעכע שריפֿטן. צווייטנס, די לערע איז צום ערשטן מאָל איינגעפֿירט געוואָרן אין דער „אָרגאַניזירטער רעליגיע" דורך אַ גייסטלעכן מיטן נאָמען טעאָפֿילוס, וואָס האָט אויך געלעבט אינם צווייטן יאָר־הונדערט. אינם יאָר 325 נ. ק. איז פֿאָרגעקומען אַ באַראַטונג פֿון הויפּט־גייסטלעכע אין ניצעאַ, קליין־אַזיע, און דאָ איז די דאָזיקע לערע באַשטעטיקט געוואָרן. שפּעטער האָט מע זי דערקלערט פֿאַר דער לערע פֿון דער רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע פֿון „קריסטנטום", און די גייסטלעכע האָבן זיך שטענדיק גע־האַלטן ביי אָט דער פֿאַרפּלאָנטערטער לערע. ממילא, קומען מיר צום אויספֿיר, אַז נאָר דער שׂטן איז דער באַשעפֿער פֿון דער „דריי־איינִיקייט" לערע.

[4] מע וואָלט געקענט פֿרעגן: און וואָס איז מכּוח די ציטירטע שריפֿטן, וועלכע שטיצן די „דריי־איינִיקייט"? דערווייזן זיי דען ניט, אַז די דאָקטרינע, אַזוי ווי זי ווערט געלערנט דורך די גייסטלעכע, איז גאָר אַנדערש ווי די „דריי־איינִיקייט" פֿונם אוראַלטן בבל? יעדער ערלעכער און גאָטס־פֿאָרכטיקער מענטש וויל וויסן די פֿאַקטן. ער פֿאַרשטייט, אַז וויסן איז אַ שוץ קעגן

3. פֿון וואַנען שטאַמט די „דריי־איינִיקייט", און ווי אַזוי איז זי אַריינגעדרונגען אין דער „קריסטלעכער רעליגיע"?

4. וואָס פֿאַר אַ פֿראַגע שטעלט זיך אויף בנוגע דעם באַווייז? און פֿאַרוואָס דאַרף די טעמע באַהאַנדלט ווערן אָפֿן?

טעותים, און אַז, כּדי צו באַקומען אַזאַ וויסן מוז מע אָפּן אויסהערן ביידע צדדים. און כּדי דאָס צו דערגרייכן, לאָמיר טאַקע באַטראַכטן די וויכטיקסטע פּסוקים וועלכע מע ציטירט אויף צו באַגרינדן די „דריי־איינִיקייט” לערע.

[5] ראשית, קומט דער טעקסט פון יוחנן א, ה:7, ענגלישע ווערסיע: „וואָרום עס זיינען פאַראַן דריי, וואָס זאָגן עדות אין הימל: דער פאָטער, דאָס וואָרט, און דער הייליקער גייסט: און די דאָזיקע דריי זיינען איינס.” [די דר. איינשפרוך ווערסיע, פּסוק 8: „וואָרום עס זיינען פאַראַן דריי, וואָס זאָגן עדות: דער גייסט, און דאָס וואַסער, און דאָס בלוט; און די דריי זיינען מסכּים אין איינס.”] שנית, יוחנן י:30, זאָגט פּשוט: „איך און מיין פאָטער זיינען איינס.” דריטנס, פּאָולוסעס ווערטער בנוגע ישוע־המשיח, אין טימאָטעאוס א, ג:16: „ער [גאָט] וואָס איז נתגלה [געזען] געוואָרן אין דעם פלייש.” און, פערטענס, דער גוט־באַקאַנטער טעקסט אין יוחנן א:1, נעמלעך: „אין אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט, און דאָס וואָרט איז געווען ביי גאָט, און דאָס וואָרט איז געווען גאָט.”

[6] ווען די נאָכפאָלגער פרעגן ביי זייערע גייסטלעכע פירער, ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אַזאַ קאָמבינאַציע פון דריי אין איינעם זאָל קענען עקזיסטירן, ענטפערן זיי געוויינלעך: „דאָס איז אַ סוד.” פאַראַן אַזעלכע, וואָס פּרוּוון ברענגען דערצו ביישפּילן פון דרייעקן, פון דריי־בלעטער, אָדער פון פיגורן וואָס האָבן דריי קעפּ אויף איין האַלדז. אָבער פאַר גאָט־פאָרכטיקע מענטשן וואָס ווילן דערקענען יהוה און אים דינען, איז אַ ביסל צו שווער צו ליבן און דינען אַ קאָמפּליצירטן, פאַרזעעניש, דריי־קעפּיקן גאָט. די גייסטלעכע וועלכע ברענגען אַרויס אַזעלכע אידעען, זיינען זיך אינם זעלבן אויגנבליק סותר, בעת זיי דערקלערן, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש אין זיין אייגענער געשטאַלט; און זיכער האָט קיינער ניט געזען קיינמאָל קיין דריי־קעפּיקע מענטשלעכע באַשעפעניש.

5. גיב אָן די פיר טעקסטן וואָס ווערן געוויינלעך באַנוצט אויף צו שטיצן די „דריי־איינִיקייט”.

6. ווי אַזוי פּרוּוון די גייסטלעכע אונטערצוהאַלטן די „דריי־איינִיקייט”? און ווי אַזוי וואָלט אַ דענקנדער מענטש געקענט רעאַגירן אויף זייער דערקלערונג?

אַפּענדיקס

[7] די שטעלונג פון אמתע קריסטן איז: „זאָל גאָט זיין וואָר־האַפטיק, און יעדער מענטש אַ ליגנער.” (רוימער ג:4) דער מוסטער איז: „איטלעך וואָרט פון גאָט איז געלייטערט” (משלי ל:5; תהלים יב:7), און וויכטיק איז מ'זאָל שענקען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט יענע פּסוקים, וועלכע ווערן דאָ ציטירט, ווייל זיי זיינען פון גאָטס ריינעם וואָרט, פון דער ביבל. האָבנדיק דאָס אין זינען, לאָמיר באַטראַכטן יוחנן א, ה:7 [ענגלישע ווערסיע]: „וואָרום עס זענען פאַראַן דריי, וואָס זאָגן עדות אין הימל: דער פאָטער, דאָס וואָרט, און דער הייליקער גייסט: און די דאָזיקע דריי זיינען איינס.”

[8] דאָס איז אַ באַשיינפּערלעכער ביישפּיל פון מאַכן צוגאָבן צו גאָטס וואָרט; אַזאַ מין צוגאָב איז אויסדריקלעך פאַרדאַמט. קאָמענטירנדיק אויף דעם דאָזיקן טעקסט, שרייבט בענדזשאַמין ווילסאָן, איינער פון די באַקאַנטע געלערנטע פון גריכיש, אין זיין בוך, דער עמפאַטישער דיאַגלאָט [ענגליש], אַזוי: „דער טעקסט וועגן די עדות פון הימל גייט ניט אַריין אין קיין שום גריכישן כתב־יד וואָס איז געשריבן פאַרן פופצענטן יאָרהונדערט. קיין איינער פון די גריכישע קירכלעכע שרייבערס ציטירט אים ניט; אויך קיין איינער פון די ערשטע לאַטיינישע פאָטערס ציטירט אים ניט אפילו אין יענע פאַלן ווען די טעמע פון דער אָפּהאַנדלונג פירט אויף אַ נאַטירלעכן אופן צום פאַררופן זיך אויפן אָווטאָריטעט פון דעם טעקסט. דערפאַר איז עס קלאָר, אַז דער טעקסט איז אַ געפעלשטער.” די אמתדיקייט פון אָט דער דערקלערונג ווערט באַשטעטיקט דורכן פאַקט, אַז די מאָדערנע ווערסיעס שליסן ניט איין דעם טעקסט (אחוץ די רוימיש־קאַטוילישע ווערסיעס).

[9] איצט לאָמיר באַטראַכטן דעם פּסוק 30 פון יוחנן י: „איך

---

7. וואָס פאַראַ שטעלונג פאַרנעמען אמתע קריסטן? און פאַרוואָס?
8. וועלכע צוויי פאַקטן וועגן יוחנן א, ה:7 מאַכן וויטערדיקע קאָמענטאַרן פאַר אומנויטיק?
9. (א) וואָס פאַראַ רעגל מוז מע שטענדיק אָנווענדן ביים באַ־טראַכטן די ביבל? (ב) ווי אַזוי דערקלערט ישוע דעם מיין פון יוחנן י:30, און אויף וואָס פאַר אַן אופן ווייזט דער אַפּאָסטאָל, אַז ער האָט עס אַזוי פאַרשטאַנען?

און מיין פאָטער זיינען איינס." לייענט מע דעם טעקסט באַזונ־דער, אבסטראַקט גענומען, איז מע זיכער באַרעכטיקט אויסצו־פירן, אז גאָט און ישוע זיינען איינס; אָבער יהוה ראט אונז: „קויף חכמה, יאָ, מיט דיין גאנצן אייגנס קויף פאַרשטאַנדיקייט." (משלי ד:7) אָט די רעגל דאַרף מע אָנווענדן שטענדיק, און אוודאי אין אונזער איצטיקן פאַל. וואָס איז דער מיין פונם פסוק 30, יוחנן י—דאָס האָט ישוע אליין פאַרטייטשט אין זיין תפילה צום פאָטער, אין די נאַכט פאַר זיין טייטונג: „און נישט נאָר פאַר זיי אליין טו איך בעטן, נייערט אויך פאַר די, וואָס וועלן אין מיר גלייבן דורך זייער וואָרט; כּדי זיי זאָלן אלע זיין איינס; פונקט ווי דו, פאָטער, ביסט אין מיר, און איך אין דיר, אז זיי זאָלן אויך זיין אין אונז, כּדי די וועלט זאָל גלויבן, אז דו האָסט מיך געשיקט. און די הערלעכקייט, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, האָב איך זיי געגעבן, כּדי זיי זאָלן זיין איינס, פונקט ווי מיר זענען איינס." (יוחנן יז:20־22) ישוע האָט תפילה געטאָן פאַר די, וואָס האָבן געדאַרפט ווערן מיטגלידער פון זיין גוף, די קירך. דער אַפּאָסטאָל שטיצט אונטער דעם דאָזיקן געדאַנק אין קאָרינטער א, יב:12: „וואָרום אזוי ווי דער גוף איז איינער, און האָט אַ סך אברים [גלידער], און אלע אברים [גלידער] פון דעם גוף, הגם זיי זענען אַ סך, זענען איין גוף, אזוי איז אויך משיח." באַלייכטנדיק דעם דאָזיקן פונקט האָט דער אַפּאָסטאָל געשריבן אזוי: „וואָרום דער מאַן איז דער ראש פון דעם ווייב, אזוי ווי משיח איז דער ראש פון דער קהילה, און דער גואל פון דעם לייב." (עפעזער ה:23) און באַטראַכטנדיק יהוה אלס ראש איבער אלץ, שרייבט דער אַפּאָס־טאָל ווייטער: „אז דער קאָפּ פון יעדן מאַן איז משיח, און דער קאָפּ פון יעדן ווייב איז דער מאַן, און דער קאָפּ פון משיחן איז גאָט." (קאָרינטער א, יא:3) אָט אזוי באַקומט זיך דער פשוטער אמת: פונקט אזוי ווי משיח און די מיטגלידער פון זיין לייב ווערן באַטראַכט פאַר איינס, אזוי ווערן יהוה און משיח באַטראַכט פאַר איינס. זיי זיינען אלע איינס אין זייער פאַרשטענ־דיקונג, כּוונה און אָרגאַניזאַציע. וואָלט דאָס ניט געווען דער לאָגישער אויספיר, וואָלט ישוע קיינמאָל ניט געזאָגט: „מיין פאָטער איז גרעסער פון מיר" (יוחנן יד:28), און בכן, „נישט

מיין רצון, נייערט דיינער זאָל געשען." (לוקאס כב:42) אַזוי אַרום באַקומט זיך: אַלע, איינגעשלאָסן ישוע, זיינען פולקאָם אונטערגעאָרדנט צו דעם גרויסן ראש, דעם אַלמעכטיקן גאָט.

[10] די טענה, אַז דער אַלמעכטיקער גאָט איז זעלבער געוואָרן צום מענטשן אויף דער ערד ממש אין פלייש, אַזוי ווי ס'ווערט אַרויסגעבראַכט דורך די גייסטלעכע, רופט אַרויס צום געדאַנק דעם טעקסט אין טימאָטעאוס א, ג:16, ווו ס'ווערט געזאָגט: „ער [גאָט], וואָס איז נתגלה [געזען] געוואָרן אין דעם פלייש." די באַמערקונג אין עמפאַטישן דיאַגלאָט פון בענדזאַמין ווילסאָן צו דעם פסוק 16 זאָגט אַזוי: „כמעט אין אַלע אַלטע מאַנוס־קריפטן, און אין אַלע ווערסיעס ווערט אין דעם פסוק געזאָגט ,ער וועלכער אָנשטאָט ,גאָט'. און אַזוי איז עס אָנגענומען גע־וואָרן." די גריכישע איבערזעצונג, וואָרט ביי וואָרט, לייענט זיך אַזוי: „דער וואָס איז נתגלה [געזען] געוואָרן אין פלייש." וואָלט דער אַלמעכטיקער גאָט פאַרקערפּערט געוואָרן אין פלייש, —און אַזוי וואָלט עס געמוזט זיין אויב די „דריי־אייניקייט" איז אמת,— דעמאָלט וואָלטן פאַלש געוואָרן אָט די ווערטער פון יוחנן: „קיינער האָט ווען עס איז געזען גאָט; דער בן־יחיד, וואָס איז אין דעם שוים פון דעם פאָטער, ער האָט אים באַקאַנט געמאַכט." (יוחנן א:18) אָבער פון די ווערטער איז קלאָר, אַז כאָטש ישוע איז געווען אין פלייש, איז ער אימשטאַנד געווען מיט וואָרט און טאַט באַקאַנט און באַרימט מאַכן דעם פאָטער פאַר אַלע מענטשן, ווייל ער איז געווען מיטן פאָטער אין פול־שטענדיקער אייניקייט. דערפאַר האָט ישוע געזאָגט: „דער וואָס האָט מיך געזען, האָט געזען דעם פאָטער."—יוחנן יד:9.

[11] רעדנדיק אונטער אינספּיראַציע האָט דוד באַשריבן דעם מענטשן ווי ער וואָלט געווען „אַ ביסל נידעריקער, איידער די מלאָכים". אין יידן ב:9 געפינען מיר, אַז די זעלבע ווערטער ווערן באַנוצט אויף צו באַשרייבן ישוען: „מיר זעען אָבער ישוען, וואָס איז געמאַכט געוואָרן שיר נישט מינער [נידעריקער]

---

10. איז טימאָטעאוס א, ג:16 אַ באַווייז, אַז דער אַלמעכטיקער גאָט איז נתגלה [געזען] געוואָרן אין פלייש?
11. פאַרוואָס האָט ישוע ניט געקאָנט זיין גאָט ווען ער איז געווען אויף דער ערד?

פון מלאָכים, פונוועגן די ליידן פון דעם טויט." אויב די „דריי־אייניקייט" לערע איז טאַקע אמת, דעמאָלט הייסט עס דאָך, אַז גאָט איז געווען נידעריקער פון די מלאָכים בשעת ער איז געווען אויף דער ערד; און דאָס איז סתירה מיט זיין אויבערהערשאַפט. מיר ווייסן אָבער, אַז ישוע איז געקומען אויף דער ערד, כּדי פאַרזאָרגן דעם אויסלייז דורך זיין פולקאָם מענטשלעך לעבן. דערפאַר מוז דער אויסלייז זיין גלייך צום פאַרלוסט, דאָס מיינט —דאָס פולקאָמענע מענטשלעכע לעבן, אַזוי ווי אָדם האָט עס געהאַט אין עדן. עס שטייט געשריבן וועגן ישוען אַזוי: „וואָס הגם ער איז געווען אין דער געשטאַלט פון גאָט, האָט ער דאָס גלייך־זיין מיט גאָט נישט געהאַלטן פאַר אַ באַרויבונג, נייערט האָט זיך אויסגעלידיקט, בעת ער האָט אָנגענומען די געשטאַלט פון אַ קנעכט, און איז געוואָרן אין דער גלייכקייט פון מענטשן; און בעת ער איז געפונען געוואָרן אין דער פורעם פון אַ מענטשן, האָט ער זיך דערנידעריקט." (פיליפּער ב:6־8, עמפאַטישער דיאַגלאָט) נאָטס גערעכטיקייט וואָלט ניט צוגעלאָזט, אַז ישוע, דער אויסלייזער, זאָל זיין מער ווי אַ פולקאָמענער מענטש; און זיכער ניט צו זיין דער העכסטער אַלמעכטיקער גאָט אין פלייש.

[12] דער לעצטער טעקסט, וועלכן מע באַטראַכט ווי אַן אונטערשטיץ פאַר דער „דריי־אייניקייט", איז דער פּסוק פון יוחנן א:1: „אין אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט, און דאָס וואָרט איז געווען ביי גאָט, און דאָס וואָרט איז געווען גאָט." כּדי אויסצומיידן יעדע שיינבאַרע סתירה, לאָמיר נאָכקוקן אין דער וואָרט־ביי־וואָרטיקער איבערזעצונג, אַזוי ווי זי ווערט אָנגעגעבן אין דער צווישנשורהדיקער ווערסיע פונם עמפאַטישן דיאַגלאָט [ענגליש]. עס לייענט אַזוי: „אין אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט, און דאָס וואָרט איז געווען ביי דעם גאָט, און דאָס וואָרט איז געווען אַ גאָט." עס איז כּדי צו באַמערקן דעם נעבנזאַץ, „דאָס וואָרט איז געווען ביי דעם גאָט." אין דעם דאָזיקן פאַל ווערט דאָס וואָרט „גאָט" באַנוצט ווי אַן אייגן־נאָמען מיטן אַרטיקל „דעם" פאַר אים; בשעת אינעם ווייטערדיקן זאַץ, „און דאָס

---

12. ווי אַזוי דערווייזט דער סטיל און די גראַמאַטישע קאָנסטרוקציע פון יוחנן א:1, אַז עס רעדט זיך דאָ וועגן צוויי פאַרשיידענע פּערזאָנען?

וואָרט איז געווען אַ גאָט," קען מע לייכט באַמערקן, אַז דאָס וואָרט „גאָט" ווערט באַנוצט ווי אַ געוויינלעך זאַכוואָרט. דער אַרטיקל „אַ" וועלכער איז איינגעשלאָסן אינם לעצטן זאַץ באַווייזט אויך, אַז עס רעדט זיך דאָ וועגן צוויי פּערזאָנען, איינער גייט צוזאַמען מיטן צווייטן, און ניט אַז צוויי פּערזאָנען זיינען איינער און דער זעלבער גאָט.

13 אַ ניכטערע באַטראַכטונג פון דעם טעקסט ברענגט אַרויס נאָך אַנדערע אויפקלערנדיקע פאַקטן. מע דאַרף געדענקען, אַז „גאָט איז פון אייביקייט ביז אייביקייט". (תהלים צ:2) אויב דאָס איז אמת, ווי אַזוי קען דעמאָלט דאָס וואָרט האָבן אַן אָנהויב, ווייבאַלד דאָס איז דער גאָט? דער אמת פון דער זאַך איז אָבער, אַז דאָס וואָרט—דאָס איז ישוע־המשיח, וועלכער האָט יאָ געהאַט אַן אָנהויב; אין התגלות ג:14 זאָגט זיך טאַקע בפירוש, אַז ער איז געווען „דער אָנהויב פון דער באַשאַפונג פון גאָט." דערפאַר רעדט זיך וועגן אים ווי וועגן דעם „איינציקן זון" פונם פאָטער. אין יוחנן א:14 שטייט געשריבן: „און דאָס וואָרט איז געוואָרן פלייש, און האָט געוווינט צווישן אונז, און מיר האָבן געזען זיין כבוד, אַ כבוד וואָס נאָר אַ בן־יחיד האָט ביי זיין פאָטער, פול מיט חסד און אמת." דער אַפּאָסטאָל פאָולוס האָט אונטערגעשטיצט דעם דאָזיקן אמת ווען ער רעדט וועגן ישוען אַלס „דער בכור פון יעדער באַשאַפונג." (קאָלאָסער א:15) די „דריי־איינקייט" לערער מוזן אויך דאָ זיך פאַרטיידיקן מיט דעם, וואָס זיי דערקלערן: „עס איז אַ סוד."

דער הייליקער גייסט

14 ביז אַהער איז גאָרניט געזאָגט געוואָרן וועגן דעם „הייליקן גייסט, דער דריטער פּערזאָן פון דער דריי־איינקייט"; ער זאָל עס זיין גלייך צו גאָט און צו משיחן—אין מאַכט, סובסטאַנץ און אייביקייט. צווישן די פיר פּסוקים וועלכע ווערן אויף אַ פאַלשן אופן ציטירט ווי אַ כלומרשטע באַרעכטיקונג פון דער

---

13. ווי אַזוי לייקנט ישועס אָפּשטאַמונג אָפּ די „דריי־איינקייט" אָנשטאָט זי צו אונטערצושטיצן?

14. וואָס זיינען די פאַקטן בנוגע דער „דריטער פּערזאָן" פון דער אַזוי גערופענער „דריי־איינקייט", און וואָס איז עס אין־דער־אמתן?

„דריי־אייניקייט", האט נאר דער ערשטער פסוק איינגעשלאָסן דעם „הייליקן גייסט"; דערביי איז אויסגעפונען געוואָרן, אז אָט דער פסוק איז אַ געפעלשטער. די אַלגעמיינע מיינונג וועגן דעם „הייליקן גייסט" איז, אַז ער איז אַ גייסט־פּערזאָן. דער פשוטער אמת בנוגע דעם איז, אַז דאָס גריכישע וואָרט פאַר גייסט איז פאַלש איבערגעזעצט געוואָרן געשפּענסט. אַ ביספּיל אומפּינרזווכנג אין וועלכן ס'איז גריכיש־ענגלישן [קיין גריכיש־יידיש] ווערטער־בוך וועט באַווייזן, אַז דאָס גריכישע וואָרט איבערגעזעצט „גייסט" איז פון דעם זעלבן שורש איבערגעזעצט אין אנדערע ביבל־טיילן „אָטעם", „ווינט", אָדער „ווינטל". גאָטס גייסט איז פּונקט אַזוי אומזעבאַר פאַרן מענטשן, ווי אַ ווינט אָדער אַן אָטעם־הויך. ווען גאָטס גייסט רוט אויף אַ מענטשן, דעמאָלט הייסט עס, אַז גאָט האָט אים באַפּולמעכטיקט דורכצופירן אַ געוויסע עובדא, אַלץ איינס אין וואָס די עובדא זאָל ניט באַשטיין. דער הייליקער גייסט איז דער אומזעבאַרער אַקטיווער כּוח פון אַלמעכטיקן גאָט, וואָס באַוועגט זיינע דינער צו טאָן זיין רצון [ווילן].

[15] לאָמיר אין אינטערעס פון דער דיסקוסיע אָננעמען, אַז גאָט און ישוע זיינען געווען איינס אין גלייכקייט, אין מאַכט און אין אייביקייט, במשך דער צייט ווען ישוע איז געווען אויף דער ערד און ביזן מאָמענט ווען ער האָט זיך געטובלט. ווי זשע איז געווען די דריטע פּערזאָן פון דער „דריי־אייניקייט", „דער הייליקער גייסט"? ניט טראַכטנדיק, וועלן די רעליגיעזע פירער דערויף ענטפערן, אַז אַלע דריי זיינען געווען אין איינס במשך דער גאַנצער צייט. איז דען אָבער ניט אמת, אַז דער באַריכט שטעלט פעסט, אַז בעת ישועס טבילה האָט דער גייסט אַראָפּגענידערט אויף אים אַזוי ווי אַ טויב און באַלד איז ישוע אַוועקגעפירט געוואָרן דורך אים? די דריי־אייניקייט אָנהענגער וועלן זאָגן, אַז עס איז קלאָר, אַז אַלע דריי פּערזאָנען פון דער „דריי־אייניקייט" זיינען געווען אָנוועזנדט בעת דער געשעעניש, אַזוי ווי עס באַשטעטיקט דער טעקסט אין מתיא ג:16, 17: „און בעת ישוע איז געטובלט געוואָרן, איז ער תיכף אַרויס־

15. וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט בעת ישועס טבילה, וואָס הייבט אויף פראַגן וועלכע לייקענען אָפּ די „דריי־אייניקייט"?

געקומען פון דעם וואסער, און זע, דער הימל האט זיך געעפנט פאר אים, און ער האט געזען דעם רוח־אלהים אראפנידערן ווי א טויב, און קומען אויף אים. און אט איז א קול ארויס פון הימל, אזוי צו זאגן: דאס איז מיין געליבטער זון, וואס איז מיר וווילגעפעלן." די דריי־איינקייט לערערס דארפן אבער ענטפערן אויף עטלעכע פראגן אין שייכות מיט דעם טעקסט, און דאס וועט זיי שטעלן אין פארלעגנהייט: למשל, וועמעס שטים איז׳ס געקומען פון הימל און געזאגט: „דאס איז מיין געליבטער זון"? זיין אייגענע שטים? וו איז דער הייליקער גייסט אדער רוח געווען ביז ער האט ערשט אראפגענידערט אויף ישוען? און איז דען דער הימל ניט געווען אפן פאר ישוען במשך די ביז־אהעריקע דרייסיק יאר פון זיין פארברענגען אויף דער ערד? אוודאי וואלט ער שטענדיק געהאט א צוטריט צום הימל, ווי־באלד ער איז געווען גאט אדער א טייל פון דער „דריי־איינקייט" וואס איז גלייך מיט גאט אין מאכט, אינם סובסטאנץ און אין אייביקייט. צוליב די דאזיקע און אנדערע פארלעגענע פראגן, האבן זיך די גייסטלעכע איבערציינגט, אז עס איז פאר זיי די בעסטע זאך צו זאגן, אז אלץ איז א גרויסער סוד.

[16] מיר זיינען מסכים: עס וואלט געווען א גרויסער סוד, ווען די „דריי־איינקייט" לערע וואלט געווען אמת. איינע פון די גרעסטע סודות איז די פראגע, ווער האט אנגעפירט מיט דעם אוניווערס במשך יענע דריי טעג, ווען ישוע איז געווען טויט און איז געלעגן אין קבר; אדער איבעריקנס, במשך די דריי־און־דרייסיק־און־א־האלב יארן וואס ער איז געווען אויף דער ערד, און געווען „אביסל נידעריקער, ווי די מלאכים". אויב ישוע איז געווען גאט, הייסט עס, גאט איז געווען טויט און אין קבר במשך פון ישועס טויט. וואס פארא ווונדערלעכע געלעגנהייט פארן שטן איבערצונעמען אלץ אין זיינע הענט אריין! אבער דער פשוטער פאקט אליין, אז שטן האט עס ניט געקענט טאן, באווייזט, אז נאר דער איינציקער זון איז געווען טויט, און טאקע ער אליין. די כתבי־הקודש שטעלן פעסט,

---

16. וואס פארא פלאנטער אין פרט פון הערשאפט וואלט אנטשטאנען, ווען ישוע וואלט געווען דער אלמעכטיקער גאט, בעת ער איז געווען אויף דער ערד?

אז גאָט „אַליין האָט אומשטערבלעכקייט"; און דערפאַר, וואָלט ישוע געווען דער אומשטערבלעכער גאָט, וואָלט ער ניט געקענט שטאַרבן. במשך פון ישועס לעבן אויף דער ערד האָט דער שׂטן געמאַכט אַלע באַמיונגען, כּדי צו דערפירן צו זיין טויט; און איצט, ווען דאָס איז אים סוף־כּל־סוף געלונגען, וואָלט ער זיכער ניט דערלאָזט צו זיין תּחית־המתים, אויב דאָס וואָלט געווען טויט דער אַלמעכטיקער גאָט. ווי ניט אויסגעהאַלטן דאָס אַלץ איז, לויט דער „דריי־איינהייט".

[17] ווידער, דערמאָנט מע זיך ישועס ווערטער: „מיין פאָטער איז גרעסער ווי איך." דאָס מיינט „גרעסער" ניט נאָר לויטן אַמט, נאָר אויך אין דער פּערזאָן. געטריי צו זיין צוזאָג, האָט דער פאָטער תּחית־המתים־געווען זיין זון אויפן דריטן טאָג. דער תּחית־המתים וואָלט דאָך געווען אוממעגלעך אויב יהוה און דער טויטער משיח וואָלטן געווען איינס אין זייער סובּ־סטאַנץ. די רעליגיאָניסטן פאַררופן זיך אויף דער שריפט און זיי ציטירן ישועס ווערטער אין יוחנן י:18: „קיינער טוט עס [מיין לעבן] ביי מיר נישט צונעמען, נייערט איך גיב עס אַליין אוועק. איך האָב מאַכט עס אוועקצוגעבן, און איך האָב מאַכט עס צוריק צו נעמען. דאָסדאָזיקע געבאָט האָב איך מקבּל געווען פון מיין פאָטער." אַזוי אַרום האָבן זיי צו דערוויזן, אַז ישוע האָט „אַלס גאָט" געקענט מחיה־מתים־זיין זיך אַליין. אָבער דער לאָגישער אויספיר איז, אפילו לויט דר. איינשפּרוך ווערסיע, אַז ווען ישוע האָט מיטן אייגענעם ווילן אוועקגעגעבן זיין לעבן, איז ער פאַרזיכערט געוואָרן דורך דעם פאָטערס געבאָט, אַז ער וועט אויפשטיין תּחית־המתים און דאָס לעבן וועט אים צוריקגעגעבן ווערן. ער האָט גענומען דאָס לעבן צוריק ווען גאָט האָט עס אים געגעבן דורך תּחית־המתים. איינס עמפּאַטישן דיאַגלאָט [ענגליש] זאָגט זיך אַזוי: „קיינער נעמט עס ניט אוועק פון מיר, אָבער איך גיב עס אַליין אוועק. איך האָב רשות אוועקצוגעבן עס און איך האָב רשות צו באַקומען עס צוריק. דאָסדאָזיקע געבאָט האָב איך מקבּל געווען פון מיין פאָטער."

---

17. וואָס פאַרא טעקסט ווערט ציטירט אויף צו דערוויזן, אַז ישוע האָט געהאַט די מאַכט תּחית־המתים־זיין זיך אַליין? אָבער וואָס פאַרא ריכטיקער אויספיר דאַרף געמאַכט ווערן?

פון דעם ווערט קלאר, אז געהארכזאם צו גאטס רצון האט ישוע פרייוויליק אוועקגעגעבן זיין לעבן פאר אן אויסלייז, און ווי א באלוינונג פאר זיין געטריישאפט האט ער געהאט דאס רעכט צו באקומען דאס לעבן צוריק פונם פאטערס הענט דורך דעם, וואס ער האט אים מחיה־מתים־געווען.

[18] די „דריי־איינקייט" לערע איז נישט פארפאסט געווארן דורך ישוען אדער די ערשטע קריסטן. אינערגעץ אין די כתבי־הקודש איז ניטא אפילו קיין רמז וועגן א „דריי־איינקייט". און דערפאר, אויב דאס זאל זיין די „צענטראלע לערע פון דער קריסטלעכער רעליגיע", אזוי ווי מע באהויפט, דאן באקומט זיך זייער מאדנע, פארוואס האט ישוע־המשיח ניט געלייגט קיין שום אכט אויף אזא פארוויקלטער און פארווירנדיקער לערע און האט זי ניט אויפגעקלערט און ניט געלערנט. נאך מער חדוש איז, וואס אומפולקאמענע מענטשן לעבנדיק מיט מער ווי הונדערט יארן שפעטער האבן געדארפט אנקומען צו די היידן אריינגעבן אט די אידעע אין זייער רעליגיע און זאלן עס לערנען ווי אן אמת פון די כתבי־הקודש. דער פשוטער אמת איז: אז די דאזיקע פאלשע לערע איז נאר איינע פונם שטנס באמיונגען אפצוהאלטן דעם גאטס־פארכטיקן מענטשן פון לערנען דעם אמת וועגן יהוה און זיין זון, ישוע־המשיח.

---

18. וועלכע צוויי מאדנע פאקטן שטיין ארויס בנוגע דער א לערע? און וואס איז דער פשוטער אמת וועגן דער גאנצער זאך?

קאפיטל 8

„אַן אויסלייז פאַר אַ סך“

א יינע פון די וויכטיקסטע לערעס, וואָס גייט דייטלעך אדורך דער גאַנצער לענג פון דער ביבל, איז די לערע וועגן דעם: יהוה גאָט וועט דורך ישוע־המשיח אויסלייזן די דאָזיקן מענטשן וואָס ליבן גאָט און גלייבן אין אים. נעמט, למשל, ישוע־המשיחס ווערטער אין מתיא קאַפּיטל צוואַנציק, פסוק אַכט־און־צוואַנציק: „פּונקט ווי דער בן־אָדם [ישוע־המשיח] איז נישט געקומען באַדינט צו ווערן, נייערט צו באַדינען, און צו געבן זיין לעבן אַן אויסלייז פאַר אַ סך.“ ישוע האָט געמאַכט אַ סך ענלעכע דערקלערונגען פאַר דער זעלבער ווירקונג, ווי אויך די אַפּאָסטאָלן; אויך די נביאים וואָס האָבן געלעבט פאַר ישוען האָבן געשריבן וועגן דער דאָזיקער וויכטיקער און ליבער פאַרזאָרגונג פון גאָט, וועלכע ברענגט געבענטשטע רעזולטאַטן פאַר די מענטשן, דאָס איז דער אויסלייז. דאָס איז איינער פון די גרונט־אמתן פון גאָטס וואָרט.

[2] אויסלייז באַדייט דאָס, וואָס מאַכט לויז אָדער לאָזט אַרויס, עס ברענגט באַפרייונג; און אין דער ביבל באַציט זיך דאָס וואָרט אָפטמאָל צו באַפרייונג פון צרות, נויט אָדער אומגליק. אַ ביישפּיל פון דעם געפינען מיר אין ישעיה מג:3 ווו מיר לייענען: „איך בין יהוה דיין גאָט, . . . איך גיב מצרים פאַר דיין אויסלייז.“ גאָט האָט פאַרטיליקט די זעלנער און די מאַכט פון מצרים, וועלכע זיינען אַלע געווען אַ שטערונג אויפן וועג צו פרייהייט פון זיין פאָלק, און אויף אַזאַ אופן האָט ער באַפרייט זיין פאָלק פון יענער נאַציע. „אויסלייז“, באַנוצט אויף

---

1. אויף ווי ווייט ווערט דער אמת וועגן „אויסלייז“ געלערנט אין דער ביבל?
2. וואָס איז איינער פון די אופנים, אין וועלכן דאָס וואָרט „אויס־לייז“ ווערט באַנוצט אין פאַרבינדונג מיטן אוראַלטן מצרים?

אָט דעם אופן, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך ניט קיין אויסלייז אָדער באַפרייונג פון זינד צי פון אַ טויט פאַרוּרזאַכט דורך זינד.

[3] דער „אויסלייז פאַר אַ סך", ווי ישוע האָט אָנגעוויזן אין זיינע ווערטער וועלכע זיינען ציטירט געוואָרן אויבן פון מתיא כ:28, באַדייט באַפרייונג אָדער אויך רעטונג. אין תהלים מט:7, 8 ווערט פעסטגעשטעלט: „די וואָס פאַרזיכערן זיך אויף זייער פאַרמעג, און מיט זייער גרויס עשירות רימען זיי זיך. ניט אויסקויפן אַ ברודער קען אַ מענטש אויסקויפן, ניט געבן גאָט אַן אויסלייז פאַר זיך." אָט דער פסוק ווייזט אָן, אַזוי ווי אַנדערע, אַז דער „אויסלייז" איז אַן אויסקויף וואָס מ'קען אים דערגרייכן, ניט דורכן מענטשנס עשירות אָדער פעיקייטן, נאָר דורך פאַרזאָרגונג פון גאָט. די לערע פון די כּתבי־הקודש וועגן דעם אויסלייז באַשטייט אָט אין דאָס: דורך דעם, וואָס ער האָט אַראָפּגעשיקט זיין זון ישוע־המשיח אויף דער ערד, האָט יהוה גאָט דורך אים און מיט זיין טויט פאַרזאָרגט דעם פּרייז פון אויסקויף. יענע פון צווישן די מענטשן, וואָס גלייבן אין זיין פאַרזאָרגונג, קענען אַזוי אַרום קומען צו אַ הסכּמה מיט גאָט, און דורך דינען אים מיט געטריישאַפט, קענען זיי באַקומען די מתנה פון לעבן, און באַפרייט ווערן פון דער גע־ירשנטער זינד און פון אייביקן טויט וואָס איז דער פּועל־יוצא פון זינד. צו אָט דער ווירקונג איז געשריבן אין רוימער ו:23: „וואָרום דער שכר פון דער זינד איז טויט; אָבער די מתנה פון גאָט איז אייביק לעבן אין ישוע־המשיח, אונזער האַר."

[4] אין איין זין איז דער אויסלייז גאָטס טאַט, ווייל ער פירט אוים דעם אויסקויף פונם מענטשן דורך משיחן. אין אַ צווייטן זין דינט דער אויסלייז אויך ווי דער גאולה־פּרייז, ווי די ווערטפוגע זאַך, מיט וועלכן דער אויסקויף אָדער גאולה ווערט געמאַכט, נעמלעך, „דער מאַן ישוע־המשיח."

---

3. (א) וואָס פאַרא מין „רעטונג" אָדער „באַפרייונג" איז דער „אויסלייז פאַר אַ סך", וועגן וועלכן ישוע האָט גערעדט? (ב) גיב איבער אין דיינע אייגענע ווערטער די ביבּלישע לערע וועגן דעם אויסלייז.

4. וואָס איז דער אַקטיווער זין אָדער מין און דער אָביעקטיווער זין פונם וואָרט „אויסלייז"?

5 אַז דער מענטש נויטיקט זיך אין אַן אויסלייז, ווערט באַוויזן דורכן פאַקט, וואָס אַלע מענטשן זיינען געבוירן אומפולקאָמע און זינדיקע; אַפילו דער גאָטס־פּאָרכטיקער דוד האָט דאָס מודה־געווען, ווען ער האָט דערקלערט: „זע, אין זינד בין איך געבאָרן געוואָרן, און אין חטא האָט מיך מיין מוטער אַנטפאַנגען." (תהלים נא:7) אויב איטלעכע פון די זינדיקע מענטשן זאָלן דערגרייכן אייביק לעבן, מוז קומען די באַפרייונג פון דער קללה פון זינד און טויט, און דאָס—פון דעם באַשעפער אַליין, ווייל דער מענטש איז דאָך שטענדיק געווען און איז אין דעם פּרט הילפלאָז. און ס'איז אַ טייל פון יהוהס אויסדריקלעכער כּוונה, אַז מענטשן זאָלן באַקומען לעבן, אַזוי ווי ישוע־המשיח האָט זיך אויסגעדריקט אין יוחנן יז:3: „און דאָס איז דאָס אייביקע לעבן, אַז זיי זאָלן דערקענען דיך, דעם איינציק אמתן גאָט, און אים וועמען דו האָסט געשיקט, ישוע־המשיח." כּדי צו דערגרייכן אָט דעם צוועק פון געבן לעבן צו מענטשן, איז נויטיק געווען אַן אויסקויף־פּרייז, די גאולה־פּרייז, אָדער אויסלייז.

6 דאָס וואָס איז אויפגעקויפט מיט דעם אוסלייז־פּרייז, איז אָנגעוויזן געוואָרן אין יהוה גאָטס דערקלערונג צו דעם פולקאָמען אָדם אין שייכות מיט דעם, וואָס ס'האָט געדאַרפט פאַרלוירן גיין צוליב זיין זינד און אומגעהאָרכזאַמקייט: „וועסטו זיכער שטאַרבן [מות תמות]." (בראשית ב:17) אָט דאָס איז עס, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען—דאָס פולקאָמע מענטשישע לעבן צוזאַמען מיט זיינע רעכטן און ערדישע אויסזיכטן. און אויסגעלייזט געוואָרן איז דאָס, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען, נעמלעך, דאָס פולקאָמע מענטשישע לעבן צוזאַמען מיט זיינע רעכטן און ערדישע אויסזיכטן. ווער זשע האָט עס געקאָנט פאַרזאָרגן דעם נויטיקן אויסלייז?

ווי אַזוי פאַרזאָרגט

7 דער פאַרזאָרגער פונם אויסלייז איז יהוה גאָט, דער לעבנס־

---

5. באַווייז די נויטיקייט פאַר אַן אויסלייז.
6. (א) וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען, ווען דער מענטש (אָדם) האָט געזינדיקט? (ב) וואָס ווערט אויסגעקויפט?
7. ווער איז דער פאַרזאָרגער פון דעם אויסלייז און וואָס איז געווען זיין מאָטיוו?

קוואַל, דער באַשעפער. ישוע אַליין האָט געזאָגט אין (יוחנן ג:16, 17), „וואָרום גאָט האָט אַזוי ליב געהאַט די וועלט, אַז ער האָט געגעבן . . . גאָט האָט געשיקט [דעם אויסלייז־פּרייז].” די גערעכטיקייט איז באַפרידיקט געוואָרן ווען די מענטשהייט האָט באַקומען די גערעכטע שטראָף פאַר די זינד, וואָס די שטראָף איז דער טויט. דער אויסלייז איז דעריבער אַ טאַט פון גאָטס רחמנות און פריינדלעכע ליבשאַפט, זיין אומפאַרדינטע גוטסקייט לגבי דער מענטשהייט. וואָס זשע פאַר אַ גוטע און טייערע זאַך איז עס גאָט געפעלן געוואָרן אויף צו באַנוצן עס, כדי אויסצוקויפן אַזוי אַרום יענע, וועלכע היכשאַצן זיין ליב־שאַפט און פריינדלעכקייט?

[8] דער דאָזיקער ווירקזאַמער אויסקויף־פּרייז איז אָנגעגעבן אין טימאָטעאוס א, ב:5, 6: „ישוע־המשיח . . . וואָס האָט זיך אַליין געגעבן פאַר אַן אויסלייזונג.” און וואָס איז שייך ישועס מענטשישן געבורט, זאָגט דער באַריכט אַזוי אין מתיא א:22, 23: „און דאָס אַלץ איז געשען, כדי עס זאָל מקוים ווערן וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן פון גאָט דורך דעם נביא [ישעיה], אַזוי צו זאָגן: „זע, די יונגפרוי וועט טראָגעדיק ווערן, און גע־ווינען אַ זון, און זיי וועלן רופן זיין נאָמען עמנואל; וואָס באַטייט: גאָט איז מיט אונז.” אַז אָט דער איינער איז דער אויסלייז אָדער באַפרייער פון זינד און טויט, דאָס ווערט אָנגע־וויזן אינעם פריקן פסוק, 21: „ער וועט מציל זיין זיין פאָלק פון זייערע זינד”; און דער אַפּאָסטאָל פּעטרוס האָט דערקלערט בנוגע אים אין מעשים ד:12: „און עס איז נישטאָ קיין ישועה אין קיין אַנדערן; וואָרום עס איז אויך נישטאָ אונטער דעם הימל קיין אַנדערער נאָמען, וואָס איז געגעבן געוואָרן צווישן מענטשן, וואָס אין אים זאָלן מיר געראַטעוועט ווערן.” פון צווישן אַלע זיינע געטרייע באַשאַפן אין הימל איז עס געפעלן געוואָרן גאָט צו באַנוצן דעם איינעם, וועלכער איז אים צום טייערסטן געווען, און אַראָפּצושיקן אים אויף דער ערד, כדי ער זאָל ווערן דער פולקאָמער מאַן און אויספירן, צווישן אַנדערע עובֿדות, דאָס ווערק פונעם אויסלייז. דערפאַר זאָגט זיך אין יידן ב:9: „מיר זעען אָבער ישוען, וואָס איז געמאַכט געוואָרן שיר נישט מינער

8. גיב אָן אַ ביבלישן באַווייז באַצייכנדיק דעם אויסלייזן?

פון די מלאכים, פונװעגן די לײדן פון דעם טױט, דאך געקרױנט מיט הערלעכקײט און כּבֿוד [נאך זײן טױט און תּחית־המתים]; כּדי ער זאל דורך דעם חסד פון גאט פארזוכן פון טױט פאר איטלעכן." אמתדיק איז געװען דערפאר דער יוחנן־המטבּלהס טריומפירנדער אױסרוף, װען ער האט דערזען אט דעם אײנעם דערנענטערן זיך: „זע, דאס לאם פון גאט, װאס נעמט אװעק די זינד פון דער װעלט!"—יוחנן א:29.

⁹ דאס פולקאמע מענטשלעכע לעבן װאס ישוע־המשיח האט אװעקגעלײגט מיט זײן טױט,—איז די א װערטפולע זאך, מיט װאס ער האט דורכגעפירט דעם אױסקױף פון דעם, װאס איז פארלױרן געגאנגען צוליב אדמס זינד און אומגעהארכזאמקײט פאר אים און זײנע קינדס־קינדער. ישועס בלוט װאס איז פארגאסן געװארן מיט זײן טױט, זײן מענטשיש לעבן אױסגערונען פאר א פרײװיליקן קרבן,—דאס איז דער אױסלײז. און עס איז פארזארגט געװארן דא אױף דער ערד מיטן טױט פון ישוע. דער תּחית־המתים־אױפגעװאכטער ישוע װעלכער איז פארהערלעכט געװארן אין הימל נאך זײן תּחית־המתים אלס א גײסטיקער באשאף, אומשטערבלעך, און שױן ניט װי א מענטשלעכער זון פון גאט,—ער האט עס פארגעלײגט אלס אן אױסקױפנדיקן אנבאט פאר די זינד. דאס דאזיקע פולקאמע מענטשלעך לעבן איז מיט אלע זײנע רעכטן און אױסזיכטן אװעקגעלײגט געװארן צום טױט, אבער ניט צוליב זינד און שטראף. ישוע האט עס ניט גענומען צוריק בעת זײן תּחית־המתים; װײל ער איז דערהױבן געװארן צו א געטלעכן גײסט־באשאף. נאך דעם װי דער הימלישער פאטער האט געשאנקען זײן געטרײען זון אומשטערבלעך גײסטיק לעבן אלס א באלױנונג, איז דאס געאפּפערטע מענטשלעכע לעבן געבליבן װירקזאם, און א װערטפולע זאך מיט אױסקױף־קראפט, און דערפאר אױך מיט גאולה־ אדער אױסלײז־מאכט. דער װערט פונם פולקאמען מענטשלעכן לעבן האט איצט געקענט באנוצט װערן פאר יענע געטרײע מענטשן, װאס

---

9. (א) װאס אזױנס איז עס, װאס האט דעם אױסקױפנדיקן װערט? (ב) װו און װי אזױ איז עס פארזארגט געװארן? (ג) װי אזױ און װו איז עס פארגעשטעלט געװארן צו גאט?

דאַרפן אויסגעלייזט ווערן דורך דעם. אַט די ווונדערלעכע זאַכן זיינען אויפגעקלערט אין יידן ט:24—26, ווי פאָלגט:

[10] „וואָרום משיח איז נישט אַריינגעגאַנגען אין אַ מקום־קדוש וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט הענט, [אַזעלכע ערטער וואָס די בני־ישראל האָבן געהאַט, ווי אין דעם משכן, און ווו די כהנים פון ישראל פלעגן אָפּריכטן צערעמאָניעס אַלס פאַר־בילדער], און וואָס איז געגליכן צום אמתן, נייערט אין הימל אַריין גופא, צו ווייזן זיך אַצונד פון אונזערטוועגן פאַר גאָט. אויך נישט, כדי ער זאָל זיך אָפּט מקריב־זיין, ווי דער כהן־גדול איז אַריינגעגאַנגען אַלע יאָר אין דעם קדשי־קדשים מיט פרעמדן [חיהשן] בלוט; אַנישט וואָלט ער אָפּט געמוזט לידן פון זינט דער גרונטפעסטיקונג פון דער וועלט; אַצונד אָבער איז ער אויפן סוף פון די צייטן איינמאָל אַנטפּלעקט געוואָרן, צו פאַר־לענדן די זינד דורך דעם קרבן פון זיך אַליין."

[11] מיר זעען, אַז צוליב זיין זינד האָט אָדם פאַרלוירן דעם פולקאָמען מענטשלעכן לעבן און איז אויף אַ גערעכטן אופן פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט, און סוף־כל־סוף געשטאָרבן און אַלע זיינע קינדער האָבן געירשנט פון אים די זינד און טויט. גאָט האָט פון זיין באַליבטן זון געמאַכט אַ פולקאָמען מענטשן, און ווייל ישוע איז געווען געטריי, איז ער געגאַנגען צום טויט, און דערנאָך איז ער דורך גאָטס מאַכט אויפגעוועקט און דער־הויבן געוואָרן צום הימל, און דאָרט האָט ער פאָרגעשטעלט צו גאָט דעם זכות אָדער דעם ווערט פון זיין פולקאָמען מענטשלעכן לעבן. אָבער ווי אַזוי ווערט עס אויסגעווירקט לטובת די געטרייע מענטשן? ווי אַזוי לייזט עס אויס „אַ סך"? דאָס זיינען גוטע פראַגן, און זיי פאַרדינען אַ ביבלישן ענטפער.

[12] לוקאַס ג:38 זאָגט אונז וועגן: „אָדמען, דער זון פון גאָט." ווי דער מענטשלעכער זון פון גאָט, איז אָדם געווען פולקאָם, ווייל גאָט האָט אים באַשאַפן, און: „זיין [יהוהס] ווערק איז

---

10. ווי אַזוי ווערט עס דערקלערט אין יידן ט:24-26?
11. וועלכע פראַגן פאָדערן איצט אַ פאַסיקן ביבלישן ענטפער?
12. וואָס איז געווען אָדמס קרובשאַפט צו גאָט איידער ער האָט געזינדיקט און שפּעטער, און ווען זיינע קינדער געבוירן געוואָרן?

גאַנץ [פֿולקאָם].״ (דברים לב:4) ער איז אָבער ניט באַשאַפֿן געוואָרן צו זײַן אויטאָמאַטיש געהאָרכזאַם צו גאָט ווי אַ גולם; ער האָט אַליין געהאַט די אויסוואַל—פֿאָלגן זײַן באַשעפֿער און געניסן פֿונם געבענטשטן לעבן וואָס ער האָט באַקומען, אָדער ער האָט געקענט ווידערשפּעניקן מיט אַ כּוון און פֿאַרלירן זײַן לעבן און אַלע רעכט פֿונם לעבן. אַזוי, אַז כאָטש ער איז געווען פֿולקאָם, איז זײַן געטרײַשאַפֿט דאָך געווען אויסגעשטעלט אויף אַ פּרוּוו. נאָכן זינדיקטן, האָט אָדם אויפֿגעהערט צו זײַן גאָטס זון, נאָר ער איז געוואָרן אַ בפֿרושדיקער זינדיקער. „אָדם איז נישט פֿאַרפֿירט געוואָרן״ (טימאָטעאוס א, ב:14); אַזוי אַרום איז דער טויטורטייל אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף אָדמען פֿאַר זײַנע פֿרײַוויליק אויסגעקליבענע זינד, און ער איז טאַקע סוף־כּל־סוף געשטאָרבן, און דאָס זעלבע—אַלע זײַנע קינדער, מיר און אונזערע אָבות, זײַענדיק געבוירן נאָך זײַן זינד.

[13] אָדמס קינדס־קינדער האָבן געהאַט די אויסוואַל—אָדער דינען גאָט מיט זייערע בעסטע אומפֿולקאָמע מעגלעכקייטן, אָדער פֿאַרהאַרטעווען זייערע הערצער קעגן גאָטס גוטסקייט במשך די געציילטע יאָרן פֿון זייער לעבן. גאָטס דינער האָט אַזוי געזאָגט צום אומפֿולקאָמען מענטשן: „ווײַלט אײַך אויס הײַנט וועמען איר ווילט דינען, . . . און איך און מײַן הויזגעזינט וועלן דינען י ה ו ה.״ (יהושע כד:15) אָבער אַפֿילו די, וואָס באַשליסן אין זייערע הערצער און מוחות צו דינען דעם אמתן גאָט, זײַנען ניט בכּוח צו געווינען אײביק לעבן פֿאַר זיך אָן גאָטס טאַט צו זייער גונסטן. ווי עס דריקט עס אויס רוימער ה:12: „דרום, אַזויווי דורך איין מענטשן [אָדם] איז די זינד געקומען אין דער וועלט אַרײַן, און דער טויט דורך דער זינד, אַזוי איז דער טויט אַריבער צו אַלע מענטשן, ווײַל אַלע האָבן געזינדיקט.״

[14] ווי אַ פֿולקאָמער מאַן איז ישוע געווען אין אַן ענלעכער

13. (א) האָבן מענטשן די בחירה אויסצוקלײַבן וועמען צו דינען? (ב) צי קענען יענע וואָס דינען גאָט געווינען לעבן מחוץ פֿון זײַנע פֿאַרזאָרגונגען?

14. כּדי צו באַווײַזן ווי אַזוי דער אויסלייז ווירקט לטובֿת די מענטשן, דערקלער: (א) דעם אַמט פֿון ישוע־המשיח אין דעם דאָזיקן פּרט; (ב) וואָס פֿאַראַ זאַך באַזיצט ישוע־המשיח אויף צו באַנוצן; (ג) ווי אַזוי ווערט אָט די ווערטפֿולע זאַך באַנוצט.

לאַגע, וואָס דער פֿולקאָמער אָדם האָט אַמאָל פאַרנומען, אַ צדיק, אַ פערפעקטער, אַ זינדלאָזער מענטש. אין יידן ה:8, 9 שטייט בנוגע ישוען: „הגם ער איז געווען אַ זון, דאָך האָט ער געלערנט אונטערטעניקייט דורך דעם, וואָס ער האָט געליטן; און דורך זיין שלימות [פערפעקטקייט] איז ער געוואָרן פאַר אַלע, וואָס געהאָרכן אים, די סיבה פון אייביקער ישועה." זיין שלימות [פערפעקטקייט]—ניט נאָר אין זיין אָרגאַניזם, נאָר אויך אין זיין איבערגעגעבנקייט צו זיין פאָטער—האָט ישוע דערוויזן דורך זיין טאַדללאָזער געהאָרכזאַמקייט; און דערפאַר איז ער דערהויבן און געזאַלבט געוואָרן פאַרן גרויסן כהן־גדול, כדי אריינצוקומען „אין הימל גופא" און אָנצובּיטן דעם ווערט פון זיין פולקאָמען מענטשלעכן קרבן לטובת „אַלע, וואָס געהאָרכן אים". להפּך צו אָדמס ברענגען דעם טויט אַדאַנק דעם עובר־זיין גאָטס געזעץ, איז ישוע, דורכן ברענגען זיין אויסלייז־פרייז אין הימל אַלס דער העראלעכער כהן־גדול, בכוח צו באַפרייען אָדמס גלויביקע קינדס־קינדער פון דער גערישנטער אוממעכ־טיקייט, אין וועלכער זיי אַלע זיינען געבוירן. דורך זיין פרייז קויפט ער זיי, לייזט ער זיי אויס פון זינד און פון טויט, אויס־נוצנדיק דעם שכר פון זיין קרבן לטובת זיי, כדי זיי זאָלן קענען דורך דעם זון שטיין פאַרן פאָטער ווי גערעכטע.— קאָ־רינטער א, ו:20; ז:23.

ווער ווערט אויסגעלייזט

[15] דער מאַן אָדם איז ניט איינגעשלאָסן אונטער די אויסגע־לייזטע. פאַרוואָס ניט? ווייל ער איז געווען אַ פרייוויליקער זינדיקער, און ער איז מיט רעכט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און געשטאָרבן; גאָט וועט ניט ענדערן זיין גערעכטן משפּט און וועט ניט געבן אָדמען זיין לעבן. ער האָט געהאַט אַ פולקאָם לעבן און ער האָט עס געלאָזט פאַרלוירן גיין מיט כוון. פאַר אָדמען ווערט קיין אויסלייז ניט פאַרזאָרגט. אָבער להפּך צו דעם וואָס אָדם האָט אָפּגעטאָן זיין גרויסער משפּחה, וואָס איז

15. באַווייז צי אָדם איז אויסגעלייזט געוואָרן, און וואָס איז דער הפּך אין די פאָלגן פאַר דער מענטשהייט, צווישן אָדמס דרך און דעם דרך־הישר פון ישוע־המשיח.

געבוירן געוואָרן נאָך אים, האָט ישוע־המשיח אויסגעלייזט די גלויביקע מענטשן מיט זיין אַנטשפּרעכנדיקן פּרייז; און מיט דעם שאַפט ער אָפּ די גערירשנטע קללה פון „אַ סך" פון אָדמס משפּחה, ווייל דער שכר פון זיין אויסקויף־פּרייז נוצט ער אויס לטובת זיי, און אָט דאָס זיינען עס די אויסגעלייזטע.

[16] שליסט דאָס איין ניט־יידן פּונקט אַזוי ווי יידן? יאָ, ווייל ווי רוימער ה:18 שטעלט פעסט: „די מתּנה [פון לעבן דורך ישוע־המשיח] איז געקומען פאַר אַלע מענטשן [ניט בלויז יידן, ניט בלויז גויים] צו דער רעכטפאַרטיקונג פון לעבן." גאַלאַטער ג:13 ווייזט די יידן, אַז „משיח האָט אונז אויסגעלייזט פון דער קללה פון דער תּורה", און רוימער ד:11 רעדט וועגן די גלויביקע ניט־יידן אַלס „אַלע נישט געמלעטע וואָס גלויבן, כּדי עס זאָל זיי צוגערעכנט ווערן גערעכטיקייט"; אַזוי אַרום באַשטימט דער וועג פונם יחיד אַליין, צי ער וועט סוף־כּל־סוף געניסן פון משיחס אויסלייז־קרבן, צי ניט. פאַר די אָפּזיכטלעכע רשעים און האַרטהאַרציקע צו יהוהס פאַרזאָרג, ווערט דער זכות פון אויסלייז און אייביק לעבן ניט אַרויפגעצוווּנגען, נאָר ווי עס ווערט געזאָגט אין יוחנן ג:36, „דער וואָס גלויבט אין דעם זון, האָט אייביק לעבן; דער אָבער, וואָס גלויבט נישט אין דעם זון, וועט נישט זען קיין לעבן, נייערט דער צאָרן פון גאָט טוט בלייבן אויף אים." אַזוי אַרום ווערט דערוויזן די אומפּאַרטייישקייט פון יהוהן, דעם גרויסן אויסלייזער. דער זעלבער אויסלייז־פאַרזאָרגונג איז דער יסוד פאַרן תּחית־המתים פון די טויטע וואָס זיינען אין גאָטס זכרון, און זיי וועלן סוף־כּל־סוף געווינען דאָס לעבן. ישוע האָט געגעבן דעם „אויסלייז פאַר אַלעמען", פאַר יענע אַלע וועלכע האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט גאָט דורך ישוען אַלס פאַרמיטלער. „וואָרום פאַראַן איז איין גאָט, אויך איין מליץ [פאַרמיטלער] צווישן גאָט און מענטשן, דער מענטש ישוע־המשיח, וואָס האָט זיך אַליין געגעבן פאַר אַן אויסלייזונג פאַר אַלע."—טימאָטעאוס א, ב:5, 6.

16. צי זיינען יידן און ניט־יידן אונטערגעוואָרפן דעם אויסלייז אויף אַ קאָלעקטיוון אופן, אָדער אויף אַן אינדיווידועלן אופן? אויף אַן ענלעכן אופן? אומפּאַרטייִיש?

17 דער אויסלייז לייגט אַרויף אויף די, וואָס ווילן פון אים געניסן, אַ פליכט און אַ וווּנדערלעכן זכות. „דער שטאָך פון טויט איז זינד" (קאָרינטער א, טו:56); און כּדי מענטשן זאָלן געראַטעוועט ווערן פון טויט וואָס איז פאַרוּרזאַכט דורכן שטאָך פון זינד מוזן זיי זיך באַקענען מיטן חסד פון גאָט דורך ישוע־המשיח, און דאַן האָבן גלויבן אין די פאַרזאָרגונג וואָס ער האָט געמאַכט. אַזאַ גלויבן מיינט, זיי זאָלן זיך פאַרלאָזן מיט פאַר־טרויען אויף אַזעלכע פאַרזאָרגונג, און זי הויכשאַצן, אַז דאָס איז אַן אוּמפאַרדינטער חסד פון גאָט לטובת די מענטשן, און זיי זאָלן אים געבן אַלן כּבוד פאַר דעם, און דאַן אַרויסווייזן די דאָזיקע איבערצייגונג דורך ווידמען זיך צו גאָט און אויפ־קלערן אַנדערע וועגן דעם אויסלייז. וועלן די מענטשן פון גוטן־ווילן דערווייזן אַזאַ דרך פון טאַט, וועלן זיי באַצייכנט ווערן, אַז זיי באַלאַנגען צו יענע „אַ סך" פאַר וועמען משיח איז גע־שטאָרבן, איינשליסנדיק די „גרויסע מחנה" באַשריבן אין התגלות ז:14 מיט אַזאַ פּרעכטיקן סימבאָל: „דאָס זענען די, וואָס קומען אַרויס פון אַ [דער איצטיקער] גרויסער צרה, און זיי האָבן געוואַשן זייערע קליידער און האָבן זיי געמאַכט ווייס אין דעם בלוט פון דעם לאַם."

18 גלויבן באַזירט זיך אויף פאַרלאָזלעכע באַווייזן. דאָס וואָרט פון אַלהעכסטן גאָט איז אַ פאַרלאָזלעכער יסוד פאַרן גלויבן. דאָס קלערט אויף דעם פאַרזאָרג וועגן אויסלייז און דורך דעם ווערט דערמעגלעכט דער גלויבן אין דעם גאולה־פּריז פאַרזאָרגט דורך ישוען. יענע הייַנטיקע מענטשן פון גוטן־ווילן, וואָס וועלן זיך באַנוצן מיט אָט דעם פאַרזאָרג און וועלן פאַרבלייבן פעסט ביים דאָזיקן פאַרטרויען, וועלן אויסגעפינען, אַז ישוע־המשיח איז זייער „אָבי־עד" [אייביקער פאָטער]. (ישעיה ט:5) זייער אייביק לעבן אויף דער ערד אונטער גאָטס מלכות וועט זיין צום לויב פונם איין איינציקן גאָט, יהוה, וועמעס כּוונות

---

17. וואָס דאַרפן מענטשן טאָן, כּדי צו ראַטעווען זיך פון טויט, וואָס איז פאַרוּרזאַכט דורכן שטאָך פון זינד? און ווי אַזוי דערווייזט דאָס התגלות ז:14?

18. ווי אַזוי איז דער יסוד פון גלויבן—פאַרזאָרגט געוואָרן פאַר „אַ סך וואָס ווערן אויסגעלייזט'?

לגבי ישוע־המשיח זײַנען פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך דעם זון און איבערגעחזרט בײַ מאַרקוס י:45: „וואָרום דער בן־אָדם איז אויך נישט געקומען באַדינט צו ווערן, נייערט צו באַדינען און צו געבן זײַן לעבן אַן אויסלייז פאַר אַ סך."

קאפיטל 9

„די קירך פון גאָט“

פּאראַן זייער אַ סך ווידערשפּרעכלעכע באַהויפּטונגען פון צאָלרייכע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס בנוגע „די קירך“, וועגן וועלכער עס זיינען אין דער ביבל אָנגעשריבן אַזוי פיל גוטע און דערמוטיקנדע זאַכן. טייל טענהן אַזוי, אַז נאָר זייער רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע האָט דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו פאַרטרעטן גאָט. זיי זאָגן, אַז דער פּערזאָן וואָס זוכט גאָטס חסד און ברכה מוז אָנטייל נעמען אין אַלע פאָרגעשריבענע רעליגיע־דינסטן, איז מחיב צו שטיצן די אָרגאַניזאַציע פינאַנציעל און מיט אַנדערע אופנים, און מוז פאָלגן די פאַראָרדענונגען פון קאַרדינאַלן, בישאָפן, פּאַטערס, וויקאַרס, פּאַסטאָרס און אַנדערע מענער וואָס האָבן די אויבער־השגחה איבער דעם מין אָרגאַניזאַציע. אַנדערע, ווידער, האַלטן, אַז די אָנגעהעריקייט אַליין צו וועלכער ס׳איז פון די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, פאַרזיכערט שוין יענעם זיין מיטגלידשאַפט אין „דער קירך“, וואָרום אַלע אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס גייען מיט דעם זעלבן דרך. דער ערלעכער און אויפריכטיקער זוכער געפינט אויס, אַזוי אַרום, אַז זיין אַרבעט ווערט באַשווערט צוליב אַט די מיש־מאַש־באַהויפּטונגען, און ער ווערט באַלד אַוועקגעשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט וועגן דעם, וואָס באַדייט אייגנטלעך דער ביבלישער אויסדרוק „די קירך“. וואָס איז אַזוינס אַט „די קירך“? און ווי אַזוי דינט זי גאָטס כוונות?

אמת און שקר

² פאַראַן אַ סך אַזוי־גערופענע „פּראָטעסטאַנטישע“ רעלי־

1. וואָס פאַר אַ פאַרווירנדיקע סיטואַציע טרעפט דער אויפריכטיקער נאָכפאָרשער, ווען ער זוכט צו געפינען די אמתע קירך?
2. ווער מאַכט די באַהויפּטונג צו זיין „די קירך“? און צווישן די אַלע באַהויפּטער, וועלכע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע איז אַזוי אַרויסשטייענדיק?

גיעזע אָרגאַניזאַציעס וואָס באַהויפּטן צו זיין „די קירך" דער־מאָנט אין דער ביבל. די יידן באַהויפּטן אויך, אַז זיי פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ אין גאָטס האַרץ, און זיי גלייבן באמת, אַז זיי וועלן נאָך אַלס אַ פאָלק זיין גאָטס אויסדערוויילט אינסטרו־מענט. אָבער צווישן אַלע רעליגיעזע קערפּערשאַפטן וואָס געבן זיך אויס צו זיין גאָטס קאַנאַל, צייכנט זיך אויס צום בולטסטן די רוימיש־קאַטוילישע קירך; און דערפאַר וועלן מיר זיך דאָ גאָר באַזונדערס פאַרנעמען אירע באַהויפּטונג. די דאָזיקע וואַטיקאַן־אָנגעפירטע אָרגאַניזאַציע האָט אויסגעשפּרייט איר איינפלוס איבער די ווייטגרייכנדיקע פּלעצער פון „קריסטנטום"; איבער אַלע זעקס קאָנטינענטן, איבער די אָקעאַן־אינדזעלן קען מע אָנטרעפן אירע גייסטלעכע פאָרשטייער, וועלכע פראַוון רעליגיע־דינסטן און האָבן די השגחה איבער די דערציונג פון די יונגע לייט ווי נאָר מעגלעך.

[3] די קאַטוילישע לערע באַהויפּט, אַז די רוימישע קירך איז די איינציקע אמתע קירך, וואָס איז געבויט אויף פּעטרוסן (די היעראַרכיע באַהויפּט, אַז ער איז געווען דער ערשטער פּויפּסט) אַלס איר יסוד; אויך אַז דער פּויפּסט איז דער זעבאַרער הויפּט פון דער קירך, אַז ער איז דער נאָכפאָלגער פון פּעטרוסן, און דער איינציקער מענטש וואָס האָט דעם רשות אויסצוטייטשן די ביבל. כדי אונטערצושטיצן די אָ באַהויפּטונג, פאַררופן זיי זיך אויף די ווערטער פון ישוע צו פּעטרוסן, אַזוי פאַרצייכנט אין מתיא טז:18: „און איך זאָג אויך דיר, אַז דו ביסט פּעטרוס, [פּעטראָס, דאָס מיינט אַ ,שטיק פעלז'] און אויף דעם דאָזיקן פעלז [פּעטראַ, דאָס מיינט ,אַ מעכטיקע פעלזן'] וועל איך בויען מיין קהילה; און די טוירן פון שאול [האַדעס, דער קבר] וועלן זי נישט גובר־זיין [באַזיגן]." באַהויפּטנדיק, בכן, אַז פּעטרוס איז געווען דער ערשטער פּויפּסט און ער איז דער גרונטשטיין פון דער קירך, האַלט די קאַטוילישע לערע, אַז די וואַטיקאַנישע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע, אָנגעפירט דורך דער „הייליקער קאָ־לעגיע פון קאַרדינאַלן" בראש מיט דעם יורש פון פּעטרוס (דער פּויפּסט), איז גאָטס אינסטרומענט, זיין קירך, וואָס דאַרף אויס־

---

3. וואָס לערנט די קאַטוילישע דאָקטרינע בנוגע דער „קירך"? און אין וועלכן ביבלישן טעקסט זוכט זי אָפּט אונטערשטיצונג?

ווירקן זיין כוונות און זיין ברכה פאר די מענטשן. די רעליגיאָ־ניסטן לערנען, אז די פליכט פון דער קירך איז צו „ראַטעווען נשמות" און צוגרייטן די מענטשן צום „קומענדיקן לעבן".

[4] עס איז אָבער אינגאַנצן ניטאָ קיין באַווייז אין דער ביבל, אַז פעטרוס זאָל ווען עס איז שטייען בראש אין דער קריסטלעכער קירך. אַלס באַווייז, למשל, אַז פּאָולוס איז אין קיין שום הינזיכט ניט געווען נידעריקער פון פעטרוסן זאָגט פּאָולוס: „וואָרום איך רעכן, אַז איך בין אַ האָר נישט הינטערשטעליק די סאַמע גרעסטע שליחים." (קאָרינטער ב, יא:5) פעטרוס האָט די ערשטע פון זיינע צוויי בריוו געשריבן פון בבל (פעטרוס א, ה:13), אָבער עס איז ניטאָ קיין שום באַווייז, אַז ער זאָל אפילו האָבן באַזוכט רוים, בעת פּאָולוס איז דאָרט יאָ געווען. אויך האָבן די צוועלף אַפּאָסטאָלן ניט געהאַט קיין שום נאָכפאָלגער, ווייל ישוע האָט אָנגעזאָגט, אז עס זיינען פאַראַן נאָר „די צוועלף שליחים [אַפּאָסטאָלן] פון דעם לאַם". (התגלות כא:14) די טענה, אַז דער פּויפּסט, אַלס פּעטרוסעס נאָכפאָלגער, איז דער ראש פון דער קירך, איז דערפאר לחלוטין אָן װעלכן עס איז יסוד אין די כתבי־הקודש אָדער אין דער ווירקלעכקייט. ווי מיר וועלן עס דאָ באַווייזן שפּעטער, איז עס פשוט אַ פאַרגוואַלטיקונג פון גאָטס וואָרט, ווען די רעליגיאָניסטן בויען אויף אַן אָרגאַניזאַציע אויף דער ערד, און רופן זי „די קירך" און באַהויפּטן, אַז דאָס איז גאָטס אמתע קירך. אַזאַ מין קערפּערשאַפט אויף דער ערד איז ניט און קען גאָר ניט זיין „די קירך", ווייל זי איז ניט גאָטס געביידע און זי וועט ניט דינען פאר זיין צוועק.

[5] קירך—דאָס מיינט אַ קהלה, אַרויסגערופן פון דער וועלט פאר גאָטס צוועק; איז טאַקע די לערע מכח „דער קירך" אַ לאַנגע צייט געווען אַ גרויסער סוד. צום ערשטן מאָל איז עס אויפ־געקלערט געוואָרן צו די, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פון צווישן די מענטשן אַלס מיטגלידער פון דער קירך. (מאַרקוס

4. וואָס איז דער באַווייז, אז די באַהויפּטונג פון די קאַטוילן איז אומבאַגרינדעט?
5. וואָס באַדייט דער אויסדרוק קירך? און וואָס אַזוינס איז די אמתע קירך?

ד:11) עס איז דאָ נאָר איין ווירקלעכע און אמתע קירך, און זי ווערט באַצייכנט אין דער ביבל ווי „די עדה פון דעם לעבעדיקן גאָט". (טימאָטעאוס א, ג:15) יהוה, דורך זיין זון ישוע־המשיח—איז דער בויער פון אָט דער קירך, וואָרום „דער, וואָס בויט דאָס הויז, האָט מער כּבוד איידער דאָס הויז. וואָרום יעדעס הויז ווערט געבויט דורך עמיצן; דער אָבער, וואָס האָט אַלצדינג געבויט, איז גאָט". (יידן ג:3, 4) דאָס איז דער „מקדש", דער „אמתער משכּן, וואָס גאָט האָט אויפגעשטעלט, און נישט קיין מענטש". (יידן ח:2) די אמתע קירך איז די פאַרמיטלשאַפט, וואָס מיט איר הילף און דורך איר האָט דער אַלמעכטיקער גאָט באַשלאָסן צו רעכטפאַרטיקן זיין נאָמען און צו ברענגען ברכות פאַר געהאָרכזאַמע מענטשן.

[6] ווייסנדיק זייער גוט אויף וואָס פאַראַ אופן די קירך וועט דינען פאַרן וויכטיקן צוועק, האָט דער גאָט פון חכמה זי אַזוי איינגעפונדעוועט אויף אַ גוט אויסגעפּרוּווטן גרונטשטיין. ווען ישוע האָט גענצהט פּעטרוסן „אויף דעמדאָזיקן פעלז וועל איך בויען מיין קהילה [קירך]", האָט ער עס געמיינט זיך אַליין, ווי דער גרויסער פעלז אויף וועלכן „מיין קירך" וועט געבויט ווערן. לויט דעם סירישן מאַנוסקריפּט האָט ישוע געזאָגט: „דו ביסט צעפאַס: און אויף דעם פעלז [צעפאַס] וועל איך בויען מיין קירך." (מתיא טז:18) (מורדאָקס [ענגלישע] איבערזעצונג) אין דעם סירישן מאַנוסקריפּט איז דער דו פון מענלעכן מין, ווייזנדיק, אַז דער ערשטער צעפאַס איז פון מענלעכן מין און באַציט זיך צו דעם אַפּאָסטאָל פּעטרוס; אָבער דאָס נאָמענווארט דעם איז פון ווייבלעכן מין, באַווייזנדיק, אַז דער צווייטער צעפאַס איז פון ווייבלעכן מין און באַציט זיך ניט צו פּעטרוסן, נאָר צו עמיצן אַנדערש. עס באַציט זיך צו ישוע־המשיח אַליין, וועלכער איז אָט דער פּעטראַ (גריכיש), אָט דער גרויסער פעלז. פּעטרוס האָט געגלייבט אין אָט דעם „פעלז" און שטאַרקמוטיק פּראָקלאַמירט ישוע־המשיחן אַלס דעם הימלישן יסוד, דעם פעלז, אויף וועלכן גאָטס קירך איז אויפגעבויט. פּעטרוס האָט געזאָגט: „ער [ישוע־המשיח] איז דער שטיין, וואָס איז פון אייך בוימיינסטער פאַרוואָרפן געוואָרן, און וואָס איז געוואָרן צום ווינקל־

6. אויף וועמען איז „די קירך" געבויט?

שטיין. און עס איז נישטאָ קיין ישועה אין קיין אַנדערן, וואָרום עס איז אויך נישטאָ אונטער דעם הימל קיין אַנדערער נאָמען, וואָס איז געגעבן געוואָרן צווישן מענטשן, וואָס אין אים זאָלן מיר געראַטעוועט ווערן."—מעשים ד:11, 12; זע אויך פּעט־רוס א, ב:3—10.

[7] דער אַפּאָסטאָל פּאָולוס באַשטעטיקט פּעטרוסעס דערקלע־רונג, אַז ישוע־המשיח איז דער ראש פון דער אמתער קירך־קערפּערשאַפט, ווען ער זאָגט: „משיח איז דער ראש פון דער קהילה." „און ער איז דער ראש פון דעם לייב פון דער קהילה; ער איז דער אָנהייב, דער בכור פון די טויטע, כּדי ער זאָל אין אַלצדינג זיין דער ערשטער." (עפעזער ה:23; קאָלאָסער א:18) דאָס איז אמת ווייל ישוע־המשיח איז דער איינציקער וועלכער האָט געקענט זיין צוגעפּאַסט צו דעם וויכטיקן אָרט אין יהוהס הימלישער רעגירונגס־אָרגאַניזאַציע. די אָנפירערשאַפט פון „דער קירך" איז צו אַ הויכע שטעלע, מע זאָל זי אָנפאַרטרויען אַן אומפּולקאָמען (כאָטש אַ געטרייען) באַשאַף, ווי למשל פּעטרוס, —שוין אָפּגערעדט וועגן אָנפאַרטרויען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו אַ ריי נאָכפאָלגערס פון רוימישע פּויפּסטן, וועלכע זיינען אינגאַנצן ניט קיין נאָכגייער פון פּעטרוסן אין פּרט פון האַלטן זיך ביי דער קריסטלעכער לערע. ישוע־המשיח איז „לעבעדיק אויף אייביק" (התגלות א:18) און ער דאַרף ניט האָבן קיין מענטש אויף דער ערד פאַר אַ זעבאַרן ראש פון דער קירך אָדער פאַר זיין פּערזענלעכן פאָרשטייער. ישוע־המשיח, אַ לעבע־דיקער אין הימל, האָט געשיקט דעם הייליקן גייסט אָנצופירן מיט דער קירך אויף דער ערד. (יוחנן טו:26; טז:7, 13) די קירך איז ניט קיין ערדישע אָרגאַניזאַציע, נאָר זי איז גאָטס אייגענע טעאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע צו וועלכער ער פירט אַריין די געטרייע פון צווישן די מענטשן.

[8] אויף אַן פאָרבילדלעכן אָדער בילדערישן שטייגער איז די

---

7. וואָס זיינען די וויכטעדיקע באַווייזן בנוגע דעם יסוד פון דער קירך און איר ראש? און פאַרוואָס מוז דער דאָזיקער קוק אויף די זאַכן זיין ריכטיק?

8. ווער זיינען געווען די ערשטע מיטגלידער פון „דער קירך", וועלכע זיינען גענומען געוואָרן פון צווישן מענטשן? און צו וואָס ווערן זיי פאַרגליכן?

עדה פון די צוועלף שבטים פון ישׂראל אונטער דער אָנפירער־שאַפט פון משהן געווען אַ „עדה" [קירך]. (מעשׂים ז:37, 38) ישוע־המשיח, דער גרעסערער משה, האָט צונערשט מקבל־געווען פון זײַן פאָטער די אַפּאָסטאָלן (פון וועלכע פּעטרוס איז געווען איינער) ווי די צוועלף מיט־זײַלן פון „דער קירך". (יוחנן יז:6) דאָס איז פאַרגעשטעלט אויף אַ סימבאָלישן אופן אין התגלות כא:14, ווו „די קירך" ווערט פאַרגליכן מיט אַ גרויסער שטאָט: „און די מויער פון דער שטאָט האָט געהאַט צוועלף יסודות, און אויף זיי צוועלף נעמען פון די צוועלף שליחים פון דעם לאַם." די צוועלף זײַנען אָנגעוויזן געוואָרן אַלס די צוועלף גרונטשטיינער פון „דער קירך", מיט ישוען אַלס דער הויפּט־ווינקלשטיין. (עפעזער ב:20) און דערפאַר זאָגט די ביבל בנוגע אַלע מיטגלידער פון גאָטס אמתער קירך, איינשליסנדיק די צוועלף אַפּאָסטאָלן און אַלע אויסגעקליבענע זינט דעמאָלט: „אַזוי זאָלט איר אַליין ווי לעבעדיקע שטיינער אויפגעבויט ווערן צו אַ גייסטיק הויז, צו זײַן אַ הייליקע כהונה, כּדי מקריב צו זײַן גייסטיקע קרבנות, באַוויליקט צו גאָט דורך ישוע־המשיח."—פּעטרוס א, ב:5.

די מיטגלידער

[9] די וואָס זײַנען אַרײַנגעבראַכט געוואָרן אין דער אמתער קירך אַריין, אויסגעקליבן אָדער אויסגעווײַלט פון גאָט און דורך ישוע־המשיח, דער ערשטער אויסגעקליבענער. (פּעטרוס א, ב:4; טעסאַלאָניקער ב, ב:13; יוחנן טו:19) זיי זײַנען ניט אַרײַנגענומען אין דער קירך לויט זייער אייגן גוטן ווילן אָדער ווונטש, און זיי אַליין קלייבן זיך ניט אויס זייערע דינסט־אַמטן דאָרטן; ווײַל „נון אָבער האָט גאָט געשטעלט די אברים [מיט־גלידער], יעדן איינעם פון זיי אין דעם גוף, אַזוי ווי אים איז ווויל־געפעלן געוואָרן." (קאָרינטער א, יב:18; יוחנן ג:27) נאָך דער אויסווײַלונג פון „די צוועלף שליחים פון דעם לאַם" אַלס

9. (א) אויף וואָס פאַראַ אופן ווערן די מיטגלידער אַרײַנגעפירט אין דער קירך? און ווי אַזוי האָט גאָט געהאַלטן אין קלייבן די מיטגלידער?(ב) וואָס זעט אויס צו זײַן דער אמת וועגן אַלע מיטגלידער?

ווינקל־זיילן, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ רוף נאָר צו די נאַציע פון ישׂראל אויף אַ משך פון דריי־און־אַ־האַלב יאָרן, און גאָט האָט אָנגעהויבן אויסצוקלייבן געטרייע נשמות פון צווישן די יידן, כּדי זיי צו פֿאַרבינדן מיט ישוע־המשיח אין דער הימלישער קירך. יענע האָבן אָנגעהויבן פּרעדיקן דאָס וואָרט פונם האַר, און אַ סך זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין דער קירך. (מעשׂים ב:41, 46, 47) שפּעטער, ווען פּעטרוס איז געווען אין דעם הויז פון דעם ניט־ייד קאָרנעליוס, האָט ער געהאַט דעם כּבוד אויסצובּרייטערן צום ערשטן מאָל די איינלאַדונג צו די גויים אָדער ניט־יידן. יענע גויים האָבן אויף אַן ענלעכן אופן אָנגעהויבן צו פּרעדיקן גאָטס וואָרט, און נאָך אַ סך זיינען צוגעשטאַנען צו דער קירך. (מעשׂים י:44־48; טו:14) כּדי צו באַמערקן, אַז די אַלע וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן אין פֿאַרבינדונג מיט דער קירך, זיינען געווען, פּונקט ווי ישוע, פּרעדיקער פון דעם וואָרט.

10 פון און זינט דעם אויסקלייבן די אַפּאָסטאָלן אלס די ערשטע גלידער פון דער אמתער קירך, האָט יהוה גאָט פֿאָרטגעזעצט דאָס אויסדערוויילן „די לעבעדיקע שטיינער" פֿאַר זיין קירך. די דאָזיקע אויסדערוויילאַרבעט גייט אָן במשך פון די 19 יאָרהונדערטער זינט ישועס תּחית־המתים און אויפשטייג צום הימל. די ביבל גיט הימלישע האָפענונגען צו אַלע, וואָס זיינען גערופן געוואָרן צו זיין אַ טייל פון „דער קירך"; דאָס וואָרט קלאָר אויפגעוויזן אין פּאָולוסעס ווערטער: „וואָרום אונזער בירגערשאַפט איז אין הימל, פונוואַנען מיר וואַרטן אויך אויף אונזער גואל, דעם האַר ישוע־המשיח, וואָס וועט אויפסנייפורעמען דעם גוף פון אונזער שפלות [דערנידריקונג], כּדי ער זאָל זיין גלייך צו דעם (גייסטיקן) גוף פון זיין כּבוד."— פיליפּער ג:20, 21.

11 כּדי זיי זאָלן ענדגילטיק קענען פֿאַרייניקט ווערן מיט דעם משיחן אין דער הימלישער קירך, האָט זיך געפֿאָדערט פון די

---

10. ווי לאַנג גייט שוין אָן דאָס אויסקלייבן גלידער? און וואָס פֿאַראַ האָפענונג איז זיי אָנגעבאָטן?
11. וואָס ווערט ענדגילטיק געפֿאָדערט פון אַלע גלידער איידער זיי ווערן פֿאַרייניקט מיטן ראש, ישוע־המשיח, אין הימל?

אַפּאָסטאָלן און פון די אַנדערע נאָך זיי, צו פאַרענדיקן זייער ערדישן וועג געטריי ביז צום טויט, אַזוי ווי ישוע האָט עס געטאָן. (פּעטרוס א, ב:21; התגלות ב:10) הגם די אַפּאָסטאָלן און די אַנדערע אויסדערוויילטע זיינען אריינגענומען געוואָרן אינם מלכות־בונד אָדער הימלישער קירך, זיינען זיי ניט גענומען געוואָרן תּכּף אין הימל אריין און ניט פאַרייניקט געוואָרן צום ראש פון „דער קירך". זיי זיינען געשלאָפן אינם קבר ביזן ערשטן תּחית־המתים בעת ישוע־המשיח איז אריינגעקומען אין יהוהס טעמפּל אריין אין 1918, און דעמאָלט זיינען זיי אויפ־געהויבן געוואָרן צו הערלעכקייט—מיט דעם ראש פון „דער קירך". (לוקאס כב:29, 30; התגלות כ:6) היינט־צו־טאָג זיינען נאָך אַלץ דאָ אויף דער ערד אַזעלכע, וואָס ס'איז זיי באַשערט פאַרייניקט צו ווערן מיט דעם ישוע־המשיח אין דער הימלישער קירך, אָבער אויך זיי מוזן פאַרענדיקן זייער ערדישן וועג פאַר־בלייבנדיק געטריי ביזן טויט. לויט גאָטס וואָרט ווערן אַלע יענע וואָס שטאַרבן איצט—„איבערגעביטן אין אַ רגע [מאָמענט], אין אַ הרף־עין [אויגנבליק]", פאַר אַן אייביקער גייסטיקער עקזיסטענץ מיט ישוע־המשיח אין זיין הימלישן גוף אָדער קירך. —קאָרינטער א, טו:42—54; התלגות יד:13.

[12] אין התגלות יד:1, 3, זאָגט די ביבל אויסדריקלעך פאָרויס, אַז די ענדגילטיקע צאָל פון דער הימלישער קירך וועט זיין 144,000, אין הסכם מיט גאָטס געבאָט. און אַזוי ווי די אמתע קירך פון גאָט איז אויף אַן פאָרבילדלעכן אופן פאָרגעשטעלט דורך די צוועלף שבטים פון ישראל אונטער משהן, ווערט די הימלישע קירך פראַגליכן צו צוועלף שבטים מיט 12,000 גלידער יעדערער, אונטערן גרעסערן משהן, ישוע־המשיח. (התגלות ז: 4־8) „די קירך" איז, בכן, באַשרענקט צו אָט דער אויסגעוויילטער, פון פאָרויס באַשטימטער צאָל; און אין הימל איז זי געמאַכט פאַרן הויפּט־טייל אָדער הערשנדער קערפּערשאַפט פון יהוה גאָטס אוניווערסאַלער אָרגאַניזאַציע. אין דער ביבל ווערט זי אויך אָנגערופן „דער גוף פון משיחן" און די „כּלה" פונם לאַם ישוע־המשיח. (עפעזער א:20—23; התגלות יט:7; כא:9)

12. וויפיל גלידער וועלן זיין אין „דער קירך"? און וואָס איז מכח אַלע אַנדערע נפשות וואָס וועלן באַקומען לעבן?

אַלע אַנדערע נפשות באַקומענדיק לעבן פון גאָטס האַנט דורך דער מלכות־איינריכטונג, וועלן ניט זיין אַ טייל פון „דער קירך", נאָר וועלן לעבן אויף דער דאָזיקער ערד אונטער דער הערשאַפט פון ישוען־המשיח און זיין קירך אין די הימלען.

די שליחות

[13] דער ראש פון „דער קירך", ישוע־המשיח, ווערט אָנגערופן אין די כתבי־הקודש „דער געטרייער און וואָרהאַפטיקער עדות". (התגלות ג:14) פון דער צייט אָן ווען ער איז געזאַלבט און ביז זיינע ליפּן זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן דורך דעם טויט אויפן בוים, האָט ער אַלע זיינע כּוחות אַוועקגעגעבן אויף צו פּרעדיקן דעם אמת אָדער די גוטע בשורה וועגן גאָטס מלכות, און גערימט די מאַיעסטעט פון יהוהס נאָמען און געזונגען צו אים לויב־געזאַנגען. ער האָט אויף אַ קלאָרן אופן דערקלערט זיין שליחות אַלס ראש פון „דער קירך": „דער גייסט פון גאָט דעם האַר איז אויף מיר, ווייל גאָט האָט מיך געזאַלבט צו ברענגען אַ בשורה צו די פאַרליטענע; מיך געשיקט צו פאַרבינדן די צעבראָכענע הערצער, אויסצורופן פריישאַפט צו די געפאַנגענע, און לויזלאָזונג צו די געבונדענע; אויסצורופן אַ יאָר פון באַוויליקונג פון יהוה און אַ טאָג פון נקמה פון אונדזער גאָט; צו טרייסטן אַלע טרויערער." (ישעיה סא:1, 2; זע אויך לוקאַס ד:18—21) אַט אַזוי איז געווען זיין אַרבעט פון פּרעדיקן.

[14] ישוע האָט דערקלערט אויף אַ פּשוטן אופן, אַז די זעלבע שליחות ליגט אויף די מיטגלידער פון דער קירך, און ער האָט צו זיי געזאָגט: „איר וועט זיין מיינע עדות ... צום סאַמע ווייטסטן טייל פון דער ערד." פּעטרוס האָט באַשטעטיקט די באַפולמעכטיקונג פון „דער קירך" צו פּרעדיקן אויף אַן ענלעכן אופן, ווי ישוע: „איר אָבער זענט אַן אויסדערוויילטער דור, אַ מלוכה פון כּהנים, אַ הייליקע אומה, אַן עם־סגולה [באַזונדער פאָלק], כּדי באַקאַנט צו מאַכן די מידות־טובות פון אים, וואָס

13. אונטער וואָס פאַר אַ טיטל איז דער ראש פון „דער קירך" באַקאַנט? און וואָס איז געווען זיין טוונג אויף דער ערד, כּדי פאַרווירקלעכן זיין שליחות?
14. וועלכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ליגט אויף „דער קירך"?

האָט אייך ארויסגערופן פון חושך צו זיין ווונדערלעך ליכט." (פעטרוס א, ב:9) דערפאַר טאַקע האָט עם ישוע געזאָגט בשעת ער האָט באַזוכט זיינע געטרייע אַפּאָסטאָלן און תלמידים קורץ פאַר זיין אויפשטייגן אין הימל אריין: „גייט דעריבער, און שטעלט אויף תלמידים פון אַלע אומות, און טובלט זיי אין דעם נאָמען פון דעם פאָטער, און פון דעם זון, און פון דעם רוח־הקודש; און לערנט זיי." (מתיא כח:19, 20) די שליחות צו פרעדיקן גאָטס מלכות איז דעריבער אויף אַלע מיטגלידער פון „דער קירך", ווייל זיי אַלע זיינען געזאַלבט געוואָרן מיט גאָטס גייסט. (מתיא י:1־14; לוקאַס י:1־12; יוחנן א, ב:20, 27) זיי מוזן באַדינען די גייסטיקע באַדערפעניש פון אַלע מענטשן, וואָס זוכן לעבן און בענטשונגען פון גאָטס האַנט. (ישעיה סא:6) די רעשט גלידער פון משיחס גוף אָדער קירך אויף דער ערד דינען מיט ‚דרשענען אין דער גאַנצער וועלט דידאָזיקע בשורה פון דעם מלכות צום עדות פאַר אַלע אומות'. (מתיא כד:14) יענע תחית־המתים־אויפגעשטאַנענע מיטגלידער, איצט פאַר־ייניקט מיט ישוע־המשיח אינם טעמפל, האָבן זיך אַלע ארויס־געוויזן געטריי און אויף אַ פעסטן דרך געפרעדיקט און געדינט בשעת אויף דער ערד; אין הימל זיינען זיי אויף אייביק צוזאַמען מיטן ראש פון „דער קירך", ווי די מיט־יורשים און די מיט־הערשער אין יהוהס רומפולער טעאָקראַטיע.

[15] פון דעם אויבן געזאָגטן זעט מע קלאָר, אַז די פליכט פון דעם רעשט מיטגלידער פון דער קירך וועלכע זיינען נאָך דאָ אויף דער ערד און וועלכע זיינען יהוהס עדות, איז ניט צו פאַרבינדן זיך דורך פאָליטישע אָפּמאַכן מיט די נאַציעס פון דער אָ וועלט (יוחנן יח:36); ס'איז אויך ניט זייער פליכט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו בויען אַ קאָלאָסאַלע ערדישע אָרגאַני־זאַציע, געשטיצט אויף אַ פאַבלהאַפטן רייכטום און באַצירט מיט קאָסטבאַרע און גרויסאַרטיקע געביידעס פאַרן צוועק פון רעליגיעזע דינסטן, און פאַרוואַלטעט דורך אַ ספּעציעלן גייסט־לעכן קלאַס פון מענטשן. (מתיא ו:19־־33) ניין: די פאַראַנט־

15. אין וואָס פאַרא אַרבעט דאַרפן זיך די קירך־גלידער, וועלכע זיינען נאָך פאַראַן אויף דער ערד, ניט באַטייליקן? וואָס איז יאָ זייער וויכטיקסטע אַרבעט?

וואָרטלעכקייט פֿון די גלידער פֿון דער קירך, וועלכע זיינען נאָך אין דעם פֿלייש אויף דער אָ ערד, איז צו לויבן יהוהס נאָמען און עדות־זאָגן וועגן זיין אויבערמאַכט און הערלעכקייט. ווי אַזוי? דורך דעם, וואָס זיי וועלן צושטעלן דאָס גייסטיקע „שפּייז אין דער געהעריקער צייט“ צו יענע וועלכע הונגערן און דאָרשטן נאָכן אמת, און איינלאַדן אַלעמען צו נעמען זייער חלק „אומזיסט דאָס וואַסער פֿון לעבן“. עס איז זייער אויפֿגאַבע צו זען, אַז יהוהס נאָמען און וואָרט זאָלן ווערן דערקלערט אין יעדן טייל פֿון דער וועלט, ווו ער דערמעגלעכט אַזאַ אויסרוף; און אַט די אַרבעט איז געטאָן מיטן זעלבן דרך ווי ישוע האָט עס געטאָן, נעמלעך, פֿון הויז־צו־הויז, פֿון שטאָט־צו־שטאָט, פֿון לאַנד־צו־לאַנד, און—עפֿנטלעך. (מאַרקוס א:38; מתיא יא:1; מעשׂים כ:20, 21) זייער געטריישאַפֿט מוז זיך אַרויסווייזן אין דעם, אַז זיי זאָלן אויספֿירן זייער פּרעדיקונג־שליחות, ניט געקוקט אויף יעדער איינער און אַלע ווידערשטענדן, און אַזוי אַרום דערווייזן זייער פֿאַרלאָזלעכקייט, אַזוי ווי ישוע האָט עס דערוויזן.

[16] ווי אַזוי פֿירט היינט די קירך אויס גאָטס כוונות אויף דער ערד? דורך דעם וואָס זי גיט אַכט, אַז די גוטע בשׂורה זאָל געפּרעדיקט ווערן אַזוי ווי ער באַפֿעלט. ביבלס, ביכער, בראָשורן, צייטשריפֿטן, קורצע אָפּהאַנדלונגען, פֿאָנאָגראַפֿישע פּלאַטן, עפֿנטלעכע דרשות, און אַלע אַנדערע מיטלען וואָס זיינען אין הסכּם מיט די כּתבֿי־הקודש,—דאָס אַלץ ווערט אויסגענוצט, כּדי צו פֿאַרשפּרייטן אומעטום די מלכות־בשׂורה. אין ישועס דערקלערונג צו זיינע אַפּאָסטאָלן אין מתיא כד:14 איז קלאָר אָנגעוויזן, אַז אָט דאָס איז טאַקע דער ריכטיקער אופֿן, דער איינציקער וועג פֿאַר „דער קירך“ דאָ, אויף דעם סוף פֿון דער וועלט: „און דידאָזיקע בשׂורה פֿון דעם מלכות וועט געדרשנט ווערן אין דער גאַנצער וועלט צום עדות פֿאַר אַלע אומות; און דערנאָך וועט קומען דער קץ [סוף].“ און די פֿאַראַנטוואָרטונג פֿון דער אמתער קירך איז צו זען, אַז די דאָזיקע פּרעדיקונג זאָל

16. ווי אַזוי דערפֿילט דער רעשט פֿון „דער קירך“ זיין שליחות היינט־צו־טאָג? ווי לאַנג וועט די אַרבעט אָנגיין? ווי אַזוי קען מען דערקענען די אמתע קירך־גלידער ווי אַ געמיינשאַפֿט אויף דער ערד?

געטאָן ווערן אויפן זעלבן אופן, ווי ישוע האָט עס געטאָן; און נאָר די אמתע קירך טוט היינט־צו־טאָג די אָ אַרבעט. און דערפון קען מע קלאָר זעען, וועלכע איז די אמתע קירך און ווער איז פאַרבונדן מיט איר אויף דער ערד. (מתיא ז:15, 20; כא:43) די אמתע קירך טוט גאָטס ארבעט אַזוי ווי ער האָט באַפוילן, און זי וועט ווייטער טאָן ביז אַט דער טייל אַרבעט פון דער קירך וועט פאַרענדיקט ווערן.

קאפיטל 10

„דאס מלכות-שמים“

יהוה גאט איז דער אוניווערסאלער און אבסאלוטער אויבער־האר. אזעלכע מענטשן וואס אנערקענען ניט דעם א פאקט האבן במשך פון די לעצטע זעקס טויזנט יאר אויפגעשטעלט פארשיידענע רעגירונגען—פון זייער אייגן ווערק. צי דאס זיינען געווען שבטים־הערשאפטן, מאנארכיעס, אדער דעמאקראטישע פאליטישע סיסטעמען,—מוז מע מודה־זיין, אז זיי אלע זיינען געווען גאר ווייט פון באפרידיקן די נויטן פונם פאלק. און דאס איז דערפאר, ווייל סיי די הערשער, סיי די באהערשטע האבן פארזען, אז די איינציקע און על־פי־שכל ריכטיקע רפואה איז, נעמלעך, די אויפשטעלונג פונם מלכות־שמים.

2 די שטרייטפראגע פון וועלט־הערשאפט איז אנטשטאנען דעמאלט, ווען דער מענטש האט זיך ארויסגענומען פון אונטער גאטס גערעכטער הערשאפט און אנגעהויבן גיין מיט א גראבן וועג פון א מענטשלעכער רעגירונג אונטער דער אומזעבארער אויבערהערשאפט פונם שטן. דערפאר האט יהוה געגעבן זיין ווארט און הבטחה, אז אין דער ווייטער צוקונפט וועט ער אליין אויפשטעלן אן אוניווערסאלן מלכות. די דאזיקע דערקלערונג, די ערשטע נבואה וואס איז געגעבן געווארן צום מענטש, איז פאר־שריבן אין בראשית ג:15. עס איז געווען א פייערליכער צוזאג בנוגע דעם מלכות־„זאמען“, און אט דער דערקלערטער צוועק מיינט דעם מלכות־בונד.

---

1. ווער איז דער אבסאלוטער הערשער פונם אלוועלט? ווי אזוי האבן די מענטשן זיך אים אנטקעגנגעשטעלט און מיט וואס פארא רעזולטאט?
2. וואס פאר א גרויסע שטרייטפראגע איז אויפגעהויבן געווארן אינם גארטן פון עדן? און ווי אזוי וועט זי געלייזט ווערן?

[3] מיטן לויף פון דער צייט האט גאט אויסגעברייטערט זיין ערשטן צוזאג און געשלאסן דעם מלכות־בונד מיט זיינע פריינד אברהם, יצחק און יעקב בנוגע דעם זאמען אויף צו בענטשן אלע משפחות אויף דער ערד. (בראשית יז:7, 8; כב:16־18; כו:3־5; כח:13־15) שפעטער איז דורך יעקבן אנטפלעקט גע־װארן, אז דער „זאמען" פון דעם צוזאג װעט קומען דורכן שבט פון זיין זון יהודה. (בראשית מט:10) נאך שפעטער האט גאט אויפגעשטעלט א טעאקראטיע (װאס מיינט א „הערשאפט פון גאט") איבער די אפשטאמער פון יעקב, די נאציע ישראל. אבער דאס איז ניט געװען אזא מלכות, װי עס איז צוגעזאגט געװארן אין גן־עדן. עס האט ניט געטראפן דער שלאנג אין קאפ, און אויך ניט געבראכט קיין בענטשונג צו אלע משפחות אויף דער ערד. עס איז בלויז געװען א בילד אדער א פארבילד פונם גרעסערן מלכות, װאס װעט קומען שפעטער.

[4] ביי דער א פארבילד־איינארדענונג האט זיך די הויפט־שטאט געפונען אין ירושלים, איינגעשלאסן דעם בארג ציון. און דעם קעניגס פאלאץ און דעם הארם ארון־הברית האבן זיך אויך דארט געפונען. אזוי װי ס'איז געװען א געטלעכע רעגירונג, װי געזאגט, אז דער מלך זיצט אויף „יהוהס טראן", און פון ציון איז ארוים געגאנגען דאס געזעץ און פון ירושלים—דאס װארט פונם האר. (דברי־הימים א, כט:23; ישעיה ב:3) נאך מער, דאס פאלק האט ניט אויסגעקליבן דעם קעניג דורך אן אפ־שטימונג, װייל גאט איז געװען דער אמתער אויבערהאר, און ער האט אויסגעקליבן און געזאלבט זיין אייגענעם קעניג פאר זיין פארטרעטער. און דערפאר װייל דוד איז געװען א מאן לויט גאטס אייגן הארץ, פונם שבט יהודה, האט יהוה געשלאסן אן אייביקן מלכות־בונד מיט אים און מיט זיינע קינדס־קינדער. (מעשים יג:22; שמואל א, ז:12־16) װען דאס פארבילדלעכע

3. (א) װאס פאר א געשעענישן זיינען זיך פארלאפן ביי דער אנטװיקלונג פונם „זאמען" פונם צוזאג? (ב) איז די טעאקראַ־טישע הערשאפט איבער ישראל געװען דאס צוגעזאגטע מלכות?
4. (א) װי ארום איז ישראלס רעגירונג געװען אן אפבילד פונם הימלישן מלכות? (ב) װאס פארא צוזאג האט יהוה דא געגעבן, װען די נאציע פון ישראל איז אומגעװארפן געװארן?

טעאָקראַטיש מלכות האָט אַזוי דערפילט זיין צוועק און זיך דערנענטערט צו זיין סוף, האָט יהוה דערקלערט: „אַ חורבן, אַ חורבן, אַ חורבן וועל איך עס מאַכן; יאָ, דאָס וועט מער ניט זיין, ביז עס קומט דער וועמען עס געהערט, און איך וועל עס אים געבן.‟ (יחזקאל כא:32) דער חורבן איז געשען אינם יאָר 607 פ. ק.. דער „וועמען עס געהערט‟, נעמלעך, ישוע־המשיח, האָט זיך באַוויזן אינם יאָר 29 נ. ק..

[5] צוויי היסטאָריקער, מיט די נעמען מתיא און לוקאַס האָבן, יעדער באַזונדער, אויסגעפאָרשט דעם יחוס־בריף פון דודס אָפּשטאַמער, און ביידע זיינען געקומען צום זעלבן אויספיר, אַז ישוע־המשיח איז דער גזעצלעכער יורש. ער האָט זיך טאַקע ארויסגעוויזן פאַרן „לייב פונם שבט יהודה‟. (מתיא א:2-16; לוקאַס ג:23-34; התגלות ה:5; יידן ז:14) די מלאָכים האָבן געזונגען מיט פרייד בעתן געבורט פון אים, וואָס האָט געזאָלט טרעפן דער שלאַנג אין קאָפּ. דאַן, ווען ער איז געטובלט און געזאַלבט געוואָרן צו זיין דער מלך פון דער הימלישער רעגירונג, בעת ער איז געווען דרייסיק יאָר אַלט, האָט זיך דערהערט אַ קול פון הימל זאָגנדיק: „דאָס איז מיין געליבטער זון, וואָס איז מיר ווילגעפעלן.‟ (מתיא ג:17) די דאָזיקע דערקלערונג האָט באַוויזן, אַז משיח איז דאָרט געבוירן געוואָרן דורך גאָטס רוח־הקודש צו זיין דער גייסטיקער זון; אַ פשוטער מענטש וואָלט ניט געקאָנט זיין דער מלך פון דער הימלישער רעגירונג.—מעשים יג:33; קאָרינטער א, טו:50.

דער סוף

[6] ביי איין געלעגנהייט האָט דער געזאַלבטער מלך געזאָגט, אַז דער קלענסטער אין דעם מלכות־שמים וועט זיין גרעסער איידער יוחנן־המטביל. (מתיא יא:11) אויב דאָס איז אַזוי, וואָס זשע זיינען די פאָדערונגען צום אריינטרעטן? ווער און וויפיל קענען אריינטרעטן אינם מלכות? די התגלות באַגרענעצט די

---

5. ווער איז דער באַרעכטיקטער יורש פאַרן טראָן פונם הימלישן מלכות, און ווען איז ער געזאַלבט געוואָרן פאַר אַ מלך?
6. וויפיל וועלן פאַרייניקט ווערן אינם מלכות, חוץ דעם מלך?

צאָל צו 144,000 וואָס וועלן ווערן אַ טייל פונם מלכות און וועלן שטיין אויפן באַרג ציון. (התגלות יד:1, 3; ז:4—8) אַזוי אַרום זעען מיר, אַז גאָט האָט קיינמאָל ניט בדעה געהאַט צו ‚באַקערן די אַ אַלטע וועלט און צונעמען די גוטע אין הימל אַריין'. נאָר אַ קליינע צאָל וועלן זיין די, געפינענדיק דעם אַריינגאַנג צו דעם מלכות; נאָר אַ „קליינע סטאַדע", אין פאַרגלייך מיט דער באַפעלקערונג פון דער ערד.—מתיא ז:13, 14; לוקאַס יב:32.

ז פאַר יענע וואָס באַזיצן ניט קיין קענטעניש פון דער ביבל און אירע לערעס, קען דאָס אַלץ אויסזען עפּעס ווי אַ געהיימניש. באמת, ס'איז טאַקע דער „סוד פון משיח". (קאָלאָסער א:27) נאָר די וואָס זיינען „באַרופן, און אויסדערוויילט, און געטריי" פון צווישן די מענטשן וועלן הערשן צוזאַמען מיט דעם „האַר פון האַרן און מלך פון מלכים". (התגלות יז:14) „בשר־ודם [פלייש און בלוט] קאָן נישט ירשענען דאָס מלכות פון גאָט" (קאָרינטער א, טו:50); אַזוי אַרום מוזן יענע ווערן די גייסטיקע זין פון גאָט, פונקט ווי משיח האָט עס געזאָגט צו נקדימון: ‚סיידן איינער וועט געבוירן אויפסניי, . . . סיידן איינער ווערט געבוירן פון וואַסער [פון אמת] און דעם גייסט, קאָן ער נישט אַריינקומען אין דעם מלכות פון גאָט.' (יוחנן ג:3־13; א:12, 13; יעקב א:18) יענע גייסטיקע זין פון גאָט, וועלכע האָבן זוכה־געווען צום „גייסט פון אַדאָפּטיע" אינם מלכות, קענען זאָגן: „דער גייסט אַליין זאָגט עדות מיט אונזער גייסט, אַז מיר זענען קינדער פון גאָט. און אויב קינדער, זענען מיר אויך יורשים, יורשים פון גאָט, און שותפותדיקע יורשים מיט משיחן." (רוימער ח:15—17) די דאָזיקע יורשים פון גאָט וועלן אַריינגעבראַכט ווערן אינם מלכות־בונד, אַזוי ווי משיח האָט עס דערקלערט: „און איך באַשטים פאַר אייך אַ מלוכה, פונקט ווי מיין פאָטער האָט באַשטימט פאַר מיר, כדי איר זאָלט עסן און טרינקען ביי מיין טיש אין מיין מלכות, און זיצן אויף

7. (א) וואָס איז דער איינציקער אופן, מיט וועלכן מענטשלעכע באַשעפעניש קענען אַריין אין, און ווערן אַ טייל פונם מלכות־שמים? (ב) אין וואָס פאַראַ בונד ווערן יענע אַריינגעבראַכט, און וואָס זיינען זייערע הערלעכע פּריווילעגיעס שפּעטער?

טראָגן צו משפּטן די צוועלף שבטים פון ישראל.” (לוקאַס כב:28—30) אין דער אייננשאַפט אַלס גאָטס פּריסטערס און קעניגן וועלן זיי הערשן טויזנט יאָר צוזאַמען מיט ישוע־המשיח. (התגלות כ:4, 6; ה:10) דער אַפּאָסטאָל פּעטרוס רעדט וועגן דער דאָזיקער „מלוכה פון כּוהנים” ווי וועגן אַ „הייליקער אומה”, אַ נאַציע פון געקויפטע מענטשן, וועלכע ירשענען דאָס מלכות, ווייל זיי וועלן „אַרויסברענגען זיינע פּירות [פּרוכטן]”. (פּעט־רוס א, ב:9; מתיא כא:43-45) אַלע צוזאַמען שטעלן זיי פאָר די מלכותדיקע אָדער קעניגלעכע משפּחה פון גאָט דעם פאָטער.

[8] פון דעם אַלעם וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן איז קלאָר, אַז דאָס מלכות איז ניט ערדיש, נאָר הימליש. דאָס איז דער אומזעבאַרער אָדער הימלישער טייל פון דער „נייער וועלט”. ישעיה סה:17; פּעטרוס ב, ג:13) „איך בין נישט פון דערדאָ־זיקער [אַלטער] וועלט”, האָט געזאָגט משיח, און נאָכאַמאָל: „מיין מלכות איז נישט פון דער דאָזיקער וועלט.” (יוחנן ח:23; יח:36) דער קעניג ישוע־המשיח איז, בכן, געטייט געוואָרן אינם פלייש און איז תּחית־המתים אויפגעשטאַנען ווי אַן אומ־זעבאַרער גייסטיקער נפש; דערפאַר וועט די וועלט אים מער ניט זען. (פּעטרוס א, ג:18; יוחנן יד:19) ער איז אַוועק, כּדי צוצוגרייטן אַ הימלישן אָרט פאַר זיינע חברים־מיטגלידער—אָט דעם „גוף פון משיחן”,—ווייל אויך זיי וועלן זיין אומזע־באַרע נפשות. זייער „בירגערשאַפט איז אין הימל”.—יוחנן יד:2; פיליפּער ג:20.

[9] אָנווייזנדיק, אַז דאָס מלכות איז הימליש, האָט יהוה וויטער געזאָגט: „דער הימל איז מיין טראָן, און די ערד איז מיין פוס־בענקל.” (ישעיה סו:1) און ישוע־המשיח זאָגט, אַז ער זעצט זיך צוזאַמען מיט דעם פאָטער אויף זיין טראָן. (התגלות ג:21) עס איז דעריבער גאַנץ אומריכטיק צו מיינען, אַז דאָס מלכות־רעגירן איבערן גאַנצן אוניווערס וועט אויסגעפירט ווערן פון דעם דאָזיקן נידעריקן ערדישן פוסבענקל.

---

8. איז דאָס מלכות ערדיש אָדער הימליש?
9. וואָס דערווייזט ענדגילטיק, אַז דאָס מלכות איז הימליש?

זיינע אונטערטאַנען

[10] אויב דאָס וועט זיין אַ הימליש מלכות, ווער זשע וועלן זיין די אונטערטאַנען פון זיין הערשאַפט? אין אָט דעם אומזעבאַרן קעניגרייך וועלן שאַרן פון מלאָכים, מיריאַדן פון זיי, דינען אַלס געטרייע שלוחים פונם מלך. און אויף דער ערד וועלן די געטרייע מענער פון אַלטע צייטן, שוין אויפגעשטאַנענע תחית־המתים, זיין די „האַרן [פרינצן] אויף דער גאַנצער ערד". (תהלים מה:17; ישעיה לב:1) אייניקע פון די דאָזיקע פרינצלעכע פאָרשטייער זיינען אויסגערעכנט אינם קאַפּיטל יא פון יידן. אויך „אַ סך פאָלק" פון די לעבן־געבליבענע נאָכן הר־מגדון, וועלן ווייטער „דינען אים טאָג און נאַכט". (התגלות ז:9-17) אין זייער געטריישאַפט וועלן די דאָזיקע „זיך פאַרמערן, און אָנפילן די ערד", און זייערע קינדער וועלן ווערן געהאָרכזאַמע אונטערטאַנען פון דער אויבערשטער מאַכט. און צום סוף וועלן אויך די „רשעים" אויפשטיין תחית־המתים, און זיך מיט פרייד אונטערגעבן צו דער טעאָקראַטישער הערשאַפט און דערמיט באַווייזן זייער לויטערקייט. (מעשים כד:15) יענע, וואָס וועלן זיך אויסווייזן פאַר רעבעלן אָדער ווערן אומגעטריי בעתן לויזלאָזן פון דעם שטן ביים סוף פון משיחס טויזנט־יאָר הערשאַפט, וועלן פאַרטיליקט ווערן צוזאַמען מיט שטן דעם טייוול.— התגלות כ:7--15.

[11] דאָס מלכות־שמים איז אַ פאַטערנאַליסטישע [פאָטערשאַפטלעכע] רעגירונג, און זיינע אונטערטאַנען באַקומען לעבן פונם פאָטער דורך משיח, דעם הערשנדיקן קעניג. און אַלע, דער זון איינגעשלאָסן, וואַרפן זיך דערפאַר אונטער אין געטרייע געהאָרכזאַמקייט צו יהוה גאָט. „דיין, גאָט, איז די גרויסקייט, און די שטאַרקייט, און די פראַכטיקייט, און די אייביקייט, און דער גלאַנץ ... דיין, גאָט, איז די מלוכה, און דו ביסט דערהויבן צום הויפט איבער אַלעם." (דברי־הימים א, כט:11) להפּח

---

10. וועלכע באַשעפענישן וועלן זוכה־זיין צו לעבן אונטער דער הערשאַפט פון דעם מלכות אַלס זיינע אונטערטאַנען?

11. וואָס פאַראַ אַרט רעגירונג איז דאָס מלכות־שמים? און מיט וואָס פאַר אַ פאָרם אונטערשיידט עס זיך פון אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג?

צו דער מענטש־געשאַפענער דעמאָקראַטישער רעגירונג, באַזיצט דער טעאָקראַט אַליין די גאַנצע געריכטלעכע, געזעץ־געבערישע און אויספירנדיקע מאַכט. אַזוי זאָגט דער נביא ישעיה (לג:22): „וואָרום גאָט איז אונדזער ריכטער, גאָט איז אונדזער געזעצ־געבער, גאָט איז אונדזער מלך." און פונדעסטוועגן איז אָט די הערשאַפט ניט קיין ברוטאַלער, דיקטאַטאָרישער, גרויזאַמער טאָטאַליטאַרער רעזשים. יהוהס ווערק זיינען פולקאָם און זיינע וועגן זיינען גערעכט.—דברים לב:4.

ס'איז נאָענט

[12] אויב דאָס מלכות וועט זיין הימליש, פאַרוואָס זשע האָבן אי יוחנן־המטביל אי ישוע־המשיח אָנגעזאָגט, אַז „דאָס מלכות־שמים איז נאָענט"? (מתיא ג:2, ד:17) דערפאַר, ווייל דער גע־זאַלבטער מלך איז אַליין געווען צווישן זיי, אָנזאָגנדיק די פריידיקע בשורה וועגן דעם מלכות. און דערפאַר, ווען די [גייסטיק] בלינדע פרושים האָבן פאַרלאַנגט צו וויסן ווען דאָס מלכות וועט קומען, האָט דער מלך געענטפערט: „וואָרום זע, דאָס מלכות פון גאָט איז אין [צווישן] אייך." (לוקאַס יז: 20, 21) כל־זמן משיח איז געווען צווישן זיי, האָבן די תלמידים אויך באַקאַנט געמאַכט די אָנוועזנהייט פונם מלכות, אָבער קיין שום באַריכט ווייזט ניט אָן, אַז זיי האָבן ווייטער אַזוי גערעדט נאָך דעם, ווי ער איז אַרויפגעשטיגן צום הימל. אַזאַ מין מעל־דונג וואָלט טאַקע ניט געווען פּאַסיק ביז עס איז ניט געשען דאָס צוריקקומען און די צווייטע אָנוועזנהייט פונם משיחן.

[13] וועגן אָט דעם פונקט האָבן די תלמידים געפרעגט: וועלכע סמנים וועלן אָנווייזן משיחס צוריקקומען, אויפן סוף פון דער אַלטער וועלט, און די אויפריכטונג פון זיין מלכות. (מתיא כד:3; מעשים א:6־8) משיח האָט געוווסט וועגן דער לאַנגער תקופה פון וואַרטן, פאָרויסגעזאָגט אין תהלים קי:1־3, און ער האָט אויך געוווסט, אַז מענטשן וועלן ניט קענען זען דעם אומזעבאַרן

---

12. פאַרוואָס איז מיט 1900 יאָר צוריק געמאַכט געוואָרן די מעלדונג, אַז „דאָס מלכות־שמים איז נאָענט"?

13. פאַרוואָס איז נויטיק געווען, אַז משיח זאָל געבן געוויסע סמנים אָנצודייטן די גרינדונג פונם מלכות?

מלכות־שמים ווען עס וועט געגרינדעט ווערן. דערפאַר האָט ער זיי אָנגעזאָגט, אויף וועלכע זעבאַרע סמנים זיי זאָלן אויסקוקן, און דאָס איז טאַקע געווען אַ ווייט־גרייכנדיקע נבואה אַריבער־שפרינגנדיק כמעט 1900 יאָרן.

[14] די וועלט־טרייסלנדע געשעענישן וועלכע זיינען געקומען איינע נאָך דער אַנדערער זינט 1914, האָבן געוויזן, אַז דאָס אָ יאָר—דאָס איז די צייט ווען ישוע־המשיח האָט אָנגעהויבן צו הערשן צווישן זיינע שונאים. ס'איז געווען אַ צייט ווען די נאַציעס זיינען געווען צאָרניג. (התגלות יא:17, 18) דאָס גע־בוירן־ווערן פון דער הימלישער „בן־זכר“־רעגירונג, וועלכע האָט געזאָלט הערשן איבער אַלע נאַציעס מיט אַן אייזערנער האַנט, האָט אַרויסגערופן אין הימל אַ מלחמה, וואָס איר פועל־יוצא איז געווען דאָס אַרויסוואַרפן פונם שטן, וועלכער ברענגט שפע־טער גרויסע ליידן צו די איינוואוינער פון דער ערד און ים, אַזוי ווי עס איז פאָרויסגעזאָגט געוואָרן.—התגלות יב:1—12.

[15] נאָך איין זיכערן סמן האָט משיח געגעבן אויף אָנצודייטן די איינשטעלונג פונם מלכות, דאָס איז: „דידאָזיקע בשורה פון דעם מלכות וועט געדרשנט ווערן אין דער גאַנצער וועלט צום עדות פאַר אַלע אומות.“ (מתיא כד:14) גענוי די זעלבע מעלדונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט 1,900 יאָרן צוריק, איז אויפ־געלעבט און פראָקלאַמירט געוואָרן זינט 1914, און נאָך אפילו מיט אַ גרעסערן פאַרנעם ווי אין אָנהויב. פונם יאָר 1919 אָן און שפעטער האָט אָנגעהאַלטן אַזאַ לענגסט־דויערנדיקע, עפנט־לעכע באַקאַנטמאַכונג־קאַמפּאַניע, וואָס איז ווען עס איז געפירט געוואָרן אויף דער ערד; געווען צו דער אָ ווירקונג, אַז „דאָס מלכות־שמים איז נאָענט“! „דידאָזיקע בשורה“ איז וועגן דעם, אַז דאָס מלכות איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין 1914 נ. ק..

---

14. אויב 1914 האָט אָנגעצייכנט די צייט ווען דאָס מלכות־שמים איז אויפגעשטעלט געוואָרן, וועלכע וועלט־געשעענישן דערווייזן דאָס?

15. וואָס נאָך פאַרא זעעבאַרער סמן דערווייזט, אַז דאָס מלכות איז נאָענט?

[16] אזוי ווי די טעאָקראַטישע רעגירונג איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין איר פולער מאַכט און פראַכט, ווערט איצט גאָטס רצון [ווילן] געטאָן אין הימל. דערפאַר קען מע זאָגן, אז דאָס מלכות איז שוין דאָ; און אויב ס'איז אזוי, צי איז עס פאַסיק איינצושליסן די ווערטער „זאָל קומען דיין מלכות", ווען מע זאָגט „דעם האַרס תפילה"? ווען איבערהויפּט, עס איז שוין מער פאַסיק אזוי צו בעטן זינט 1914, ווייל דער שׂטן איז פון הימל אַרויסגעשליידערט און אַראָפּגעזעצט געוואָרן אויף דער ערד, און נאָר דער רצון פון יהוה גאָט ווערט איצט געטאָן אין הימל. קריסטן דאַרפן דערפאַר מתפּלל־זיין ווייטער, אז גאָטס „רצון זאָל געטאָן ווערן אויף דער ערד, אזוי ווי עס ווערט געטאָן אין הימל"; זיי דאַרפן ווייטער בעטן, אז דאָס דאָזיקע מלכות זאָל מיט זיין גאַנצן צעשמעטערישן כּוח אַרויסקומען בעת הר־מגדון קעגן די איבערבלייבנדיקע כּוחות פונעם שׂטן.

ניט קיין רעבעלירן

[17] צי איז עס אָבער ניט קיין רעבעלירן צו זאָגן כּסדר „דעם האַרס תפילה" און צו דערקלערן, אז דאָס מלכות איז נאָענט? אָנשטאָט צו ענטפערן, פרעגן מיר: איז דען ניט משיח אַליין באַשולדיקט געוואָרן דערפאַר וואָס ער האָט געמאַכט אַן ענלעכע דערקלערונג? פונקט אזוי ווי ס'איז געווען דעמאָלט, אזוי וועלן אויך איצט נאָר די רעליגיעזע גייסטלעכע האַלטן, אז די בשׂורה וועגן דעם מלכות איז רעבעליש. (יוחנן יח:28—32; לוקאַס כג: 1, 2) קיין שום ערלעכער געריכט וואָלט ניט געפּסקנט אזוי, אפילו ווען דאָס טאָן גאָטס רצון אויף דער ערד וואָלט באַדייט צו צעשטערן און פאַרבייטן די היינטיקע מענטשלעכע רעגירונגען מיטן דערהויבענעם און מאַיעסטעטישן מלכות־שמים. ווייל עס איז ניטאָ קיין אַנדערע מאַכט—חוץ די באַשטימטע דורך דעם טעאָקראַט. (רוימער יג:1, 2) דאָס מלכות איז פונעם גאָט.

---

16. ווי באַלד דאָס מלכות איז שוין אויפגעשטעלט געוואָרן, צי איז נאָך פאַסיק פאַר קריסטן ווייטער צו זאָגן „דעם האַרס תפילה"?
17. איז די דערקלערונג פון דער מלכות־בשׂורה אַן רעבעלישע?

[18] דער אמתער צוועק פונם מלכות איז צו פאַרטיליקן אַלע רעבעליאָן און אויפצושטעלן צוריק גערעכטיקייט אינם אוני־ווערס; און דערפאַר וועט דער שׂטן און זיין רשעותדיקע אָרגאַני־זאַציע צעשטערט ווערן דורך דער אומווידערשטיילעכער קראַפט פון דער טעאָקראַטישער רעגירונג. (קאָרינטער א, טו:25) און אונטער דער גערעכטער הערשאַפט פונם מלכות וועט דעמאָלט אויסגעפירט ווערן דער בראשיתדיקער צוועק פון יהוה, נעמלעך, באַפעלקערן די ערד מיט באַשעפען, וואָס וועלן דינען, לויבן און אָפגעבן כבוד זייער ליבנדן באַשעפער. און דאָס אַלץ וועט רעכט־פאַרטיקן דעם נאָמען, דאָס וואָרט, די אויבערהערשאַפט און די כוונות פון יהוה; און אַזוי ווי דאָס אַלץ וועט אויפטאָן דאָס מלכות־שמים, קומט אויס, אַז דאָס מלכות איז וויכטיקער פון אַלעם אַנדערן. אויף דער דאָזיקער וויכטיקייט ווייזט אויך אָן דער פאַקט, אַז דער עיקר־לערע, אייגנטלעך די גאַנצע טעמע פון דער ביבל איז דאָס מלכות. די נביאות וועלכע זיינען אַרויס־געזאָגט געוואָרן מיטן רוח־הקודש פון גאָט, און די משלים און לערעס פונם משיח—זייער אַלעמענס הויפט־מאָטיוו איז „דאָס מלכות־שמים".—מעשים ג:20--24.

[19] דער באַשעפער אַליין האָט אַזוי שטאַרק געליבט די נייע וועלט, אַז ער האָט געגעבן זיין בן־יחיד צו זיין איר מלך. (יוחנן ג:16) די באַשעפענישן וואָס ווילן לעבן אונטער זיין הערשאַפט מוזן אויף אַן ענלעכן אופן מאַכן דאָס מלכות פאַר דער וויכטיקסטער זאַך פון זייער לעבן. גאָטס זון האָט זיך דערנידעריקט און אין זיין באַשיידנקייט איז ער געוואָרן אַ ציל־ברעט פאַרן שׂטנס טייוואָלישע אָנפאַלן, כדי ער זאָל אימשטאַנד זיין פאַרן גאָטס רעכטפאַרטיקער. (פיליפער ב:5--8; יידן ה:8, 9) ער האָט פאַרקויפט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, כדי איינצוקויפן דאָס מלכות. (מתיא יג:44־46) אויך די אַפּאָסטאָלן, נאָכגייענ־דיק משיחס ביישפיל, האָבן געזוכט „ערשטענס דעם מלכות".

---

18. (א) וואָס פאַרא כוונות און די צילן וועט דערגרייכן דאָס מלכות־שמים? (ב) ווי אַזוי איז אין דער ביבל אויפגעוויזן די וויכטיקייט פונם מלכות?

19. אויסערן באַשעפער, ווי אַזוי ווייזן אַרויס די באַשעפענישן זייער ליבשאַפט און הויכשאַצונג פאַרן מלכות־שמים?

(מתיא ו:33), ,איין זאַך אָבער טו איך: איך יאָג זיך ווייטער צום ציל פון דעם פּרייז פון דער הויכער באַרופונג פונם קעניג־רייך—וואָס דער פּרייז זאָל ניט זיין׳,—אָט ווי איינער פון זיי האָט זיך אויסגעדריקט. (פיליפּער ג:13, 14) די מענטשן פון גוטן־ווילן וואָס האָפן צו לעבן אויף דער ערד אין דער נייער וועלט, טיילן ניט זייער ליבשאַפט און טרייהייט מיט אָט דער אַלטער, טייוולאָנישער וועלט, נאָר זיי מאַכן דאָס מלכות פאַר דעם וויכטיקסטן ענין פון זייער לעבן.

20 די אומבאַזיגבאַרע כוונה פון יהוה גאָט איינצושטעלן אַ גערעכטיקן מלכות, איז אין די דאָזיקע טעג דערפילט געוואָרן אין 1914 נ. ק.. בעת דער קומענדיקער שלאַכט פון הר־מגדון וועט עס מיט דער פולער קראַפט טרעפן די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פונם שׂטן דעם טייוול און צעשטערן אַלע אירע טיילן, די אויבערשטע און די אונטערשטע, די זעבאַרע און די אומזעבאַרע, אַזוי ווי דניאל־הנביא האָט עס פאָרויסגעזאָגט: „און אין די טעג פון די דאָזיקע מלכים וועט דער גאָט פון די הימלען אויפשטעלן אַ מלוכה וואָס וועט אייביק ניט צעשטערט ווערן, און די מלוכה וועט ניט איבערגעלאָזט ווערן צו קיין אַנדער פאָלק; זי וועט צעשטויסן און פאַרטיליגן אַלע דידאָזיקע מלוכות, און זי וועט באַשטיין אויף אייביק." (דניאל ב:44) ניט נאָר וועט זי באַשטיין אויף אייביק, נאָר „עס וועט ניט קומען קיין סוף צום וואַקסן פון זיין מאַכט און דעם שלום". (ישעיה ט:6; דניאל ז:14; יידן א:8; התגלות יא:15) וואָס פאַר אַ בענטשונגען דאָס דאָזיקע פרעכטיקע מלכות וועט שענקען יענע אַלע, וואָס וועלן האָבן די פּריווילעגיע צו לעבן אונטער זיין גערעכטער הערשאַפט,—דאָס קענען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן שוואַכע מענטשן.

21 דער שפּיץ־פּונקט פון יאָרהונדערטער איז דערגרייכט געוואָרן, און די גריסע שטרייטפראַגע פון וועלט־הערשאַפט האַלט ביים געלייזט ווערן דורכן מלכות איין מאָל פאַר־אַלע־מאָל. בכן,

---

20. וואָס פאַר אַ פאַרזיכערונג געבן אונז די נביאים, אַז דאָס מלכות וואָס איז איצט אויפגעשטעלט געוואָרן וועט באַשטיין אויף אייביק?

21. פאַרוואָס איז איצט די העכסטע צייט פאַר די מענטשן אויפצוּוואַכן?

וואַך אויף, יעדער וואָס וויל לעבן אונטער דער גערעכטער רע־גירונג! (רוימער יג:11) געטרוי ניט די פירשטן פון דער דאָזיקער אַלטער וועלט, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט אַן אָפּשיילעכקייט אין דער פאָרמע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער וועלט־אָרגאַניזאַציע, מיט דער אַרויספאָדערונג צו דער הערשאַפט פון גאָטס מלכות! געהאָרך דעם מלך ישוע־המשיח און אַנטלויף צו די באַרגן פון דעם מלכות, כּל־זמן עס איז נאָך דאָ צייט. (מתיא כד:15־20) די צייט איז קורץ ווייל „דאָס מלכות־שמים איז נאָענט".

קאַפּיטל 11

געבּרויכן געצן־בּילדער בּיים גאָטס־דינסט

לויט דער בּפירושער דערקלערונג פון בּאַשעפער אַליין, איז דער מענטש בּאַשאַפן געוואָרן אינם געשטאַלט פון גאָט. עס הייסט ניט, אַז דער מענטש האָט די זעלבּע פאָרמע און סובּסטאַנץ וואָס זיין בּאַשעפער, נאָר אַזוי ווי גאָט האָט די אוניווערסאַלע הערשאַפט איבּער דעם גאַנצן בּאַשאַף, פונקט אַזוי האָט דער מענטש בּאַקומען דעם זכות אָנצוהאַלטן די הערשאַפט איבּער דער ערד און אירע לעבּנס־פאָרמען: די פייגל, די פיש, און חיות. זיין פאַראַנטוואָרטונג איז געווען לגבּי זיי אויסיבּן די זעלבּע אייגנשאַפטן ווי זיין בּאַשעפער: חכמה בּיים פאַרוואַלטן מיט די אַנפאַרטרויטע ענינים, גערעכטיקייט בּיים בּאַגיין זיך מיט אַנדערע בּאַשעפענישן פון זיין גאָט, ליבּשאַפט און אומעגאָיסטישע זאָרג וועגן דער ערד און אירע בּאַשעפענישן, און כּוח צו דערפילן ווי געהעריק זיין פולמאַכט און אויספירן דעם ריכטיקן גאָטס־דינסט צום אוניווערסאַלן אויבּערהערשער, אין וועמעס געשטאַלט ער איז אַזוי בּאַשאַפן געוואָרן.—בּראשית א:26—28.

[2] אָבּער דאָס אויסיבּן די דאָזיקע הערשאַפט דורכן מענטשן האָט ניט לאַנג געדויערט. ער האָט בּעסער אויסגעקליבּן צו פאַרלייקענען די אַלוועלטלעכע אויבּערהערשאַפט פון זיין גאָט, און אויפגעשטעלט געצן־בּילדער וואָס זאָלן כּלומרשט פאָרשטעלן זיין בּאַשעפער. אָנשטאָט אַזוי אויפצוהאַלטן די הערשאַפט איבּער

1. אין וועלכן וועג איז דער מענטש געמאַכט געוואָרן אין דער געשטאַלט פון גאָט?
2. ווי אַזוי האָט דער מענטש פאַרלוירן זיין פּאָזיציע פון הערשאַפט איבּער דער ערד און די חיות?

יענע נידעריקערע לעבנס־פאָרמען, האָט דער מענטש זיי געמאַכט פאַר קעגנשטענדן פון גאָטס־דינסט. ער האָט געמאַכט געשניצטע און געשמאָלצענע געצן־בילדער—פון האָלץ, שטיין און מעטאַל, און געבוקט זיך און מתפלל־געווען צו זיי. (רוימער א:23, 25) און דער מענטש האָט פאַרלוירן זײַן הערשאַפט.

3 אָבער אַ טייל פון די איינוווינער פון דער ערד האָט בעסער אויסגעקליבן יאָ צו אָנערקענען דעם אַלמעכטיקן גאָט. (בראַשית לה:2) כּדי צו פאַרהיטן די בני־ישׂראל פון אַזאַ רעליגיעזן דינסט צו געצן־בילדער, און כּדי זיי פאַרהיטן פון דער פאַרלייקענונג פון גאָטס אויבערהערשאַפט, האָט ער זיי געגעבן זײַן געזעץ וואָס פאַרבאָט טאַקע אַזעלכע געצן־בילדער און די עבודה־זרה: „זאָלסט ניט האָבן אַנדערע געטער פאַר מײַן פּנים. זאָלסט דיר ניט מאַכן אַ געשניץ, אָדער אַ שום געשטאַלט פון וואָס איז אין הימל אויבן, אָדער וואָס אויף דער ערד אונטן, אָדער וואָס אין וואַסער אונטער דער ערד. זאָלסט זיך ניט בוקן צו זיי, און זאָלסט זיי ניט דינען." (שמות כ:3־5) אָט דער געזעץ איז זיי געגעבן געוואָרן פון די וואָלקנס אַרויס און פון אַ געדיכטער שוואַרצקייט און פייער, און קיין שום געשטאַלט פון אַ וועלכן ניט איז מין האָט מע ניט געקענט אונטערשיידן, —דאָס איז געווען מיט דער זעלבער כּוונה: צו פאַרמיידן דעם מענטשנס פאַרזוך מאַכן אַן אָפּבילד פונם אַלמעכטיקן גאָט. אַזוי אַרום איז זײַן געזעץ געוואָרן אַ צאַם, אַ שמירה פאַרן פאָלק, וואָס איז שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט געצנדינערישע נאַציעס.—דברים ד:15־־23.

דאָס מתפלל־־זײַן צו געצן־־בילדער

4 אין אַלע פאַלן פון יענע וועלכע שטייען אויסערן דערמאָנטן געזעץ טענהט מע, אַז דאָ איז מע ניט מתפלל צום געצן־בילד אַליין, נאָר צו דעם, וואָס דאָס געצן־בילד שטעלט פאָר. צוויי

---

3. וואָס פאַר אַ באַוואָרעניש איז געמאַכט געוואָרן פאַר גאָטס דינער, אונטער וועלכע באַדינגונגען איז עס געגעבן געוואָרן און מיט וואָס פאַר אַ כּוונה?

4. וואָס איז די טעאָריע און די פּראַקטיק פון יענע נאַציעס, וועלכע באַהויפּטן קיינע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ניט צום געזעץ, וואָס פאַרבאָט געצנדינערײַ?

אויסדרוקן דאַרף מע דערביי אונטערשיידן: (1) וואָס האָט אַ שייכות צו דער טענה אָדער צו דער טעאָריע, און (2) וואָס שייך דער פּראַקטיק. צווישן דעם ‚געלערנטן‘ קלאַס זיינען די אָפּבילדער פון די געטער נאָר פאַרטרעטונגען, און בילדערישע מיטלען פון פרומקייט; בעת פאַר די מינדער־געבילדטע זיינען די געצן־בילדער יאָ ווירקלעכע, און זיינען צו זיי מקריב וויירויכן, שפּייז און געטראַנק, בוקן זיך, און טוען תפילה, קושן און פאַרערן זיי. אין אינדיע (אַזיע), „דו בוים, איינער פון די ערשטע רוימיש־קאַטוילישע מיסיאָנערן אין אינדיע, באַריכטעט, אַז די פּראָסטע מענטשן טוען דאָרט בלי־ספק אָנבעטן דאָס געצן־בילד גופא, אָבער די בעסער־געבילדטע קלאַס מענטשן וואַרפן אָפּ אַזאַ פאַרערונג.“ אין כינע, „האַלט נאָר די העכערע אינטעליגענץ, אַז דער הייליקער באַרג איז הייליק ווייל אַ גייסט וווינט אויף אים אָדער לאָזט הערן דאָרט זיינע אָראַקלען. פאַר דעם וויניקער אַנטוויקלטן מוח איז דער באַרג גופא געטלעך.“ (דער אָפּשטאַם און די אַנטוויקלונג פון דער רעליגיע [ענגליש], פון ע. וואַשבורן האָפּקינס, זייטן 19 און 21) אָט אַזוי זעט אויס די טעאָריע און פּראַקטיק פון נאַציעס, וועלכע אָנערקענען ניט קיין פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט צו יהוה גאָטס געזעץ. (מלכים ב, יז:35) אָבער וואָס פאַר אַ שטעלונג האָט פאַרנומען גאָטס אויסדער־ווילט נאַציע צו וועמען דער דאָזיקער געזעץ איז געגעבן גע־וואָרן דירעקט?

[5] דער נאַציע ישׂראל האָט מע כסדר דערמאָנט: „אָבער יהוה איז דער אמתער גאָט, ער איז דער לעבעדיקער גאָט, און דער אייביקער קיניג, פון זיין כעס ציטערט די ערד, און פעלקער קענען ניט אויסהאַלטן זיין צאָרן.“ פאַר זיי האָט מע געהאַלטן דעם אמת, אַז: „די געטער וואָס האָבן די הימלען און די ערד ניט געמאַכט, וועלן אונטערגיין פון דער ערד און פון אונטער דידאָזיקע הימלען. ... איטלאַכער מענטש איז פאַרגרעבט, אָן פאַרשטאַנד, איטלאַכער שמעלצער ווערט צו שאַנד פון דעם געץ; וואָרום פאַלש איז זיין געגאָסענער אָפּגאָט, און קיין אָטעם איז

---

5. וועגן וואָס פאַראַ פאַקט האָט מע כסדר דערמאָנט די נאַציע ישׂראל? און וואָס איז געווען די שטעלונג פון די נאַציע און זיינע הערשער צו די געצן־בילדער, מיט וואָס פאַראַ רעזולטאַט?

אין זיי ניטאַ. נישטיק זיינען זיי, אַ ווערק פֿון פֿאַרפֿירעניש; אין דער צייט פֿון זייער רעכנשאַפֿט וועלן זיי אונטערגיין". (ירמיה י:10־15) אָבער ניט געקוקט אויף דער דייטלעכער אויפֿקלערונג צו די ישׂראלים, האָט זיך זייער נאַציאָנאַלער גאָטסדינסט געוויגט ווי אַ ריזיקער פֿענדל, אַהין און צוריק—צווישן דעם ריכטיקן אָפּוואַרפֿן פֿון אַלע פֿאָרמען געצנדינעריי און צווישן דעם דירעקטן עובֿר־זיין אויף יהוהס געזעץ און גאַנץ אָפֿן און אומפֿאַרשעמט עבֿודה־זרה־זיין צו געצן־בילדער פֿון מענטשן, חיות, שטיינער און די געטער פֿון די אַרומיקע געצנדינערישע נאַציעס. (יחזקאל טז:17; מלכים ב, יח:4; שופֿטים ב:11־17; מעשׂים ז:43; עמוס ה:26) צי האָט יהוה גוטגעהייסן אָדער אָפּגעוואָרפֿן די הערשער פֿון ישׂראל,—איז עס געווען דירעקט אָפּהענגיק פֿון דעם, ווי זיי האָבן געהאַנדלט בנוגע די אָפּגעטער און געצנדינעריי. די גאָט־געטרייע הערשער און שופֿטים, ווי גדעון, דוד, חזקיהו, און יאשיהו האָבן פֿון צייט צו צייט דורכגעפֿירט אַ פֿולקאָמע רייניקונג פֿון אַזאַ מין חוזק איבער יהוהס אויבערהערשאַפֿט און האָבן געשוווּנגען צוריק די יידישע נאַציע צו יהוהס ווילגעפֿעלן. (שופֿטים ו:25—27; שמואל ב, ה:20, 21; דברי־הימים ב, לד:1—7, 33) אָבער די נאַציע האָט זיך צו פֿיל מאָל אָפּגעשוווּנגען פֿון דעם פֿאַסיקן גאָטס־דינסט צום אַלוועלטלעכן אויבערהאַר, ביז סוף־כּל־סוף איז די נאַציע אָפּגעשטויסן און צעשמעטערט געוואָרן,—און אַלץ צוליב דער געצנדינעריי און פֿאַרלייקענונג פֿון יהוהס אויבערהערשאַפֿט.—ירמיה כב:8, 9; דברים ד:23—28.

[6] גאָט האָט אָבער ניט געקענט פֿאַרבלייבן אָן אַן עדות וועגן זיין אויבערהערשאַפֿט. נאָך דער מעלדונג פֿונם מלכות־שמים דורך ישוע־המשיח, איז געקומען די אויסדערוויילונג פֿון אַן אַנדער פֿאָלק פֿאַר זיין נאָמען, אַלס קריסטן. (מעשׂים טו:14) און אַזוי ווי די ערשטע תּלמידים זיינען געקומען פֿון צווישן די יידן, זיינען זיי פֿון אָנהויב באַטראַכט געוואָרן פּשוט ווי אַן אָפּשפּליטערונג אָדער אַ סעקטע פֿונם יידנטום, ווייל זיי האָבן זיך פֿעסט געהאַלטן ביי גאָטס געזעץ קעגן עבֿודה־זרה. אין אַ דור

6. ווי אַזוי איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נײַ פֿאָלק פֿאַר גאָטס נאָמען? און וואָס איז געווען זיין שטעלונג צו געצנדינעריי?

און אין אַ לאַנד וואָס האָט געהאַט אומצייליקע געטער און אָפּגעטער, פאַרגעשטעלט אין געצן־בילדער פון שטיין און האָלץ, האָט טאַקע אָט די שׂנאה צו געצנדינערישע מנהגים אָפּגעזונ־דערט די קריסטן. מאַק׳קלינטאָקס און סטראָנגס ציקלאָפּעדיע, [ענגליש], באַנד 4, זייט 503, זאָגט אַזוי: „אינם גאָטס־דינסט פון די ערשטע קריסטן זיינען קיינע אָפּבילדער ניט געווען באַ־קאַנט; און אָט דער פאַקט איז טאַקע געווען די סבה פאַרוואָס די הידן האָבן באַשולדיקט די קריסטן אין אַטעיזם.” זייער שטעלונג אין דער פראַגע איז געווען אינגאַנצן אין הסכּם מיט דער אַווטאָריטאַטיווער עצה פונם אַפּאָסטאָל פּאָולוס: „דרום, מיינע באַליבטע, אַנטרינט פון געצנדינעריי.” (קאָרינטער א, י:14) זיי זיינען געווען עדות פונם אמתן און לעבעדיקן גאָט יהוה, און די נישטיקייט פון די געצן־בילדער איז זיי געווען באַוווּסט: „ווייסן מיר, אַז קיין שום אָפּגאָט איז עפּעס אין דער וועלט, און אַז ס׳איז נישטאָ קיין גאָט, אַחוץ איינער. וואָרום הגם עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווערן אָנגערופן געטער, סיי אין הימל, סיי אויף דער ערד,—ווי עס זענען פאַראַן געטער אַ סך, און הערן אַ סך,—דאָך פאַר אונז איז פאַראַן נאָר איין גאָט, דער פאָטער, ... און איין האַר, ישוע־המשיח.” (קאָרינ־טער א, ח:4—6; ישעיה מא:21—29; מג:10—12; מעשׂים יז:29) און אַלס שלוחים פון זיין מלכות זיינען יהוהס דינער געוואָרנט געוואָרן צו האַלטן זיך ווייט פון אַזאַ מין געצנדינעריי.—יוחנן א, ה:19—21; קאָרינטער א, י:7.

די מאָדערנע געצנדינעריי

[7] היינט־צו־טאָג אָבער פאַרנעמען ניט די רעליגיעזע אָרגאַני־זאַציעס די זעלבע שטעלונג, אַזוי ווי די ערשטע קריסטן. אָט איז די אָפיציעלע קאַטוילישע שטעלונג: „די קריסטלעכע רעליגיע האָט דערלויבט דאָס באַנוצן זיך מיט סטאַטועס און מיט מאָלע־רייען וואָס שטעלן פאָר דעם פאַרקערפּערטן זון פון גאָט, די הייליקע און די מלאָכים, און די דאָזיקע געצן־בילדער זיינען אַ

7. וואָס איז די אָפיציעלע קאַטוילישע שטעלונג בנוגע די אָפּ־בילדער? און פון וואַנען איז אַנטשטאַנען דאָס באַנוצן זיך מיט אָפּבילדער?

בארעכטיקטע הילף ביי דער פרומקייט, ווייל די לויב וואס מ׳גיט זיי אפ איז נאר א רעלאטיווע, און איז געריכטעט דורך זיי צו יענע וועזענס, וועמען זיי שטעלן פאר.״ (קאטוילישע ענציקלאפעדיע [ענגליש], באנד 12, זייט 742) דאס פארמערן זיך פון די צאל געצן־בילדער וואס מע באנוצט ווערט דערקלערט אויף אזא אופן: „ווי נאר די קירך איז ארויסגעקומען פון די קאטאקאמבעס, איז זי געווארן רייכער, און האט אויפגעהערט מורא צו האבן פאר פארפאלגונגען . . . האבן זיי אנגעהויבן צו מאכן סטאטועס . . . דער פרינציפ איז געווען זייער א פשוטער. די ערשטע קריסטן זיינען געווען צוגעוווינט צו זען סטאטועס פון די קיסרים, פון היידנישע געטער און העלדן, ווי אויך היידנישע ווענט־מאלערייען. האבן זיי גענומען מאכן מאלערייען פון זייער רעליגיע, און, ווי נאר זיי האבן זיך עס געקענט דערלויבן— סטאטועס פון זייער האר און פון זייערע העלדן, אינגאנצן ניט מורא האבנדיק און ניט פארדאכטנדיק, אז דאס איז געצנדינעריי.״ (קאטוילישע ענציקלאפעדיע, באנד 7, זייט 666) „אינם פערטן יארהונדערט האבן די קריסטלעך־רוימישע בירגער אין מזרח געברענגט צו די סטאטועס פונם אימפעראטאר מתנות, ווייררויך און אפילו תפילה געטאן (!) צו זיי. די מענטשן וואס האבן זיך געבוקט, געקושט און גערויכערט ווייררויכן צו די אימפעראטארישע אדלערס און צו די אפבילדער פון דעם צעזאר (ניט פארדאכטנדיק אין דעם קיין שום געצנדינעריי), און זיך אויף אן אויסגעארבעטן אופן געבוקט צו א פוסטן טראן אלס זיין סימבאל,— אט די מענטשן זאלן אפגעבן די זעלבע אפצייכנס צום קרייץ, צו די אפבילדער פון משיחן, און צו דעם אלטאר.״ (קאטוילישע ענציקלאפעדיע, באנד 7, זייט 667) אויף דעם דאזיקן קלארן געצנדינערישן הינטערגרונט פון אפבילדער־דינסט קען מע לייכט פארשטיין פארוואס דער קאטוילישער קארדינאל ניומאן האט אין זיין בוך עסיי איבער דער אנטוויקלונג פון דער קריסטלעכער לערע [ענגליש], ז. 373, צוגעגעבן, אז צווישן דעם לאנגן צעטל פון אנדערע זאכן: „זיינען די געצן־בילדער אין דער שפעטערדיקער צייט . . . אלע פון א געצנדינערישן אפשטאם און זיינען געהייליקט געווארן דורכן אריינעמען זיי אין דער [רוימיש קאטוילישער] קירך.״

[8] עס האָט קיין זין צו טענהן וועגן דעם, צי דער כבוד וואָס מע גיט אָפּ צו די געצן־בילדער איז נאָר אַ „שייכותדיקער", ווייל אין דער פּאַקטישער פּראַקטיק צווישן די מינדער־געבילדעטע קאַטוילן איז די אָנבעטונג צום אָפּבילד גופא אַ רעאַליטעט; און אויך דאָס ווערט צוגעגעבן אין דער קאַטוילישער ענציקלאָפּעדיע, באַנד 7, זייט 668: „אין דער זעלבער צייט מוז מע מודה־זיין, אַז [במשך פונם אַכטן יאָרהונדערט] איז עס דער־גאַנגען אַזוי ווייט אין דער ריכטונג פון געצן־בילדער דינסט. עס איז אומדענקבאַר, אַז אַפילו דעמאָלט זאָל עמיצער, חוץ די סאַמע נאַרישסטע פּויערים, מיינען, אַז אַ געצן־בילד קען זיך צוהערן צו תפילות אָדער טאָן עפּעס פאַר אונז. און דאָך איז דער אופן ווי אַזוי טייל מענטשן זיינען זיך באַגאַנגען מיט זייערע הייליקע [בילדער], ווייזט עפּעס מער ווי רעלאַטיוון כבוד, אַזוי ווי מ'לערנט די קאַטוילן אָפּצוגעבן צו זיי. . . . מ'האָט באַקרוינט [די געצן־בילדער] מיט בלומענקראַנצן, געריוכערט ווייריויכן, גע־קושט זיי. מ'האָט געצונדן לאָמפּן פאַר זיי, געזונגען ליבּלידער צו זייער כבוד. מ'האָט זיי צוגעריקט צו קראַנקע מענטשן, אַוועק־געשטעלט זיי אויפן וועג פון אַ פייער אָדער פון אַ פאַרפלייצונג, כדי אָפּצושטעלן עס דורך אַ מין כישוף." דאָס איז געווען אינם אַכטן יאָר־הונדערט נ. ק.; און נאָך צוועלף הונדערט יאָר, במשך פון אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייט אויסבילדן דאָס פאָלק פון איטאַליע, האָט אַ צייטונג דערציילט אין 1944, אַז ווען דער ווולקאַן וועזוּוויוּס האָט אויסגעבראָכן, האָט דאָס פּשוטע פאָלק געשטעלט זיינע הייליקע געצן־בילדער אינם וועג פון דער פליסנדיקער לאַווע, כדי אויסצומיידן דעם אומגליק. און ביזן היינטיקן טאָג טוען די אומגעבילדעטע קאַטוילישע מענטשן פון מעקסיקאָ, צענטראַל־אַמעריקע און דרום־אַמעריקע פּונקט דאָס זעלבע, וואָס די קאַטוילישע מענטשן פונם אַכטן יאָר־הונדערט נ. ק., אַפילו שטעלן אַוועק יעדן טאָג שפּייז און געטראַנק פאַר די געצן־בילדער.—תהלים קטו 4—8; חבקוק ב:18, 19.

---

8. וואָס ווערט צוגעגעבן וועגן דער פּאַקטישער פּראַקטיק פון די מינדער־געבילדעטע קאַטוילישע מענטשן אין באַצוג צו די אָפּבילדער?

• אָבער זיינען דען טאַקע ניט דערלויבט קיין תּפילות וואָס זיינען געווענדט דורך געצן־בילדער פון מלאָכים און הייליקע— אינם „רעלאַטיוון" גאָטס־דינסט? ניין! אַ תּפילה דאַרף זיין געווענדט צו גאָט, וועלכער האָט געזאָגט: „איך בין יהוה, דאָס איז מיין נאָמען; און מיין כּבוד וועל איך צו קיין אַנדערן ניט געבן, און מיין לויב— צו קיין געצן." (ישעיה מב:8) תּפילות דאַרפן זיין געווענדט צו ,אונדזער פאָטער אין הימל' דורכן לעבעדיקן ישוע־המשיח, און ניט צו אָפּבילדער פון ישוען, צו הייליקע אָדער מלאָכים דורך אַ טויטן קעגנשטאַנד פון האָלץ אָדער פון שטיין. (מתּיא ו:6־־15; יוחנן טו:16; יד:13) דער „רעלאַטיווער" כּבוד צו גאָט דורך אַ מלאָך איז געטאַדלט געוואָרן אין די פאָלגנדיקע ווערטער: „זע, דו זאָלסט עס נישט טון! בוק זיך פאַר גאָט." (התגלות יט:10; כב:8, 9; קאָלאָסער ב:18) אין קיסרין און לוסטראַ (קליין־אַזיע) האָבן די אַפּאָסטאָלן פּעטרוס און פּאָולוס גלייכפאַלס געטאַדלט דאָס בוקן זיך צו זיי פון אַנדערע, וואָס האָט געלאָזט זיין אַ „רעלאַטיווע" אָנבעטונג פון גאָט. (מעשׂים י:24־26; יד:11־18) יעדע אַזאַ „רעלאַטיווע" אָנבעטונג דורך געצן־בילדער אַלס זעעבאַרע הילף פאַר די מתפּללים—שטייט אין דירעקטן קעגנזאַץ צום קריסט־לעכן פּרינציפּ פעסטגעשטעלט אין קאָרינטער ב, ה:7: „וואָרום גייען, גייען מיר דורך אמונה, נישט דורך ראיה [זען]."

פאַרגעטערונג פון אָנשטאַלטן

10 די געצן־בילדער דינסט איז פּשוט טייוולאָנישקייט; ווען מע פּראַקטיצערט עס כּסדר, פירט עס די וואָס גיין אויף דעם דאָזיקן וועג—צום אַריינפאַלן אין אַ פּאַסטקע. אַזוי ווי עס איז געשריבן: „און זיי האָבן געדינט זייערע געצנבילדער, וואָס זיינען געוואָרן אַ שטרויכלונג פאַר זיי. און זיי האָבן געשלאַכט זייערע זין און זייערע טעכטער צו די שדים." (תּהלים קו:36, 37;

9. איז „רעלאַטיווער" דינסט צו גאָט דורך דער פאַרמיטלונג פון אָפּבילדער ביבליש? און ווי אַזוי דאַרפן די תּפילות גע־ווענדט ווערן צו גאָט?
10. וואָס איז דער קוואַל פונם אָפּבילדער־דינסט? און וואָס פאַר אַן אַנדערע אָפּבילדער זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן חוץ די פון האָלץ און שטיין?

דברים ז:16; לב:17) און יענע שדים האָבן אוועקגעשטעלט נאָך אַנדערע געצן־בילדער חוץ יענע פון שטיין און האָלץ—צו דעם מענטשנס געצן־בילדער דינסט און פאַרגעטערונג. די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס באַהויפּטן, אַז זיי האָבן געטלעכע רעכט און מאַכט, און דערפון דרינגט מע, אַז זיין געהאָרכזאַם צו איינער פון די קוואָר־פאַרלאַטעטע, פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס פון דער ערד, הייסט פאַרערן גאָט און זיין „רעלאַטיוו" געהאָרכזאַם צו אים. און אַלע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס באַהויפּטן, אַז דינען גאָט מוז געטאָן ווערן דורך דער פאַרמיטלונג פון דער אָדער יענער פילצאָליקע רעליגיעזע אינסטיטוציעס, מיט זייערע גרויסע און קליינע סיסטעמען פון גייסטלעכע אַלס גאָטס ,שלוחים'. דאָס זיינען אויך געצן־בילדער; זיי זיינען די אַרבעט פון מענטש־לעכע הענט, און זיי וועלן צעשטערט ווערן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פאָרמען פונם געצן־בילדער דינסט.—מיכה ה:13; שמות כב:20; צפניה ב:11.

[11] יענע וואָס האָבן אויסגעקליבן דינען דעם לעבנדיקן גאָט אַנשטאָט די געצן־בילדער, זיינען שטענדיק געווען אַ צילברעט פאַר די אָנפאַלן פון די בייזע שדים און מענטשן. אָנגעהויבן מיט די דריי גאָט־געטרייע יידישע קינדער וואָס האָבן, נים געקוקט אויף דער דראָונג פון טויט, זיך אָפּגעזאָגט צו בוקן זיך אָדער אָנבעטן צום גאָלדענעם אָפּבילד פון דעם שטאַאַט (דניאל ג), און אַזוי ווייטער צו די ערשטע קריסטן וועלכע האָבן ליבערשט אויסגעקליבן טויט אויפן האָלץ אָדער צעריסן צו ווערן דורך ווילדע חיות אויף דער רוימישער אַרענע איידער צו אָנערקענען עפּעס אַ געצן־בילד פאַר אַ גאָט, און אַזוי ביז צום היינטיקן טאָג זאָגן זיך יהוהס עדות אָפּ צו פאַרערן מענטשן, אָפּגעבן כבוד צו פענער אָדער פאַרגעטערן די טאָטאַליטאַרע שטאַאַט. במשך פון אונזער צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט האָט דאָס געפירט צו דעם, אַז יהוהס עדות האָבן געמוזט פאַרברענגען יאָרנלאַנג אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און תפיסות, און זיי האָבן געליטן אַזוי ווי די געטרייע פאַרערער פון יהוה אין די פאַרגאַנגענע צייטן. אָבער, פּונקט ווי יענע, האַלטן זיי איצט

---

11. וואָס איז שטענדיק געווען די שטעלונג פון יהוהס דינער לגבי די אָפּבילדער? און וואָס איז געווען דער פּועל־יוצא ?

אויף יהוהס אויבערהערשאַפט און זיינען זיכער, אַז ער וועט זיי באַפרייען.

12 און פאַרקערט, פאַר יענע מענטשן וועלכע זעען ניט, אַז די שטרייטפראַגע פון געצן־בילדער דינסט איז אַ פרינציפיעלע,— איז גאָרניט שווער צו בוקן זיך און צו פאַרגעטערן אָט דעם גרעסטן פון אַלע געצן־בילדער. ישוע־המשיח האָט געוואָרנט, אַז גלייכצייטיק מיט דער בשורה פון אויפריכטן זיין מלכות, אָט וועט אויפשטיין אַ גרויסער „גרויל פון חורבן" וואָס וועט באַהויפטן, אַז זי האָט דאָס רעכט און די מאַכט צו הערשן איבער די ערד. (מתיא כד:14, 15; התגלות יז:11) נאָך דעם ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן אין 1919 אין דער פעלקער־ליגע, איז איצט אָט דער גרויל אויפגעשטאַנען אין איר ענדגילטיקער פאָרם, ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פאַרן שלום און זיכערקייט, און זי שטייט ווי אַ גרויס געצן־בילד, ווי אַן ערזאַץ פון גאָטס איינגעשטעלטן מלכות. פנים־אל־פנים מיט דער בשורה וועגן דעם מלכות, וואַרפט די רעליגיע אויף אַ רעבעלישן אופן אָפּ גאָטס מלכות און לויבט די שוואַכע באַמיונגען פונם מענטשן צו הערשן איבער דער ערד. דאָס איז אַן אָפענער רעוואָלט קעגן גאָט, און טוענדיק דאָס באַוווּסטזיניק, איז עס פשוטע איינגעשפאַרטקייט און געצנדינערײַ, און עס פירט צום טויט. (שמואל א, טו:23; שמות כב:18) און ווען דאָס העסלעכע געצן־בילד וועט צעשטערט ווערן, וועט מע שפּאָטן פון זיינע פאַרערער מיט אָט די ווערטער: „ווו זיינען זייערע געטער, דער פעלז וואָס זיי האָבן זיך געשיצט אין אים? ... זאָלן זיי אויפשטיין און אייך העלפן." (דברים לב:37, 38) אַלע וואָס שטיצן און פאַרערן די אָפּגעטער, וועלן ביטער אַנטוישט ווערן און אומקומען.

13 די הויפּט־שטרייטפראַגע איז דאָ בנוגע יהוהס אַלוועלטלעכע אויבערהערשאַפט: ער האָט דערקלערט און די מענטשן מוזן וויסן, אַז ער איז דער אַלמעכטיקער גאָט,—זאָלן אפילו דערביי

12. וואָס פאַר אַ גרויס אָפּבילד ווערט איצט אויפגעשטעלט, ווער וועט אים דינען, און וואָס וועט געשען צו דעם אָפּבילד און זיינע פאַרערער?

13. ווי אַזוי וועט יהוה איינשטעלן זיין אויבערהערשאַפט? און ווי אַזוי און ווען וועלן די מענטשן ווידער אָנהאַלטן די גאָט־געשאָנקענע הערשאַפט איבער דער ערד?

אוּמקוּמען אַלע וואָס זאָגן זיך אָפּ צוּ אָנערקענען דעם פאַקט. (תהלים פג) אַלס איינס, צי דאָס געצן־בילד איז פוּן האָלץ אָדער פוּן שטיין, צי ס׳איז אַן אָרגאַניזאַציע פוּן מענטשן, צי ס׳איז אַ געצן־בילד פוּן אַן אַנדער פאָרם; אַלץ איינס, צי די פאַרגעטערוּנג אָדער לויב איז דירעקט אָדער „רעלאַטיוו״,—אַזאַ געצן־בילדער דינסט שטייט אין קעגנזאַץ צוּ גאָטס געזעץ אוּן וועט באַצאָלט ווערן מיט ענדגילטיקער צעשטערוּנג אין דער צייט פוּן הר־מגדון. אוּן אַלע וואָס פאַרלייקענען די אויבערהערשאַפט פוּנם לעבעדיקן גאָט אוּן טוּען אָנשטאָט דעם שפּאָטן פוּן גאָטס מלכוּת, זיי אַלע וועלן אָפּגעמעקט ווערן; נאָך דעם וועט יהוהס אַלוועלט־לעכע הערשאַפט איינגעשטעלט ווערן אויף שטענדיק דוּרך זיין הערשנדיקן מלך אוּן זיין מלכוּת; אוּן דעמאָלט וועלן שוין די מענטשן מער ניט פאַרגעטערן אוּן ניט מאַכן קיינע געצן־בילדער פוּן מענטשן, חיות אוּן אָרגאַניזאַציעס. דעמאָלט וועט קוּמען די צייט ווען די געהאָרכזאַמע מענטשן וועלן ווידער, אין דער געשטאַלט פוּן גאָט, אָנהאַלטן די פאַסיקע הערשאַפט איבן דאָזיקן ערד־קוּגל, אוּן ווענדן צוּ גאָט זייערע אייגענע לויבן אוּן די לויבן פוּן אַלע אַנדערע.—תהלים קג:6.

קאפיטל 12

דער וועג צו גאָט דורך תפילה

ווייזט אויס, אַז דער אַלגעמיינער דרך אין דער דאָזיקער קאַפּוירער, אומגליקלעכער וועלט איז צו באַטראַכטן די גוטע זאַכן פאַר סיי־ווי־סיי באַוויליקטע, צו לאָזן זיך טראָגן מיט דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד, און דאַן ווען עס אַנטשטייען אומגליקלעכע אומשטענדן, זוכט מע הילף דורך אָנגווענדן תפילה. אויב, ווידער, די תפילות ווערן ניט גלייך מקוים, אַנטשטייט דאָס געפיל, אַז דער האַר האָט פאַרנאַכלעסיקט זיין אַרבעט. אָבער דער פאַקט, אַז תפילות פאַרן געזונט, שלום און גוטע פרנסה ווערן ניט אָפּגעענטפערט, אַפילו ווען זיי ווענדן זיך מיט פולער אויפריכטיקייט צו גאָט וועמען מע באַטראַכט פאַרן אַלמעכטיקן,—אָט דער פאַקט באַוועגט די דענקנדע מענטשן אָפּצושטעלן זיך דערויף און ערנסט אַריינטראַכטן זיך אינם דאָזיקן וויכטיקן ענין. זוכנדיק דעם ריכטיקן וועג, פרעגן זיי: ווי אַזוי דאַרפן מיר תפילה־טאָן? צו וועמען דאַרפן די תפילות זיין געווענדט? זיינען דאָ עפּעס ספּעציעלע פאָדערונגען ווי אַזוי דער אומפּולקאָמער מענטש זאָל קענען דערגרייכן צום אַלמעכטיקן? צו וואָס, באמת, דאַרף מע בכלל תפילה־טאָן? די ענטפערס אויף אָט די פראַגען, און אויף אַ סך אַנדערע וואָס זיינען פונקט אַזוי וויכטיק, קען מע געפינען אין דער ביבל, דעם גרויסן לערנבוך פאַר יענע וואָס ווילן, אַז זייערע תפילות זאָלן אויסגעהערט ווערן. זינט דאָס גאַנצע לעבן הענגט אָפּ פונם באַשעפער, און דערפאַר איז עס אַ מוז־זאַך פאַר יענע וואָס ווילן לעבן, זיי זאָלן וויסן ווי אַזוי קען מע דערגרייכן

1. וואָס שיינט צו זיין די אַלגעמיינע שטעלונג לגבי תפילה? און וואָס פאַר אַ וויכטיקע פראַגעס קומען אויפן געדאַנק אין פאַרבינדונג מיט דער זאַך?

אים אין דער תפילה, ווי אַזוי דאַרף מע זיך באַנוצן מיט דער תפילה, און וואָס אַזוינס קען זי אויפטאָן.

[2] תפילה איז ניט קיין נייעס פאַר דעם מענטשלעכן מין, עס איז שוין פריער קלאָר געוואָרן צו די גערעכט־געזינטע מענטשן, אַז אַ סך פּראָבלעמען וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין זייער לעבן, קאָנטן ניט געלייזט ווערן דורך זייערע אייגענע באַמיונגען. דערפאַר האָט עס ירמיה געשריבן: „איך וויס, גאָט, אַז ניט בײם מענטשן איז זיין וועג, ניט בײם מענטשן איז גייענדיק צו לענקען זיין טריט.” (ירמיה י:23) דער גערעכטער מאַן הבל איז, ווייזט אויס, געווען דער ערשטער וואָס האָט עס באַגריפן. ער האָט געבראַכט צו גאָט אַן אָננעמבאַרן קרבן, וואָס איז בלי־ספק באַגלייט געווען מיט ווערטער פון געבעט און לויב. נאָך הבלן זיינען געקומען אַ סך אַנדערע זוכנדיק גאָט דורך תפילה. צווישן זיי איז געווען דוד. ווען ער איז געווען אין אַ צרה, איינגעקלעמט, פאַרפאָלגט דורך זיינע שונים, האָט ער אויסגערופן: „גאָט, הער מיין תפילה, פאַרנעם מיינע געבעטן, אין דיין טריישאַפט ענטפער מיר, אין דיין גערעכטיקייט.” (תהלים קמג:1) און ווען גאָט האָט אים באַפרייט, האָט דוד אַרויסגעזאָגט ווערטער וואָס זיינען אַ טרייסט צו אונז איצט, זאָגנדיק: „גאָט איז נאָענט צו אַלע וואָס רופן אים ... מיט אמת.” (תהלים קמה:18) יונה האָט אין דער פינצטערניש פונם בויך אין גרויסן פיש אַוודאי באַגריפן זיין אייגענע אומפעיקייט אַנטרינען פון אַ מצב וואָס האָט געשיינט צו זיין האָפענונגסלאָז. ווען ער האָט, פול מיט חרטה, „מתפלל געווען צו גאָט זיין האַר, פון די אינגעווייד פון דעם פיש ... האָט גאָט געהייסן דעם פיש, און ער האָט אויסגעשפּיגן יונהן אויף דער יבשה.” (יונה ב:2, 11) אויך היינט־צו־טאָג מוזן מענטשן באַגרייפן זייער אָפּהענגיקייט פונם האַר.

[3] עס איז ניט נויטיק אָנצונעמען אַ באַזונדערע פּאָזע אָדער לאַגע בעת מע איז מתפלל. אַוודאי איז עס פּאַסיק צו קניען ווען מע זוכט דעם האַר דורך תפילה, ווי דניאל האָט באַשטיינט

---

2. וואָס איז געווען דער מקור פון תפילה? און וועלכע ביישפילן האַלטן עס אונטער?

3. וועלכע פּאַסיקע פּאָזע דאַרף מען פאַרנעמען בײם ווענדן זיך צום האַר מיט אַ תפילה?

מע זאל אים לאזן טאן איידער מע האט אים אריינגעווארפן צו די ליבן, ווייל אזא מין פאזע ציינגט ארוים ריכטיקע דעמוט. פאולוס האט אזוי געזאגט: „צוליב דעם בייג איך מיינע קני פאר דעם פאטער" (עפעזער ג:14); אבער ווען ער האט שפעטער געזאגט: „און זייט תמיד מתפלל און בעט אין אייערע בקשות אין דעם גייסט" (עפעזער ו:18),—האט ער אוודאי ניט געמיינט צו האלטן פאר נויטעק מ'זאל די גאנצע צייט פארבלייבן אין א קניענדיקער פאזיציע. ישוע אליין האט אנגעזאגט זיינע תלמידים: „און ווען איר שטעלט זיך מתפלל־זיין, זייט מוחל ..." (מארקוס יא:25); און אין אנדערע פאלן האבן גאטס דינער „זיך געניינגט און זיך געבוקט צו גאט מיטן פנים צו דער ערד." (נחמיה ח:6) ניט די פאזיציע איז דער עיקר. מע קען מתפלל־זיין ליגנדיק אין בעט ביינאכט, בעתן עסן אדער בעתן פארנעמען זיך מיט די טעגלעכע פליכטן.

[4] אבער ס'דארף אונטערגעשטראכן ווערן, אז נאר יהוה, און ניט קיין פרעמדער היידנישער גאט, איז פעיק צו ענטפערן די געבעטן פון זיינע דינער. אן אויסשטייענדיק ביישפיל צו דער־ווייזן דאס קען מע געפינען אינם קאפיטל יח פון מלכים א, ווו די נביאים פונם היידנישן גאט בעל האבן זיך געבעטן ביי זייער גאט א סך מאל נאכאנאנד, ער זאל אראפשיקן א פייער פון די הימלען, אבער אומזיסט. כאטש זיי האבן מתפלל־געווען פון פרימארגן ביז נאכט, האט דער בעל ניט געקענט זיי ענט־פערן. דעמאלט האט אליהו מתפלל־געווען צום אמתן גאט, יהוה: ,וואס איז בכולת [אימשטאנד] צו טון א סך מער ווי אלץ, וואס מיר בעטן, אדער טראכטן' (עפעזער ג:20), און יהוה האט געענטפערט און אראפגעשיקט א פייער וואס האט אינגאנצן פארצערט דעם שלאכטאפפער, כאטש מע האט עס בכוון באוואסערט אום צו פארהיטן פון א שפיצל.

[5] נאר יהוה איז פעיק צו הערן די תפילות פון מענטשן; דער כוח פון זיין אויפנאם־פעיקייט איז אזא, אז ער איז אימ־

4. וואס פאר א געשעעניש באווייזט, ווער עס איז פעיק צו ענט־פערן תפילה?
5. ווער קען דערהערן תפילה, און ווי דורכדרינגנדיק איז זיין אויפנאם־פעיקייט?

שטאַנד צו פאַרשטיין די גאָרע געדאַנקען אינם האַרצן. ווען נחמיה איז געווען אין געפאַנגענשאַפט, האָט ער אין טרויער געטראַכט וועגן דעם פאַרוואָרלאָזטן צושטאַנד פון די מויערן פון ירושלים. דער מלך ווען ער האָט באַדינט מיט ווייַן האָט אים איבערגעשלאָגן און אויפגעפאָדערט נחמיהן, ער זאָל אים אויסזאָגן, וואָס איז די סבה פון זייַן טרויער. און איידער ער האָט באַקאַנט געמאַכט זייַן ווונטש וועגן פאַרריכטן די מויערן, האָט נחמיה ,מתפלל־געווען צום גאָט פון הימל' (נחמיה ב:4), און כאָטש דער מלך האָט די תפילה ניט געקענט הערן, האָט עס אָבער גאָט יאָ געהערט און אויסגעווירקט. נאָר צו אים דאַרפן אַלע שטערבלעכע מענטשן אָנקומען, אויב זיי ווילן ניט פאַרבלייבן צווישן יענע, וואָס ,בעטן און באַקומען נישט, מחמת זיי בעטן מיט שלעכטע כוונות'. (יעקב ד:3) אויך דוד האָט אַזוי געזאָגט: „דו וואָס הערסט צו אַ תפילה, צו דיר קומען אַלע לייבער."—תהלים סה:3.

[6] אָבער וויבאַלד אַלע מענטשן זייַנען אומפּולקאָם און זינדיק, ווי אַזוי זשע קען עמיצער דערנענטערן זיך צום פולקאָמען און גערעכטן גאָט? די ביבל שטעלט עס פעסט אויף אַ קלאָרן אופן (רוימער ג:10): „נישטאָ קיין גערעכטער, אפילו נישט איינער"; און נאָך—אין משלי טו:29: „ווייט איז גאָט פון רשעים, אָבער די תפילה פון די צדיקים הערט ער." אויב עס ווערן געהערט נאָר די תפילות פון די צדיקים, און קיינער ווידער איז ניט קיין גערעכטער [צדיק], טאָ וועמעס זשע תפילות ווערן יאָ אויסגעהערט? יענע מענער, וועמעס תפילות צו יהוה זייַנען דערהערט און געענטפערט געוואָרן, זיי אַלע האָבן,—אַזוי ווי ס'איז באַוויזן אין די העברעישע און אויך אין די גריכישע שריפטן—געהאַט עפּעס געמיינזאַמעס, וואָס האָט דערמעגלעכט זייער פאַרבינדונג מיט גאָט. אַלע, אָן אויסנאַם, האָבן געהאַט אַן פעסטן גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון יהוה און אין זייַן מאַכט און גוטן ווילן צו העלפן יענע וועלכע זוכן זייַנע וועגן. זיי האָבן געגלויבט, אַז ער איז פעיק צו האַלטן זייַנע צוזאָגן,

6. ווי איז עס מעגלעך געוואָרן, אַז זינדיקע און אומפולקאָמע מענטשן זאָלן זיך ווענדן אין זייערע געבעטן צו אַ פולקאָמען און גערעכטן גאָט?

מעגן זיי זיך אויסדראַכטן פון שטאַנדפּונקט פון אַ מענטשן פאַר אוממעגלעך; און פאַר דעם אַ גלויבן האָט גאָט זיי געהאַלטן פאַר גערעכטע. אַזוי איז געווען, אַז ווען אַברהמס גלויבן האָט אים געשטאַרקט צו גלייבן, אַז גאָט וועט אים געבן אַ זון אויף דער עלטער, האָט עס גאָט „אים גערעכנט פאַר אַ גערעכטיקייט". (בראשית טו:6) גלויבן איז באַזירט אויף דערקענטעניש פון גאָטס וואָרט.

7 אין דער געהעריקער צייט האָט גאָט געשיקט זיין איינ־געבאָרענעם זון, ישוע־המשיח, וועלכער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן, כּדי עס זאָל דינען פאַר אַן אויסלייז אויסצוקויפן דעם מענטשלעכן מין פון זינד. אַזוי אַרום איז געעפנט געוואָרן אַ נייער וועג צו גאָט דורך תּפילה—פאַר די וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט דער דאָזיקער ליבנדער פאַרזאָרגונג,—דער איינציקער אופן פון דעם מענטשנס דערנענטערונג איצט צו גאָט. אויף דעם האָט אָנגעוויזן ישוע ווען ער האָט געזאָגט: „קיינער קומט נישט צום פאָטער, סיידן דורך מיר." (יוחנן יד:6) ניט געקוקט אויף די רעליגיעזע אַרגומענטן וועלכע לייקענען דאָס אָפּ, שליסן אויס אָט די ווערטער יעדן אופן פון דערגרייכן יהוהן דורך אַ „הינטער־טיר"; צי דאָס איז דורכן פּויפּסט אין רוים, אָדער דורך אַן אומצאָליקער רשימה פון „היילקע", אָדער, יאָ, אַפילו דורך מרים, דער מוטער פון ישוע. אין קיין שום שריפט ווערט ניט געזאָגט, אַז מ'זאָל זיך ווענדן מיט תּפילות דורך עמיצן פון די אויבן אויסגערעכנטע. ישוע האָט געזאָגט: „אויב איר וועט מיך עפּעס בעטן אין מיין נאָמען, וועל איך דאָס טון."—יוחנן יד:14.

פאַרוואָס ניט אויסגעהערט

8 עס איז גאָר קיין וווּנדער ניט, וואָס אַזוי פיל תּפילות פון פעלקער און נאַציעס ברענגען ניט קיין שום פּועל־יוצא, ווי באַלד זיי זאָגן זיך אָפּ אויסצונוצן דעם איינציקן דרך פון דער־

7. וואָס נאָך פאַר אַן אופן איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר די מענ־טשן אויף צו דערנענטערן זיך צו גאָט, און וועלכער באַטרוג מאַכט קלאָר די דאָזיקע קענטעניש?
8. פאַרוואָס האָבן אַזוי פיל תּפילות פאַרפעלט צו דערגרייכן די געווונטשענע רעזולטאַטן?

נענטערונג, וואָס יהוה האָט פאַרזאָרגט. אָבער עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע סבות, פאַרוואָס גאָט וואַרפט אָפּ זייערע תּפילות. בשעת ער איז שטענדיק גרייט צוצוהערן זיך צו די תּפילות פון יענע, וועלכע זוכן צו טאָן זיין רצון, אָבער די תּפילות פון די רשעים אָדער פון די, וועלכע דרייען זיך אַרויס פון פאָלגן זיינע גערעכטע געזעצן, זיינען אים דערווידער. „דער וואָס קערט אָפּ זיין אויער פון צו הערן די לערנונג, איז אַפילו זיין תּפילה אַן אומווערדיקייט.״ (משלי כח:9) און צו אָט דעם מין מוזן פאַררעכנט ווערן יענע רעליגיעזע גייסטלעכע וועלכע מאַכן זיך ניט וויסנדיק פון גאָטס געזעץ „זאָלסט ניט הרגען״ און זיי ריכטן אָפּ לאַנגע תּפילות וועגן דעם, אַז די נאַציע אין וועלכער זיי וווינען זאָל זיין די דערפאָלגרייכסטע ביים אויסקנעמען די לעבנס. צי איז דען יהוה ווילגעפעליק צו איינעם פון די קעמפנדיקע צדדים? „און פיל איר זאָלט ניט תּפילה טאָן, הער איך ניט צו; אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט.״—ישעיה א:15.

⁹ ישועס תּלמידים האָבן באַגריפן די וויכטיקייט פון תּפילה און האָבן אים געבעטן ער זאָל זיי לערנען ווי אַזוי מתפּלל צו זיין. ישוע האָט געגעבן באַלערונגען, אַן וועלכע אַ קריסט קען זיך ניט באַגיין הינט־צו־טאָג. (לוקאס יא:1־4) ווען מיר באַטראַכטן די דאָזיקע באַלערונגען, דאַרפן מיר שטרעבן זיך צוצופאַסן צו זיי, אַפילו מיר זאָלן מוזן ענדערן אונזער איצטיקן אופן פון מתפּלל־זיין. געוויסע באַלערונגען קען מען געפינען אין מתיא קאַפּיטל 6. ישוע זאָגט: „און בעת איר זענט מתפּלל, זאָלט איר נישט זיין ווי די חונפים [היפּאָקריטן]; וואָרום זיי האָבן ליב צו שטיין און מתפּלל צו זיין אין די שולן און אויף די עק גאַסן, כּדי זיי זאָלן געזען ווערן פון מענטשן. פאַרוואָר, איך זאָג אייך, זיי האָבן שוין באַקומען זייער שכר. דו אָבער, בעת דו ביסט מתפּלל גיי אַריין אין דיין אינעווייניקסטן חדר

---

9. (א) וואָס האָט ישוע געגעבן זיינע תּלמידים אַלס ענטפער צו זייערע בקשות זיי אויסלערנען ווי צו טאָן תּפילה? (ב) וואָס פאַר אַ וויכטיקן פונקט האָט ער אונטערגעשטראָכן באַלד ביים אָנהויב, און וואָס קען מען, דערפאַר, האַלטן וועגן דאָס רוב תּפילות איבערן שלום?

[קאַמער], פאַרשליס די טיר, און זײַ מתפּלל צו דײַן פאָטער, וואָס זעט אין פאַרבאָרגעניש, און דײַן פאָטער, וואָס זעט אין פאַרבאָרגעניש, וועט דיר פאַרגעלטן." מיט דעם וואָס ישוע האָט אַזוי געלערנט זײַנע תּלמידים, זײַ זאָלן מתפּלל־זײַן אין פאַרבאָרגעניש, האָט ער גאָר שטאַרק אונטערגעשטראָכן דעם אומזין פון אָפּריכטן עפנטלעכע תּפילות מיטן איינציקן צוועק, אַז מענטשן זאָלן דאָס זען, באַוווּנדערן און לויבן. הײַנט איז דאָס רוב תּפילות פאַר דעם נצחון, פאַר שלום און פאַר וווילשטאַנד פאַרשפּרייט איבעראַל אין הויך־קלינגנדיקע און פײַנע ווערטער דורכן ראַדיאָ און אין צײַטונגען, באַקוּמט זיך טאַקע, אַז זייער גאַנצע כּוונה איז צוצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון מענטשן צו די וועלכע זײַנען מתפּלל. זײַ באַקומען דעם שכר, נאָך וועלכן זײַ יאָגן זיך—דעם לויב פון מענטשן. גאָט אָבער הערט זיך ניט צו צו זײַ און ער טוט גאָרניט ניט פאַר זײַ.

[10] עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק צו מאַכן פון ישוּעס ווערטער דעם אויספיר, אַז אַלע תּפילות וואָס ווערן ניט געזאָגט ביחידות זײַנען היפּאָקריטיש. ישוע אַליין האָט תּפילה געטאָן אַ סך מאָל פאַר אַנדערע, און ער וואָס איז געווען דער פאָלקאָמענער בײַשפּיל, וואָלט אַזוי ניט געטאָן אויב עס וואָלט געווען אומפּאַסיק. ער האָט תּפילה געטאָן אַזוי, אַז אַנדערע האָבן עס געקענט הערן, ניט כּדי צו ציִען די אויפמערקזאַמקייט צו זיך, נאָר כּדי צו געבן אַן עדות צום כּבוד פון גאָטס נאָמען און מלכות. אַזוי, ווען ישוע האָט עפנטלעך אָנערקענט דעם גאָט איידער ער האָט אָנגעשפּײַזט די פינף טויזנט (מתיא יד:19), און ווען ער האָט תּפילה געטאָן אין אַ סך אַנדערע פאַלן אין דער אָנוועזנהייט פון זײַנע תּלמידים, און זײַ פון זייער זײַט האָבן תּפילה געטאָן עפנטלעך מיטן צוועק אויפצוקלערן אַנדערע (מעשׂים א:14),—האָבן ניט ער און ניט זײַ זיכער ניט אויסגעטײַטשט ישוּעס ווערטער: „גיי אַרײַן אין דײַן אינעווייניגסטן חדר [קאַמער]," אַז דאָס מיינט: די תּפילות מוז מע אַלעמאָל זאָגן ווען קיינער קען עס ניט זען און ניט הערן. ישוע האָט אַזוי געזאָגט צו גאָט וועגן תּפילות וואָס אַנדערע האָבן

10. וואָס דאַרף מע ניט דרינגען פון דער אָנווײַזונג „אַרײַנצוגיין אין אַן אינעווייניקסטן חדר [קאַמער]"? און פאַרוואָס?

געהערט: „איך ווייס, אַז דו טוסט מיך תּמיד הערן; דאָך פֿונוועגן דעם פֿאָלק, וואָס שטייט דאָ אַרום, האָב איך דאָס געזאָגט, כּדי זיי זאָלן גלויבן, אַז דו האָסט מיך געשיקט.״—יוחנן יא:42.

[11] „און ווען איר זענט מתפּלל״, האָט ישוע וויטער געלערנט זיינע תּלמידים, „נוצט נישט קיין אומזיסטע איבערחזרונגען, ווי די געצנדינער [גויים] טוען; וואָרום זיי מיינען, אַז זיי וועלן דערהערט ווערן דורך זייער רעדן אַ סך. זייט דעריבער נישט גלייך צו זיי; וואָרום אייער פֿאָטער ווייסט אַלץ וואָס איר דאַרפֿט, נאָך איידער איר בעט אים.״ די היידנישע לאַמאַס און בודיסטן (אין אַזיע) האָבן באַנוצט אַ תּפילה־ראָד, אַ אויסגעהוילטן פֿויק אין וועלכן מע האָט אַריינגעלעגט די תּפילות, און יעדעס מאָל ווען מע האָט אַ דריי געטאָן די אָ ראָד, האָבן די תּפילות וואָס מ׳האָט אַריינגעלייגט אינעווייניק געדאַרפֿט מקוים ווערן. אויך היינט־צו־טאָג פֿאָלגן נאָך מיליאָנען דעם זעלבן קורס מיט רויזנקראַנצן און די אָפֿט איבערגעחזרטע תּפילות פֿון די געבעט־ביכער. די אָבער, וואָס ווילן אויפֿריכטיק תּפילה טאָן אין איינקלאַנג מיט גאָטס רצון, באַגרייפֿן, אַז דאָס איז טאַקע וואָס ישוע האָט געהאַט אין זינען, וועלן מיט פֿאַרגעניגן אויספֿאָלגן זיין פֿאַרשריפֿט: „נוצט נישט קיין אומזיסטע איבערחזרונגען, ווי די געצנדינער [גויים] טוען . . . זייט דעריבער נישט גלייך צו זיי.״ און זיי וועלן אַכט לייגן אויף זיינע ווייטערדיקע באַלערונגען.

אַ מוסטער פֿון אַ תּפילה

[12] זיינע ווייטערדיקע ווערטער האָבן געגעבן אַ מוסטער פֿון אַ תּפילה; ניט אַ תּפילה וואָס מ׳זאָל גלאַט איבערחזרן און אַפֿילו ניט פֿאַרטראַכטן זיך וועגן איר מיין און אינהאַלט. נאָר אַ תּפילה וואָס ווייזט צו וועמען זי דאַרף זיין געווענדט און

11. (א) ווי אַזוי האָבן די גויים באַנוצט „אומזיסטע איבערחזרונגען״ און ווי אַזוי באַנוצן עס היינט־צו־טאָג יענע וואָס זיינען אין דעם פּרט „גלייך צו די געצנדינער [גויים]״? (ב) וואָס דאַרפֿן טאָן די וואָס זענען אויפֿריכטיק און באַגרייפֿן דאָס?
12. וואָס איז געווען ישועס צוועק ווען ער האָט געגעבן דעם מוסטער פֿון אַ תּפילה? וואָס, אין קורצן, האָט דער מוסטער אַנטהאַלטן?

וועגן וואָס דאַרף אַ קריסט אויף אַ פּאַסיקן אופן תפילה־טאָן. ער האָט זיי אָנגעזאָגט מתפלל־זיין אַזוי: ‚אונזער פּאָטער, וואָס ביסט אין הימל, געהייליקט זאָל ווערן דיין נאָמען. זאָל קומען דיין מלכות. זאָל דיין רצון געטון ווערן, ווי אין הימל, אַזוי אויף דער ערד. גיב אונז היינט אונזער טעגלעך ברויט. און זיי אונז מוחל אונזערע שולדיקייטן, ווי מיר זיינען אויך מוחל אונזערע שולדיקע. און ברענג אונז נישט אין אַ נסיון. נייערט זיי אונז מציל פון דעם שלעכטן [שטן].‘—מתיא ו:9—13.

13 דער דאָזיקער מוסטער פון אַ תפילה איז אומעגאָיסטיש אין יעדן פּרט. מיט דעם, וואָס די תפילה איז געווענדט צו גאָט אַלס „אונזער פּאָטער", ווערט אָנערקענט, אַז עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע וואָס זיינען קינדער פונם אַלהעכסטן—און די געדאַנקען פון דעם וואָס איז מתפלל קערן זיך אָפּ פון זיינע פּערזענלעכע ווונטשן. נאָך מער, דערמיט איז אָנגעוויזן, אַז יענע וואָס זיינען אַזוי מתפלל וועלן זיך באַנוצן מיטן אויסלייז וואָס איז פאַרזאָרגט געוואָרן דורך ישוע־המשיח, און זיי ווערן גייסטיקע זין פון גאָט. אַ רעשטל פון די דאָזיקע זין געפינט זיך נאָך אַלץ אויף דער ערד; פאַראייניקט מיט זיי, זינט 1918, האַלט זיך די מחנה מענטשן פון גוטן־ווילן אַלץ אין איין פאַרגרעסרן. פאַר זיי פּאַסט עס טאַקע אויך זיי זאָלן זיך ווענדן צו יהוהן אַלס צו „אונזער פּאָטער",—צוליב דער פּשוטער סבה, ווייל במשך דער טויזנט־יאָריקער הערשאַפט פון משיחן ווערן די ערדישע קינדער פונם לעבן־געבנדיקן ישוע־המשיח, און אַזוי אַרום זיינען זיי פאָרמעל אין דער לאַגע פון „אייניקלעך" פון גאָט. אין דער ביבל רעדט זיך טאַקע אָפט וועגן אַ זיידן, ווי וועגן אַ פּאָטער.

14 זינט די רעכטפאַרטיקונג פון יהוהס נאָמען און אויבערהערשאַפט איז די סאַמע וויכטיקסטע לערע אין דער ביבל, פאַרנעמט דעריבער זיין נאָמען און מלכות דעם ערשטן אָרט אין דער מוסטער־תפילה. הגם דאָס מלכות איז שוין געוואָרן איינ־

---

13. ווי ווירקט די דאָזיקע תפילה אין דער ריכטונג פון אומעגאָיסטישקייט? פאַר וועמען פּאַסט עס יאָ צו באַנוצן זיך מיטן אויסדרוק „אונזער פּאָטער"?
14. ווי אַזוי ווייזט אָן די תפילה אויף דער אָרדענונג פון וויכטיקייט פון פאַרשידענע זאַכן?

געשטעלט אין הימל, דאַרף עס נאָך ערשט אַלץ קומען און פולשטענדיק צעשטערן דעם שׂטנס גאַנצע וועלט פון רשעות. און ביז דאָס וועט ניט געשען, וועלן גאָטס דינער ווייטער מתפלל־זיין וועגן זיין אָנקומען. אַוודאי, אַזעלכע זאַכן ווי שפּייז און וווינונג זיינען נויטיק צום לעבן, אָבער די געבעטן וועגן אָט די זאַכן פאַרנעמען אַ צווייטראַנגנדיקן פּלאַץ. עס איז דאָך יאָ דערלויבט צו בעטן וועגן זיי—די באַדערפעניש וואָס זיינען גענוג פאַר די טעגלעכע נויטן, און ווען מע באַקומט עס, דאַרף מע זיין דאַנקבאַר יהוהן, וועלכער ווייסט אונזער יעדע באַדערפעניש נאָך איידער מיר בעטן.

[15] „זאָל דיין רצון געטאָן ווערן,” האָט ישוע געזאָגט. די פירערס פון דער וועלט זיינען מתפלל אויף אַן עגאָיסטישן אופן, אַז דער האַר זאָל זיי העלפן דורכצופירן זייערע פּערזענלעכע פּלענער צו באַהערשן די וועלט; און די גייסטלעכע העלפן דער־ביי צו דורך זייערע תפילות וועגן נצחון. ישוע האָט קיינמאָל ניט מתפלל־געווען פאַרן דערפאָלג אָדער פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון וועלכער ניט איז נאַציעס פון דער איצטיקער וועלט; ער האָט, פונקט פאַרקערט, געזאָגט: „איך בעט פאַר זיי [זיינע תלמידים]: נישט פאַר דער וועלט טו איך בעטן.” (יוחנן יז:9) וואָס מאַכט׳ס אויס, ווען אַ גאַנצע נאַציע באַשטימט אַ ,טאָג פון תפילה׳ און אַלע צוזאַמען טון בעטן, אַז גאָט זאָל אָנערקענען דעם ווילן פון דער נאַציע און אויספירן אים? אָדער וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס אויב מע שאַפט אַ ,פאַמיליע פון נאַציעס׳ און מע בעט פאַר גאָטס ברכה דערצו? דער פאַרנעם אָדער די צאָל פון די תפילות אַליין האָבן ניט קיין ווירקונג אויף דער זאַך. תפילות וואָס זיינען ניט אין איינקלאַנג מיט גאָטס רצון, ווערן דורך אים קיינמאָל ניט דערהערט. ווען אָבער איינער פון זיינע געטרייע באַשעפענישן נוצט אויס די תפילה אויף אַ פּאַסיקן אופן און זאָגט: „נישט מיין רצון, נאָר דיינער, זאָל געטאָן ווערן,” אָדער זאָגט אַזוי, ווי דער באַליבטער דוד: „לערן מיך צו טאָן דיין רצון, וואָרום דו ביסט מיין גאָט”

---

15. אין וואָס באַשטייט דער אונטערשייד צווישן די תפילות פון די איצטיקע וועלט־פירערס און די תפילות פון משיחן און זיינע נאָכפאָלגער?

(תהלים קמג:10),—דעמאָלט וועט די תפילה ניט נאָר דערגרייכן יהוהס הויכן טראָן, נאָר עס וועט אויך האָבן די געהעריקע ווירקונג, „די תפילה פון אַ צדיק האָט אַ גרויסע פעולה [ווירקונג]."—יעקב ה:16.

[16] אין איינקלאַנג מיט ישועס באַלערונגען מעג איינער מתפלל־זיין, אַז זיינע שולדיקייטן (זינד) זאָלן פאַרגעבן ווערן. דאָס קען אָבער ניט באַדייטן, אַז איינער מעג זיך גיין מיטן רשעותדיקן וועג, און ער וועט לויזגעשפּראָכן ווערן פון יעדער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר דער פאַרגאַנגענהייט פשוט אַ דאַנק דעם, וואָס ער וועט איבערחזרן די דאָזיקע תפילה־ווערטער, און שפּעטער וועט ער זיין פריי ווייטער איבערצוחזרן זיינע רשעות ביי יעדער גינסטיקער געלעגנהייט. די דאָזיקע תפילה איז באַשטימט אויסשליסלעך פאַר יענע, וואָס באַמיען זיך אויפריכטיק צו פאָלגן די באַלערונגען פונם האר; זיי פאַרלעצן אָבער זיינע גערעכטע פאָדערונגען ווייל זיי זיינען אומפולקאָם און דערפאַר זיינען זיי אומפעיק צו האַנדלען מיטן פולקאָמען וועג. „בעט, און איר וועט באַקומען [פאַרגעבונג]," האָט ישוע געזאָגט. (יוחנן טז: 24) די שולדיקייטן וועלן פאַרגעבן ווערן דורך ישוע־המשיח, און די זינד וועלן ווערן אויסגערייניקט מיט זיין בלוט. אָבער, כדי די זינד פון איינעם זאָלן פאַרגעבן ווערן דורך גאָטס רחמנות, מוז ער אַליין האָבן רחמנות בנוגע די וועלכע פאַרשולדיקן זיך צו אים און זיי מוחל־זיין אויף אַן אופן ענלעך צו גאָט. „געבענטשט זיינען די בעלי־רחמנות; וואָרום אויף זיי וועט מען זיך מרחם־זיין."—מתיא ה:7; ו:14, 15.

[17] יהוה שטעלט קיינמאָל ניט זיינע דינער פאַר קיין נסיונות פון זינד; אַלע אַזאַ נסיונות קומען פונם רשע, שטן. דער אויסדרוק: „ברענג אונז נישט אין אַ נסיון, נייערט זיי אונז מציל פון דעם שלעכטן" וואָלט זיך בעסער געלייענט: ,פאַרלאָז אונז ניט צום נסיון, נייערט זיי אונז מציל פון דעם שלעכטן [שטן].' (זע מתיא ו:13, דיאַגלאָט.) אָן יהוהס ליבער פירערשאַפט און באַשיצונג וואָלטן זיינע דינער געוועזן אין אַ סכנה פונם שונא

16. וואָס ווערט געמיינט מיט דער ביטע „זיי אונז מוחל אונזערע שולדיקייטן"?
17. ווי אַזוי קומט דער נסיון [פּרוּוו] צו גאָטס דינערס?

דעם שטן, וועלכער, „גייט ארום ווי א ברומנדיקער לייב, און זוכט וועמען ער זאל קענען פארצוקן.” (פעטרוס א, ה:8) יהוה לאזט זיינע דינער קיינמאל ניט אין דער גוואלט פונם פארפירער מיט זיינע נסיונות, ער לאדט זיי נאר איין מתפלל־זיין צו אים וועגן הילף אין צייט פון נויט. די ווייטערדיקע ווערטער אין מתיא ו:13: „ווארום דיר געהערט די מלוכה, און די גבורה, און דער כבוד, אויף אייביק, אמן,” זיינען פאלש און ווערן אויסגעלאזט פון אלע מאדערנע ביבל־איבערזעצונגען.

[18] ווען נח־הצדיק איז ארויסגעגאנגען פון דער תבה נאך דעם ווי די וואסערן פונם מבול זיינען אפגעפאלן, איז זיין ערשטע טאט געווען אויפצובויען א מזבח, און ער האט געבראכט בראנדאפפער און געטאן תפילה צו יהוה אלס דאנקבארקייט פאר דער רעטונג פון זיך אליין און זיין משפחה. נחס תפילה און אנגענומענער בראנדאפפער זיינען געווען ווי א „געשמאקער ריח” צו גאט. (בראשית ח:21) היינט־צו־טאג, ערב דעם הר־מגדון, גייען ארום די געטרייע דינער פונם האר פון שטאט־צו־שטאט און זיי לאדן איין אויף א פיינעם אופן אלע וואס ווילן זיך צוהערן צו זיי. אין וואס באשטייט די דאזיקע איינלאדונג? די נביאישע ווערטער וועלכע געפינען זיך אין זכריה ח:21, 22, ענטפערן אויף דער פראגע און זאגן: „און די באוווינער פון איין שטאט וועלן גיין צו דער צווייטער, אזוי צו זאגן: גיין לאמיר גיין צו בעטן פאר גאט, און צו זוכן דעם גאט פון צבאות; איך וויל אויך גיין. און קומען וועלן פיל אומות און מאכטיקע פעלקער צו זוכן גאט פון צבאות אין ירושלים [ניי־ירושלים, זיין טעאקראטישע רעגירונג], און צו בעטן פאר גאט.” נון, וואלסטו געוואלט זיין צווישן די דאזיקע „פיל אומות” וועלכע „זוכן דעם גאט פון צבאות” און שפעטער, אזוי ווי עס איז פארגעשטעלט דורך נחן און זיין משפחה, לעבן דורך דעם שטורעם פון הר־מגדון און זיינען אייביק מתפלל צו יהוה מיט תפילות פון ,געשמאקע

18. דערקלער ווי אזוי קענען מענטשן וואס לעבן איצט אויף דער ערד זיין אזוי ווי נח און זיין משפחה, און ווי אזוי ווערט די דאזיקע איינלאדונג איצט אויסגעשטרעקט צו זיי.

ריחות׳? אויב יאָ, פֿאַרלאָז זשע די נאַרישע און זיך־כּסדר־איבערחזרנדיקע תּפֿילות פֿון דער דאָזיקער אָפּשטאַרבנדיקער אַלטער װעלט, און זײַ מתפּלל און זוך צום אַלעם ערשטן גאָטס מלכות דורך זײַן זון, ישוע־המשיח.

קאַפּיטל 13

דער שבת: אין שאָטן און איןווירקלעכקייט

„אַז זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט.” (שמות לא:17) זיין רוען אָדער זיין אָפּהאַלטן זיך פון אַרבעט איז געקומען, ווייל זיין שאַפנדיקע אַרבעט איז געקומען צו אַ סוף, ווי ער האָט געהאַט באַאָפּזיכטיקט, און דערפאַר האָט ער אָפּגעשטעלט זיין שאַפונג־אַרבעט בנוגע דער ערד. אויף אַט דער הויכקייט פון אויפטוונג האָט ער באַטראַכט זיין געענדיקטע ערדישע אַרבעט; און „גאָט האָט געזען אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט, ערשט עס איז זייער גוט”. (בראשית א:31) דערפאַר אַלזאָ, האָט יהוה גאָט געקאָנט פילן זיך דערפרישט, ער האָט, הייסט עס, געקענט געניסן פון דעם דערפרייענדיקן פאַרגעניגן צו פילן, אַז זיין רצון איז אויפגעטאָן געוואָרן. עס מוז זיין, אַז נאָר בנוגע אונזער ערד האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן פון שאַפנדיקער טעטיקייט, נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט זיין אַרבעט צו דעם סוף ווי ער האָט עס געוואָלט. עס איז אָבער ניט לאָגיש און ניט ביבליש צו מיינען, אַז ער האָט אָפּגעשטעלט אַלע טעטיקייטן אין שייכות מיטן גאַנצן איבעריקן וועלטאַל.

[2] „אַזוי זיינען פאַרענדיקט געוואָרן דער הימל און די ערד און זייער גאַנצער חיל. און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג זיין אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט. ... און גאָט האָט

---

1. (א) וואָס איז געווען דעם באַשעפערס פערזענלעכער דערפאַרונג אויפן זיבעטן טאָג פונם באַשאַף־פעריאָד? (ב) אין וועלכער הינזיכט האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן פון זיין גאַנצער אַרבעט אויפן זיבעטן טאָג?
2. ווי לאַנג זשע איז דער טאָג? איז ער שוין פאָריבער?

געבענטשט דעם זיבעטן טאָג, און האָט אים געהייליקט. װאָרום אין אים האָט ער גערוט פֿון זײַן גאַנצער אַרבעט װאָס גאָט האָט באַשאַפֿנדיק געמאַכט." (בראשית ב:1־3) דער דאָזיקער „זיבעטער טאָג" אין װעלכן גאָט האָט זיך אָפּגעהאַלטן פֿון זײַן אַרבעט אין שײַכות צו אונזער פּלאַנעטע, דאַרף ניט פֿאַרשטאַנען װערן װי אַ 24־שעהדיקער טאָג. דער דאָזיקער זיבעטער טאָג װערט דאָ דערמאָנט אין שײַכות מיט די פֿריערדיקע זעקס טעג פֿון באַשאַפֿונג; און אַלע קלאָרע סמנים באַװײַזן, אַז יעדער פֿון יענע פֿריערדיקע זעקס טעג איז געװען אַ סך לענגער, אײדער 24 שעה. אין דער אמתן זײַנען דאָס געװען לאַנגע צײַט־פּעריאָדן, טױזנטער יאָרן לאַנג. געמאָסטן מיט דער לענג פֿונעם „זיבעטן טאָג" אין װעלכן גאָט האַלט זיך אָפּ פֿון אַרבעט און דערפֿרישט זיך, װײַזט זיך אַרױס, אַז יעדער פֿון יענע טעג איז געװען 7,000 יאָרן לאַנג. אַזױ װי דער מענטש איז באַשאַפֿן געװאָרן צום סוף פֿונעם זעקסטן טאָג, איז ער געשטעלט געװאָרן אויף דער ערד צום סוף פֿון די 42,000 יאָרן פֿון צוגרײטן די ערד. אַזױ אַרום װעט דער גרויסער ציקל פֿון זיבן „טעג" אויסמאַכן צוזאַמען 49,000 יאָרן. דער צײַט־מאָסשטאַב פֿון דער ביבל באַװײַזט, אַז פֿונעם גרויסן ציקל בלײַבט איבער צום פֿאַרלויפֿן נאָך עטװאָס מער װי טױזנט יאָר.

דער געהייליקטער טאָג

[3] שבת איז דאָס באַזונדערע העברעישע װאָרט װאָס װערט באַנוצט אין בראשית ב:1־3 און איבערגעזעצט „גערוט", און דאָס ייִדישע װאָרט „שבת" שטאַמט פֿון אים. געװיסע רעליגיאָניסטן טענהן, אַז שױן דעמאָלט בײַם סאַמע בראשית האָט גאָט אָנגעפּעסטיקט דעם געזעץ װעגן שבת־טאָג צו זײַנע מענטשלעכע באַשעפֿענישן; און זײ אַלע פֿאַררופֿן זיך אויף בראשית ב:1־3 אַלס באַװײַז. זאָלן אָבער די אַ פּערזאָנען און אַלע אַנדערע געדענקען, אַז דער טאָג װאָס גאָט געבענטשט און

3. פֿון װאָס איז איבערגעזעצט געװאָרן דאָס װאָרט „גערוט"? און װאָס פֿאַר אַ שװעריקײטן אַנטשטײען װען מ'װיל באַהױפּטן, אַז דער זיבעטער טאָג איז 24 שעה לאַנג?

שוין דעמאלט געהייליקט, איז ניט געווען קיין 24־שעהדיקער טאג. דאס איז געווען און ס'איז נאך אלץ דער „זיבעטער טאג" פון דער צייט־לענג וואס איז גלייך צו יעדן פון די זעקס פרי־ערדיקע טעג פון שאפנדיקער ארבעט. לויט דעם אופן, ווי די רעליגיעזע שבת־היטערס פון זיבעטן־טאג רעכענען, קומט אויס, אז דער מענטש איז געמאכט געווארן נאך די חיות אינם זעקסטן 24־שעהדיקן טאג פון דער באשאפונג. אויב אזוי, דאן האט דער ערשטער פולער טאג אין דער מענטשלעכער עקזיס־טענץ געמוזט זיין פארן מענטשן א שבת־רו־טאג: ער האט נאך דעמאלט ניט געהאט פארענדיקט אדער אפילו ניט אנגעהויבן די וואך פון ארבעט,—ער האט גערוט איידער ער האט אפילו אנגעהויבן צו ארבעטן. פון דער ביבל אבער איז קלאר, אז גאטס זיבעטער טאג איז לענגער ווי פון זון־אונטערגאנג ביז זון־אונטערגאנג, פונקט אזוי ווי דאס ווארט טאג קען ניט בא־דייטן קיין 24־שעהדיקן פעריאד ווען אין בראשית ב:4 זאגט זיך: „דאס איז די געשיכטע פון דעם הימל און דער ערד ווען זיי זיינען באשאפן געווארן, אין דעם טאג וואס גאט דער האר האט געמאכט ערד און הימל." לויט די הייליקע שריפטן קומט אויס, אז דער „זיבעטער טאג" ציט זיך נאך אלץ אויף וויפיל עס איז נוגע דעם באשעפער, יהוה גאט.

[4] צום אנהויב פונם טאג האט אים גאט געבענטשט און אים דערקלערט פאר גוט, פאר זיין ליוב און פארן נוצן פון געטרייע באשעפענישן. ביי זיין סוף, אן ערך א טויזנט יאר פון היינט, וועט דער טאג אויך געבענטשט ווערן אויף אן ענלעכן אופן; ווייל די איצטיקע פארשאלטענע צושטענדן וועלן דעמאלט זיין אינגאנצן אפגערוימט. ער האט געהייליקט אט דעם טאג פאר זיין הייליקן צוועק, ווייל ער האט באשטימט פון סאמע אנהויב, אז דער טאג זאל אים רעכטפארטיקן אלס דעם בא־שעפער פון אלעם גוטן און רעכטפארטיקן אים אלס דעם דער־האלטער און דער באווארער פון אלעם גוטן. דער סוף פון דעם דאזיקן „זיבעטן טאג" וועט נאך באווייזן, אז זיין אורשפרינג־לעכער צוועק ביים מאכן די ערד און ביים באזעצן דעם מענטשן

4. ווי אזוי האט יהוה געבענטשט און געהייליקט דעם זיבעטן טאג?

אויף איר, איז ניט געווען געשטערט, נאָר ער איז אויף אַ רומ־רייכן אופן דערפילט געוואָרן מיט אַ פולן באַווייז פון זיין געט־לעכקייט, אויבערהערשאַפט און אַלמעכטיקייט. ביים סוף פונם דאָזיקן „זיבעטן טאָג" וועט די ערד זיין אַ וווּנדערלעכער פאַ־ראַדיז, איבעראַל—ווי אין גן־עדן. די ערד וועט זיין פול מיט גערעכטע מענטשלעכע באַשעפענישן, אַלע אין איינקלאַנג מיטן באַשעפער און האַנדלען ווי זיינע שלוחים אין זייער הערשונג איבער די פייגל, פיש און אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן וואָס קריכן אַרום איבער דער ערד.

⁵ ווען גאָט האָט געבענטשט דעם פּאָלקאָמען אָדם און חוה און געגעבן זיי זיין געטלעכן באַפעל אָנצופילן די ערד מיט גערעכטע אָפּשטאַמער און צו אונטערוואַרפן די ערד און הערשן איבער די נידעריקערע לעבעדיקע באַשעפענישן, האָט גאָט זיי גאָרניט באַפוילן בנוגע אָפּהיטן דעם טאָג פון שבת. דעם שטנס נסיון און אָדמס און חוהס זינד, האָבן גאָרניט געהאַט צו טאָן מיטן ניט־פאַלגן אַ וועלכן ס'איז געזעץ וועגן אַ 24־שעהדיקן שבת. און אויב גאָט האָט זיי ניט געגעבן אַזאַ געזעץ אין גן־עדן, איידער זיי האָבן געזינדיקט, האָט ער זיי זיכער ניט געגעבן אַזאַ געזעץ נאָכן אַרויסטרייבן זיי פון גן־עדן אַלס זינדיקע. און עס איז טאַקע ניטאָ קיין שום באַריכט, ער זאָל עס יאָ האָבן געטאָן.—בראשית ב:15—17; א:28.

⁶ וואָס זשע פאַרט קען מע זאָגן וועגן די צאָל זיבן וועלכע טרעפט זיך אינם בוך בראשית אַליין 61 מאָל? למשל, בנוגע נחן: ער און זיין משפחה און די חיות זיינען אַריין אין דער תבה במשך פון אַ זיבן־טאָגיגן פעריאָד. „און עס איז געווען צו זיבן טעג, אַזוי איז דאָס וואַסער פון מבול געווען אויף דער ערד." (בראשית ז:1־10) נחס תבה האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די בערג פון אַררט דעם זיבעצנטן טאָג אין זיבעטן חודש פון יאָר. נאָכדעם ווי ער האָט געוואַרט די וואַסערן זאָלן אָפּפאַלן,

5. פאַרוואָס איז ניטאָ קיינע גרונטן צו באַהויפּטן, אַז גאָט האָט אויף אָדמען און חוהן אַרויפגעלייגט שבת־טאָג פאַרשריפטן?
6. וואָס פאַרא באַציונג האָט נח אַרויסגעוויזן צו דער צאָל „זיבן"? פאַרוואָס זשע איז ניטאָ קיין באַווייז, אַז ער איז געווען אונטער די שבת־טאָג געזעץ פאַרשריפטן?

האָט נח אַרויסגעשיקט אַ ראָב און אַ טויב. די טויב איז אומ־געקערט. „און ער האָט אָפּגעוואַרט נאָך אַנדערע זיבן טעג, און ווידער אַרויסגעשיקט די טויב פון דער תבה.״ נאָך איר צוריקקומען מיט אַן אייל־בירט־בלאַט אין איר שנאָבל, האָט נח „אָפּגעוואַרט נאָך אַנדערע זיבן טעג, און האָט אַרויסגעשיקט די טויב, און זי איז מער ניט אומגעקערט צו אים ווידער.״ דעמאָלט, אַ פולן זון־יאָר נאָך דעם ווי זיי זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער תבה, האָבן נח און זיין משפחה און די בעלי־חיים פאַרלאָזן די רעטונגג־תבה. (בראשית ח:4) דער דאָזי־קער באַריכט ווייזט, אַז נח האָט איינגעטיילט די צייט אין זיבן־טאָגיקע פעריאָדן, אָבער דאָס באַווייזט ניט, אַז נח און זיין משפחה זאָלן האָבן אָפּגעהיט אַ שטרענגן שבת־רו אינם זיבעטן טאָג, ניט טוענדיק קיין שום אַרבעט אין דעם טאָג. אין דעם אייביקן בונד וואָס גאָט האָט געשלאָסן גלייך נאָכדעם און אים סימבאָליזירט מיטן רעגנבויגן, האָט ער ניט געמאַכט קיין שום אָנדייטונג וועגן אָפּהיטן שבת; און איבערחזרנדיק זיין געטלעכן באַפעל צו נחן מיט די זין, האָט ער ניט איינגעשלאָסן דערין קיין שום געבאָט וועגן אָפּהיטן דעם שבת. דאָס איז געווען ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבן שוין ביז יענער צייט אָפּגעהיט אַ שבת־געזעץ, אַזוי אַז מ׳האָט דעם געזעץ ניט גענייטיקט איבער־חזרן; זיכער איז עס געווען דערפאַר, ווייל קיין שום פאַרשריפט וועגן שבת איז ביז דעמאָלט ניט אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די מענטשן.—בראשית ט:1—17.

⁷ אויך די פסוקים בראשית כו:4, 5 זיינען ניט קיין באַווייז, אַז אברהם האָט אָפּגעהיט דעם שבת־רו־געזעץ. צווישן גאָטס געבאָטן צו אים איז ניט געווען איינגעשלאָסן קיין שום געבאָט וועגן אָפּהיטן אַ זיבעטן־טאָג־שבת. גאָטס געבאָטן צו זיינע געהאָרכזאַמע באַשעפענישן זיינען ניט שטענדיק די זעלבע,— אַ טייל ווערן יאָ באַפוילן צו טאָן געוויסע זאַכן און אַנדערע ניט. נאָר אברהמען איז באַפוילן געוואָרן צו ברענגען זיין באַ־ליבטן זון אַלס בראַנדאָפּפער, אָבער קיינעם פון גאָטס דינער זינט אברהמען איז אַזוינס ניט באַפוילן געוואָרן. אברהם איז

7. פאַרוואָס איז בראשית כו:4, 5 ניט קיין גילטיקער באַווייז, אַז אברהם איז געווען אונטער אַ שבת־געבאָט?

באַפוילן געוואָרן צו לאָזן זיך מל־זיין נאָכדעם ווי ער איז שוין געווען 99 יאָר אַלט; אָבער קיין שום אָנהענגער פונם משיח ברויך ניט געמלט ווערן.—בראשית, קאַפּיטלען יז און כב.

⁸ דער לעצטער באַווייז לייקנט אָפּ אַלע טענות, אַז אברהם זאָל האָבן געווען אונטער אַ פאַרפליכטנדן שבת־רו אויפן בפירושן באַפעל פון גאָט. אוודאי, דער זיבעטער טאָג פון דער וואָך איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ טאָג וואָס איז ספּעציעל אויס־געצייכנט געוואָרן דורך גאָט מיט זיין גנאָד, אָבער דאָס דער־ווייזט ניט אויס, אַז גאָט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל וועגן דעם זיבעטן טאָג צו אַברהמען, יצחקן און יעקבן. און וויבאַלד דער געזעץ וועגן שבת־טאָג איז ניט געווען גילטיק, איז דאָס ניט־אָפּהיטן פונם שבת ניט געווען קיין געזעץ־פאַרלעצונג. אַזוי אַרום איז אברהמס גערעכטיקייט ניט וויניקער געווען אָפּהענ־גיק פון זיין האַלטן שבת, ווי דאָס געמלט ווערן צום ערשטן מאָל.—רוימער ד:3—13.

דאָס איינפירן פון אַ רו־טאָג

⁹ דאָס העברעישע וואָרט שבת וואָס מיינט „רו; אָפּהאַלט", טרעפט זיך צום ערשטן מאָל אין שמות טז:23; ס'רעדט זיך דאָ וועגן דער צייט ווען דער שבת־געזעץ איז איינגעפירט גע־וואָרן ביי די יידן. (שמות טז:23־30) גאָט האָט באַפעסטיקט דעם שבת־געזעץ וואָס ער האָט ערשט געמאָלדן צו די יידן, דורך דעם, וואָס ער האָט דורך אַ נס אָפּגעשטעלט דאָס פאַלן פון מן אינם זיבעטן טאָג. בעת דאָ אינם מדבר איז דער שבת־געזעץ אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף אַ ניט־פאָרמעלן אופן, איז ער אָבער שפּעטער אַריינגעשריבן געוואָרן צווישן די געזעצן וועלכע יהוה האָט פאָרמעל געגעבן די יידן דורך משהן, ווען ער האָט זיי געגעבן די לוחות־הברית [געזעץ־בונד] אויפן באַרג חורב. דאָס איז געוואָרן דער פערטער פון די צען געבאָטן

8. פאַרוואָס איז עס ניט געווען קיין פאַרברעך קעגן געזעץ ווען אברהם, יצחק און יעקב האָבן ניט אָפּגעהיט וועכנטלעך קיין שבת?
9. ווען, און צו וועמען, איז דער וועכנטלעכער שבת־געזעץ גע־געבן געוואָרן צום ערשטן מאָל? און אין וואָס איז ער איינגע־גלידערט געוואָרן?

וואָס זיינען דאָרט געגעבן און אויסגעדריקט אין אַזעלכע ווער־טער: „געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, און טאָן אַלע דיינע מלאָכות; אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו גאָט דיין האר, זאָלסטו ניט טאָן קיין מלאָכה, דו, און דיין זון, און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט, און דיין בהמה, און דיין פרעמדער וואָס איז אין דיינע טויערן. וואָרום זעקס טעג האָט גאָט גע־מאַכט דעם הימל און די ערד, דעם ים און אַלץ וואָס אין זיי, און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט; דרום האָט גאָט גע־בענטשט דעם טאָג פון שבת, און האָט אים געהייליקט.״— שמות כ:8־11.

[10] און איצט קוקט זיך צו צום באַריכט אין דברים ה:1־15: „און משה האָט צונויפגערופן גאַנץ ישראל, און האָט צו זיי געזאָגט: הער, ישׂראל, די חוקים און די געזעצן וואָס איך רעד היינט אין דיינע אויערן, און איר זאָלט זיי לערנען, און היטן זיי צו טאָן. גאָט אונזער האר האָט געשלאָסן אַ בונד מיט אונדז אין חורב. ניט מיט אונזערע עלטערן [אברהם, יצחק און יעקב] האָט גאָט געשלאָסן דעמדאָזיקן בונד, נייערט מיט אונדז, מיר, אָט די וואָס זיינען דאָ היינט אַלע לעבעדיק. פּנים־אל־פּנים האָט גאָט גערעדט מיט אייך אויפן באַרג, פון מיטן פייער. . . . אַזוי צו זאָגן: איך בין יהוה דיין גאָט, וואָס האָב דיך אַרויס־געצויגן פון לאַנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט. . . . היט דעם טאָג פון שבת. . . . און זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים, און גאָט דיין האר האָט דיך אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם; דרום האָט גאָט דיין האר דיר באַפוילן צו מאַכן דעם טאָג פון שבת.״

[11] אין די אַ ווערטער זאָגט די ביבל אויסדריקלעך, אַז ישׂראלס אָבות, איינשליסנדיק אין דער ערשטער ריי אברהם, יצחק, יעקב און די צוועלף זין פון יעקבן, זיינען אוודאי ניט געווען

10, 11. וואָס פּאַפּאַ באַווייז האָט משה געגעבן, אַז אברהם, יצחק און יעקב זיינען ניט געווען אונטערגעוואָרפן דעם פערטן געבאָט? און פאַרוואָס איז עס זיכער, אַז די ניט־יידן זיינען ניט אונטערגעוואָרפן אַזאַ געבאָט?

אונטערגעוואָרפן די געבאָטן פונם געזעץ־בונד. די דאָזיקע אָבות זיינען אינגאַנצן ניט געווען פאַרפליכטעט צו טאָן דאָס, וואָס דער פערטער געבאָט זאָגט, נעמלעך, אָפּצוהיטן דעם שבת־טאָג הייליק דורך אַ פולשטענדיקן רו. אָבער, ווי משה האָט ווייטער געזאָגט צו זייערע אָפּשטאַמער: „און ער [גאָט] האָט אייך אָנגעזאָגט זיין בונד. . . . און ער האָט זיי אויפגעשריבן אויף צוויי שטיינערנע לוחות. און מיר האָט גאָט באַפוילן אין יענער צייט אייך צו לערנען חוקים און געזעצן, כדי איר זאָלט זיי טאָן אין דעם לאַנד וואָס איר גייט אַריבער אַהין, עס צו אַרבן." (דברים ד:13, 14) דער שבת־געבאָט איז אַזוי אַרום געווען אַ באַשטאַנדטייל פון גאָטס בונד מיט ישׂראל און ער האָט ניט געקענט אָפּגעטיילט ווערן פון דעם דאָזיקן בונד. די ניט־יידן אָבער זיינען קיינמאָל ניט געווען אונטער גאָטס פערטן געבאָט פונם בונד. „ער זאָגט זיינע ווערטער צו יעקב, זיינע חוקים און זיינע געזעצן צו ישׂראל. ער האָט אַזוי ניט געטאָן צו קיין פאָלק, און געזעצן, דערפון ווייסן זיי ניט."—תהלים קמז:19, 20.

12 דער שבת איז געווען אַ בולטער קענצייכן פון יהוהס שליסן אַ בונד מיט ישׂראל אַליין: „איר זאָלט נאָר אָפּהיטן מיינע שבתים, וואָרום אַ צייכן איז דאָס צווישן מיר און צווישן אייך אויף אייערע דור־דורות, . . . צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישׂראל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק, אַז זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט."—שמות לא:13־17; זע אויך יחזקאל כ:12 און נחמיה ט:13, 14.

צי זיינען קריסטן אונטערן שבת־געזעץ

13 פאַרוואָס זשע האָט ישוע אָפּגעהיט דעם יידישן שבת־געזעץ, און באַזונדערס פאַרוואָס איז ער אין דעם טאָג געגאַנגען אין שול אַריין און געפּרעדיקט? (מתיא יב:1, 9; מאַרקוס א:

---

12. ווי אַזוי דריקן עס אויס גאָטס נביאים, אַז דער שבת האָט אָפּגעטיילט די יידן גופא צווישן אַלע פעלקער?

13. פאַרוואָס איז עס געווען פאַסיק פאַר ישוען אָפּצוהיטן דעם דאָזיקן געזעץ? אָבער פאַרוואָס דאַרף מע ניט טענהען, ווייל ישוע האָט עס אָפּגעהיטן, אַז קריסטן זיינען צו דעם יאָ געבונדן?

21; לוקאס ד:16, 31) פאַרוואָס איז פּאָולוס געגאַנגען אין שול אַריין אין די שבתים „אַזוי ווי זיין שטייגער איז געווען" און געפּרעדיקט און דיספּוטירט מיט די יידן דאָרטן? (מעשים יג: 14, 44; טז:13; יז:2; יח:4) איז דער ענטפער: „גאָט האָט אַרויסגעשיקט זיין זון, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון אַן אשה, געבוירן אונטער דער תורה, אַז ער זאָל אויסלייזן די, וואָס זענען געווען אונטער דער תורה." (גאַלאַטער ד:4, 5) ישוע איז, בכן, געווען פאַרפליכטעט אָפּצוהיטן דעם דאָזיקן געזעץ כל־זמן ער איז געווען אינם פלייש. ער איז געמלט געוואָרן אינם פלייש און האָט אָפּגעהיטן פסח און אַנדערע יום־טובים. ממילא באַדייט ניט זיין אָפּהיטן שבת, אַז זיינע נאָכפאָלגער מוזן אויך אָפּהיטן שבת, פּונקט אַזוי ווי זיין געמלט־זיין און זיין אָפּהיטן יידישע יום־טובים פאַרפליכטעט ניט זיינע תלמידים צו טאָן דאָס זעלבע. ער האָט געזאָגט: „מיינט נישט, אַז איך בין גע־קומען מבטל צו זיין די תורה, אָדער די נביאים. איך בין נישט געקומען מבטל צו זיין, נייערט מקיים צו זיין." (מתיא ה:17) זיין קומען צו מקיים־זיין דעם דאָזיקן געזעץ און די נביאים— באַווייזט, אַז דער געזעץ־בונד און די שבת־פאַרפליכטונגען זיינען ניט בינדנט פאַר זיינע תלמידים וועלכע פאָלגן נאָך אים.

[14] צעשטערן די תורה דורכן ברעכן גאָטס געזעץ־בונד—דאָס איז איין זאַך, און גאָר עפּעס אַנדערש איז מקיים־זיין די תורה און דערמיט באַזייטיקן זי פונם וועג און באַפרייען די תלמידים פון אירע פאַרפליכטונגען. אוודאי האָט דאָס ‚מקיים־זיין פון די נביאים' געמאַכט זייערע נביאות פאַר אַ זאַך פון דער פאַרגאַנ־גענהייט, וואָס פאַרפליכטעט קיינעם ניט מער, אָדער איז נויטיק צו מקיים־זיין. דאָס זעלבע איז מיט מקיים־זיין די תורה—זי ווערט דורך דעם אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט און זיינע נאָכפאָלגער ווערן באַפרייט פון אירע פאָדערונגען. אָט אַזוי איז ישוע דורך זיין יידישן אָפּשטאַם „געבוירן געוואָרן אונטער דער תורה", כדי מקיים־זיין די תורה און די נביאים. אָט איז

14. וואָס איז דער אונטערשייד צווישן מקיים־זיין די תורה און די נביאים, און מבטל־זיין זיי?

אַן אילוסטראַציע: די תּורה האָט געפאָדערט, מ'זאָל אָפּריכטן פּסח יעדעס יאָר איבער אַ געשאָכטענעם לאַם. ישוע האָט ניט מבטל־געווען די פייערונג פון פּסח, נאָר האָט זי באַזייטיקט דורך דעם, וואָס ער האָט זי מקיים־געווען, און איז אַליין גע־וואָרן דער אמתער פּסח־לאַם, „דאָס לאַם פון גאָט וואָס נעמט אַוועק די זינד פון דער וועלט.״—קאָרינטער א, ה:7; יוחנן א: 29; און אויך עפעזער ב:13—15.

[15] פונקט אַזוי ווי ישוע איז געגאַנגען אין די שבתים אין שול אַריין, כּדי צו פּרעדיקן דאָרט צום עולם, אַזוי ווי ער איז געזאַלבט געוואָרן דורך גאָטס גייסט צו טאָן (ישעיה סא:1־3; לוקאַס ד:14—21), פּונקט אַזוי איז אויך דער אַפּאָסטאָל פּאַולוס געגאַנגען אין שול אַריין, כּדי צו פּרעדיקן, אינם טאָג פון שבת ווען די יידן האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט.

שאָטן און ווירקלעכקייט

[16] אין קאָלאָסער ב:12־18 שרייבט פּאַולוס צו די נאָכפאָלגער פון משיחן אַזוי: „איר זענט אויך מיט אים אויפגעוועקט גע־וואָרן דורך אמונה אין דער ווירקונג פון גאָט, וואָס האָט אים מחיה־מתים געווען. און אייך, וואָס זענט געווען טויט דורך אייערע עבירות און דער ערלה [ניט־מל־זיין] פון אייער פלייש, אייך האָט ער לעבעדיק געמאַכט אינאיינעם מיט אים, בעת ער האָט אונז מוחל געווען אַלע אונזערע עבירות, מיט דעם אויס־מעקן דעם שטר [געזעץ], וואָס איז געשריבן געוואָרן אין חוקים, וואָס זענען קעגן אונז, וואָס זענען דער הפוך צו אונז; און ער האָט דאָס באַזייטיקט פון דעם וועג און אים צוגענאָגלט צום קרייץ. ... דעריבער זאָל אייך קיינער ניט משפּטן וועגן עסן אָדער טרינקען, אָדער אין שייכות פון אַ יום־טוב, אָדער אַ ראש־חודש, אָדער אַ שבת; וואָס זענען אַ שאָטן פון די זאַכן, וואָס וועלן קומען; דער גוף אָבער איז משיחס.״ אין גאַלאַטער

---

15. פאַרוואָס איז פּאַולוס אַריין אין שול אין די שבתים?

16. (א) וואָס האָט פּאַולוס געזאָגט צו די קאָלאָסער וועגן דעם געזעץ־בונד און וועגן דעם, צי מע וועט געמשפּט ווערן אין שייכות מיט זייערע פּרטים? (ב) וואָס זשע דען מוזן קריסטן יאָ אָפּהיטן?

ד:9‏-11 פרעגט ער געוויסע אָפּגענאַרטע מענטשן: „וויאַזוי קערט איר אייך צוריק צו די שוואַכע און אָרימע יסודות [עלעמענטן], ביי וועלכע איר באַגערט צו זיין אין קנעכטשאַפט איבעראַניים? איר היט אָפּ טעג, און חדשים, און צייטן, און יאָרן. איך האָב מורא פונוועגן אייך, טאָמער חלילה האָב איך אומזיסט אוועקגעשאָנקען מי אויף אייך.״ אַזוי ווי גאָט האָט דעם יידישן געזעץ־בונד מיט אירע צען געבאָטן באַזייטיקט פונם וועג און צוגענאָגעלט איר צום בוים אויף וועלכן ישוע איז געשטאָרבן, מוזן די קריסטן אָפּהיטן די ווירקלעכקייט, און ניט די שאָטנס פון דעם געזעץ־בונד.

[17] אָנווייזנדיק, אַז גאָטס „זיבעטער טאָג״ פון רו דויערט 7,000 יאָרן שרייבט פּאָולוס אַזוי אין יידן ד:9: „עס פאַרבלייבט דעריבער אַ מנוחת־שבת פאַר גאָטס פאָלק.״ אין די דערבייִקע פסוקים דערמאָנט פּאָולוס גאָרניט וועגן אָפּהיטן אַ 24־שעה־דיקן שבת אויפן זיבעטן טאָג. ער ציטירט אָבער בראשית ב:2: „און גאָט האָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג פון זיין גאַנצער אַרבעט״; אָט דער פאַקט האָט אָנגעהויבן ווירקן מיט איבער 4,000 יאָר פאַר משיחן. נאָך דעם רעדט פּאָולוס וועגן גאָטס ווערטער אין במדבר יד:28‏-35, אַז די אומגלויביקע יידן וועלן אויסשטאַרבן אין דעם מדבר און ניט אַריינגיין צו געפינען רו אינם צוגעזאָגטן לאַנד; די דאָזיקע פון גאָט געשוווירענע דערקלערונג איז געמאַכט געוואָרן איבער 1,500 יאָרן פאַר משיחן. און דאָן ציטירט פּאָולוס דודס ווערטער אין תהלים צה:7‏-11: „ווען איר וואָלט היינט צוהערן צו זיין קול! מאַכט ניט האַרט אייער האַרץ ווי ביי מריבה, ווי אין טאָג פון מסה אין דער מדבר, בעת אייערע עלטערן האָבן מיך געפּרוווט, ... דרום האָב איך געשוואָרן אין מיין צאָרן, אויב זיי וועלן קומען אין מיין רוונג״! דעם דאָזיקן פסאַלם האָט דוד געשריבן אַן ערך 1077 יאָרן פ. ק. . אַזוי קומט אויס, אַז פונם יאָר 4,000 פ. ק. אַזש ביזן יאָר 1,077 פ. ק. האָט יהוה גאָט אַלץ געהאַלטן אין איין רעדן וועגן זיין רו וועלכער האָט שוין געדויערט אין דודס צייט כמעט 3,000 יאָרן לאַנג. נו, וואָס זשע איז דאָן?

17. וואָס זאָגט דער בעל־התהלים דוד וועגן גאָטס רו? און ווי לאַנג שוין האָט זי געדויערט בעת דוד האָט דאָס געשריבן?

[18] פּאָולוס אַליין שרייבט דאָ און ער רעדט אַלץ װעגן אַריינ־קומען אין גאָטס רו אַריין; דאָס מאַכט גאָטס רו־צייט ביז צו דעם טאָג פון פּאָולוס מער װי 4,000 יאָר לאַנג, װאָרום פּאָולוס האָט געשריבן דעם בריף „יידן" מער װי 40 יאָרן נאָך משיחס געבורט. נאָך מער, פּאָולוסעס װערטער װעגן דעם אַריינקומען פון קריסטן אין גאָטס רו אַריין—זיינען נאָך אַלץ גילטיק, ד. ה. זיי זיינען גילטיק איצט, און היינט, אין די 1940ער, װאָס איז כמעט 6,000 יאָר זינט דער צייט פון בראשית ב:2. היינט איז די שלאַכט פון הר־מגדון נאָענט און משיחס טויזנט־יאָריקע הערשאַפט װעט זיך אָנהייבן תּכּף נאָכדעם, און אָט אין דער דאָזיקער צייט װעט די אויסגעלייזטע מענטשהייט האָבן די געלעגנהייט אַריינצוקומען אין גאָטס רו. דאָס אַלץ פאַרלענגערט, בכן, גאָטס רו צו אַ דויער פון 7,000 יאָר. אָט דאָס מאַכט אויס די לענג פונם „זיבעטן טאָג" אין װעלכן ער רוט, און הייליקנ־דיק דעם טאָג אויף צו רעכטפאַרטיקן אים אַלס באַשעפער.

[19] פון אָט דעם שטאַנדפּונקט קענען מיר ערשט פאַרשטיין יידן ג:13—19 און ד:1—11, פון װעלכע מיר ציטירן: „װאָרום מיר, װאָס האָבן געגלויבט, טוען אַריינקומען אין יענער רו; אַזויװי ער האָט געזאָגט [אַרום 1,500 פ. ק.]: ,װי איך האָב געשװאוירן אין מיין צאָרן: זיי זאָלן נישט אַריינקומען אין מיין רו';—הגם זיינע װערק זענען געװען פאַרענדיקט זינט דער גרונטפעסטיקונג פון דער װעלט [אַרום 4,000 פ. ק.]. . . . דרום טוט ער װייטעראמאָל באַשטימען אַ געװיסן טאָג, אַ היינט, װי ער זאָגט דורך דודן [אַרום 1,000 פ. ק.] מיט אַ צייט שפּעטער, װי שוין אויבן דערמאָנט: היינט, אויב איר װעט הערן זיין קול, מאַכט נישט האַרט אייערע הערצער. װאָרום אויב יהושע [משהס נאָכפאָלגער] װאָלט זיי געגעבן רו, װאָלט ער שפּעטער [אַן ערך 400 יאָרן נאָכדעם, אין דודס צייטן] װידער נישט גערעדט פון אַן אַנדערן טאָג. עס פאַרבלייבט

---

18. װי לאַנג איז גאָטס רו געװען אין דער צייט פון פּאָולוסעס שרייבן? און װי אַזוי װערט עס דאָ אויסגערעכנט, אַז עס װעט זיין 7,000 יאָר לאַנג?

19. װי אַזוי זשע דאַרפן מיר פאַרשטיין פּאָולוסעס װערטער אין יידן ד:3—11?

דעריבער אַ מנוחת־שבת פאַר גאָטס פאָלק. וואָרום דער, וואָס איז אַריינגעקומען אין זיין רו [גאָטס רו] האָט זיך אַליין אויך געטאָן אָפּרוען פון זיינע מעשׂים, ווי גאָט האָט געטאָן פון די זייניקע. לאָמיר זיך דעריבער מיען אַריינצוקומען אין יענער רו אַריין, כּדי קיינער זאָל נאָך דעמזעלבן ביישפּיל [פון די אומגלויביקע יידן] נישט אַריינפאַלן אין ווידערשפּעניקייט."— יידן ד:3—11.

[20] אַזוי אַרום היטן קריסטן אָפּ דעם שבת, גאָטס שבת אָדער רו—במשך יעדן טאָג וואָס זיי זיינען מקיים זייער גלויבן און זיינען געהאַרכזאַם דורך משיחן. קיין שום טאָג פון דער וואָך גיבן זיי ניט אָפּ מער כּבוד ווי אַן אַנדערן. (רוימער יד:4־6) זיי באַמיען זיך איינצוהאַלטן זייער גלויבן און צו פאַרבלייבן געטריי אין גאָטס אַקטיווער דינסט אַלס זיינע עדות, כּדי ניט אוועקצופאַלן און ניט פאַרפעלן הנאה צו האָבן אין פולער רו מיט גאָט במשך זיין טאָג, וואָס איז נאָך ניט ביים סוף.

[21] לאָמיר געדענקען, אַז דער יידישער געזעץ־בונד שטעלט פאָר מיט זיך „בלויז אַ דמיון [שאָטן] פון די קומענדיקע גיטער, און נישט דאָס אָפּבילד [אָדער ווירקלעכקייט] פון די גיטער גופא." (יידן י:1) פון וואָס זשע פאַרא קומענדיקע גוטע זאַכן איז דער וועכנטלעכער יידישער שבת געווען אַ שאָטן? זייענדיק דער זיבעטער טאָג פון דער וואָך, האָט דער וועכנטלעכער שבת פון פאָרויס אָנגעצייכנט די לעצטע 1,000 יאָר פון גאָטס רו־טאָג פון 7,000 יאָר. אָט די 1,000 יאָר האָט גאָט באַשטימט פאַרן האַר ישוע־המשיח, ער זאָל דאַן הערשן אָן קיין שום שטערונג מצד דעם טייוולס אָרגאַניזאַציע צי אין הימל צי אויף דער ערד. אַזאַ טויזנט־יאָריקע הערשאַפט פון ישוע־המשיח, פאָרויסגעזאָגט אין התגלות כ:1־6, וועט זיך אָנהויבן נאָך דעם ווי דער שׂטן וועט געבונדן ווערן; מיט אַנדערע ווערטער, נאָך דעם הר־מגדון, און אַלע סמנים ווייזן, אַז די דאָזיקע שלאַכט וועט זיך אָנהויבן במשך פון אונדזער דור.—התגלות טז:14־16.

---

20. ווען און ווי אַזוי היטן קריסטן אָפּ שבת?
21. דער שבת איז דער זיבעטער טאָג פון דער וואָך,—וואָס זשע האָט דער וועכנטלעכער שבת פאָרויס אָנגעצייכנט?

22 דאָס וועט זיין אַ הערלעכער שבת־טאָג פאַר דער מענטשהייט. דאָס וועט זיין יענער שבת, וועגן וועלכן ישוע האָט נביאיש גערעדט ווען ער האָט געזאָגט: „דער שבת איז געשאַפן געוואָרן פאַרן מענטשן, און נישט דער מענטש פאַרן שבת; דער בן־אָדם איז דעריבער אויך האַר איבער דעם שבת.” (מאַרקוס ב:27, 28) ישוע־המשיח איז געווען גרעסער ווי דער בית־המקדש אין ירושלים, אין וועלכן די יידישע כּוהנים, אונטערן אַלטן געזעץ־בּונד, זיינען געווען שבת־שענדער, שיינבּאַר ביים אויספירן זייערע קרבּנות־פליכטן, און דאָך זיינען זיי ניט חיבגעווען. (מתיא יב:1־8) ישוע־המשיח איז דער ראש פון גאָטס גרויסן גייסטיקן בית־המקדש וועלכער איז אויפגעבּויט פון „לעבּעדיקע שטיינער”, זיינע תּלמידים. אַזוי אַרום האָט גאָט באַשטימט ישוען־המשיח, ער זאָל זיין דער האַר פונם קעגנבּילדלעכן שבת, נעמלעך, די טויזנט־יאָריקע מלכות־פּעריאָד.

23 אַזוי ווי דער יידישער שבת האָט פאָרגעשטעלט דעם דאָזיקן שבת פונם מלכות, האָט ישוע אינם שבת־טאָג פון וואָך געטאָן אַ סך היילונג־אַרבּעטן און מיט מעשׂים באַפרייט די גלויבּנדיקע מענטשן פונם טייוולס קייטן. ער האָט געהיילט די בּלינדע, אויפגעשטעלט די פאַרקריפּלטע, און, ווען ער איז געטאַדלט געוואָרן דורך די רעליגיאָניסטן פאַרן היילן אַ געבּרעכלעכע פרוי, האָט ער געזאָגט: „און צי דאַרף נישט די דאָזיקע אשה, וואָס איז אַ בּת־אַברהם, און וועמען דער שׂטן האָט געבּונדן שוין אַכצן יאָר, אָפּגעבּונדן צו ווערן פון דעם דאָזיקן באַנד אין שבת?” (לוקאַס יג:16) אַזוי אַרום האָט ישוע פאָרויסגעוויזן וואָס פאַראַ ווונדערלעכע מעשׂים פון באַפרייונג און הילף ער וועט טאָן אינם טויזנט־יאָריקן שבת־טאָג, ווען ער וועט הערשן אַלס האַר, און וועט אויפוועקן אַפילו די טויטע פון זייערע קברים. גאָט האָט געמאַכט אָדער באַשטימט דעם אַ קומענדיקן שבת־טאָג פאַרן מענטש, פאַר זיין וווּל, און ניט פאַר זיין אונטעריאָכונג. אַזוי אַרום וועלן די גלויבּיקע און

22. פאַר וועמען וועט דאָס זיין אַ הערלעכער שבת־טאָג? און ווער וועט זיין האַר זיין?

23. ווי אַזוי וועלן דעמאָלט די שבת־היטערס און די מחלל־שבתניקעס באַהאַנדלט ווערן?

געהאָרכזאַמע, וואָס וועלן דעמאָלט לעבן אויף דער ערד, אַריינגעטרעטן אין אַן אָפּרו פֿון זייער שקלאַפֿישער פּראַצע און פֿון זייער פֿאַרשקלאַפֿונג צו זינד, צום שׂטן, צו טאָטאַליטאַרער הערשאַפֿט און רעליגיע. און פּונקט אַזוי ווי גאָט האָט באַפֿוילן, אַז די שבת־ברעכערס פֿונם אַלטן געזעץ־בונד זאָלן געטייט ווערן, אַזוי וועלן די, וואָס וועלן זיך אָפּזאָגן אָפּצוהיטן אינם גלויבן דעם מלכות־שבת און וועלן פֿאָרטזעצן זייערע עגאָאיסטישע אַרבעטן פֿון זינד און רעליגיע, הינגעריכטעט ווערן דורכן האַר פֿונם שבת און זיי וועלן צעשטערט ווערן אויף אייביק.— שמות לה:2.

24 אַזוי אַרום וועט יהוהס ערדיש באַשאַף און דער מענטשלעכער מין אויף דער ערד ווערן פֿולקאָם און ריין, און זיי וועלן אין דער פֿולער מאָס געניסן פֿון יהוהס בענטשונגען צום סוף פֿון זיין 7,000־יאָריקן שבת אָדער רו־טאָג, פּונקט אַזוי ווי עס איז געווען ווען ער האָט פֿאַרענדיקט זיין אַרבעט צום סוף פֿון זעקסטן טאָג פֿון דער באַשאַפֿונג. וויסנדיק דאָס פֿאָרויס האָט יהוה גאָט געקאָנט אָנהאַלטן זיין רו בשעת דעם לאַנגן שבתדיקן טאָג. (בראשית ג:15) און אַזוי אַרום וועלן יהוהס אַלע ווערק אויף דער ערד, אַ דאַנק זיין מלכות אונטער משיחן, ווייטער באַשטעטיקן זיין האַנטווערק און דינען פֿאַר אַן אייביקע רעכטפֿאַרטיקונג פֿון זיין נאָמען. זיין גוטע כּוונה, ווען ער האָט געמאַכט דעם דאָזיקן ערדישן באַשאַף, וועט ניט דורכפֿאַלן, און אין טריומף פֿון זיין דערפֿאָלג וועט ער דערגרייכן דעם סוף פֿון זיין 7,000־יאָריקן שבת־טאָג, באַדייטנדיק אָפּגעפֿרישט.

---

24. וואָס וועט זיין דעמאָלט דער ענדגילטיקער רעזולטאַט צום סוף פֿון יהוהס גרויסן שבת־טאָג, און פֿאַרוואָס וועט ער אים דערגרייכן באַדייטנד דערפֿרישט?

קאפיטל 14

„נישט אונטער דער תּורה, נייערט אונטער חסד"

איינער פון די אָנגעזעענסטע פאַרשער פונם טעאָקראַטישן געזעץ, דער אַפּאָסטאָל פּאָולוס, האָט געשריבן אַזוי צו די קריסטן אין רוים: „איר זענט נישט אונטער דער תּורה, נייערט אונטער חסד." (רוימער ו:14) צו די ייִדישע קריסטן בכלל האָט ער געשריבן אַזוי: „וואָרום אַ פריערדיק געבאָט ווערט דערמיט אָפּגעטון, מחמת עס איז שוואַך און אומניצלעך —וואָרום די תּורה האָט גאָרנישט ניט ממלא געמאַכט—און דעריבער איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אַ בעסערע האָפענונג, דורך וועלכער מיר גענענן צו גאָט."—ייִדן ז:18, 19.

[2] כּדי צו באַווייזן אויף זיכער וועמעס געזעץ איז אָפּגעטון אָדער אָפּגעשאַפט געוואָרן, האָט פּאָולוס געשריבן צו די ניט-געמלעטע, ניט-ייִדישע קריסטן אין עפעזוס אַזוי: „געדענקט דעריבער, אַז איר, געצנדינער [גויים] אין דעם פלייש, זענט אַמאָל גערופן געוואָרן ערלים [גויים] פון יענע וואָס ווערן גערופן געמלעטע, וואָס אין פלייש, געמאַכט מיט דער האַנט, אַז איר זענט אין יענער צייט געווען אָן משיחן, פאַרפרעמדט פון דער עדה פון ישׂראל, און פרעמדע פון די בונדן פון דער הבטחה, אָן האָפענונג און אָן גאָט אין דער וועלט. אַצונד אָבער, אין ישוע-המשיח, זענט איר, וואָס זענט אַמאָל געווען ווייט, גע-

1. זיינען קריסטן אונטערגעוואָרפן משהס תּורה, און ליגט זייער האָפענונג אין איר?
2. וואָס האָט פּאָולוס געשריבן צו די עפעזער, דערווייזנדיק וועמעס געזעץ איז אָפּגערוקט אָן אַ זייט אָדער אָפּגעשאַפט געוואָרן?

בּראַכט געוואָרן נאָענט דורך דעם בּלוט פון משיחן. ווארום ער איז אונזער שלום, וואָס האָט פון בּיידע געמאַכט איינס, און האָט איינגעוואָרפן די צווישנוואַנט פון דער מחיצה [הינ־דערניש], און האָט בּטל־געמאַכט אין זיין פליש די שׂנאה [צווישן יידן און גויים], די תּורה פון מצוות וואָס אין חוקים, כּדי ער זאָל בּאַשאַפן אין זיך פון די צוויי איין נייעם מענטש, און אַזוי אַרום מאַכן שלום; און זאָל בּיידע איבּער־בּעטן מיט גאָט אין איין לייבּ דורך דעם קרייץ, מיט דעם וואָס ער האָט געטייט די שׂנאה." (עפעזער ב:11־16) דאָס בּאַווייזט, אַז דאָס איז טאַקע געווען יהוהס געזעץ וואָס איז בּטל אָדער אָפּגעשאַפט געוואָרן.—זע אויך קאָלאָסער ב:13־17, כּדי צו איבּערצייגן זיך, אַז ניט קיין פּשוטער מענטש האָט עס מבטל־געמאַכט גאָטס געזעץ, וועגן וועלכן עס האַנדלט זיך דאָ.

[3] די תּורה וואָס איז צוגענאָגלט געוואָרן צו דעם בּוים פון משיחס טויט—דאָס איז געווען משהס תּורה. זי ווערט אָנגע־רופן „תּורה־משה", ניט ווייל ער האָט דאָס פאַרפאַסט; ווארום ניט משה האָט עס פאַרפאַסט. נאָר עס איז דערפאַר, ווייל ער איז געווען דער פאַרמיטלער בּיים איבּערגעבּן גאָטס געזעץ צו די נאַציע ישׂראל. (שמות לד:27, 28; יוחנן א:17) אַזוי ווי די „תּורה" איז טעאָקראַטיש און איז געגעבּן געוואָרן אונטער הערלעכע און שרעק־אַרויסרופנדע צושטענדן אויפן בּאַרג חורב, קען זיך אויסדאַכטן, אַז זי איז בּאַשטענדיק, אייבּיק דויערנד, אומאָפּרופלעך, אייבּיק ווי דער געזעצגעבּער אַליין. דערפאַר ווערן אַ סך שטאַרק פאַרוווּנדערט ווען מ'זאָגט זיי, אַז די דאָזיקע תּורה איז בּטל און געענדיקט געוואָרן דורך יהוהן, און אַז קיין שום בּאַשעפעניש אויף דער ערד, אַפילו ניט די יידן, זיינען מער ניט אונטערגעוואָרפן אונטער איר. אין זייער מורא, אַז דאָס אָפּשאַפן פון דעם גאַנצן תּורה־געזעץ מוז אַרויסרופן שלעכטע מאָראַלישע פאָלגן, רוקן אַרויס איניקע רעליגיאָניסטן מאָדנע טענות. זיי זאָגן, אַז צוויי געזעצן זיינען געגעבּן געוואָרן צו די יידן: (1) גאָטס געזעץ, אָנגעשריבּן דורך גאָט; און (2) משהס געזעץ, אָנגעשריבּן דורך משה. זיי בּאַהויפּטן, אַז דער

3. פאַרוואָס דערשטוינט די דאָזיקע אָפּשאַפונג אַ טייל רעליג־יאָניסטן? און וואָס טענהן זיי קעגן דעם?

ערשטער איז געווען דער מאָראַלישער געזעץ און דער צווייטער איז געווען דער צערעמאָניאַלער געזעץ; און אָט דער צערעמאָניאַלער געזעץ איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, אָבער ניט דער מאָראַלישער געזעץ וואָס איז איינגעשלאָסן אין די צען געבאָטן. זיי טענהן, אַז זאָגנדיק צו די קריסטן: „איר זענט נישט אונטער דער תּורה, נייערט אונטער חסד", האָט פּאַולוס געמיינט דעם צערעמאָניאַלן געזעץ, און ניט די צען געבאָטן מיט דעם שבת־געזעץ איינגעשלאָסן.

4 די דאָזיקע רעליגיאָניסטן ציטירן ישועס ווערטער: „מיינט נישט, אַז איך בין געקומען מבטל צו זיין די תּורה, אָדער די נביאים. איך בין נישט געקומען מבטל זיין, נייערט מקיים צו זיין. וואָרום פאַרוואָר, איך זאָג אייך, ביז הימל און ערד וועלן פאַרגיין, וועט קיין איין יוד אָדער שטריכל פון דער תּורה נישט פאַרגיין, ביז אַלץ וועט מקוים ווערן. דעריבער, ווער עס וועט עובר זיין אויף איינע פון די דאָזיקע מינדסטע מצוות, און וועט לערנען אַזוי די מענטשן, וועט גערופן ווערן דער מינדסטער אין דעם מלכות־שמים. ווער אָבער עס וועט זיי טון און לערנען, וועט גערופן ווערן גרויס אין דעם מלכות־שמים." (מתיא ה: 17-19) דער הימל און די ערד דאָ דערמאָנט, אַז זיי וועלן פאַרגיין, זיינען דעם שטנס זעבאַרע און אומזעבאַרע אָרגאַניזאַציע. ישועס ווערטער מיינען ניט, אַז משהס געזעץ קען ניט אָפּגעשאַפט ווערן איידער די דאָזיקע טייוואָלאָנישע „הימל און ערד" וועלן צעשטערט ווערן בעתן הר־מגדון. ישוע האָט אויך ניט געזאָגט, אַז הימל און ערד וועלן בוכשטעבלעך פאַרגיין ביים סוף פון דער וועלט ערשט דעמאָלט ווען אַלע וואָס וועלן לעבן אויף דער ערד וועלן אָפּהיטן די צען געבאָטן ביז יעדן יוד און שטריכל.

5 אָבער איינער קען זאָגן: אָן שום ספק, מיטן וואָרט געזעץ האָט ישוע געמיינט די צען געבאָטן, ווייל אין זיין באַרג־דרשה

---

4. וואָס פאַר ווערטער פון ישועס באַרג־דרשה ציטירן אייניקע פון די בעלי־טענהנערס? צי קען די „תּורה" פאַרגיין איידער הימל און ערד פאַרגיין?

5. צו וואָס באַציען זיך די ווערטער „דער געזעץ" אין ישועס דרשה, און פאַרוואָס?

האָט ער זיך פאַררופֿן אויפֿן זעקסטן געבאָט קעגן טייטן און אויפֿן זיבעטן געבאָט קעגן זנות—הייסט עס, צוויי אָנווייזונגען. (מתּיא ה:21, 27) דאָס איז אמת; אָבער אין דער גאַנצער באַרג־דרשה האָט ישוע זיך מער מאָל פאַררופֿן אויף אַנדערע טיילן פֿון משהס געזעץ, איידער אויף די עשרת־הדברות אָדער צען געבאָטן. ער האָט אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף די ענינים פֿון ברענגען געשאַנקען צום מזבח, פֿון גיבן אַ גט אַן אומטאַ־ראַלישער ווייב, אויפֿן שווערן פאַלש, אויפֿן כּלל פֿון „אַן אויג פאַר אַ אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן", און וועגן ליבן דעם שכן ווי זיך אַליין. כּדי צו איבערצייגן זיך אין דעם, פאַרגלייך מתּיא ה:23, 24, 31, 33, 38, 43 מיט דברים טז:16, 17; כד:1; במדבר ל:2; שמות כא:23־25; דברים יט:21; און ויקרא יט:18. אַזוי אַרום האָט ישוע מיטן וואָרט געזעץ געמיינט ניט בלויז די צען געבאָטן, נאָר אויך משהס אַלע איבעריקע געזעצן; און די צען געבאָטן האָבן דאָך ניט פאַרנומען קיין אָפּגעזונדערטן פּלאַץ אין דעם געזעץ־בונד.

[6] ישוע האָט דערפֿאַר ניט דערקלערט, אַז דער געזעץ־בונד, מיט די צען געבאָטן, וועט זיין אייביק ווי דער בוכשטעבלעכער הימל און ערד, געזאָגט אַזוי: די תּורה איז געווען פאָרבילדלעך און אירע פאָרבילדער און שאָטנס פֿון קומענדיקע גוטע גיטער וועלן אַלע מקוים ווערן אין די קעגנבילדלעכע רעאַליטעטן. זיי וועלן מקוים ווערן ביזן לעצטן יוד און שטריכל נאָך איידער עס וועט קומען דער פֿולשטענדיקער סוף פֿונם שטנס וועלט דורכן צעשטערן פֿונם טייוולאָנישן „הימל" און פֿון זיין פּאָלי־טישער, געשעפֿטלעכער און רעליגיעזער „ערד". לאַנג נאָך איידער די דאָזיקע רשעותדיקע הימל און ערד וועלן פאַרגיין, וועלן די פאָרבילדער און די שאָטנס פֿונם „געזעץ" אָנהויבן מקוים צו ווערן, און דאָס וועט באַדייטן, אַז דער געזעץ איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן צוזאַמען מיט זיינע פאָרבילדער, כּדי צו מאַכן אַ וועג פאַר דער אויפֿברענגונג פֿון די קעגן־בילדער אָדער די רעאַליטעטן דורך דעם האַר ישוע־המשיח. מיר געפֿינען זיך איצט ביים סוף פֿון דער וועלט און מיר קענען זען אויגנשיינ־

6. וואָס זשע באַדייטן ישועס ווערטער אין מתּיא ה:17, 18? און ווי אַזוי זען מיר דעם דאָזיקן פאַקט היינט־צו־טאָג?

לעך, אַז די פאַרװירקלעכונג פון דעם געזעץ האָט זיך אָנגעהויבן מיט נײַנצן יאָרהונדערטער צוריק. צו יענער צײַט איז דער געזעץ בטל־געװאָרן דורך דעם, װאָס ער איז צוגענאָגלט געװאָרן צום בוים אויף װעלכן ישוע איז געשטאָרבן אַלס דער קעגנבילדלעכער „לאַם פון גאָט װאָס נעמט אַװעק די זינד פון דער װעלט".— יוחנן א:29, 36.

[7] ישוע האָט געהאַלטן די באַרג־דרשה אינם צװײטן יאָר פון זײַן שליחות. דער „געזעץ" איז נאָך דעמאָלט געװען פאַר־פליכטנדיק פאַר די ייִדן. ישוע איז געקומען, ניט מבטל־זײַן דעם געזעץ, נאָר מקיים צו זײַן אים און אָנפאַנגען די קעגנ־בילדלעכע רעאַליטעטן. די סופרים, פרושים און צדיקים זײַנען געװען יענע, װאָס האָבן געלערנט די מענטשן צו ברעכן די געבאָטן און האָבן צעשטערט דעם געזעץ מיט דער הילף פון טראַדיציעס װאָס זײַנען אַריבערגעטראָטן גאָטס געזעצן און געמאַכט זיי פאַר אומגילטיק. און דאָך האָבן יענע מענטשן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי זײַנען די הייסעסטע נאָכפאָלגער פונם געזעץ און זײַנען דערפאַר גאָרע צדיקים. זיי האָבן זיך באַרימט, אַז זיי זײַנען די „קינדער פונם מלכות", ד. ה., ס'איז זיי באַשערט אַרײַנצוקומען אין משיחס מלכות אַרײַן. און צוליב זייערע געזעצברעכערישע, צביעותדיקע מעשׂים, האָט ישוע גע־װאָרנט זײַנע צוהערער: „אויב אײַער צדקות װעט נישט זײַן בעסער פון דער צדקות פון די סופרים און פרושים, װעט איר באין־אופן נישט אַרײַנקומען אין דעם מלכות־שמים." (מתיא ה:20) די דאָזיקע צדקות מוז זיך אַרויסװײַזן ניט דורך אָפּהיטן דעם געזעץ, נאָר דורך אַ גלויבן אין משיחן.—פיליפער ג:5—9.

[8] דערפאַר האָט ישוע אָפּגעהיט און געפּרעדיקט דאָס געזעץ און באמת זיך עס מקיים צו זײַן אַזוי לאַנג װי דער געזעץ־בונד איז געװען אין קראַפט איבער ישׂראל. זײַן דערקלערונג אויבן

---

7. אויף װיפיל עס האָט אַ שײַכות צו דער תּורה, צו װאָס איז ישוע געקומען? און פאַרװאָס איז די פרומקייט פון די סופרים און פרושים ניט געװען גענוג אויף אַרײַנצוקומען אין מלכות אַרײַן?

8. פאַרװאָס װערט דער לערער פון געזעצברעכן אָנגערופן „דער קלענסטער אין דעם מלכות־שמים"? און צי זײַנען קריסטן דערפאַר נאָך אַלץ אונטערגעװאָרפן דער תּורה?

ציטירט באדייט, אז צו זיין קליין אדער „דער קלענסטער אינם מלכות־שמים" אלס א לערער פון ברעכן דעם געזעץ, מיינט — ניט צו זיין אינם מלכות בכלל. קיין שום ייד דארף מיינען, אז ווי באלד די תורה איז אזוי געווען אין קראפט, הייסט עס, אז דער וועג צום מלכות־שמים פירט דורך ברעכן דעם תורה־געזעץ און דורך לערנען אנדערע אים צו ברעכן. די תורה האט פארויסגעזען די קריסטלעכע רעאליטעטן וואס האבן געהאלטן אין קומען, און דערפאר האט קיינער ניט געקענט אריינקומען אין דעם הימלישן מלכות, סיידן ער איז געווען אין הארמאניע מיט יענער תורה. און אויב איינער האט געבראכן דאס געזעץ אינם קלענסטן פרט אפילו, און געלערנט אנדערע אויך אזוי צו טאן, וואלט ער ניט אריינגעקומען אין דעם מלכות אריין בכלל, דערפאר ווייל ער וואלט געהאנדלט און געלערנט אנדערע אויף א גזעצלאזן אופן לגבי גאט. אזוי ארום זעען מיר, אז ישועס דערקלערונג צו יענע יידן אונטער דער תורה, מיינט בשום אופן ניט, אז די וואס זיינען פונם „מלכות־שמים" קלאס זיינען נאך אלץ אונטער דער „תורה", אויך נאך ישועס טויט אויפן בוים. זיי זיינען ניט מער אונטער דער תורה, און זייער גרויסקייט אדער קליינקייט דארף ניט געמאסטן ווערן מיט דעם גראד פון זייער אפהיטן די תורה־משה, לויטן ביישפיל פון די פרושים. — מעשים טו:5.

צו טאקע אויף אייביק

[9] די שבת־היטער וועלכע האלטן, אז דער „געזעץ" איז באשטאנען פון צוויי טיילן, זאגן אז נאר דער צערעמאניאלער געזעץ איז אפגעשאפט געווארן, אבער דער מאראלישער געזעץ פארמולירט אין די צען געבאטן דארף זיין אומויפהערלעך און אויף אייביק. זיי ציינן אונז הין אויף שמות לא:16, 17, אין שייכות מיטן פערטן פון די צען געבאטן, נעמלעך: „און די קינדער פון ישראל זאלן היטן שבת, צו האלטן שבת אויף זייערע דור־דורות; אן אייביקער בונד. צווישן מיר און צווישן די

9. ווי אזוי טוען די אנהענגער פון שבת באנוצן שמות לא:16, 17 פאר זייער ארגומענט? און האבן די צען געבאטן שטענדיק עקזיסטירט פאר משהן?

קינדער פון ישׂראל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק, אַז זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט." אָבער דאָס באַנוצן פון די ווערטער אייביקער און אויף אייביק אין שייכות מיטן וועכנטלעכן שבת טאָר ניט אויסגעטייטשט ווערן, אַז אָט דער פערטער געבאָט, פונקט ווי די איבעריקע ניין, האָט געזאָלט ווירקן אויף אייביק און, בכן, מוז ער זיין פאַרפליכטנד אויך פאַר משיחס תּלמידים. יענע צען געבאָטן האָבן ניט שטענדיק עקזיסטירט אין באַצוג צו מענטשן, אַפילו ניט אין באַצוג צו יידן. דער פאַרמיטלער פונם געזעץ־בונד מיט ישׂראל, משה, זאָגט דאָס קלאָר אין דברים ה:1-21. די צען געבאָטן האָבן זיך אָנגעהויבן ניט מיט די אָבות, אַברהם, יצחק, יעקב און יעקבס צוועלף זין, נאָר מיט די יידן וואָס האָבן געלעבט און אָנוועזנד ביים באַרג חורב, ווען משה האָט פאַרמיטלט דעם געזעץ־בונד פאַר זיי. און דערפאַר איז, אויב די צען געבאָטן האָבן ניט עקזיסטירט פאַר דעם בנוגע יענע אָבות, דאַרף עס אויך ניט אַרויסרופן קיין מורא און בהלה אין אונדז אויב די דאָזיקע צען געבאָטן זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן נאָך ישועס טויט.

[10] דער געזעץ־בונד קען ניט פאַנאַנדערגעטיילט ווערן, אַזוי אַז איין טייל פון אים זאָל קענען אָפּגעשאַפט ווערן, ווי למשל דער צערעמאָניאַלער טייל, און אַן אַנדער טייל זאָל פאַרבלייבן, ווי למשל דער אַזוי גערופענער „מאָראַלישער" טייל. יעקב ב:10, 11 מאַכט דעם דאָזיקן געדאַנק קלאָר אין די פאָלגנדע ווערטער: „וואָרום דער וואָס האַלט אַפילו די גאַנצע תּורה, נאָר איז אויף עפּעס עובר, איז ווי ער וואָלט עובר געווען אויף אַלע מצוות. וואָרום דער, וואָס האָט געזאָגט: זאָלסט נישט מזנה זיין, האָט אויך געזאָגט: זאָלסט נישט טייטן. היינט, אויב דו האָסט נישט מזנה געווען, נייערט האָסט געטון טייטן, האָסטו עובר געווען אויף דער תּורה." וואָס זשע זעען מיר ווען מיר ווענדן אָן אָט דעם פונקט צו דער פראַגע וועגן דער אייביקייט פון די צען געבאָטן און פון דער אייביקער תּורה־משה? עס באַקומט זיך

---

10. פאַרוואָס קען ניט דער געזעץ־בונד פאַנאַנדערגעטיילט און אַ טייל פון אים אָפּגעשאַפט ווערן? און אויף ווי אייביק וואָלט געווען דערפאַר דער פערטער געבאָט?

אזוי: ווײַבאַלד דער פּערטער געבאָט בנוגע דעם שבת־טאָג איז געווען „פּאָר אַן אײביקן בונד" מיט ישׂראל און פּאָר אַ צייכן „אויף אייביק", דעמאָלט וואָלטן זיין אַלע צען געבאָטן און די גאַנצע תּורה־משה אויך פּאָר אַן אײביקן בונד באַשטייענדיק אזוי לאַנג ווי דער פּערטער געבאָט. און דאָס זעלבע פאַרקערט, ווײַבאַלד דער רעשט פונם געזעץ־בונד איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, דאַן איז אויך מיט אים אַוועק דער פערטער געבאָט.

[11] וואָס זשע פאַר אַ לאַנגע צייט ווערט געמיינט מיט די ווערטער אייביקער און אויף אייביק, וואָס ווערן באַנוצט אין שמות לא:16, 17 אין די אויבן־געבראַכטע ציטאַטן? עס מיינט אַוודאי ניט ביז צו אַזאַ אייביקייט, וואָס קען ניט אָפּגעשאַפט ווערן. אויף העברעיש הייסט דאָס וואָרט עולם—אייביקער און לעלם—אויף אייביק, און די דאָזיקע העברעישע ווערטער ווערן אויך באַנוצט אין באַצוג צו די יידישע כּהונה, דעם פּריסטער־שאַפט שטאַמענדיק פון משהס ברודער אהרן. אין שמות מ:15 זאָגט זיך: „און זייער זאַלבונג זאָל זיי זיין פאַר אַן אייביקער [עולם] כּהונה אויף זייערע דור־דורות." אין ויקרא ו:11, 15 ווערט געזאָגט: „יעטוועדער מאַנספּאַרשוין צווישן די קינדער פון אהרן מעג עס עסן; אַן אייביק [לעולם] רעכט אויף אייערע דור־דורות פון די פייעראָפּפער פון גאָט; ... און דער כּהן וואָס איז דער געזאַלבטער אויף זיין אָרט פון צווישן זיינע זין, זאָל עס מאַכן; אַן אייביק [עולם] געזעץ; אין גאַנצן צו גאָט זאָל עס געדעמפט ווערן." (זע אויך ויקרא כה:46, אַז לעולם מיינט דאָ אויף אייביק.) אָט די אויבן־ציטירטע געזעצן בנוגע די כּהונה האָבן געהאַט אַ פיזישן אָדער אַ פלײשלעכן באַזיס; נעמלעך, זיי האָבן געפאָדערט, אַז די כּהנים און דער כּהן־גדול זאָלן זיין אָפּשטאַמער פון אהרן לויטן פלייש.

[12] פון דעם אופן ווי די ווערטער אייביק, אומענדלעך און

11. אין שייכות מיט נאָך וואָס ווערן באַנוצט די העברעישע ווערטער פאַר „אייביקער" און „אויף אייביק"?

12. צי האָט די פּריסטערשאַפט פון אהרנען געזאָלט פאָרטגעזעצט ווערן אויף שטענדיק צוליבן באַנוצן פון די דאָזיקע ווערטער אין שייכות מיט דער כּהונה? און פאַרוואָס איז משיחס כּהונה געווען העכער?

אויף שטענדיק ווערן באַנוצט אין דער ביבל אין צוזאַמענהאַנג מיט אַהרנס פריסטערשאַפט און זייערע אָפיציעלע פליכטן, קען איינעם זיך אויסדרוכטן, אַז זיי וועלן עקזיסטירן און בלייבן אין קראַפט ביז צו דער אייביקייט. און דאָך איז דאָס אַהרנישע אָדער לוישע פריסטערטום פאַרשוואונדן און ווירקט שוין היינט ניט מער. נאָך מער, דער אַפּאָסטאָל פּאָולוס דערקלערט, אַז יהוה גאָט וועלכער האָט צוערשט אויפגעשטעלט דאָס אַהרנישע אָדער לוישע פריסטערטום, און עס אָפּגעשאַפט און אָנערקענט עס שוין ניט מער נאָכן טויט און תחית־המתים פון משיח. ישוע המשיח איז געמאַכט געוואָרן פאַר גאָטס כהן־גדול, ניט לויט אַ „פליישלעך געבאָט" אָדער אַ געזעץ וואָס האָט אָנערקענט דאָס פלייש פון דעם לוי אַהרן, נאָר לויט גאָר אַ נייעם געזעץ פון גאָט און דורך גאָטס שבועה. דאָס פריסטערטום פון ישוע איז דערפאַר העכער פון אַהרנס פריסטערשאַפט. דאָס איז אין הסכם מיט דעם ראַנג אָדער ליניע פון מלכי־צדק, וועלכער איז געווען דער פריסטער־מלך פון שלם אַ לאַנגע צייט נאָך פריער פאַרן פריסטערשאַפט פון אַהרן. אַזוי דערקלערט פּאָולוס אין יידן ז:11־24; און ס'איז כדי צו באַמערקן, אַז אינם פסוק 12 זאָגט ער אַזוי: „וואָרום אויב די כהונה ווערט פאַרענדערט, איז אויך נייטיק, אַז די תורה זאָל פאַרענדערט ווערן." אַזוי אַז ווען משיח האָט געאָפּפערט און פאָרגעלייגט צו גאָט זיין מענטשלעכן קרבן אַלס גאָטס כהן־גדול, איז יענע פריערדיקע תורה און איר אַהרנס כהונה אָפּגעשאַפט געוואָרן.

[13] דאָס באַדייט אויך, אַז דער אַלטער געזעץ־בונד, פון וועלכן די פריסטערטום־איינאָרדנונג איז געווען אַ טייל, איז אָפּגעשאַפט געוואָרן. דאָס מיינט, בכן, אַז די צען געבאָטן זיינען אויך אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלס אַ באַשטאַנדטייל פון יענעם געזעץ־בונד. דער פאַקט, וואָס דאָס העברעישע וואָרט עולם ווערט באַנוצט צו איבערזעצן אייביק, אומענדלעך, און אויף שטענדיק, אין שייכות מיטן פערטן געבאָט בנוגע דעם וועכנטלעכן שבת, איז ניט קיין ראיה קעגן דער אָפּשאַפונג פונם בני־לוי־פריסטער־

13. (א) פאַרוואָס איז אייביקער אין שייכות מיטן פערטן געבאָט ניט קיין טענה קעגן דעם אָפּשאַפן די צען געבאָטן? (ב) וואָס מאַכט די אייביקייט פון משיחס כהונה פאַר אומענדלעך?

טום. עולם (פון עלם, וואָס מיינט איינצווויקלען, באַהאַלטן, אָדער פאַרשטעלן) באַדייט פּשוט אומבאַשטימטע אָדער אומ־זיכערע צייט, זאָל'ס זיין אַן אייביקייט אָדער אַ באַגרענעצטער צייט־פּעריאָד, וואָס זיין גרענעץ איז פאַרהוילן פונם מענטשן און איז ניט באַוווּסט צו אים פון פאָרויס. משיחס פּריסטערטום איז אומענדלעך צוליבן פאַקט, וואָס ער באַזיצט אומשטערב־לעכקייט און אַזוי אַרום „די מאַכט פון אַן אייביקן לעבן". —יידן ז:16, 24, 25.

דער גערעכטער אַקטיווער כּוח —אַ מתּנה פון גאָטס חסד

[14] אָבער מיר דאַרפן ניט מיינען, אַז דער געזעץ־בונד מיט זיינע צען געבאָטן זיינען באַזייטיקט געוואָרן און זיין אָרט האָט ניט פאַרנומען קיין אַנדער זאַך אין דעם לעבן און פירונג פון גאָטס געהייליקטן פאָלק. ווען ישוע־המשיח האָט געהאַנדלט אַלס גאָטס כּהן־גדול און פאַרגעלייגט זיין מענטשלעכן קרבן פאַר די זינד, איז ער געוואָרן דער פאַרמיטלער פון אַ נייעם בונד, אַ „בעסערן בונד" אין פאַרגלייך מיטן אַלטן געזעץ־בונד פון משה. יענער אַלטער בונד מיט זיינע צען געבאָטן, אויפגע־שריבן אויף שטיינערנע לוחות, האָט ניט געמאַכט די יידישע נאַציע פולקאָם אָדער גערעכט. אָבער, אונטערן נייעם בונד ווערן די קריסטן יאָ געמאַכט גערעכט אָדער פולקאָם דורכן פאַרמיטלער ישוע־המשיח. זיין קרבן, אויף וועלכן דער דאָזיקער נייער בונד איז באַזירט, אַנולירט אינדעראמתן אָדער נעמט אַוועק אין גאָטס אָנזיכט די זינד. די ערלעכקייט, מיט וועלכער די צען געבאָטן, אויסגעקריצט אויף שטיינערנע לוחות, זיינען געגעבן געוואָרן, האָט ניט געזיכערט, אַז אָט דער בונד וועט ניט פאַרגיין אין אַ געוויסער דעמאָלט־אומבאַוווּסטער, אומבאַ־שטימטער צייט אַרום. אפילו די ערלעכקייט אַליין וואָס האָט באַגלייט יענעם בונד איז געווען אַ פאַרבייגייענדיקע ערלעכקייט.

14. וואָס קומט ביי די קריסטן אויפן אָרט פונם אַלטן געזעץ־בונד, און פאַרוואָס איז דאָס בעסער?

15 אָבער, דער נייער בונד האָט א בעסערן פאַרמיטלער, א בעסערן קרבן און א כּוח פאַר גערעכטיקייט, וואָס איז שטאַרקער איידער די צען געבאָטן אויסגעקריצט מיט בוכשטאַבן אין שטיין. דער נייער בונד פאַרמאָגט א הערלעכקייט וואָס וועט קיינמאָל ניט אָפּגעשוואַכט. זיין כּוח פון גערעכטיקייט איז גאָטס גייסט אָדער אַקטיווער כּוח. דער דאָזיקער אַקטיווער כּוח איז לעבן־שאַפנדיק, בעת די האַנטשריפט פונם אַלטן געזעץ־בונד האָט נאָר אונטערשטראָכן, אַז די יידן זיינען געווען ברעכער פונם בונד, זינדיקע, און זיי פאַרורטיילט צום טויט. די געהייליקטע קריסטן וועלכע זיינען אונטער דעם נייעם בונד, זיינען געמאַכט פאַר שלוּחים אָדער דינער. זיי ווערן אויסגעשולט פאַר דעם דאָזיקן דינסט ניט דורך א געוויסן טעאָלאָגישן סעמינאַר, נאָר דורך יהוה גאָט און דורך משיח. דער אַפּאָסטאָל פּאָולוס ווייזט אָן, אַז דער געזעץ־בונד מיט די צען געבאָטן אויסגעקריצט אין שטיין מיט גאָטס פינגער, איז געוואָרן אָפּגעשאַפט און פאַר־ביטן מיטן נייעם בונד און מיט זיין לעבן־שאַפנדיקן גייסט. ער זאָגט אַזוי:

16 „נישט דאָס מיר טויגן זיך אויס אויף עפּעס אַליין, נייערט אונדזער אויסטויגן זיך איז פון גאָט, וואָס האָט אונדז אויך טויגלעך געמאַכט פאַר באַדינער פון א נייעם בונד, נישט פון דעם אות, נייערט פון דעם גייסט; וואָרום דער אות טוט טייטן, אָבער דער גייסט מאַכט לעבעדיק. אויב אָבער די באַדינונג פון טויט געשריבן און אויסגעקריצט אויף שטיינער, איז געקומען מיט הערלעכקייט, אַזוי אַז די בני־ישׂראל האָבן נישט געקענט קוקן אויף דעם פּנים פון משהן צוליב דער הערלעכקייט פון זיין פּנים, וואָס איז געווען פאַרגענגלעך,—וויפל מער דאַרף שוין זיין די הערלעכקייט פון דער באַדינונג פון דעם גייסט? וואָרום אויב די באַדינונג פון פאַרשולדיקונג האָט געהאַט הער־לעכקייט, וועט די באַדינונג פון רעכטפאַרטיקייט האָבן א פיל

---

15. מיט וואָס איז די הערלעכקייט פונם נייעם געזעץ־בונד גרע־סער ווי די הערלעכקייט פונם אַלטן געזעץ־בונד? און ווער זיינען זיינע שלוּחים?

16. פאַרוואָס מוז זיין די הערלעכקייט פונם נייעם בונד פאַסיק גרעסער איידער דאָס פונם אַלטן בונד?

גרעסערע הערלעכקייט (ווירקלעך, ווען מען נעמט אין באטראכט די איבערטרעפנדע הערלעכקייט, האט דאס וואס איז געווען הערלעך, אינגאנצן ניט קיין שום הערלעכקייט); ווארום אויך דאס פארהערלעכטע איז טיילווייז נישט געווען הערלעך, צוליב דער גרעסערער הערלעכקייט. ווארום אויב דאס, וואס פארגייט, איז געווען מיט הערלעכקייט, וויפל מער איז אין הערלעכקייט דאס, וואס טוט פארבלייבן."—קארינטער ב, ג:5--11.

[17] און פאולוס ווייזט דעמאלט, אז דער כוח פון גערעכטיקייט אונטערן נייעם בונד זיינען ניט די אפגעשאפענע צען געבאטן, נאר גאטס גייסט וואס געשטאלטעט די אמתע קריסטן אין ענ־לעכקייט צו גאט. פאולוס זאגט ווייטער אזוי: „און דער האר איז דער גייסט; און וו עס איז דער גייסט פון דעם האר, דא איז פרייהייט. אבער מיר אלע, וואס זעען מיט נישט קיין פארשלייערט פנים ווי אין א שפיגל די הערלעכקייט פון דעם האר, ווערן פארענדערט אין דעם זעלבן אפבילד פון הערלעכקייט צו הערלעכקייט, אזוויווי דורך דעם גייסט פון דעם האר."—קארינטער ב, ג:5--18.

[18] פון דעם דאזיקן שטאנדפונקט קענען מיר הויכשאצן דעם כוח פון פאולוסעם ווייטערדיקער דערקלערונג: „אויב אבער איר ווערט געפירט פון דעם גייסט, זענט איר נישט אונטער דער תורה." (גאלאטער ה:18) די קריסטן זיינען עס די וואס ווערן געפירט דורכן גייסט אדער אקטיוון כוח פון גאט, אין איינקלאנג מיט זיין הייליקן ווארט. דער דאזיקער פאקט באַ־ווייזט, אז זיי זיינען ניט מער אונטער דעם אלטן געזעץ־בונד מיט זיינע צען געבאטן, נאר זיי זיינען אונטער דעם נייעם בונד, לויט גאטס חסד אדער גנאד. אונטער אים ווערן זיי פארענדערט דורכן גייסט וואס גאטס חסד שענקט אין שייכות מיטן נייעם בונד. זיי ברענגען ארויס די פרוכטן פון גאטס גייסט אין זייער לעבן. (גאלאטער ה:13־23) עס זיינען ניטא

---

17. ווי אזוי זשע באשרייבט פאולוס דעם כוח פון די קריסטן פאר גערעכטיקייט אונטערן נייעם בונד?

18. (א) דורך וואס ווערן די קריסטן געפירט? און פארוואס זיינען זיי דערפאר ניט אונטער דער תורה־משה? (ב) קעגן וועלכע פרוכטן איז ניטא קיין געזעץ?

קיין צען געבאָטן אַנטקעגן דעם אַרויסברענגען אַזעלכע פּרוכטן פון גאָטס גייסט. זיין גייסט אין זיין געהייליקט פאָלק איז גענוג שטאַרק אַרויסצוברענגען די דאָזיקע געזעצלעכע פּרוכטן פון גערעכטיקייט אָן די צען געבאָטן.

[19] כאָטש זיי זיינען ניט אונטערן „געזעץ", נאָר אונטער גאָטס חסד, טון די געטרייע קריסטן כסדר שטודירן דעם געזעץ־בונד, און דאָס איז טאַקע פּאַסיק. פאַרוואָס? ווייל די קענצייכן פון יענעם אַלטן געזעץ „זיינען אַ שאָטן פון קומענדיקע זאַכן" און יענע קומענדיקע זאַכן האָבן אַ שייכות צו משיחן און זיין שליחות און מלכות. קריסטן אָנערקענען, אַז די תורה „האָט אַ שאָטן פון גוטע קומענדיקע זאַכן" און זיי באַטראַכטן ישוע־המשיח ווי „אַ כהן־גדול פון די קומענדיקע גיטער". (קאָלאָסער ב:17; יידן י:1; ט:11) די פאַרבילדער און שאָטנס פון דער תורה זיינען אַ וויכטיקער טייל פון גאָטס וואָרט פון אמת, און קריסטן מוזן זיי שטודירן ווייל זיי צייכענען אָן געוויסע פאַרויס גאָטס כוונות אין שייכות מיט משיחן. פּאָולוסעס גאַנץ בוך יידן איז אַ אינספּירירטער באַווייז פונם דאָזיקן פאַקט. דערפאַר האָבן קריסטן אַ רעכט צו ציטירן טיילן פון דעם אַלטן געזעץ־בונד און זיינע צען געבאָטן, פונקט אַזוי ווי פּאָולוס האָט גע־האַט דאָס רעכט צו ציטירן די צען געבאָטן אַלס אָן אונטער־שטיצנדיקן באַווייז פון דעם, וואָס ער האָט געשריבן. פאַר די ביישפּילן פון אַזעלכע ציטאַטן זע עפעזער ו:1—3, און אויך רוימער יג:8—10.

[20] גאָטס געבאָטן צו די קריסטן זיינען געגעבן אין די שריפטן פון פּאָולוסן און אַנדערע תלמידים פון משיח; צום ביישפּיל, דער געבאָט קעגן געצנדינערײַ—אין קאָרינטער א, י:14; גאַלאַטער ה:20; קאָלאָסער ג:5; און יוחנן א, ה:21. אָבער אַזוי ווי דער צווייטער געבאָט פון די עשרת־הדיברות איז געווען אַ שאָטן

---

19. פאַרוואָס שטודירן קריסטן נאָך אַלץ דעם אַלטן געזעץ־בונד? און פאַרוואָס האָבן זיי אַ רעכט צו ציטירן פונם דאָזיקן געזעץ־בונד און זיינע געבאָטן?

20. קען מע טענהן פון דעם, וואָס פּאָולוס ציטירט די צען געבאָטן, אַז קריסטן זיינען נאָך אַלץ אונטערן געזעץ־בונד? און פאַרוואָס בלייבט אומבאַשטריטן זיין דערקלערונג וועגן „חסד"?

אָדער אַ צייטווייליקער מוסטער פון דער דאָזיקער פאָדערונג קעגן געצנדינערייַ אין באַצוג צו קריסטן, האָבן זיי דאָס רעכט צו ציטירן דעם צווייטן געבאָט אַלס אַ באַקרעפטנדיקן אָדער צוגאָב־באַווייז, אַז מ'דאַרף זיך אָפּזאָגן פון אָפּצוגעבן געצנדינערישן כבוד צו מענטשן און צו סימבאָלן. ווען פאָולוס האָט געשטיצט זיינע שריפטן אויף די ציטאַטן פון די צען געבאָטן, האָט ער מיט דעם ניט געוואָלט דערווייזן, אַז די קריסטן זיינען אונטערגעוואָרפן די צען געבאָטן און דער איבעריקער תּורה־משה. פאָולוס האָט זיך פשוט באַנוצט מיט די דאָזיקע געבאָטן ווי מיט אַ צוגאָב־באַווייז, דאָס הייסט מיט אַ באַקרעפטנדיקן באַווייז, ווי גוט באַרעכטיקט עס זיינען די וואָרנונגען וואָס ער האָט געגעבן די קריסטן, אַז זיי זאָלן זיך אויפפירן אַזוי, אַז עס זאָל ווילגעפעלן גאָט. דער געזעץ־בונד פון וועלכן ער האָט ציטירט איז געווען אַ „שאָטן פון גוטע זאַכן וואָס וועלן קומען", און דערמיט איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ ריכטיקער מוסטער פאַר דער קריסטליכער אויפפירונג אין דער קרובשאַפט וואָס די קריסטן האַלטן צו גאָט אונטער זיין נייעם בונד דורך ישוע־המשיח דעם פאַרמיטלער. אַזוי אַרום בלייבט פאָולוסעס וויטער־דיקע דערקלערונג ניט ווידערשפּרעכנדט: „ווייל דורך חסד זענט איר ניצול געוואָרן דורך אמונה; און דאָס נישט פון אייך אַליין, עס איז די מתנה פון גאָט; נישט פון מעשים, כדי קיינער זאָל זיך נישט רימען."—עפעזער ב:8, 9.

קאַפּיטל 15

דעם האַרס צוריקקער

דער צוריקקער פון דעם האַר ווערט געלערנט אויף אַ גאַנץ קלאָרן אופן אין אַ סך פּסוקים. צו דעם אַפּאָסטאָל יוחנן האָט ישוע געזאָגט: „יאָ, איך קום געשווינד.‟ און דאַוונדיק האָט דער דאָזיקער תּלמיד געענטפערט: „אָמן, קום, האַר ישוע!‟ (התגלות כב:20) פּאָולוס האָט געשריבן אַזוי: „וועט קומען דער, וואָס קומט, און וועט נישט פאַרזאַמען.‟ (יידן י:37) אויך פּעטרוס האָט גערעדט וועגן דער התגלות פון ישוע־המשיח.— פּעטרוס א, א:13.

2 ישוע־המשיח קומט, ניט ווי אַ מענטש, נאָר ווי אַ הערלעכע גייסט־באַשעפעניש. ער איז איצט דער אָפּגלאַנץ פון גאָטס הער־לעכקייט, דער גענויער אָפּבילד פון זיין פּערזענלעכקייט, און ער זיצט צו דער רעכטער האַנט פון דער הימלישער מאַיעסטעט. משיח איז דערהויבן געוואָרן העכער פון די מלאָכים, אַזוי אַז ווען דער פאָטער וועט אים צוריקברענגען אויף דער וועלט, וועט ער זאָגן: „און זאָלן אַלע מלאָכים פון גאָט זיך בוקן צו אים.‟ (יידן א:2—6) דאָס מאָל וועט ער, דערפאַר, קומען ניט אין דערני־דערונג, ניט אין דער געשטאַלט פון מענטשן, נאָר אין זיין הערלעכקייט, און אַלע מלאָכים מיט אים.—מתיא כה:31.

3 טייל מענטשן האָבן פאַלשע דערוואַרטונגען אין שייכות מיט דעם צוריקקער פונם מלך. ווען זיי לייענען וועגן דער הבטחה פונם מלאָך צו מרים, אַז ישוע, דער זון פונם אַלהעכסטן, וועט באַקומען דעם טראָן פון זיין פאָטער דוד, קומען זיי צום אויס־פיר, אַז ער וועט זיצן אויף אַ בוכשטעבלעכן ערדישן טראָן.

---

1. וועלכע פּסוקים באַשטעטיקן, אַז משיח וועט צוריקקערן?
2. וואָס איז זיין איצטיקער מצב אין פאַרגלייך מיט דעם, ווען ער איז געקומען צום ערשטן מאָל אויף דער ערד?
3. פאַרוואָס וועט ער ניט זיצן אויף אַן ערדישן טראָן?

(לוקאס א:32) אָבער דודס טראָן איז בלויז געווען אַ פאָרבילד און אַ אילוסטראַציע פונם טראָן פונם מלך יהוהס. אַזוי איז שלמה געזעסן אויפן טראָן פון יהוה דעם האר, אַלס מלך, אַנשטאַט זיין פאָטער דוד. (דברי־הימים א, כט:23) אויב ישוע וואָלט געזעסן אויף אַן ערדישן טראָן ווי אַ מענטש, דעמאָלט וואָלט זיין מצב געווען נידעריקער פון די מלאָכים, פונקט ווי דער מענטש איז נידעריקער פון די מלאָכים. (תהלים ח:5, 6) די אויפגאַבע פון משפט און הערשאַפט, וואָס איז אים צוגע־מען, קען אַזוי אַרום אויסגעפירט ווערן נאָר דורך אַ מעכטיקן גייסטיקן מלך, אַ מלך העכער פון די מלכים אויף דער ערד, און ניט ענלעך צו זיי.—תהלים פט:28; התגלות ג:21.

[4] אייניקע מענטשן דערוואַרטן אין זייער טעות, אַז עס זאָל בוכשטעבלעך דערפילט ווערן די סימבאָלישע דערקלערונגען פון דער ביבל. זיי האָפן צו זען דעם פאַרהערלעכטן ישוע ווי ער קומט זיצנדיק אויף אַ ווייסן וואָלקן און יעדער מענטש־לעך אויג וועט אים קענען זען. זיי פאַרגעסן דעם האַרס ווערטער איידער ער איז אַוועק: „נאָך אַ קליינע ווײַלע, און די וועלט זעט מיך נישט מער." (יוחנן יד:19) אַזוי ווי קיין שום ערדישע באַשעפענישן האָבן קיינמאָל ניט געזען דעם פאָטער, וועמען קיין שום מענטש האָט ניט געזען, אָדער קען זען, פונקט אַזוי וועלן זיי ניט זען דעם פאַרהערלעכטן זון.—שמות לג:20; טימאָטעאוס א, ו:16.

[5] טייל מענטשן וועלן זיך אפשר פאַררופן אויף די ווערטער פון די מלאָכים: „דער דאָזיקער ישוע, וואָס איז אַרויפגענומען געוואָרן פון אייך אין הימל אַריין, וועט אויף דעמזעלביקן אופן קומען, ווי איר האָט אים געזען גיין אין הימל אַריין." (מעשים א:11) מע דאַרף אָבער באַמערקן, אַז אין דער דאָזיקער שטעל רעדט זיך ניט, אַז ער וועט קומען אין אַן ענלעכן גע־שטאַלט, אָדער אין אַן ענלעכן קערפּער, נאָר פשוט אויף אַן ענלעכן אופן. דער אופן פון זיין אַוועקגיין איז געווען אַ שטילער,

---

4. וואָס פאַר אַ באַווייז איז דאָ, אַז ער וועט ניט קענען געזען ווערן מיטן מענטשלעכן אויג?
5. וואָס מיינט עס, אַז זיין צוריקקער וועט צושטאַנד קומען אויף אַן ענלעכן אופן ווי זיין אַוועקגיין?

ווי פון אַ גנב, אָן שאַלן פון אַ טרומפּייט און אָן עפנטלעכער דעמאָנסטראַציע, נאָר מיט דעם שליחות: ,איר וועט זיין מיינע עדות ביז צום ווייטעסטן עק פון דער ערד' (מעשים א:8) קלינגנדיק אין די אויערן פון די תלמידים. בלויז זיינע עדות האָבן געזען זיין אַוועקגיין. און ס'איז לאָגיש, אַז בלויז זיינע געטרייע עדות וועלן גלייך דערקענען זיין צוריקקער.

ווי אַזוי געזען

[6] דורך די אויגן פון איינעמס פאַרשטענדעניש איז דערקענט־לעך דער דאָזיקער צוריקקער, אַזוינע אויגן ווערן אויפגעקלערט דורך גאָטס אַנטפּלעקנדיק וואָרט. משיחס אָנקומען און זיין אָנוועזנהייט וועלן ניט דערקענט ווערן אַדאַנק זיין פיזישער נאָענטקייט, נאָר אַדאַנק דעם ליכט פון זיינע מעשים פון משפּטים און דאָס מקוים־ווערן פון די ביבלישע נביאותן. דאָס דאָזיקע ליכט וועט זיך אויסשפּרייטן פון מזרח צו מערב און אומעטום. און יענע וואָס זיינען ווייטזיכטיק ווי דער אָדלער, וועלן דער־קענען די משפּט־אמתן און זיך זאַמלען אַזוי אַרום דער גייסטיקער שפּייז וואָס דער האַר וועט צושטעלן.—מתיא כד:26—28.

[7] אין קאַפּיטל כד פון מתיא ווערט דאָס גריכישע וואָרט פּאַרוזיאַ אין די פּסוקים 3, 27, 37, 39 איבערגעזעצט מיטן וואָרט „קומען". אין דעם עמפאַטישן דיאַגלאָט און אין ראָ־טערהאַמס און יונגס ווערסיעס און אין די פוס־באַמערקונגען פון דער אַמעריקאַנער סטאַנדאַרד ווערסיע ביבל [אַלץ ענגליש] ווערט עס איבערגעזעצט מיטן וואָרט „אָנוועזנהייט". מאָפאַטס מאָדערנע ווערסיע איבערזעצט עס מיט דעם וואָרט „אָנקומען". אָבער דער באַדייט פון פּאַרוזיאַ איז מער גענוי, איידער דאָס געוויינלעך פאַרשטאַנענע וואָרט „קומען", „אָנקומען". עס באַ־דייט ניט, אַז ער איז אויפן וועג, אָדער אַז ער האָט צוגעזאָגט צו קומען, נאָר אַז ער איז שוין אָנגעקומען און איז שוין אָנ־וועזנד. פּאַרוזיאַ ווערט איבערגעזעצט מיט „אָנוועזנהייט" אין

6. ווי אַזוי וועט מען משיחס צוריקקער דערקענען?
7. וואָס איז דער באַדייט פון דעם גריכישן וואָרט פּאַרוזיאַ אָפט איבערגעזעצט מיט „קומען"?

פיליפּער ב:12, וואָס לייענט זיך אַזוי: „דעריבער, מיינע גע־ליבטע, אַזויווי איר האָט זיך תּמיד צוגעהאָרכט, נישט נאָר בעת איך בין געווען ביי אייך אָנוועזנד [פּאַרוזיאַ], נייערט פיל מער אַצונד, אין מיין אַפּוועזנהייט [אַפּוזיאַ], זאָלט איר אייך מיען פאַר אייער ישועה מיט מורא און ציטערניש."—דאָס זעלביקע איז אין קאָרינטער ב, י:10.

[8] עס איז ניט נויטיק, משיח זאָל זיין זעבאַר בעת זיין אָנ־וועזנהייט,—אויך זיין פאָטער איז דאָך ניט זעבאַר פאַרן מענטש־לעכן אויג. יהוה איז געווען אָנוועזנד מיט זיין פאָלק בעת זיי האָבן געוואַנדערט פון מצרים צום צוגעזאָגטן לאַנד, און דאָך איז ער ניט געווען זעבאַר. אויף זיין טויטן־בעט האָט יוסף געזאָגט אַזוי: „איך שטאַרב; אָבער דערמאָנען וועט זיך גאָט דערמאָנען אָן אייך, און ער וועט אייך אויפברענגען פון דעם היגן לאַנד צו דעם לאַנד וואָס ער האָט צוגעשוואָרן אברהמען, יצחקן און יעקבן." (בראשית נ:24) ער איז אויך ניט זעבאַר געווען ביי קיין איינער פון די געלעגנהייטן, ווי די ביבל זאָגט, ווען ער האָט באַזוכט זיין פאָלק.—רות א:6; לוקאַס יט:44.

[9] היינט־צו־טאָג זיינען דאָ אַרום אונז אַ סך סמנים פון דעם משיחס אָנוועזנהייט און דאָך זעט עס ניט דאָס אַזוי־גערופענע „קריסטנטום", ווי אַזוי זשע אַנטפּלעקט ער זיך צו זיינע אמתע נאָכפאָלגער און ניט צו דער וועלט? צו זיינע נאָכפאָלגער האָט ער געגעבן די וווּנדערלעכע הבטחה: „געבענטשט זיינען יענע קנעכט, וועמען דער האַר וועט ביי זיין קומען [עלטהאָן] גע־פינען וואַכנדיק. פאַרוואָר, איך זאָג אייך, ער וועט זיך אָנגורטן, און זיי זעצן צום טיש, און צוגיין און זיי באַדינען." (לוקאַס יב:37) ישוע דער האַר שטעלט צו די דאָזיקע גייסטיקע שפּייז, דאָס עסן אין דער געהעריקער צייט, דורך אַ זעבאַרן אינסטרו־מענט אָדער אַ אָגענטור אויף דער ערד, באַנוצט צום פאַרעפנט־לעכן די שפּייז.

---

8. וועלכער פאַקט ווענן יהוהס אָנוועזנהייט העלפט צו פאַרשטיין משיחס אָנוועזנהייט?
9. ווי אַזוי וועט דער צוריקגעקומענער האַר באַדינען זיין פאָלק?

דער קנעכט וואָס וועט באַשטימט ווערן ביי זיין צוריקקער

10 די אַגענטור, וואָס דער האר וועט נוצן, כּדי צו פאַרטיילן אָדער צו פאַרשפּרייטן זיין אמת, ווערט אָנגערופן זיין „געטרייער און קלוגער קנעכט". „ווער איז אָבער דער געטרייער און קלוגער קנעכט, וועמען זיין האר האָט געזעצט איבער זיין הויזגעזינט, צו געבן זיי זייער שפּייז אין דער רעכטער צייט? געבענטשט איז יענער קנעכט, וואָס ווען זיין האר וועט קומען [עלטהאָן], וועט ער אים געפינען טון אַזוי. פאַרוואָר, איך זאָג אייך, ער וועט אים זעצן איבער אַלע זיינע גיטער." (מתּיא כד:45-47) דאָס באַווייזט אויף אַ קלאָרן אופן, אַז דער האר וועט זיך באַנוצן מיט איין אָרגאַניזאַציע, כּדי צו פאַרשפּרייטן זיין בשׂורה, און ניט מיט קיין מענגע פאַרשידענע סעקטעס וואָס זיינען סותר איינע די צווייטע. דער „געטרייער און קלוגער קנעכט" איז אַ געזעלשאַפט וואָס פאָלגט דעם ביישפּיל פון איר פירער. דער דאָזיקער „קנעכט" איז דאָס רעשט פון די גייסטיקע ברידער פון דעם משיח. דער נביא פון גאָט באַצייכנט זיי אַזוי, זאָגנדיק: „איר זייט מיינע עדות, זאָגט גאָט, און מיין קנעכט וואָס איך האָב אויסדערוויילט."—ישעיה מג:10.

11 פון און זינט 1918 האָט דער אַ „קנעכט" קלאָס געליפערט גאָטס בשׂורה צום [גייסטיק] בלינדן „קריסטנטום", שפּייזנדיק זיך אַליין מיט מענטשלעכע רעליגיעזע טראַדיציעס. אָט דער פּראָקלאַמירטער אמת טוט זיין פאַרטיילונגס-אַרבעט אַזוי ווי ס'איז פאָרויסגעזאָגט געוואָרן: יענע וואָס נעמען אָן דעם אמת, ווערן גענומען אויף דער זייט פונעם האר, און די אַנדערע ווערן איבערגעלאָזן. יענע וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו באַגרייפן, וואָס עס קומט פאָר, און האָבן פאַרנומען זייער שטעלונג לטובת דער טעאָקראַטיע, יענע האָבן איצט אָן אומויסדריקלעכע פרייד. די ליכט פון גאָטס אמת איז ניט באַגרענעצט בלויז צו אַ קליינעם פּלאַץ, אָדער צו איין ווינקל פונעם ערד-קויל.

---

10. וועלכע אַגענטור ווערט באַנוצט דורכן האר, כּדי צו פאַרשפּרייטן די גייסטיקע שפּייז?

11. ווי ברייט איז די פּראָקלאַמאַציע פונעם אמת, און וואָס איז דער רעזולטאַט?

זי ווערט פּראָקלאַמירט איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער וועלט. במשך פון די 27 יאָר צווישן 1919 און 1945 איינשליסלעך האָבן יהוהס עדות פאַנאַנדערגעטיילט איבער 470 מיליאָן ביכער און ביכלעך, הונדערטער מיליאָנען זשור־נאַלן און פלוג־בלעטער און מיליאָנען מינדלעכע צייגנישן, אין 88 שפּראַכן. נאָר אַדאַנק גאָטס גייסט און כּוח האָט דאָס דאָזיקע עדות געקענט געגעבן ווערן פּנים־אל־פּנים מיט דער קעגנער־שאַפט און פאַרפאָלגונגען איבער דער גאַנצער וועלט; און אָט דאָס עדות ווערט איצט פאָרטגעזעצט ווייטער און וואַקסט.

[12] ישוע האָט געזאָגט: „און ווי עס איז געווען אין די טעג פון נחן, אַזוי וועט זיין דאָס קומען [פּאַרוזיאַ] פון דעם בן־אָדם.” (מתיא כד:37) אָט די ענלעכקייט איז אמתדיק ניט נאָר בנוגע דער אַבסאָלוטער איבערגעגעבנקייט פון די מענטשן צום עסן, צום טרינקען, חתונה מאַכן און חתונה האָבן, צום בויען און אין פּרט פון דער אומוויסנדיקייט פון די צייטן אין וועלכע זיי לעבן, נאָר עס איז אויך אמת בנוגע דער עדות פונם מלכות וואָס איז געגעבן. נח איז בשעתו געווען אַ פּרעדיקער פון גע־רעכטיקייט פאַרן מבול, און יהוהס עדות זיינען אַזעלכע פּרע־דיקער איצט, פאַר דער אָנקומענדיקער צעשטערונג פון דער דאָזיקער וועלט בעתן הר־מגדון. פּעטרוס האָט געזאָגט: „דער טאָג פון גאָט וועט אָבער קומען ווי אַ גנב, [ד. ה. שטיל און אומגעזען] און אין אים וועלן די הימלען [שׂטנס אומזעבאַרע אָרגאַניזאַציע] פאַרשווינדן מיט גרויס רעש, און די יסודות וועלן אויפגעלייזט ווערן אין ברענענדיקן היץ, און די ערד [שׂטנס זעבאַרע אָרגאַניזאַציע] און די ווערק, וואָס זענען אין איר וועלן פאַרברענט ווערן.”—פּעטרוס ב, ג:10.

[13] במשך פון אַ סך יאָרן פאַר 1914 האָבן ערנסטע ביבל־פאָרשער פאַרשטאַנען, אַז דאָס יאָר 1914 באַצייכנט דעם סוף פון די גוייִשע צייטן. יענער יאָר האָט אָנגעצייכנט דעם סוף פון דעם שׂטנס ניט־איבערגעריסענער הערשאַפט, און דערמיט אויך די צייט ווען משיח, דער רעכטמעסיקער הערשער פון דער

12. ווי אַזוי זיינען די איצטיקע צייטן ענלעך צו נחס צייטן?
13. ווי אַזוי איז דאָס יאָר 1914 באַצייכנט געוואָרן, און וואָס איז די באַצייגעניש פון די מלאָכים?

וועלט, וועט באַקומען די קאָנטראָל. (יחזקאל כא:32) דאָס מקוים־ווערן פון די נביאות וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן, ווערט פאָרטגעזעצט אָן איבעררייס, ווייזנדיק, אַז „די מלוכה פון דער וועלט [די נייע וועלט] איז געוואָרן די מלוכה פון אונדזער האר און פון זיין משיח". דער הימלישער חיל האָט זיין דאַנק אויסגעזאָגט אַזוי: „מיר דאַנקן דיר, אָ האר גאָט, דו אַלמעכטיקער, וואָס ביסט און וואָס ביסט געווען, מחמת דו האָסט גענומען דיין גרויסע מאַכט און האָסט געטון קיניגן."—התגלות יא:15, 17.

[14] יהוהס צייט אויסצוגיבן זיין אוניווערסאַלע אויבערמאַכט איז אָנגעקומען. יהוה איז געוואָרן מלך. גאָטס מלכות, אָפּגעבילדט ווי אַ מענלעך קינד, איז געבוירן געוואָרן אין 1914. די עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס פון דעם שׂטן האָט זיך געפּרוווט איינצושלינגען די נייגעבוירענע רעגירונג. איז עס געקומען צו אַ מלחמה אין הימל. דער שׂטן און זיינע טייוולאָנים זיינען אַראָפּגעשליידערט געוואָרן צו דער ערד. גאָטס זיגרייכע מלאָכים האָבן דעמאָלט געמאָלדן: „איצט איז געקומען די ישועה און די מאַכט און דאָס מלכות פון אונדזער גאָט און די מאַכט פון זיין משיח."—התגלות יב:10.

דאָס קומען צום טעמפּל

[15] אָבער קיינער אויף דער ערד האָט ניט געוווּסט, אַז דער האר וועט ,איינגיכן קומען צו זיין טעמפּל'. יהוה האָט דורך מלאכי פאָרויסגעזאָגט זיין פּלוצלומדיקן דערשיינען אין דעם טעמפּל און צוגעגעבן: „און ווער קען אויסהאַלטן דעם טאָג פון זיין קומען? און ווער איז דער וואָס קען באַשטיין, ווען ער באַווייזט זיך? וואָרום ער איז ווי פייער פון דעם שמעלצער און ווי לויג פון וועשער." (מלאכי ג:2) פּונקט אַזוי ווי ישוע האָט אויסגערייניקט דעם בית־המקדש אין ירושלים דריי־און־אַ־האַלבן יאָר נאָך דעם, ווי דער גייסט פון גאָט האָט אים געזאַלבט צו ווערן אַ מלך, פּונקט אַזוי איז ער געקומען צום

14. וואָס איז געקומען נאָכן געבוירן פון גאָטס מלכות אין הימל?
15. (א) ווי אַזוי איז באַצייכנט דאָס קומען פונעם האר אינעם טעמפּל אריין? (ב) אין וועלכער אָרדענונג וועט קומען דאָס תחית־המתים פון דער גייסט־געבוירענער קלאַס?

גייסטיקן טעמפּל דריי־און־אַ־האַלבן יאָר נאָך דעם, און האָט אָנגעהויבן אים צו רייניקן, נאָכן איבערנעמען די קעניגלעכע קאָנטראָל אין האַרבסט 1914. דאָס איז געשען אין פרילינג פון 1918. דאָס האָט אָנגעצייכנט דעם אָנהויב פון דער תקופה צו משפּטן און אונטערזוכן זיינע געהייליקטע נאָכפאָלגער. פּאָולוס האָט געשריבן אַזוי: „איך בין מעיד [צייג אָן] פאַר גאָט און ישוע־המשיח וואָס וועט משפּטן די לעבעדיקע און די טויטע, און ביי זיין אַנטפּלעקונג און זיין מלוכה.” (טימאָטעאוס ב, ד:1) די טויטע קריסטן וואָס זיינען געשלאָפן אין די קברים, זיינען אויפגעשטאַנען תחית־המתים מיט גייסטיקע קערפּערס, און פאַראייניקט מיט אים אינם טעמפּל. די לעבעדיקע געזאַלבטע קריסטן אויף דער ערד האָבן ניט געקענט פריער צוקומען, איידער יענע וואָס זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן אין טויט, נאָר זיי אַלע מוזן אַזוי כּסדר אָנהאַלטן זייער לויטערקייט ביז צו זייער אייגענעם טויט. און ווען יענע וואָס זענען געבראַכט געוואָרן צו איינהייט אינעם טעמפּל, וועלן שטאַרבן, וועלן זיי ניט דאַרפן וואַרטן אין שלאָף אויפן האַרס צוריקקומען, נאָר זיי וועלן תּכף אומגעענדערט ווערן צו אַ גייסטיקן לעבן. זיי וועלן פאַרענדיקן זייערע ערדישע אַרבעטן, אָבער זייער דינסט וועט ווייטער אָנהאַלטן אָן די מידקייט.—טעסאַלאָניער א, ד:15; קאָרינטער א, טו:51, 52; התגלות יד:13.

[16] אַ סך פון דעם האַרס אמתן וועגן דעם מלכות זיינען דערציילט געוואָרן אין דער פאָרם פון משלים. אינעם משל פון די מנים [פונטן] און צענטנער ווערט ישוע געוויזן ווי ער פאַרטרויט די אָנגעלעגנהייטן פונעם מלכות צו זיינע אים געבונדענע קנעכט אויף דער ערד איידער ער איז אַוועק אין אַ ווייטן לאַנד, אין הימל, כּדי צו באַקומען די קעניגלעכע פולמאַכט. צוריקקומענדיק נאָך אַ לאַנגער צייט, משפּט ער זיינע קנעכט אויף דער ערד. צו די געטרייע שענקט ער גרעסערע זכותען און די פרייד פונם האַר. די אומגעטרייע וועלן אַריינגעוואָרפן ווערן אין דער אויסערער פינצטערניש. די בירגער פון דער דאָזיקער וועלט האַסן דעם מלך פון דער נייער וועלט,

---

16. בקיצור, וואָס ווייזן אָן די משלים וועגן די מנים און די צענטנער?

וועלכער וועט איבערווינדן שׂטן דעם טייוול, און דערפאַר וואַרט אויף זיי אַ שחיטה.—לוקאַס יט:12—27; מתיא כה:14—30.

[17] דאָס אויספּרוּוון פון גאָטס פאָלק גייט אָן כסדר, ווי פאָרויסגעזאָגט: „גאָט [יהוה] איז אין זיין הייליקן טעמפּל, גאָט—זיין טראָן איז אין הימל: זיינע אויגן זעען, זיינע ברעמען פּרוּוון די מענטשנקינדער." (תהלים יא:4) טייל קריסטן, עגאָיס־טיש רעכנענדיק צו זיין אָנוועזנד ביי דער חתונה־סעודה, זיינען אויסגעלאָזט געוואָרן, ווי ס'ווערט פאָרגעשטעלט דורך די פינף נאַרישע יונגפרויען: עס האָט זיי געפעלט פאַרשטענ־דעניש און די פרייד פונם האַר. און דערפאַר האָבן זיי ניט באַזאָרגט, אַז די לאַמפּן זאָלן ברענען העל. (מתיא כה:1—13) אַנדערע, וואָס האָבן זיך אַריינגענומען צו דער סעודה, האָט מע אַרויסגעוואָרפן ווייל זיי האָבן ניט געטראָגן דעם אידענטי־פיצירנדיקן מלבוש פון אַ געטרייען עדות פונם גאָטס מלכות. (מתיא כב:1-14) משיח האָט זיינע אייגענע געטרייע נאָכפאָלגער אויפגענומען אינעם טעמפּל אַריין, אַלס די פאַרערער און קנעכט פון גאָט, און ער שטימט־צו זייער ווייטערע אָנוועזנהייט דאָרטן.

[18] דאָס אויספּרוּוון דורכן גרויסן שופט גייט אָן כסדר און וועט אַרומנעמען אַלע נאַציעס. זיצנדיק אַזוי אויפן כסא־הכבוד פון זיין הערלעכקייט אַלס יהוהס שליח אין דעם טעמפּל, וועט ישוע־המשיח פונאַנדערטיילן דאָס פאָלק אין צוויי קלאַסן, וואָס רופן זיך שאָף און בעק. אָט די פונאַנדערטיילונג גייט אויך איצט אָן, הגם אַ סך גיבן זיך ניט אָפּ קיין חשבון וועגן דעם. זייער שטעלונג צו דעם מלך ווייזט זיך אַרויס דורך זייער שטעלונג צו יהוהס עדות און צו דער בשׂורה וועגן זיין טעאָ־קראַטישער רעגירונג. די וואָס פאַרפאָלגן, שטעלן זיך אַנטקעגן אָדער זיינען גלייכגילטיק, ווייזן זיך אַרויס אַלס „בעק" און זיי זיינען פאַרמשפּט צו אַ צעשטערונג וואָס וועט דויערן אייביק; די דעמוטיקע מענטשן אָבער, וואָס גיין אויפן וועג פון גערעכט־

---

17. ווי אַזוי ווערט באַוויזן, אַז טייל זיינען ניט ווערט דעם אמת וועגן דעם מלכות?

18. וואָס פאַר ווייטערדיקע פּסוקים באַווייזן, אַז דעם מלך'ס אָנוועזנהייט איז אַ צייט פון פּרוּוון, און וועלכע צוויי קלאַסן אַנטפּלעקן זיך?

יקייט און זיינען פון גוטן־ווילן בנוגע דעם האר, זיינען זיינע „שאָף", און זיי איז באַשערט אייביק לעבן.—מתיא כה:31—46.

התגלות

[19] דער גורל פון אַלע לעבעדיקע מענטשן וועט אין קורצן באַשלאָסן ווערן. „וואָרום דער בן־אָדם וועט קומען אין דער פּראַכט פון זיין פאָטער מיט זיינע מלאָכים, און דעמאָלט וועט ער פאַרגעלטן יעדן איינעם לויט זיינע מעשׂים נאָך." (מתיא טז:27) די ענדגילטיקע אַנטפּלעקונג פונם מלך איז נאָענט. די קאַטאַסטראָפע פון הר־מגדון, וואָס וועט זיין גרעסער איידער די קאַטאַסטראָפע וואָס איז געשען צו סדום און עמורה, איז שוין ביים שוועל. „אין דעם טאָג אָבער, ווען לוט איז אַרויסגעגאַנגען פון סדום, האָט עס גערעגנט פייער און שוועבל פון הימל און האָט זיי אַלע אומגעבראַכט. אַזוי וועט אויך זיין אין דעם טאָג ווען דער בן־אָדם וועט אַנטפּלעקט ווערן." (לוקאס יז:29, 30) די דאָזיקע אַנטפּלעקונג פון זיין אומזעבאַרער אַנוועזנהייט דורכן אויספירן דעם משפט, איז ניט פאַר זייער בענטשונג, נאָר פאַר זייער אומקום. „דער האר ישוע פון הימל [וועט אַנטפּלעקט ווערן] מיט די מלאָכים פון זיין שטאַרקייט אין פלאַמיקן פייער, און פאַרגעלטן נקמה צו די, וואָס קענען נישט גאָט, און צו די, וואָס היטן נישט די בשורה פון אונזער האר ישוע. וואָס וועלן געשטראָפט ווערן מיט אייביקער פאַרדאַרבונג פון פאַר דעם פּנים פון דעם האר און פון דער הערלעכקייט פון זיין מאַכט."—טעסאַלאָניער ב, א:7—9.

[20] די נאָענטקייט פון יענער געשעעניש באַווירקט, אַז די עגאָיסטישע און מוראדיקע זאָלן זיך צוזאַמענקלייבן און באַהאַלטן אין מענטשלעכע אָרגאַניזאַציעס פאַר זייער שוץ. עס וועט זיי אָבער גאָרניט העלפן. (התגלות ו:15—17) דערוואַרטנדיק, אַז זייער סוף דערנענטערט זיך, קלאָגן זיי פאַר מורא, אַז זיי וועלן פאַרלירן די נוצן וואָס זיי האָבן דערוואָרבן מיט אומרעכט און זייערע פּריווילעגירטע פּאָזיציעס אויף דער ערד.

---

19. וואָס איז דער רעזולטאַט פון דער ענדגילטיקער אַנטפּלעקונג פונם מלך?
20. וואָס פאַר א שוץ־מיטל וועט זיך אַרויסווייזן פאַר נוצלאָז?

זיי קענען שוין דערקענען די אָנוועזנהייט פון דעם משיח אין די וואָלקנס פון אומרוען וואָס רינגלען אים אַרום. (התגלות א:7) דאָס איינציקע זיכערקייט־מיטל פאַר יעדן איינעם איז צו אָנערקענען דעם פאַראַכטעטן מלך און זיין מלכות. ישוע האָט געוואָרנט: „דרום וואַכט און זייט תמיד מתפלל, אַז איר זאָלט זיך קענען שטאַרקן צו אַנטרינען אַלצדינג וואָס דאַרף געשען, און צו שטיין פאַר דעם בן־אָדם."— לוקאַס כא:36.

21 די מענטשן פון גוטן־ווילן ביי אַלע נאַציעס פאַרנעמען זייער שטעלונג היינט־צו־טאָג לטובת דער טעאָקראַטיע. די דאָזיקע גרויסע מחנה פונם האַרס „אַנדערע שאָף" איז מקבל־פנים דעם נייעם מלך מיט דעם, אין נעמען אָנטייל אינם פּראַק־לאַמירן דעם מלכות, ווי די מחנה וואָס האָט מקבל־פנים־געווען ישוען ווען ער איז אַריינגעקומען קיין ירושלים. (לוקאַס יט: 37—40; התגלות ז:9, 10) די פרושים האָבן דעמאָלט געוואָלט, אַז די מחנה זאָל געטאַדלט ווערן, פונקט אַזוי פּרוּוון די היינטיקע רעליגיעזע פירער צו פאַרשווייגן און אונטערצודריקן די בשורה. זייערע באַמיונגען זיינען אָבער דורכגעפאַלן און וועלן דורכ־פאַלן אויף ווייטער.

22 משיח וועט קומען פאַר זיין טויזנט־יאָריקער אומגעשטער־טער הערשאַפט, כדי אָוועקצולייגן אַלע זיינע שונאים אונטער זיינע פיס. ער וועט פאַנגען די אַלטע שלאַנג, דעם שטן, און אים בינדן אויף טויזנט יאָרן. דורכן אַרויסטרייבן די רעליגיע, דורכן איינשטעלן צוריק די אמתע אָנבעטונג, און דורכן איינ־שטעלן צוריק די געטלעכע רעגירונג אויף דער ערד, וועט ער אַנטפּלעקן זיין קעניגלעכע מאַכט, פאַר וועלכער ער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווירדיק, בעת ער איז אַהער געקומען צום ערשטן מאָל. ער וועט ווערן דער שופט פון דער נייער וועלט, דער פירער און באַפעלער פונעם פאָלק. (קאָרינטער א, טו:25, 26; התגלות כ:1־3; ישעיה נה:4) די רעכטפאַרטיקונג פון זיין פאָטערס נאָמען און אויבערהערשאַפט וועט זיין זיין גרעסטע פרייד, און אויך די גרעסטע פרייד פון אַלע יענע וואָס שעמען זיך ניט מיט זיין אָנוועזנהייט.—יוחנן יז:1; יוחנן א, ב:28.

21. ווי זיינען מקבל־פנים דעם מלך די מענטשן פון גוטן־ווילן?
22. וואָס איז דער צוועק פון משיחס קומען, און ווי וועט עס דערגרייכט ווערן?

קאפיטל 16

די צונויפזאמלונג פון די יידן — אמאל און היינט

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז געשטאנען אין פלאמען און די נאצישע הארדעס האבן געהאלטן אין פארנעמען איין נאציע נאך דער אנדערער, האבן שרעקלעכע באריכטן גענומען אנקומען, און עדות געזאגט וועגן דעם, אז די יידן ליידן איצט ווידעראמאל. דאס מאל איז עס ניט נאר געווען בלויז פארפאלגונג און אונטערדריקונג, נאר מאסן־פארניכטונג. נאך דעם ווי די מלחמה האט זיך געענדיקט און עס איז צוריק איינגעשטעלט געווארן שלום ביז צו א געוויסן גראד, האט מע געמאכט א ציילונג פון דער יידישער באפעלקערונג אין צענטראל־אייראפע. און דער דאזיקער באריכט האט געוויזן, אז די פארמלחמהדיקע יידישע באפעלקערונג איז דא געווען 7,000,000, אבער אויף דער זעלבער טעריטאריע איז אין 1946 געווען 1,400,000 יידן. אזוי ארום איז די יידישע פראגע נאכאמאל געווארן אן אינטערנאציאנאלע פראגע.

[2] איצט, ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האט זיך פארענדיקט, איז דער כוח הינטער אנטי־סעמיטיזם נאך אלץ זייער שטארק. אזוי ווי די ליידן פון די יידן זיינען נאך פריש אין זכרון פון די מענטשן, האבן אלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס אויסגעניבט זייער גאנצן איינפלוס צווישן די גרויס־מאכטן, כדי עפעס זאל געטאן ווערן. זיי האבן געפאדערט, אז פאלעסטינע זאל פארוואנדלט ווערן אין א יידישער שטאאט, א שטענדיק היים פאר די יידן ווי א נאציע.

---

1. וואס פאר א געשעענישן האבן ווידער ארויסגעבראכט די יידישע פראגע צום פאדערגרונט?
2. וואס פאדערן די יידן פון די פירנדיקע וועלט־מאכטן?

[3] די נבואות פונעם תנ"ך באַווייזן אויסער יעדן ספק, אַז די נאַציע ישראל איז אַמאָל געווען גאָטס אויסדערוויילט פאָלק. די אָרטאָדאָקסישע יידן און אויך אַ סך רעליגיאַניסטן פון דעם „קריסטנטום" גלייבן, אַז די נבואות אין תנ"ך זאָגן פאָרויס, אַז די יידן וועלן ווידער צונויפגעקליבן ווערן אין זייער „הייליקן לאַנד פּאַלעסטינע". זיי טענהן, אַז יענע צייט איז טאַקע איצט אָנגעקומען, און אַז זייער אָנשטרענגונג אין דער דאָזיקער ריכ־טונג איז אין איינקלאַנג מיט יענע נבואות.

[4] ווען אינטעליגענטע מענטשן באַטראַכטן די פאַרגאַנגענע און די איצטיקע דערפאַרונגען פון די יידן, הייבן זיי אָן צו שטעלן אַ סך פראַגן: זיינען דאָך אַמאָל די יידן געווען צוזאַמענ־געזאַמלט אַלס גאָטס פאָלק, פאַרוואָס זשע זיינען זיי פאַנאַנדער־געשפּרייט און פאַרטריבן געוואָרן אין גלות? פאַרוואָס און דורך וועמען זיינען זיי פאַרפאָלגט געוואָרן במשך פון יאָר־הונדערטער? ווי קומט עס, אַז איבער דער וועלט טראָגט זיך אַזאַ שטאַרקע כוואַליע פונם אַנטי־סעמיטיזם היינט־צו־טאָג? וועלן די יידן צונויפגעקליבן ווערן צוריק אין פּאַלעסטינע און צי שטיצן אונטער די נבואות פון דער ביבל אַזאַ בעוועגונג? אויב ניט, וואָס זשע איז דער ריכטיקער וועג פאַר די יידן, כדי זיי זאָלן צוריק איינגעזאַמלט ווערן ווי אַ פרייע פאָלק?

[5] עס איז אָנגענומען, אַז יידן—דאָס איז די ראַסע וואָס רעדט איצט די העברעישע, יידישע און ספרדיש־יידישע שפּראַכן. פון אַברהם אָן ביז צו זיין אייניקל יעקב איז די דאָזיקע פאָלקס־ראַסע באַקאַנט געווען אונטער דעם נאָמען, העברעער. (בראשית יד:13; מעשים ו:1; קאָרינטער ב, יא:22) יהוה האָט געענדערט יעקבס נאָמען אויף ישראל. דערפאַר זיינען יעקבס אָפּשטאַמער באַקאַנט געוואָרן אויך אַלס די קינדער פון ישראל אָדער יש־ראלים. יעקב (אָדער ישראל) האָט געהאַט צוועלף זין, וועלכע

---

3. וואָס זאָגן פאָרויס די נבואות פון תנ"ך לויטן גלויבן פון די יידן און פון אַ סך ניט־יידן?
4. וואָס פאַר אַ פראַגן שטעלן זיך אויף, ווען מע באַטראַכט די פאַרגאַנגענע און די איצטיקע דערפאַרונגען פון די יידן?
5. דערקלער דעם אָפּשטאַם פון די ישראלים?

זיינען געוואָרן די ראָשים פון די צוועלף שבטים פון ישׂראל.—בראשית לב:28; לה:23–26; מט:28.

[6] הארט פאר יעקבס טויט האָט ער צונויפגערופן זיינע צוועלף זין צו זיך און יעדן געגעבן אַ נביאישע דערקלערונג. יהודה איז געווען דער פערטער און דער באַליבטער זון, און אַ ספּעציעלע בענטשונג איז אים געגעבן געוואָרן אין די פאָלגנדע ווערטער: „יהודה, דיך וועלן לויבן דיינע ברידער, ... ניט אָפּגעטאָן וועט ווערן אַ צעפּטער פון יהודה, און אַ הערשערשטאָק פון צווישן זיינע פיס, ווי לאַנג מע וועט קומען קיין שילו; און צו אים וועלן פעלקער געהאָרכן.” (בראשית מט:8–10) אָט די נבואה ווייזט, אַז דער אמתער באַפרייער פון ישׂראל וועט אַרויסקומען פון שבט יהודה. ער וועט עס זיין דער לאַנגדערוואַרטעטער משיח, דער זאָמען פון אברהם. איינער פון זיינע נעמען וועט זיין „שילו”, וואָס באַדייט דער פרידלעכער, דער אָפּרו.

[7] דער נאָמען „ייד” אָדער „יהודי” קומט פון דעם פּאַטערנאַלן נאָמען יהודה, וואָס באַדייט „לויב צו יהוה”. אַ סך גלייבן, אַז נאָר יענע וואָס שטאַמען פון יהודה זיינען די אמתע יידן, יהוה אָבער האָט אָנערקענט פאַר יידן אַלע די ישׂראלים וואָס זיינען געווען געטריי און געגלייבט אין גאָטס הבטחה צו יהודה,—אָן אונטערשייד פון וועלכן שבט זיי האָבן געשטאַמט. אַן אמתער ייד איז דער, וואָס היט דעם גלויבן פון אברהם און איז איבערגעגעבן צום דינסט און צום לויב פון יהוה.

דאָס אויסדערווײלטע פאָלק

[8] ביים פאַרווירקלעכן יהוהס כוונות האָט ער אָרגאַניזירט

---

6. וואָס פאַר אַ נביאישע בענטשונג איז געגעבן געוואָרן צו יהודה, און וואָס באַדייט זי?

7. ווער זיינען די אמתע יידן, לויט די הייליקע שריפטן?

8. (א) פאַרוואָס זיינען די קינדער פון ישׂראל אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַן אויסדערווײלט נאַציע? און דורך וואָס פאַר אַ געזעץ זיינען זיי פאַרוואַלטעט געוואָרן? (ב) ווו איז דער געזעץ־בונד איינגעפירט געוואָרן, און וואָס זיינען געווען די באַדינגונגען וועלכע די יידן האָבן געמוזט דערפילן, כדי צו געניסן פון זיינע ברכות?

די קינדער פון ישׂראל אַלס אַ ספּעציעלע, הייליקע און אויס־דערוויילטע נאַציע. ער האָט עס געטאָן צוליב אַ באַזונדער כּוונה, נעמלעך, וועגן זיין גרויסן נאָמען. משה האָט צו די יידן געזאָגט אַזוי: „וואָרום אַ הייליק פאָלק ביסטו ביי גאָט דיין האַר; דיך האָט גאָט דיין האַר אויסדערוויילט אים צו זיין פאַר אַן אייגן פאָלק, פון אַלע פעלקער וואָס אויפן געזיכט פון דער ערד.” (דברים ז:6—8) דאָס דאָזיקע פאָלק, אָרגאַניזירט ווי אַ נאַציע מיט יהוה אַלס זיין גאָט און העכסטער הערשער, האָט געהאַט אַ טיפּישע טעאָקראַטישע רעגירונג. די יידן זיינען דער־פאַר גענוצט געוואָרן אויף צו מאַכן און אויך אויסצופירן די נביאישע פאָרבילדער און די שאָטנס פון די גרעסערע זאַכן וואָס וועלן קומען. (דברים יח:15-18) משה איז באַפוילן געוואָרן צונויפצוזאַמלען די קינדער פון ישׂראל ביים באַרג סני. דאָרט האָט יהוה אויפגעשטעלט דעם געזעץ־בונד מיט זיי. דער באַדינג איז געווען: זיי וועלן געניסן די ברכות פונם בונד, אויב זיי וועלן זיין געטרייפול. ווען די תּורה און די צען געבאָטן זיינען זיי געגעבן געוואָרן, האָט יהוה דערקלערט: „זאָלסט ניט האָבן אַנדערע געטער פאַר מיין פּנים.”—שמות כ:3.

[9] גאָטס אַלע געזעצן זיינען דאָך פולקאָם,—טאָ פאַרוואָס זשע האָט גאָט געגעבן אַ פולקאָמען געזעץ צו אַן אומפולקאָמען פאָלק און געהייסן אים אָפּצוהיטן? צוליב פינף הויפּט־סבות איז דער געזעץ־בונד געגעבן געוואָרן:

(1) ער איז געווען אַ צוגאָב, אַ צייטווייליקער צוגאָב, צו יהוהס הבטחה צו אברהם, אַז „דורך אים און דורך זיין זאָמען וועלן אַלע משפחות פון דער ערד געבענטשט ווערן.”—בראשית יב:1—3; גאַלאַטער ג:19.

(2) ער איז באַנוצט געוואָרן אויף אויסצופּרוּוון די בני־ישׂראל, זיי זאָלן האָבן די געלעגנהייט אַרויסצווייזן זייער ליבע און איבערגעגעבנקייט צו יהוה.—שמות כ:20.

(3) די גוֹיישע נאַציעס אַרום די יידן האָבן פּראַקטיצירט דעמאָנישע רעליגיע; דערפאַר איז די אמתע אָנבעטונג געגעבן געוואָרן דורך דער תּורה, כּדי צו פאַרהיטן גאָטס פאָלק פון פאַרפירט צו ווערן דורך דעמאָניזם.—דברים ז:16, 25.

---

9. פאַרוואָס איז דער געזעץ־בונד געגעבן געוואָרן צו די יידן?

(4) איין מאָל נאָכן אַנדערן האָבן די יידן פאַרפעלט אָפּצו־היטן די תּורה און זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטערן איינפלוס פון דער דעמאָנישער רעליגיע און געוואָרן שקלאַפן צו די היידנישע נאַציעס. דאַן האָבן זיי געשריען צו זייער גאָט יהוה, און ער האָט זיך שטענדיק צוגעהערט צו זיי און זיי באַפרייט. וואָלטן די יידן זיך געווען אונטערגעוואָרפן צו גאָטס ווילן, וואָלטן זיי זיך איבערצייגט און מודה־געווען, אַז פאַר אַן אומ־פולקאָמען פאָלק איז אוממעגלעך אָפּצוהיטן גאָטס פולקאָמען געזעץ. אין דער ווירקלעכקייט האָט די תּורה נאָך פאַרגרעסערט דעם צושטאַנד פון זייער פאַרפלוכטער זינדיקייט און זיי געוויזן באַשיינפּערלעך די נויטיקייט פון אַן אויסלייזער און משיח.—רוימער ג:19, 20; ה:20.

(5) צו וואָס איז די תּורה געגעבן געוואָרן, ווערט אויך דער־קלערט דורכן אַפּאָסטאָל פּאָולוס, וועלכער איז געווען אַ גע־טרייער ייד: ,די תּורה איז צוגעגעבן געוואָרן מחמת די עבירות, ביז דער זאָמען וועט קומען, פאַר וועמען די הבטחה איז געגעבן געוואָרן . . . אַזוי, אַז די תּורה איז געוואָרן אונזער דערציער [לערער] צום משיח, כּדי מיר זאָלן גערעכטפאַרטיקט ווערן דורך אמונה.'—גאַלאַטער ג:19, 24.

די פאַרשטויסענע

[10] צום סוף, נאָך מער ווי 900 יאָרן פון חסד, זיינען די יידן געוואָרן גרויסע רשעים און רעבעליש. זייער לעצטער רעגירנדער מלך, צדקיהו, ,האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט. ער האָט געשפּאָט פון די נביאים וועמען יהוה האָט גע־שיקט און האָט פאַראַכטעט גאָטס ווערטער וואָס זיי האָבן גערעדט און האָט מיסגעברויכט די נביאים.' (דברי־הימים ב, לו:12־16) און דערפאַר האָט זיך גאָטס גרימצאָרן אָנגעצונדן קעגן זיי, און זיין ענדגילטיקער באַפעל איז אַרויסגעגעבן גע־וואָרן: „און דו רשע פאַרשוועכטער, דו פירשט פון ישׂראל וואָס זיין טאָג איז געקומען אין דער צייט פון דער לעצטער פאַר־זינדיקונג, . . . אַוועק די הויב! און אַראָפּ די קרוין! דאָס איז

---

10. ווען און פאַרוואָס איז דאָס טיפּישע מלכות פון די יידן פאַרניכטעט געוואָרן?

ניט מער דאָס! דאָס נידעריקע דערהייבן, און דעם הויכן דער־נידערן! אַ חורבן, אַ חורבן, אַ חורבן וועל איך עס מאַכן; יאָ, דאָס וועט מער ניט זיין, ביז עס קומט דער וועמען עס געהערט, און איך וועל עס אים געבן." (יחזקאל כא:30—32) די אַ געט־לעכע טאַט איז צושטאַנד געקומען אין 607 פ. ק.. דאָס האָט אָנגעצייכנט דעם סוף פון די יידן ווי אַ פּאָליטיש־פריי, טעאָ־קראַטיש פאָלק. זיי זיינען באַפאַלן געוואָרן דורך בבל און גענומען אין געפאַנגענשאַפט, און נאָך דעם איז ירושלים געלעגן אין חרבנות פאַר זיבעציק יאָרן.—מלכים ב, כה; דברי־הימים ב, לו.

[11] צום סוף פון דער זיבעציק־יאָריקער פאַרוויסטונג פון ירושלים האָט זיך נאָר אַ רעשט פון די געטריי־געבליבענע יידן גענומען אומקערן צו זייער היימלאַנד, און דער בית־המקדש און אויך די שטאָט ירושלים זיינען צוריק אויפגעבויט געוואָרן. מיט דער צייט זיינען די אויפגעריכטעע ישראלים אַרונטערגעפאַלן אונטער דער מאַכט פון די רבנים און זייערע מענטש־טראַדיציעס און רעליגיעזע איינריכטונגען, און די יידן זיינען געוואָרן קר־בנות פון „ראַביניזם". דאָס האָט זיי דערפירט צו אַ קאָנפליקט מיט ישוע־המשיח, און זיי האָבן אים פאַרוואָרפן און געפאָדערט, ער זאָל צוגענאָגלט ווערן צום בוים, אין יאָר 33 נ. ק.. זיבן־און־דרייסיק יאָרן שפּעטער איז ירושלים, אַזוי ווי ישוע־המשיח האָט עס פאָרויסגעזאָגט, צעשטערט געוואָרן דורך די רוימישע אַרמייען; און אין 73 נ. ק. איז די לעצטע יידישע פעסטונג, מסדה, צעשטערט און די יידן זיינען צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער ערד. אַזוי ווי זיי זיינען ניט געווען קיין ,יידן אינעווייניק' און אַזוי ווי זיי האָבן ניט געהאַט קיין ,געמלטע הערצער' דורך זייער גלויבן אינם משיח, וועמען יהוה האָט אַראָפּגעשיקט צו זיי אין זיין זון, האָט יהוה זיי אָפּגעשטויסן אַלס זיין פאָלק, און געלאָזט זיי אָן אַ בית־המקדש, כהן אָדער קרבן.—רוימער ב:28, 29; מתיא כג:37, 38.

---

11. ווען און פאַרוואָס איז די נאַטירלעכע נאַציע ישראל אָפּגע־שטויסן געוואָרן דורך יהוה גאָט?

א רעשט צונויפגעזאמלט

[12] ציז איז פון דעם, וואס די יידישע נאציע איז אינגאנצן פארשטויסן געווארן, געדרונגען, אז קיינע יידן וועלן שוין קיינמאל ניט האבן קיין שום געלעגנהייט אויף צו געווינען די ישועה און לעבן? ניין. מע דארף דערקענען די הבטחה וואס איז געגעבן געווארן יהודהן, אז: „ניט אפגעטאן וועט ווערן א צעפטער [דאס רעכט צו הערשן] פון יהודה, און א הערשערשטאק פון צווישן זיינע פיס, ווי לאנג מע וועט קומען קיין שילו; און צו אים וועלן פעלקער געהארכן”. „שילו” איז געווען איינער פון די נעמען וואס איז געגעבן געווארן צו ישוע־המשיח, וועלכער איז אויך געווען פונם שבט יהודה. אין יאר 33 נ. ק. איז ישוע־המשיח אריינגעריטן קיין ירושלים און האט זיך פארגעשטעלט אלס זייער מלך און משיח. אבער אנשטאט אויפצונעמען אים מיט פרייד, האבן זיי געפאלגט זייערע כהנים און די רבנים און אויסגעשריען: ,זאל מע אים צונאגלען; זיין בלוט זאל קומען אויף אונדז און אויף אונדזערע קינדער.’ (מתיא כא:5, 9, 42; כז:22) אבער א קליינער רעשט האט אים יא אויפגענומען און געווונען דאס, וואס איז צוגעזאגט געווארן. דער אפאסטאל פאולוס האט פעסטגעשטעלט: ,דאס, וואס ישראל האט געטון זוכן, דאס האט ער נישט דערגרייכט; נייערט די וועמען גאט האט אויסדערוויילט, האבן עס באקומען. די איבעריקע זיינען פארהארטעוועט געווארן און בלינד און זיינען געבליבן אזוי ביזן היינטיקן טאג.’—רוימער יא:7, 8.

[13] אין ליכט פון אט די פאקטן, צי איז נאך אלץ נויטיק, אז די יידן זאלן היינט־צו־טאג ווייטער היטן זייערע יום־טובים, מצוות און חוקים, פונקט אזוי ווי זיי האבן עס געטאן אין די אלטע צייטן? דער אפאסטאל ענטפערט ווידער: „ער [גאט] האט אונז מוחל געווען אלע אונזערע עבירות, מיט דעם אויס־

---

12. (א) צי האבן די יידן, נאכדעם ווי זיי זיינען אפגעשטויסן געווארן, פארלוירן אויף אייביק יעדע געלעגנהייט צו געווינען ישועה און לעבן? (ב) ווען איז זייער אמתער משיח געקומען? און ווי אזוי איז ער אויפגענומען געווארן?
13. וואס האט דער אפאסטאל פאולוס געזאגט בנוגע די היינטיקע יידישע רעליגיעזע מנהגים?

מעקן דעם שטר [געזעץ־בונד], װאָס איז געשריבן געװאָרן אין חוקים, װאָס זענען קעגן אונז, װאָס זענען דער הפוך צו אונז; און ער האָט דאָס באַזײַטיקט פון ־דעם װעג און אים צוגענאָגלט צום קרײַץ . . . דעריבער זאָל אײַך קײנער נישט משפטן װעגן עסן אָדער טרינקען, אָדער אין שײַכות פון א יום־טוב, אָדער א ראש־חודש, אָדער א שבת; װאָס זענען א שאָטן פון די זאַכן, װאָס װעלן קומען; דער גוף אָבער איז משיחס.״ (קאָלאָסער ב:13, 14, 16, 17) יענע װאָס זײַנען ,יידן אינעװײניק׳ לעבן אין די װירקלעכקײטן, און ניט אין די „שאָטנס״ פון אַמאָליקע צײַטן, און זײ טוען עס דורך גלויבן אין משיח אָדער קריסטוס.

דער ציוניזם

[14] צוליב דעם װעלט־װײטן אַנטי־סעמיטישן גײסט און צוליב די אַקציעס פון אַזוי גרופּעגע „קריסטן״ קעגן די יידן איבער דער גאַנצער װעלט, זײַנען אָרגאַניזירט געװאָרן א סך באַװעגונגען אויף צו העלפן די יידן. אין 1897 נ. ק. איז אָפּגעהאַלטן געװאָרן דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל, שװײץ, צונױפגערופן דורך טעאָדאָר הערצל, און 206 דעלעגאַטן האָבן זיך דאָרט צונױפגעזאַמלט. יענע פאַרזאַמלונג איז געװען דער אָנהויב פון דעם, װאָס איז איצט באַקאַנט אַלס די „ציוניסטישע״ באַװעגונג אויף צו „שאַפן פאַרן יידישן פאָלק א שטאַאַטס־רעכטלעך געשיצטע היים אין פאַלעסטינע״.

[15] דער צװעק פון ציוניזם איז אויפצושטעלן און אָרגאַניזירן דאָס לאַנד פון פאַלעסטינע אין א יידיש שטאַאַט, אַז עס זאָל געשאַפן װערן פאַר די יידן א שטענדיק היימלאַנד; צו דעם דאָזיקן צװעק װענדט מע זיך צו די רעגירונגען װאָס האָבן דאָרטן אינטערעסן, כדי צו באַקומען זײער אונטערשטיצונג און אונ מיט־װירקן. א סך יידישע פירערס גלײבן, אַז דער תנ״ך אונטערשטיצט זײער באַהויפּטונג—די יידן זאָלן צונױפגעזאַמלט װערן אין זײער „הייליקן לאַנד פאַלעסטינע״. פאַר א באַװײַז ציטירן זײ אַזעלכע פסוקים װי ירמיה לב:37: „זע, איך זאַמל

---

14. װען און װו איז אָרגאַניזירט געװאָרן דער ציוניזם?
15. װאָס איז דער צװעק פון ציוניזם? און װאָס פאַר א באַװײַזן פון די הייליקע שריפטן ברענגען זײ, כדי צו אונטערשטיצן זײ?

זיי איין פֿון אַלע לענדער, וואָס איך האָב זיי פֿאַרשטויסן אַהין אין מיין כּעס, און אין מיין גרים, און אין גרויס צאָרן, און איך וועל זיי אומקערן צו דעמדאָזיקן אָרט, און זיי מאַכן וווי־נען אין זיכערקייט." (זע אויך ישעיה מ:1, 2) זיי באַגרייפֿן ניט, אַז דאָס ערשטע אָדער דאָס מיניאַטור מקיים־זיין פֿון יענער הבטחה איז אָנגעוואָנדן געוואָרן צו יענעם ייִדישן רעשטל צוריקקערנדיק פֿון בבל אין 537 פּ. ק., און אַז דאָס גרעסערע אָדער דאָס פֿולע מקיים־זיין פֿון יענער הבטחה איז אָנגעוואָנדן געוואָרן צו „גאָטס ישׂראל" וואָס איז באַשטאַנען פֿון די ,ייִדן אינעווייניק' אָדער די גייסטיקע ייִדן וואָס באַפֿרייען זיך פֿון דער פֿאַרשקלאַפֿונג צו דער היינטיקער בבל־וועלט. (גאַלאַטער ו:16) פֿון און נאָך 1919 נ. ק. זיינען די דאָזיקע ייִדן צונויפֿ־געזאַמלט אין דעם ערדישן זכות פֿון גאָטס חסד אַלס זיינע עדות און שלוחים פֿון זיין מלכות, וואָס איז געוואָרן אויפֿגע־שטעלט אין די הענט פֿון זיין משיח.

[16] ווען די בריטישע אַרמיי האָט דעם 9טן דעצעמבער 1917 באַפֿרייט ירושלים פֿון די טערקן, און דער ענגלישער אויסען־מיניסטער, לאָרד באַלפֿור, האָט אַרויסגעגעבן די „באַלפֿור־דעקלאַ־ראַציע", האָבן די ייִדן געפֿילט, אַז זייערע לאַנג־אויסגעקוקטע האָפֿענונגען וועלן מקוים. די פֿעלקער־ליגע האָט אין 1922 באַ־שטימט פּאַלעסטינע דורך אַ מאַנדאַט צו די ענגלענדער. אין יענער צייט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ „ווייסער פּאַפּיר" וואָס האָט פֿאָרמולירט די פּאָליטיק פֿון דער ענגלישער רעגירונג בנוגע פּאַלעסטינע; אויך אין 1939 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ „ווייסער פּאַפּיר". דער לעצטער שטעלט פֿעסט: אַז „זיין מאַיעסטעטס רעגירונג דערקלערט, בכן, איצט אויף אַן אומ־צווייידייטיקן אופֿן, אַז ס'איז ניט קיין טייל פֿון איר פּאָליטיק, אַז פּאַלעסטינע זאָל ווערן אַ ייִדישער שטאַאַט . . . נאָר ניכער, אַז אַ ייִדישע היים אָדער געמיינשאַפֿט זאָל אויפֿגעשטעלט ווערן אויף דער טעריטאָריע פֿון פּאַלעסטינע." אין דער ווירקלעכקייט

16. (א) ווען און פֿאַרוואָס האָבן די ייִדן געפֿילט, אַז זייערע האָפֿענונגען זיינען שוין נאָענט צו פֿאַרווירקליכונג (ב) וואָס איז געווען די ענגלישע פּאָליטיק בנוגע דער ייִדישער אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע ?

איז בּיז צוּ 1946 דאָס אַזוי גערופֿענע „צוגעזאָגטע לאַנד” געװאָרן אַ לאַנד פֿון ניט־פֿאַרװירקלעכטע װעלטלעכע צוזאָגן.

[17] אַ סך פּאָליטיקער שטיצן אונטער די בּאַװעגונג צוּ בּאַײַנפֿלוסן ענגלאַנד, זי זאָל ענדערן איר פּאָליטיק פֿון בּאַגרענעצן די װײַטערדיקע אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע; האָט טאַקע דר. ישׂראל גאָלדשטיין, דער ראש פֿון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דערקלערט, אַז „פּאַלעסטינע איז אַ פֿראַגע פֿון לעבּן אָדער טויט פֿאַר די ייִדן”. די נאָכמלחמהדיקע אויפֿפֿאָדערונג, װאָס פּרעזידענט טרומאַן און אַנדערע האָבּן געמאַכט אין 1945 פֿאַר די ייִדן, איז געװאָרן אָפּגעװאָרפֿן דורך די ענגלענדער. זיי האָבּן פֿאָרגעשלאָגן, אַז די פֿאַרייניקטע פֿעלקער אָרגאַניזאַציע זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט דער דאָזיקער פֿראַגע. דער פֿאַקט, אַז געװיסע פּאָליטיש־מעכטיקע אַראַבּער האָסן די ייִדן—איז אַלעמען בּאַקאַנט. בּאַריכטן אין 1946 האָבּן פֿעסטגעשטעלט: װעלן די ייִדן איבּערגעלאָזט װערן אין אייראָפּע, װעלן פֿאָרקומען מאַסן־זעלבּסטמאָרדן; װעלן זיי געשיקט װערן קיין פּאַלעסטינע, װעלן פֿאָרקומען מאַסן־מערדערייען. די אַגיטאַציע אויף בּיידע זייטן איז געװען היציק.

װײַטערדיקע פֿאַרפֿאָלגונגען

[18] אויבּ דאָס צוריק־אײַנזאַמלען די ייִדן װאָלט געקומען פֿון יהוה גאָט, צי װאָלט ער געדאַרפֿט זיך װענדן און אַרבּעטן דורך די הערשער פֿון דער דאָזיקער װעלט (דעם שׂטנס װעלט), כּדי צוּ דערגרייכן זײַנע צװעקן? ישוּע האָט געזאָגט: „מײַן מלכוּת איז ניט פֿון דער דאָזיקער װעלט.” ס'איז אויך צוּ בּאַמערקן, אַז אין יעדן לאַנד, װוּ די ייִדן־פֿאַרפֿאָלגונגען זײַנען געװען די גרעסטע, איז געװען בּיי דער מאַכט אַ קאַטױלישע, נאַצישע, פֿאַשיסטישע אָדער אַ טאָטאַליטאַריש־קאָנטראָלירטע רעגירונג. דער גרעסטער שׂונא פֿון די ייִדן הײַנט־צוּ־טאָג איז

---

17. װאָס איז געװען דער ענגלישער ענטפֿער אויף די אויפֿפֿאָדערונגען פֿון פֿיל שטאַאַטס־מענער? און װי אַזוי זעען אַנדערע די ייִדן־פֿראַגע?

18. (א) צי װעט דאָס צונויפֿזאַמלען פֿון די ייִדן אין פּאַלעסטינע פֿאַרװירקלעכן די נבֿואות פֿון דעם תּנ”ך? (בּ) װאָס איז דער הויפּט־קװאַל פֿון אַלע אַנטי־סעמיטישע מעשׂים?

די רוימיש־קאטוילישע היעראַרכיע. פאַרוואָס? קען עמיצער פרעגן. די רעאַלע פאַקטן גיבן דערויף דעם ענטפער. די יידן זיינען אַמאָל געווען יהוהס אויסדערוויילט פאָלק טראָגנדיק זיין נאָמען. נאָך דעם, ווי זיי זיינען פאַרוואָרפן און צעשפּרייט געוואָרן, זיינען זיי געוואָרן דאָס הויפּט־צילברעט פונם שׂטנס אַנפאַלן, ווייל דעם שׂטנס צוועק און פאַרגעניגן איז צו טאַדלען, פאַרלוימדן, פאַרפאָלגן און צעשטערן יעדער פאָלק אָדער אָרגאַניזאַציע וואָס יהוהס נאָמען איז פאַרבונדן מיט זיי. די קאַטוילישע אַקציע—דאָס איז די הויפּט פּלי־זין באַנוצט דורכן שׂטן צו באַפאַלן יהוהס אוראַלטן אויסדערוויילטן פאַרבילדלעך פאָלק, און אויך אָנצופאַלן זיין היינט־צייטיקן אויסדערוויילטן קעגנבילדלעך פאָלק, נעמלעך, יהוהס עדות. אויב אין דער צוקונפט נאָך אַ סך יידן וועלן צונויפגעקליבן ווערן אין פּאַלעסטינע, וועט דאָס בלויז זיין אַ פּאָליטישער און הומאַניטאַרער אויפטו, אָבער ניט קיין געטלעכע פאַרזאָרגונג אין איינקלאַנג מיט די נביאות. גאָטס הבטחות וועגן דער צוריק־אויפשטעלונג ווערן מקוים אויף זיינע גייסטיקע יידן, יהוהס עדות, וועלכע זיינען דאָס רעשט פון די געטרייע נאָכפאָלגער פון זיין משיח.

דער פּאַסיקער וועג

[19] מיר לעבן איצט אין די לעצטע טעג פון דער אַ רשעות־דיקער וועלט, אין יענע צייט פאָרויסגעזאָגט דורך יהוהס נביא אין דניאל ב:44: „און אין די טעג פון דידאָזיקע מלכים וועט דער גאָט פון די הימלען אויפשטעלן אַ מלוכה וואָס וועט אייביק ניט צעשטערט ווערן, און די מלוכה וועט ניט איבערלאָזן ווערן צו קיין אַנדער פאָלק; זי וועט צעשטויסן און פאַרטיליקן אַלע דידאָזיקע מלוכות, און זי וועט באַשטיין אויף אייביק.״ דער ריכטיקער וועג צו גיין פאַר די היינטיקע יידן, אויב זיי ווילן ישועה און לעבן, איז צו פאַרלאָזן די רבנישע רעליגיע און אַלע פּאָליטישע באַוועגונגען און פאַרנעמען אַ שטעלונג לטובת גאָטס מלכות, און אָפּהיטן דעם גלויבן וואָס אברהם

19. ווי אַזוי קען דער ייד געווינען רעטונג און לעבן אין דער איצטיקער צייט?

און די נביאים האָבן אַנטפּלעקט. „איר זאָלט אייך ניט פאַרזיכערן אויף פירשטן, אויף אַ מענטשנקינד וואָס ניטאָ ביי אים קיין הילף.“ (תהלים קמו:3) זוך דעם וועג וואָס איז פאַרזאָרגט געוואָרן דורך יהוה און צו אים זאָלסטו זיך ווענדן. „וואָרום איטלעכער וואָס וועט רופן דעם נאָמען פון גאָט, וועט געראַטעוועט ווערן.“—רוימער י:12, 13.

[20] די פאַקטן און די נביאות ווייזן, אַז די נאַטירלעכע יידן וועלן שוין קיינמאָל ניט זיין קיין אויסדערוויילט און צוריקאויפגעזאַמלט פאָלק. אַלס אַ פאָלק האָבן זיי אויף אַן אומווירדיקן אופן אָפּגעוואָרפן דעם משיח, זיין אמת און זיין מלכות. פאַלש איז די האָפענונג, אַז זיי מוזן צונויפגעזאַמלט ווערן צוריק קיין פאַלעסטינע און מאַסנהאַפט באַקערט צו ישוע־המשיח נאָך פאַר זיין צווייטן קומען, און פאַר אַ סמן פון זיין פריען אויפשטעלונג פון זיין מלכות. גאָטס מלכות איז איינגעשטעלט געוואָרן אינם יאָר 1914 נ. ק., און דעמאָלט איז ישוע־המשיח געקומען צו דער מלכות־מאַכט, ביי דער רעכטער האַנט פון זיין פאָטער; און געשען איז דאָס אָן קיין מאַסנהאַפטן באַקערן פון די נאַטירלעכע יידן צו דעם משיח. אַ סך פון זייערע לידן האָבן זיי אויף זיך אַליין געבראַכט צוליב זייערע מאַטעריאַליסטישן און רעבעלישן דרך פון האַנדלונג. זיי וועלן שטענדיק זיין אַ צילברעט פאַר דעם שׂטן און זיינע שלוחימס אָנפאַלן, ביז וואַנען די שלאַכט פון הר־מגדון וועט ניט אויסרייניקן די ערד פון אַלע קעגנערס פון משיח־קריסטוס. און דערפאַר איז זייער איינציקע האָפענונג צו אָנערקענען יהוהס משיח, ישוע־המשיח, און אַזוי אַרום קומען אונטערן שוץ פון זיין מלכות.

---

20. ווען וועלן זיך פאַרענדיקן די פאַרפאָלגונגען פון יידן? און וואָס איז די איינציקע קוואַל פון שוץ פאַר זיי?

קאפיטל 17

ווער זיינען יהוהס עדות?

אומעטום רעדט מע קעגן יהוהס עדות. פארוואס? ווייל שלעכט אינפארמירטע און פארורטיילטע מענטשן זיינען די סבה. ביי יעדן וויכוח זיינען דא צוויי צדדים. די ערלעכע מענטשן וואס זיינען אויפריכטיק ווילן וויסן דעם אמת. פרעגן זיי, בכן: „ווער זיינען עם יהוהס עדות?" ווענן דעם איז יעדער באַרעכטיקט אויסצוהערן דעם צד פון יהוהס עדות גופא. יעדע אויפריכטיקע פערזאן וועט מסכים־זיין, אז יהוהס עדות קענען די פאקטן פון דעם באַריכט בעסער פעסטשטעלן, איידער איינער, וואס קעמפט קעגן זיי. און טאקע, כדי מע זאל קענען משפטן אן פארורטייל, געבן מיר דא די פאקטן לויטן באַריכט וואס איז צוגענגלעך פאר אלעמען.

² יהוהס עדות—דאס איז א קערפערשאפט אדער א גרופע פערזאנען, וואס האבן זיך געווידמעט צו טאן דעם רצון פונם אלמעכטיקן גאט, אונטער דער אנפירונג פון זיין זון, ישוע־המשיח. זיי זיינען צונויפגעצויגן געווארן מיטן צוועק צו דער־קלערן, אז דער איינציקער, וואס זיין נאמען איז י ה ו ה, איז דער אוניווערסאלער אויבערהערשער, אז ער איז דער מחבר און דער באשעפער פון דער אייביקער הימלשער רעגירונג פון גע־רעכטיקייט אויף דער ערד, און צו אט דעם אלמעכטיקן גאט האט ישוע־המשיח געלערנט זיינע תלמידים מתפלל־זיין. זיי ווייזן אן יעדן איינעם דעם איינציקן וועג צום דאזיקן מלכות, וואס וועט אויף שטענדיק פארנעמען דאס ארט פון אלע היינט־

1. (א) וואס וויל יעדער ערלעכער מענטש וויסן וועגן יהוהס עדות? (ב) ווער איז מער פאסיק צו דערציילן די פאקטן וועגן יהוהס עדות?

2. ווער זיינען עם די יהוהס עדות? און צוליב וועלכן צוועק האבן זיי זיך צוזאמענגעצויגן?

ציטיקע רעגירונגען אויף דער ערד, ווען זיי וועלן צעשטערט ווערן אין יהוהס שלאכט ביי הר־מגדון.

3 הגם יהוה גאט האט געהאט זיינע עדות אויף דער ערד במשך פון כמעט זעכציק יארהונדערטער, האבן זיי זיך צו־זאמענגעצויגן און ארגאניזירט פאר זייער ארבעט אין א וועלט־פארנעם ערשט אין די מאדערנע צייטן. אין 1872 (נ. ק.) האט טשארלז טייז ראססעלל, אין אלעגעני, לעבן פיטסבורגה, פענסיל־וואניע, אמעריקע, אנגעהויבן א ביבל־קלאס וואס איז זיך תמיד צונויפגעקומען אויף צו לערנען די הייליקע שריפטן וועגן יהוהס מלכות און דעם צווייטן אנקום פון ישוע־המשיח. במשך פון די ווייטערדיקע עטלעכע יארן זיינען ענלעכע גרופעס פון תנ"ך־תלמידים מיט די זעלבע אינטערעסן, ארגאניזירט געווארן איבער גאנץ פאריייניקטע שטאטן. אין אנטשפרעכנדער צייט זיינען אזעלכע קלאסן צו שטודירן די ביבל געגרינדעט געווארן אויך אין אנדערע לענדער. די דאזיקע קלאסן האבן באנוצט דעם זעלבן לערן־פלאן וואס איז אויסגעארבעט געווארן דורכן הויפט־קוואטיר אין די פאריייניקטע שטאטן, און אזוי ארום זיינען פאריייניקט געווארן אלע ביבל־שטודירער איבער דער גאנצער וועלט אין איין גייסט וועגן דעם, וואס דער אלמעכטיקער גאט לערנט דורך זייןווארט.

4 מיט דער צייט האבן ספעציעלע פארטרעטער אין א סך לענדער אנגעהויבן צו פארשפרייטן פון טיר־צו־טיר די גע־דרוקטע לערן־פארשונגען אין תנ"ך, וואס זיינען באנוצט געווארן דורך אזעלכע שטודירער מיטן צוועק צו פארברייטערן די פארשטענדעניש פון דער ביבל צווישן אלע פעלקער. דער פועל־יוצא איז געווען: עס זיינען אזוי געגרינדעט געווארן נאך אנדערע שולן אדער שטודיר־געמיינשאפטן איבער דער גאנצער ערד. פון דעמאלט אן זיינען יהוהס עדות געווארן און זיינען

3. (א) ווי לאנג שוין האט יהוה זיינע טעטיקע עדות צווישן מענטשן? (ב) ווען און ווי אזוי האט זיך אנגעהויבן אין די נייע צייטן דאס ארגאניזירן זיך פון יהוהס עדות?
4. (א) ווי אזוי זיינען אנדערע אריינגעצויגן געווארן צו פאר־שטיין די ביבל־אמתן און ווי אזוי האבן זיי געהאלפן נאך אנ־דערע דאס צו פארשטיין? (ב) ווי ווייט האט זיך פארשפרייט און פארמערט די ארבעט און די ארגאניזאציע?

ווייטער אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע. מע קען זיי גע־פינען אין יעדער נאַציע אונטער דער זון.

[5] אין 1884 נ. ק. איז די געזעצלעכע דינסט־קערפּערשאַפט פון דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפט אינקאָרפּאָרירט געוואָרן לויטן פּענסילוואַניער געזעץ. די דאָזיקע קערפּערשאַפט, אָן שום פּראָפיט־צוועקן, איז די וואַכטטורעם ביבל־ און טראַקטאַט געזעלשאַפט, און דער קאָנטראָלירנדיקער אָרגאַן פון יהוהס עדות זיינען פון דעמאָלט אָן פאַרבונדן געוואָרן אויף אַן אומצע־טרענטן אופן. אין 1909 איז די קאָרפּאָרירטע הויפּט־קוואַטיר פון דער געזעלשאַפט אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון פּיטסבורגה קיין ניו יאָרק (ברוקלין), און דעמאָלט איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ באַהילפיקע צדקה־קאָרפּאָראַציע, און זי איז באַנוצט אויף אָנצופירן מיט דער פאַרעפנטלעכונגס אַרבעט פון יהוהס עדות איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס איז די ניו יאָרקער געזעל־שאַפט וואָס איז איצט באַקאַנט אַלס די וואַכטטורעם ביבל־ און טראַקטאַט געזעלשאַפט, אינק.. אין אַנדערע לענדער ווערן באַנוצט אַנדערע פאַרבינדעטע קאָרפּאָראַציעס, למשל, די אינטערנאַציאָ־נאַלע ביבל־פאָרשער געזעלשאַפט אין ענגלאַנד און אין קאַנאַדע.

זייער נאָמען

[6] זינט דעם אָנהייב פון זייער מאָדערנער אָרגאַניזאַציע האָט מע יהוהס עדות גערופן מיט פאַרשיידענע נעמען. זייערע שונ־אים און ניט־אינפאָרמירטע לייט האָבן זיי פאַלש געהאַלטן פאַר אַ „סעקטע", און אָנגערופן זיי ראָססעלליטן, „טויזנט־יאָר אָנ־הייבער, ראָטהערפאָרדיסטן, א. אַ. וו.. כאָטש די דאָזיקע דינער פון אַלמעכטיקן גאָט האָבן כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט אַליין ניט גענוצט קיין שום אייגנאַרטיקן נאָמען און זיי האָבן גערעדט וועגן זיך אַליין פּשוט אַלס קריסטן, האָבן זייערע פריינד און אַנדערע פאַרינטערעסירטע פּערזאָנען זיי גערופן „ביבל־פאָר־

5. וועלכע איז די געזעצלעכע דינסט־קערפּערשאַפט פון יהוהס עדות, מיט עפּעס פון איר געשיכטע?
6. (א) מיט וועלכע פאַלשע נעמען האָט מע אין די נייע צייטן גערופן יהוהס עדות, און דורך וועמען? (ב) וועלכער ריכטיקער נאָמען איז זיי געגעבן געוואָרן, דורך וועמען, און פאַרוואָס?

שערס" אָדער „אינטערנאַציאָנאַלע ביבל־פאָרשערס". אין 1931 האָבן זייערע דעלעגאַטן פון פיל לענדער זיך צונויפגעזאַמלט אויף אַ צוזאַמענקונפט אין אַמעריקע, און באַשלאָסן, אַז זיי ווילן זיין באַקאַנט און גערופן ווערן מיטן נאָמען, וואָס דאָס מויל פון גאָט דעם האר האָט אָנגערופן, נעמלעך, יהוהס עדותי: „איר זייט מיינע עדות, זאָגט גאָט [יהוה]." (ישעיה מג:10; מד:8) נאָך דעם האָבן אַלע אָרטיקע קהלות אָדער צווייגן פון יהוהס עדות איבער דער גאַנצער ערד ארויסגעזאָגט זיך, אַז זיי אָנערקענען דעם דאָזיקן פון גאָט געגעבענעם נאָמען. (זע דעם 1941 יאָרבוך פון יהוהס עדות [ענגליש], זייטן 30־35.) אין די לעצטע יאָרן האָבן, באמת, אַזעלכע מענער ווי ט. ט. ראַסעלל און דזש. פ. ראַטהערפאָרד, פראָמינענט אָנטייל גענומען אין דער דאָזיקער ארבעט וואָס נעמט ארום די גאַנצע וועלט, אַלס יהוהס עדות, פונקט אַזוי ווי אין די גאָר אַלטע צייטן האָבן ישוע־המשיח, פאַולוס, פעטרוס, יוחנן־המטביל, משה, אברהם, נח, הבל, און אַ סך אַנדערע, פראָמינענט אָנטייל גענומען אין דער ארבעט אַלס יהוהס עדות. און דאָך איז קלאָר סיי פון די שריפטן, סיי פון די פאַקטן, אַז בלויז דער אַלמעכטיקער גאָט יהוה אַליין האָט געגרינדעט און באַפעלט אָדער פאַראָרדנט זיינע עדות, און ווי אַ באַווייז דערפון האָט ער זיי געגעבן זיין נאָמען.—ירמיה טו:16.

דער אופן פון פרעדיקן

[7] די מעטאָדע פון לערנען און פרעדיקן, וואָס ווערט באַנוצט דורך יהוהס עדות, איז גאָר פשוט. דאָס הייסט, זיי באַנוצן זיך מיט דער אָריגינעלער מעטאָדע פון פרעדיקן, וועלכע איז איינגעשטעלט געוואָרן דורך יהוהס גרויסן עדות, ישוע־המשיח. ער און זיינע אַפּאָסטאָלן האָבן געפרעדיקט אין דער עפנטלעכקייט און פון הויז־צו־הויז. (מעשים כ:20) יעדער אמתער קריסטלעכער שליח פון דער בשורה איז מחויב נאָכצוגיין אין זייערע

7. (א) ווי אַזוי און לויט וועמעס ביישפיל פרעדיקן יהוהס עדות? (ב) פאַרוואָס פרעדיקן יהוהס עדות אויפן דאָזיקן פשוטן אופן, און מיט וואָס אונטערשיידן זיי זיך פון די גייסטלעכע ווען זיי טוען אַזוי?

פוסטריט און מוז פרעדיקן אויפן זעלבן אופן. (פעטרוס א, ב:21; לוקאַס כד:48; מעשים א:8; י:39־42) יהוהס עדות ברענגען די בשורה צום פאָלק, און דערמיט אונטערשיידט זיך זייער פרעדיקונג פונעם פרעדיקן פון די רעליגיעזע גייסטלעכע, וועלכע פאָדערן די מענטשן זאָלן קומען צו זיי און זיצן ביי זייערע פיס, כדי מע זאָל צו זיי קענען דרשענען.

8 יהוהס עדות פטרן ניט קיין צייט און געלט אויף צו בויען גרויסע קירכן־געביידעס, כדי צו פאַרבעטן דעם עולם צו זיך צו הערן זיי פרעדיקן. דערפאַרונג און סטאַטיסטיקן באַווייזן, אַז ניט אַלע מענטשן קען מע דערגרייכן אויף דעם אופן, ווייל ניט אַלע ווילן קומען צו אַזעלכע געביידעס. איבער אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג אין אַ סך לענדער געהערט ניט צו קיין שום רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע. מיליאָנען פון די וואָס געהערן צו קירכעס פון די גייסטלעכע קומען אַהין ניט. אָבער אַ סך פון די וואָס אויסוויילן ניט צו קומען צו די גייסטלעכע, זיינען דאָך געניגנג פאַרינטערעסירטע אינעם אמת וועגן דעם וואָרט פון אַלמעכטיקן גאָט, און זיי נעמען אויף די בשורה אין זייערע הייזער ווען זי ווערט געבראַכט צו זיי דורך אַ שליח פונעם האַר ישוע־המשיח. דערפאַר אָרגאַניזירן יהוהס עדות אומזיסטע ביבל־קורסן אין די הייזער פונעם פאָלק. זיי גייען אַפילו נאָך ווייטער: זיי געבן דעם פאָלק די געלעגנהייט צו באַקומען די בשורה אין עפנטלעכע פלעצער און אויף די גאַסן. אָט אַזוי, איבער דער גאַנצער וועלט, שטייען יהוהס עדות טעגלעך, און אין געדרוקטער פאָרם באָטן זיי אָן דאָס וואָרט פון לעבן צו די מענטשן בעת זיי באַוועגן זיך אין די גאַסן.—מעשים יז:17־־22.

9 אין זייער פרעדיקונג־אַרבעט באַנוצן יהוהס עדות ביכער און ביכלעך, און דאָס איז פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די

8. (א) פאַרוואָס בויען ניט יהוהס עדות קיין טייערע טעמפלען און קאַטעדראַלן אויף צו נוצן זיי פאַר זייער פרעדיקן? (ב) ווו נאָך ווערן באַדינט יענע וואָס האָבן ניט קיין געלעגנהייט צו באַקומען די בשורה פון יהוהס עדות אין זייערע הייזער?

9. (א) אין זייער פרעדיקן, פאַרוואָס און אָנשטאָט וואָס, באַנוצן יהוהס עדות די ליטעראַטור? (ב) צי פאַרקויפן יהוהס עדות די געדרוקטע אויסגאַבעס וואָס זיי פאַרשפּרייטן, און אויב ניט, ווי אַזוי גייט אָן זייער אַרבעט ווייטער?

מענטשן. אַזעלכע אויסגאַבעס אַנטהאַלטן אין זיך די אמתן פון דער ביבל אין אַ דויערהאַפטער פאָרמע, כּדי די פאַרינטערעסירטע פּערזאָן זאָל זי קענען שטודירן צו יעדער צייט. היינט־צו־טאָג קענען זיך אַזוינע מענטשן ניט דערלויבן איינצולאַדן דעם גייסטלעכן צו פאַרברענגען מיט זיי שעהן־לאַנג און גאַנצע טעג אַפילו, אַזוי ווי ס'איז געווען דער מנהג מיט יאָרהונדערטער צוריק און אין די ניט גאָר אַלטע צייטן. די ליטעראַטור, וואָס יהוהס עדות באַנוצן, דאַרף פאַרטרעטן די מינדלעכע דרשה אָדער די ביבל־דרשה, וואָס נאָר פאַר ווייניקע איז עס צו־גענגלעך. די ליטעראַטור ווערט ניט געדרוקט און פאַרשפּרייט צוליב עגאָיסטישן מאַטעריעלן נוצן, אָדער כּדי צו דערגרייכן גרויסע פּראָפיטן. אין דער ווירקלעכקייט ווערט די ליטעראַטור פאַרשפּרייט אויפן יסוד פון פרייוויליקעביישטייערונגען. די פּערזאָנען וועלכע קענען ניט ביישטייערן פאַר דער אַרבעט, אָבער זיי זיינען פאַרינטערעסירט אין איר, קענען באַקומען די ליטעראַטור אומזיסט אָדער אויף אַזעלכע באַדינגונגען, ווי זיי פאַרלאַנגען, כּדי עס צו באַקומען. (קאָרינטער א, ט:11־14) די ביישטייערונגען וואָס מע באַקומט בעתן פאַרשפּרייטן די ליטעראַטור, ווערן באַנוצט אויף צו דעקן טיילווייז די הוצאות פון אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן נאָך מער ענלעכע ליטעראַטור. דער דעפיציט ווערט געדעקט דורך יהוהס עדות.

[10] יעדער איינער פון יהוהס עדות איז אַ שליח פון דער בשורה. דער וואָס פּרעדיקט די בשורה ניט לויטן שטייגער פון ישוע־המשיח, באַלאַנגט ניט צו יהוהס עדות. דער פאַקט אַליין וואָס איינער זאָגט, אַז ער איז אַ שליח, באַווייזט נאָך ניט, אַז ער איז טאַקע אַ שליח. דאָס איינציקע וואָס יאָ דערווייזט, אַז איינער איז אַ שליח, איז אויב זיין פּרעדיקונג איז אין הסכּם מיט גאָטס אַנטפּלעקטן וואָרט. יהוהס עדות—דאָס איז אַ געזעל־שאַפט פון שלוחים. אַלס אַ קערפּערשאַפט זיינען זיי אַ מיסיאָ־נערישע גרופּע. דאָס איז אַ גרופּע פון עוואַנגעליסטן, וו אַלע זיינען שלוחים, פּונקט אַזוי ווי די מיטגלידער אין דער ערשטער

10. (א) פאַרוואָס איז יעדער יהוה־עדות אַ שליח? (ב) פון וועלכער גרופּע איז יעדער פון יהוהס עדות אַ טייל, און וועמען און וו באַדינט ער?

קהלה פון די אַפּאָסטאָלן און תלמידים פון ישוע־המשיח זיינען געווען שלוחים,—יעדער און אַלע. (מעשים ב:44־־47; ה:42) יעדער אַקטיווער שליח האָט אין זיין געמיינשאַפט אַ גרופּע מענטשן פון גוטן־ווילן, און ער באַדינט זיי אין זייערע הייזער, אין דער טעריטאָריע וואָס איז פאַר אים באַשטימט. אַזאַ שליח גייט צו די מענטשן; זיי ברויכן אים ניט אויפזוכן, כּדי צו דערוויסן זיך וועגן גאָטס מלכות.

11 היינטיקע יהוה־עדות גייען ניט אין קיין שום טעאָלאָגישן סעמינאַר אָדער רעליגיעזע אוניווערסיטעטן אויף צוצוגרייטן זיך צו זייער שליחות; אַזוי איז אויך געווען מיט ישוע־המשיח און זיינע אַפּאָסטאָלן אָדער אַנדערע פון יהוהס עדות, וועלכע האָבן אויסגעפירט זייער גאָט־געגעבענע שליחות במשך פיל יאָרהונדערטער, אַפילו פאַר ישוע־המשיחס צייטן אויף דער ערד. היינט־צו־טאָג, דענאָך, באַקומען יהוהס עדות אַ פּאַסיקן און אַ רעגולערן לערן־ און איבונגס־קורס איידער זיי ווערן באַשטימט אַלס מיניסטאָרן פון יהוה גאָט און ישוע־המשיח. יעדע קהלה אָדער גרופּע פון יהוהס עדות לערנט נאָר מיט רעגולערע קורסן אויף צו לערנען די שלוחים און די שטודענטן וואָס גרייטן זיך צו צו דער שליחות. דאָס הויפּט לערן־בוך איז די ביבל. אַנדערע ביכער און לערן־קורסן, פריי פון אַלע רעליגיעזע טראַדיציעס און דאָגמעס, ווערן פאַרזאָרגט, כּדי צוגרייטן דעם שטודענט פולשטענדיק פאַר די גוטע אַרבעטן פון דער שליחות וואָס ער גרייט זיך צו אונטערנעמען. נאָך מער, אמתע פּראַקטיק אין דער שליחות ווערט פאַרזאָרגט דעם שטודענט אונטער דער אויפזיכט פון אַ ריפן שליח, כּדי זיין שולונג זאָל זיין פולקאָם.

12 כאָטש די שול־קלאַסן פאַר די שלוחים און שטודענטן, וואָס גרייטן זיך צו דער שליחות, קאָמען פאָר כּסדר, דאַרף דער שטודענט פאַרברענגען אַ היפּשע צייט ביים גרייטן זיך צו

---

11. (א) ווי אַזוי און פאַרוואָס ווערן יהוהס עדות צוגעגרייט צו אַרבעטן אַלס שלוחים? (ב) ווו און פון וועלכע לערנביכער באַקומען יהוהס עדות זייער אונטעריכט?

12. (א) במשך פון וואָס פאַר אַ צייט ווערט איינער קוואַליפיצירט צו זיין אַ שליח, אַלס איינער פון יהוהס עדות? (ב) וואָס פאַר אַ פאָדערונגען שטעלט מע צו דעם, וואָס נעמט זיך דינען אַלס איינער פון יהוהס עדות?

דער שליחוּת, איידער ער ווערט פוּלשטענדיק פאַרטיק פאַר דעם. טייל שטוּדענטן דערווייזן זייערע פעיקייטן שנעלער איידער אַנדערע. פאַר אַנדערע געדויערט דאָס באַקוּמען די נויטיקע קענטעניש אַ סך מאָנאַטן און ביי אייניקע אַפילוּ יאָרן; אַנדערע, ווידער, קענען דערגרייכן די נויטיקע אינפאָרמאַציע במשך פוּן עטלעכע חדשים. די לענג פוּן דער נויטיקער צייט איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פוּנם שטוּדענטנס פלייס און פעיקייט. אין יעדן פאַל מוּז דער שטוּדענט דערווייזן, אַז ער איז געהייליקט צוּם יהוה צוּ טאָן זיין רצון אוּנטער דער פירערשאַפט פוּן ישוּע־המשיח, און אַז ער איז פעיק צוּ לערנען און צוּ פּרעדיקן. די דאָזיקע עיקר־פאָדערוּנג איז וויכטיק, איידער דער שטוּדענט ווערט אָנערקענט און אַרויסגעשיקט אַלס אַ רעגוּלער־באַשטימטער שליח פוּן יהוהס עדות.—טימאָטעאוּס ב, ב:24, 25.

פּאַראָרדענוּנג

13 יעדער אַזאַ שליח וואָס ווערט אַרויסגעשיקט באַקוּמט זיין פאַראָרדענוּנג אָדער אויטאָריטעט אין דער ערשטער ריי פוּן יהוה גאָט. (ישעיה סא:1, 2) ישוּע־המשיח איז פאַראָרדנט געוואָרן אויף אַן ענלעכן אוֹפן גלייכצייטיק מיט זיין טבילה אינעם טייך ירדן. (לוּקאַס ד:17־19) דאָך באַקוּמט יעדער שליח אַ גוּט־זאָגוּנג פוּן דער קאָרפּאָרירטער געזעצלעכער דינסטקערפּערשאַפט פוּן יהוהס עדות. די דאָזיקע באַשטעטיקוּנג ווייזט אויס, אַז ער איז באַפוּלמעכטיקט צוּ פּרעדיקן, און אַז ער האָט באַקוּמען זיין פאַראָרדענוּנג אינעם געוויינלעכן סדר אין הסכם מיט די פאָרשריפטן פוּן דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַזירט אויף דער ביבל.

14 די שליח־טעטיקייט באַגרענעצט זיך ניט בלויז צוּ דערוואַקסענע מענטשן אָדער צוּ זקנים. פרויען, פּוּנקט אַזוי ווי מענער, זיינען באַרעכטיקט אָנטייל צוּ נעמען אינעם עפנטלעכן

---

13. (א) דוּרך וועמען און ווי אַזוי ווערן יהוהס עדות באַפוּלמעכטיקט צוּ פּרעדיקן? (ב) וואָס פאַר אַן ערדישן באַווייז וועגן דעם רעכט צוּ פּרעדיקן באַזיצן זיי?

14. צוּ וועמען ווערט געווענדט דער רוּף צוּ ווערן שלוּחים און געשאָנקן די פּריווילעגיע צוּ פּרעדיקן אַלס יהוהס עדות?

דינסט אויף די גאַסן און פֿון הויז־צו־הויז. (יואל ב:28, 29; מעשׂים ב:16—18) יונגע לייט איז ניט נאָר דערלויבט צו פּרעדיקן, נאָר מ׳לאַדט זיי אַפילו איין צו טאָן אַזוי. (תהלים קמח: 12, 13) אַלע קינדער פֿון יהוהס עדות דאַרפֿן דערצויגן ווערן אין מוסר און וואָרנונג פֿונעם האַר, און זיי דאַרפֿן דערצויגן ווערן צו דער שליחות אין די יינגסטע יאָרן. דאַן, ווען זיי האָבן באַקומען אַ גרינטלעכע שולונג, מעג מע זיי דערלויבן צוטרעטן צו דער שליחות, אויב זיי ווינטשן, כאָטש זיי זיינען נאָך קינדער אָדער יונגע לייט. בולטע ביישפּילן פֿון די עלטעסטע צייטן ווי שמואל, ירמיה און טימאָטעאוס,—זייער טרייהייט אַלס יהוהס עדות, בעת זיי זיינען געווען נאָר גאָר יונג, איז אַ באַווייז, אַז עס איז גאַנץ פּאַסיק קינדער זאָלן אויפֿטרעטן אַלס שלוחים. (שמואל א, א:24; ב:11; ג:1; ירמיה א:4־7) פּאָולוס דער אַפּאָסטאָל דערקלערט, אַז ער האָט אַרויסגעשיקט טימאָטעאוסן אַלס אַ שליח. (קאָרינטער א, ד:17) טימאָטעאוס איז באַויפֿטראָגט געוואָרן דורך פּאָולוסן, ער זאָל קיינעם ניט לאָזן חוזק־מאַכן פֿון זיך צוליב זיין יונגטלעכקייט.—טימאָטעאוס א, ד:12.

[16] הגם דאָס דרוקן און פֿאַרטיילן די ליטעראַטור, וואָס ווערט באַנוצט דורך יהוהס עדות, קאָסט אַ סך מער איידער דער סכוםביישטייערונגען וואָס מ׳באַקומט, ווערט די אָרגאַניזאַציע אויסגעהאַלטן דורך פּרייוויליקע שפּענדן פֿון יהוהס עדות און פֿון מענטשן פֿון גוטן־ווילן. דער שליח וואָס אַרבעט נאָר אַ טייל פֿון זיין צייט טראָגט ביי צו דער וואַכטורעם געזעלשאַפֿט דעם קאָסטן פֿון דער ליטעראַטור וואָס ער טיילט פֿונאַנדער, און ער אַליין נעמט צונויף די ביישטייערונגען, כּדי צו העלפֿן דעקן די הוצאות פֿון דער ליטעראַטור־פֿאַרשפּרייטונג. דער שליח, וואָס אַרבעט די פֿולע צייט, ווערט באַזאָרגט מיט ליטעראַטור פֿאַר

15. (א) פֿון וואַנען באַקומען יהוהס עדות דאָס געלט, וואָס זיי באַנוצן אויף אויסצופֿירן זייער אַרבעט? (ב) ווי אַזוי האַלטן זיך יהוהס עדות אויס, בעת זיי פּרעדיקן, אַ טייל מיט אַ פֿולער אַרבעטס־צייט און אַנדערע נאָר מיט אַ טיילווייזער אַרבעטס־צייט?

וויינציקער ווי איר קאָסטן, כּדי די בּיישטייערונגען וואָס ער בּאַקומט זאָלן דעקן זיינע פּאַרשפּרייט־הוצאות און אויך העלפן אים צו בּאַזאָרגן זיך מיטן נויטווענדיקן, כּדי זיך אויסצוהאַלטן. דער דאָזיקער בּיבּלישער און אַפּאָסטאָלישער מנהג פּאָולוס בּאַשרייבּט אין קאָרינטער א, ט:7־14. די שלוחים וואָס אַרבּעטן פולע צייט אַלס בּאַזונדער מיסיאָנאַר־אַרבּעטער אַלס יהוהס עדות מעגן, חוץ דעם, בּעטן בּיי דער וואַכטורעם געזעלשאַפט יעדן חודש אַ אומוויכטיקע הוצאה וואָס זאָל זיי שטיצן אין זייער ספּעציעלער אַרבּעט.

[16] יהוהס עדות שטרעבּן ניט אָפּצושמדן די גאַנצע וועלט. ניט עס איז זייער צוועק און ניט עס איז זייער פליכט אָפּצושמדן צו דער קריסטנשאַפט יעדן מענטשן אויף דער ערד. אין דער אמתן דערקענען זיי, אַז עס איז אוממעגלעך אָפּצושמדן צו דער קריסטנשאַפט יעדן רשעותדיקן און גאָטלאָזן מענטשן. זיי בּאַמיען זיך נאָר צו העלפן גיין אין דער ריכטונג פון אַלמעכטיקן גאָט—אַלע יענע מענטשן, וואָס בּאַזיצן אַ גוטן־ווילן און אַ אויפריכטיק האַרץ, טאַקע אַזוי ווי גאָט אַליין עצהט. (תהלים צז:11) עס וואָלט געווען אוממעגלעך אויפצושטעלן גאָטס הערלעך מלכות, אויבּ דאָס וואָלט געווען אָפּהענגיק פונם בּאַקערן די גאַנצע וועלט, ווייל עס זיינען פאַראַן אַ סך וואָס וועלן קיינמאָל ניט פאַרנעמען זייערע שטעלונג לטובת יהוה און זיין מלכות, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די בשורה זאָל געפּרעדיקט ווערן צווישן זיי און אויף ווי לאַנג און עקשנותדיק. די אָנזאָגונגען וואָס יהוהס עדות גיבּן אָפּ בּנוגע גאָטס מלכות און דעם אופן, ווי אים צו דערגרייכן, זיינען בּלויז אַ צייגעניש אָדער אַ עדות, געווענדט צו אַלע מענטשן, צו די רשעים פונקט ווי צו די גערעכטע. יעדער וואָס האָט אַ גוט האַרץ וועט אָננעמען די שליחות. די חוזק־מאַכערס און גאָטלאָזע וועלן אָפּוואַרפן די בּשורה, פאַר ניט ווערט מע זאָל איר גלויבּן.

---

16. (א) בּאַמיען זיך יהוהס עדות בּאַקערן די גאַנצע וועלט צו די קריסטנשאַפט, און, אויבּ ניט, פאַרוואָס ניט? (ב) וואָס בּאַצוועקן יהוהס עדות מיטן טראָגן די בּשורה צו די מענטשן?

[17] טייל מענטשן זיינען קעגן יהוהס עדות פּרעדיקן אום זונ־טאָג, אין דעם געוויינלעכן רו־טאָג פון „קריסטנטום”, און דאָך פּרעדיקן יהוהס עדות ווייטער אום זונטאָג, פּונקט אַזוי ווי ישוע און זיינע אַפּאָסטאָלן און תּלמידים האָבן עס געטאָן אינם יידישן שבת־טאָג. עס איז אַ העכסט־געווונטשענער טאָג אויף צו טאָן די דאָזיקע שליחות־אַרבעט פון הויז־צו־הויז, ווייל מע קען דעמאָלט אַ סך מער געפינען אינדערהיים. און, ווי ישוע האָט געזאָגט, עס איז געזעצלעך צו טאָן גוטס בעתן רו־טאָג שבת. (לוקאַס ו:6־9) די גייסטלעכע באַנוצן דעם טאָג אויף צו פּרעדיקן פון זייערע קאַנצלס, אָבער יהוהס עדות באַנוצן דעם זעלבן טאָג אויף אַ גאָר פּאַסיקן אופן—צו פּרעדיקן פון טיר־צו־טיר. דאָס וואָס זיי באַקומען ביישטייערונגען פון אַ טייל מענ־טשן, וועמען זיי באַזאָרגן מיט ליטעראַטור, באַדייט נית, אַז זייער אַרבעט באַשטייט אין אַ מין סוחרישן האַנדל אָדער פּעד־לעריי, פּונקט אַזוי ווי דאָס זעלבע קען מע נית זאָגן וועגן דעם גייסטלעכן מאַכנדיק אַ געלט־זאַמלונג בעת דער זונטאָגדיקער גאָטס־דינסט. דערפאַר האָבן נית די געזעצן, וואָס פאַרבאָטן צו פאַרקויפן אום שבת אָדער אום זונטאָג, קיין שייכות צו דער פּרעדיקונג־אַרבעט פון יהוהס עדות.

[18] אָפט וואַרפט מע פאַלשע באַשולדיקונגען לגבי יהוהס עדות, אַז זיי זיינען קעגן קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן, יידן א. אַ. וו.. יהוהס עדות זיינען נית קעגן קיין שום פּערזאָן בלויז דער־פאַר, וואָס ער איז אַ קאַטויל, אַ פּראָטעסטאַנט, אָדער אַ ייד. זיי זיינען נית קעגן קיין שום פּערזאָן צוליב זיין רעליגיע. יעדער מענטש מיט אַ גוטן־ווילן לגבי דעם אַלמעכטיקן גאָט יהוה

17. (א) פאַרוואָס פּרעדיקן יהוהס עדות פון הויז־צו־הויז אום זונטאָג? (ב) ווי אַזוי דערווייזט מע, אַז אַזאַ מין טעטיקייט אום זונטאָג באַדייט נית, אַז יהוהס עדות ברעכן דאָס געזעץ קעגן פּעדלעריי און האַנדל אום זונטאָג?

18. (א) צי טרעטן יהוהס עדות אַרויס קעגן קאַטאָליקן און אַנדערע רעליגיעזע פּערזאָנען צוליב די אונטערשיידן אין גלויבן און, אויב נית, וואָס זשע איז די שטעלונג פון יהוהס עדות לגבי אַזעלכע פּערזאָנען? (ב) ווי אַזוי האַנדלען יהוהס עדות לגבי די פאַלשע טעאָריעס און מנהגים פון אַלע רעליגיעס, און מיט וואָס פאַר אַ רעזולטאַט?

ווערט געליבט פֿון יהוהס עדות, אָן אונטערשייד פֿון ראַסע, גלויבן אָדער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט. זיי ווייזן אַרויס זייער ליבשאַפֿט אומפּאַרטייִיש, און טראָגן פֿון טיר־צו־טיר די אמת־דיקע בשׂורה וועגן דעם אופֿן צו דערגרייכן אייביק לעבן אונטער גאָטס מלכות. דער אַפּאָסטאָל האָט דערקלערט, אַז דאָס איז דער ריכטיקער אופֿן צו דערוועקן אַנדערע צו ליבשאַפֿט. (יידן י:24, 25) אָבער פֿון דער אַנדערער זייט, גרייפֿן יאָ אָן יהוהס עדות אָט די פֿאַלשע פּרינציפּן פֿון אַלע רעליגיעס און זיי דעמאַס־קירן אַזעלכע טעאָריעס און די מענטישע טראַדיציעס דורכן אמת פֿון גאָטס וואָרט, די ביבל. זיי גרייפֿן אָבער ניט אָן די אומשולדיקע מענטשן פֿון גוטן־ווילן, וועלכע זיינען געוואָרן בלינד אָדער געפֿאַנגען, ווייל זיי האָבן זיך פֿאַרלאָזט אויף פֿאַלשע לערעס פֿון וועלכער ס'איז רעליגיע. זייער דאַנקבאַרקייט פֿאַר דער ליבשאַפֿט, וועלכע יהוהס עדות שענקען זיי, ווייזן די פּערזאָנען מיט גוטן־ווילן אַרויס דורך שטודירן די ביבל צוזאַמען מיט יענע עדות. דאָס דעמאַסקירן רעליגיעזע פֿעלערן און דאָס אַנטפּלעקן די ביבל־אמתן וועט אַוודאי ניט שטערן יענע ערלעכע פּערזאָנען וואָס ווילן דינען גאָט.

[19] יהוהס עדות פֿירן ניט קיין מיטגלידער־רשימה אַזוי ווי די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס טוען עס, דאָך ווערט די פּרעדיקונג־אַרבעט פֿון אַלע יהוהס עדות יאָ פֿאַרצייכנט. יעדער איינער שטעלט צו אַ רעגולערן באַריכט פֿון זיין פּרעדיקונג־אַרבעט, און די וואַכטורעם אָרגאַניזאַציע פֿירט אַ פֿאַרצייכעניש פֿון דער אַרבעט וואָס ווערט אָפּגעטאָן דורך יעדן פֿון אירע שלוחים. נאָכמער, דאָס איז ניט אַזאַ מענטשישע אָרגאַניזאַציע, וואָס מע זאָל קענען אַריינטרעטן אין איר, און גלאַט אַזוי זיך אָנשליסן די יהוהס עדות. יהוה גאָט ציט צו זיינע דינער צו זיך. (יוחנן ו:44) ווען עמיצער פֿון די צוגעצויגענע פֿאַרבינדט זיך מיט

19. (א) נעמען יהוהס עדות אַריין מיטגלידער, אַזוי ווי דאָס טוען רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, און וואָס פֿאַר אַ באַריכטן פֿירן זיי יאָ? (ב) איז עס מעגלעך צו ווערן אַ מיטגליד פֿון אַן ערדישער אָרגאַניזאַציע אונטער דער פֿאַרוואַלטונג פֿון יהוהס עדות, און ווי אַזוי קען זיך איינער לאָזן דערקענען אַלס איינער פֿון זיי און מיט נאָך אַנדערע פֿון יהוהס עדות?

גאָטס דינערס אויף דער ערד, דעמאָלט אָנערקענט די וואַכטורעם געזעלשאַפט אַזאַ נייעם דינער. די אָרגאַניזאַציע באַפולמעכטיקט אים צו פּרעדיקן אויף דער טעריטאָריע וואָס ווערט פאַר אים פּאַסיק אויסגעטיילט. דאָס פאַרבלייבן מיט יהוהס עדות ווייזט יעדער אַרויס דורך זיין אַרבעט אַלס אַ שליח. דער וואָס טוט ניט פּרעדיקן אויף אַן אַקטיוון אופן ווי איינער פון יהוהס עדות, איז ניט מיט דער אָרגאַניזאַציע. אַזוי לאַנג ווי איינער פּרעדיקט מיט דער אָרגאַניזאַציע אויף אַן אַקטיוון אופן, ווערט ער אָנערקענט ווי איינער וואָס איז מיט איר.

האָפענונגען און אויסזיכטן

[20] ניט אַלע יהוהס עדות דערוואַרטן אַריינצוקומען אין הימל. פאַרוואָר, נאָר אַ קליינער טייל, אַ „קליינע סטאַדע" פון זיי דערוואַרטן עס. (לוקאס יב:32) דער אַלמעכטיקער גאָט, וואָס זעצט אַריין אַלע מיטגלידער אין זיין אָרגאַניזאַציע אַזוי ווי ס'איז אים ווילגעפעלן, האָט באַגרענעצט די צאָל פונעם „קערפּער פון משיח" צו 144,000, און אָט די מיטגלידער וועלן הערשן צוזאַמען מיט ישוע־המשיח אין גאָטס מלכות־שמים. נאָר אַ קליינער רעשט, גענוג אויף צו פאַרפולן דעם דאָזיקן קערפּער, פאַרבלייבט איצט אויף דער ערד. אַ מחנה געטרייע פּערזאָנען אָן אַ צאָל אַרבעטן איצט אַלס יהוהס עדות, און טיילמאָל רופט מע זיי—זיינע „אַנדערע שאָף", אָדער די „יהו־נדבס", ווייל זיי זיינען פּאָרויסגעזען געוואָרן דורך יהונדבן, דעם חבר פון דעם מלך יהוא. (יוחנן י:16; מלכים ב, י:15—28; ירמיה לה:8, 18, 19) זיי דערוואַרטן ניט צו קומען אין הימל אַריין. זיי איז צוגעזאָגט געוואָרן אייביק לעבן דאָ אויף דער ערד, איינגעשלאָסן איז דאָס זכות צו באַהערשן, באַשיינען און באַפעלקערן די ערד אויב זיי וועלן, אַלס יהוהס עדות, דערווייזן זייער טרייהייט צו אים פאַר דער שלאַכט פון הר־מגדון. די יהונדבס זיינען יהוהס עדות, אפילו ווען זיי זיינען ניט פון דעם

---

20. (א) דערוואַרטן אַלע יהוהס עדות צו גיין אין הימל אַריין? און וואָס פאַר אַ צוקונפטיקע דינסט־אויפגאַבע דערוואַרטן צו באַקומען פונם אַלמעכטיקן גאָט יענע וואָס וועלן ניט אַריין אין הימל? (ב) ווער זיינען די יהונדבס? זיינען זיי יהוהס עדות, און פאַרוואָס?

רעשט פון דעם „קערפּער פון משיח", פּונקט אַזוי ווי די געטרייע מענער און פרויען זיינען געווען זיינע עדות איידער דער „קערפּער פון משיח" האָט אָנגעהויבן צונויפגעשטעלט ווערן דורכן אַלמעכטיקן גאָט מיט ישוע־המשיח בראש. (יידן קאַפּיטל יא; און יב:1) אַזוי ווי יעדע פּערזאָן, וואָס איז גע־הייליקט צו טאָן דעם רצון פונם אַלמעכטיקן גאָט אַלס אַ נאָכ־פאָלגער פון ישוע־המשיח, און וואָס ווירקט אַלס אַן עדות פון יהוה, קען מע מיט רעכט אָנרופן איינער פון יהוהס עדות, קומט אויס, אַז זיינע „אַנדערע שאָף" אָדער די יהונדבס זיינען אויך יהוהס עדות.

[21] דער וואָס פאַרבינדט זיך מיט יהוהס עדות אָדער ווערט איינער פון יהוהס עדות קען ניט און דאַרף ניט דערוואַרטן צו באַקומען קיין שום זעלבסטזיכטיקן נוצן. ער אַליין באַקומט ניט קיין שום נוצן לויט די פינאַנס־סטאַנדאַרטן אין דער וועלט אָדער געזעלשאַפטלעכן פּרעסטיזש, ווען ער ווערט איינער פון יהוהס עדות. פאַרוואָר, ער מוז זיך אָפּשיידן פון אַלע אַזוינע סטאַנדאַרטן און ערדישע אַמביציעס, כדי ער זאָל ווערן איינער פון יהוהס עדות און וואַקסן אין דעם חסד פונעם אַלמעכטיקן גאָט. (יוחנן טו:18־21) אָבער דאָס וואָס איינער פון יהוהס עדות באַקומט ניט קיין ערדישע געווינסן אָדער צייטווייליקע פּריווילעגיעס, באַדייט ניט, אַז ער פּערזענלעך באַקומט ניט קיין נוצן ווען ער ווערט איינער פון יהוהס עדות.

[22] אין מאַטעריעלן זינען זאָגט גאָט צו צו זיין געטרייען דינער נאָר זיין טעגלעך ברויט, אָדער די פּשוטע באַדערפענישן צום לעבן; דערפאַר אָבער ווערט ער באַשאָנקען מיט אַ סך גייסטיקע ברכות, אַפילו נאָך איידער גאָטס מלכות וועט אַרויס־שטויסן אינגאַנצן די קאָמערציעלע אָרגאַניזאַציע פון דער איצ־טיקער וועלט. די וויכטיקסטע פון די דאָזיקע בענטשונגען איז

---

21. וואָס פאַר אַ מאַטעריעלן נוצן דאַרף קיינער ניט דערוואַרטן ווען ער ווערט איינער פון יהוהס עדות?

22, 23. (א) ביז צו וואָס אַ פאַר אַ מדרגה, נאָך פאַר הר־מגדון, ווערט צוגעזאָגט דורכן אַלמעכטיקן גאָט און געגעבן אַ מאַטע־ריעלע פאַרזאָרגונג צו יענעם וואָס פאַרפליכט זיך אים צו דינען? (ב) וועלכע עטלעכע נוצן און באַפרידיקונגען ווערן געשאָנקען דעם, וואָס דינט יהוהן אויף אַ געטרייען אופן?

די הויכע פּריווילעגיע צו זיין אַן אַמבאַסאַדאָר פֿונעם אַלמעכטיקן גאָט און פֿון זיין אייביקער טעאָקראַטישער רעגירונג, און באַקאַנט צו מאַכן צווישן אַלע מענטשן איר גערעכטיקייט. נאָך אַנדערע נוצן זיינען: די פֿרייד פֿון „יאָגן זיך' נאָך דעם האַרס פֿאַרלוירענע שאָף און „פֿישן' נאָך זיינע מענטשן פֿון גוטן־ווילן; דערציען די אַ מענטשן אין מוסר און וואָרנונג פֿונעם האַר ביז זיי וועלן דערגרייכן דעם פֿולן מצב פֿון אַ יהוה־עדות; אויך די אינערליכע באַפֿרידיקונג ביים געדאַנק, אַז מ'איז פֿריי פֿון די שרעקן, פֿאַרגעניגנס און לאַסטן פֿון דער איצטיקער רשעותדיקער וועלט, וועלכע דער אַלמעכטיקער גאָט וועט צעשטערן בעת הר־מגדון; דאַן קומט אויך די קענטעניש, אַז מע גייט אויפֿן וועג פֿון אמתדיקייט און גערעכטיקייט וואָס פֿירט צו אייביקן לעבן. נאָכמער, ער וועט האָבן דאָס גליק צו זען דאָס אויפֿשטיין פֿון די טויטע אונטער גאָטס מכות. מיטן כּוח פֿונעם אַלמעכטיקן גאָט, וואָס ער האָט געגעבן אין די הענט פֿון ישוע־המשיח, וועלן אַלע טויטע, וועלכע זיינען ניט געשטאָרבן אין רשעות, אויפֿשטיין תּחית־המתים אויף דער ערד, נאָכן הר־מגדון, און באַקומען די געלעגנהייט צו דערווייזן זייער געטריישאַפֿט צו יהוה און זיין מלכות.

23 און צום סוף, און העכער פֿון אַלע אַנדערע נוצן, וועט קומען די באַפֿרידיקונג צו זען זיין הימלישן פֿאָטערס נאָמען און געזעץ ווערט רעכטפֿאַרטיקט דורך אייביקער צעשטערונג פֿונעם שׂטנס וועלט פֿון רשעות צוזאַמען מיט אַלע אירע שטיצער. און נאָך דעם וועט קומען: אַז יהוה, דורך זיין מלך און זון, ישוע־המשיח, וועט איבערנעמען די פֿולע אומבאַשטרייטבאַרע אויטאָריטעט און אויבערהערשאַפֿט אויף דער גאַנצער ערד. דאָס וועט אויף אייביק פֿאַרזיכרן אַלע זיינע געטרייע עדות און דינער איבער דער גאַנצער ערד, אַז זיי וועלן קענען פֿריי און אין פֿולער פֿאַרערונג דינען יהוה.

קאַפּיטל 18

סאַלוּטן און פּאָליטיק

אין דער איצטיקער נאָך־מלחמהדיקער תּקופה וועלן די פאַרשיידענע וועלטלעכע רעגירונגען זיך באַמיען, אַז אַלע מענטשן זאָלן שטיצן די פאַראייניקטע פעלקער אָרגאַניזאַציע. זייערע שטרעבונגען צו פאַראייניקן אַזוי אַרום די מענטשן, וועלן פירן צו דעם, אַז פּאָליטישע סכסוכים, פּאָליטישע פליכטן און פּאָליטישע סאַלוט־צערעמאָניעס פון די נאַציעס וועלן דערהויבן ווערן צו אַ העכערע מדרגה פון וויכטיקייט און אינטערעס. און ווי געוויינלעך, וועלן אַזוי אַלע מענטשן אויפגעפאָדערט ווערן פון די הערשער אָנטייל צו נעמען אין די דאָזיקע אַקטי־וויטעטן. זיי וועלן ניט נעמען אין באַטראַכט, אַז געוויינלעך זיינען אַמבאַסאַדאָרן און מיניסטאָרן, וועלכע וווינען אין אַזעלכע נאַציעס, ניט מחויב אונטערצוּוואַרפן זיך צו אַזעלכע פליכטן. (התגלות יג:15־17) געוויסנהאַפטע פּערזאָנען וועלן זיך אָפּזאָגן צו נעמען אָנטייל אין די פּאָליטישע, קאָמערציעלע און רעליגיעזע אַקטיוויטעטן, און דערפאַר טאַקע וועלן זיי מוזן ענטפערן אויף אַ צאָל אינטערעסאַנטע פראַגן. לאָמיר דאָ פּרוּוון פּאָרויסזען אַ טייל פון די פראַגן און אויסגעפינען אויף זיי די ריכטיקע תּשובות אין דער ביבל, כּדי צו געפינען דעם אויסדרוק פון גאָטס רצון בנוגע די דאָזיקע וויכטיקע אַנגעלעגנהייטן.

[2] אַ מיניסטער איז איינער, וואָס פירט אויס אַ שליחות אין וועלכן ס'איז אַמט. אַן אַמבאַסאַדאָר איז אַ מיניסטער פון אַ

---

1. וועמעס קאָ־אָפּעראַציע וועלן וועלטלעכע רעגירונגען דערוואַרטן און פאָדערן במשך פון דער נאָך־מלחמהדיקער תּקופה, און פאַרוואָס, און מיט וועלכן רעזולטאַט?

2. (א) ווער זיינען די דיפּלאָמאַטישע מיניסטאָרן און אַמבאַסאַ־דאָרן? (ב) פאַרוואָס און פאַר וועמען זיינען יהוהס עדות אַמבאַסאַדאָרן און מיניסטאָרן?

הויכן ראַנג, און אין מאָדערנע צייטן איז ער כּמעט תּמיד אַ שטענדיקער אַגענט פון אַ פרעמדער רעגירונג. סיי דער מיניסטער סיי דער אַמבּאַסאַדאָר דינען זייער הערשער אין אַ פרעמדן לאַנד. יהוהס עדות פון היינטיקן טאָג זיינען די מיניסטאָרן און די אַמבּאַסאַדאָרן פונם מלכות פון אַלמעכטיקן גאָט, פון זיין טעאָקראַטישער רעגירונג אונטער ישוע־המשיח. די הייליקע שריפטן ווייזן קלאָר, אַז דער נאָכפאָלגער פון ישוע־המשיח איז אַן עדות פון יהוה און ווי אַזעלכער איז ער אַ מיניסטער אָדער אַמבּאַסאַדאָר פון גאָטס מלכות. (קאָרינטער ב, ה:20; עפעזער ו:20. פאַרגלייך מיט ירמיה מט:14 און עובדיה א) אַזוי ווי יהוהס רעגירונג איז איינגעשטעלט אויף אייבּיק און איז די גרעסטע פון אַלע רעגירונגען, דרינגט ממלא פון דעם, אַז אירע שלוחים אָדער אַמבּאַסאַדאָרן דאַרפן האָבּן די זעלבּע רעכט און אויסנאַם־פּריווילעגיעס ווי די מיניסטאָרן פון דער איצטיקער וועלט האָבּן עס.

[3] אַן אַמבּאַסאַדאָר פון אַ פרעמדער גרויסמאַכט איז לויט די געזעצן פון דער היינטיקער וועלט בּאַפרייט פון צאָלן שטייערן און פון אַ טרייהייט־שבועה צו דער רעגירונג פון דעם לאַנד וווּ ער וווינט. ער איז פריי פון יעדן סאָרט פּאָליטישע פליכטן. די נאַציע וווּ ער וווינט האָט ניט קיין רעכט אַרויפצוצווינגען אויף אים קיין שום פאָרשריפטן וואָס זאָל בּאַשווערן אָדער בּאַשרענקען אין זיין אַמט דאָס דערפילן זיינע אייגנטלעכע פליכטן. נאָכמער, צוליבּ ענלעכע מאָטיוון ווערן רעליגיעזע גייסטלעכע בּאַפרייט פון די רעגירונגס־פליכטן וואָס ווערן געוויינלעך אַרויפגעלייגט אויף אַלע מענטשן. דער אורזאַך פאַר אַזעלכע פּריווילעגיעס קומט פון דעם, וואָס אַזעלכע טעטיקייטן פון די גייסטלעכע בּרענגען געוויסע נוצן און פאָרצוגן פאַר דער בּאַפעלקערונג און צו דער רעגירונג, און דאָס בּאַפרייט די רעגירונג פון בּאַשטימטע אַרבּעטן און פאַראַנטוואָרטלעכקייטן. דאָס פרעדיקן האָט אַזאַ איינפלוס אויפן פאָלק, האַלט מע, אַז דאָס איז אַ צושטייער צו זיין וווילשטאַנד און מאָראַל, און דאָס איז גענוג

---

3. (א) פון וואָס זיינען געוויינלעך אַמבּאַסאַדאָרן און מיניסטאָרן בּאַפרייט? און פאַרוואָס? (ב) צי זיינען יהוהס עדות בּאַרעכטיקט צו פאָדערן אַזאַ מין פּריווילעגיע, און אויבּ יאָ, פאַרוואָס?

גוט און ווערטפול אויף צו באַרעכטיקן די אַלע דערמאָנטע אויסנאַם־פּריווילעגיעס. יהוהס עדות, וועלכע פּרעדיקן די איינציקע בשורה וועגן אמתער האָפענונג פאַרן פאָלק, זיינען באַרעכטיקט צו פאַרלאַנגען, אַז זיי זאָלן באַקומען די זעלבע פּריווילעגיעס וואָס מע שענקט אַלע מיניסטאָרן פון רעליגיע.

[4] דער יהוה־עדות ווידמעט זיין צייט, ענערגיע און זיין לעבן אויסשליסלעך אויף צו דינען דעם אַלמעכטיקן גאָט. ער טרעט אַריין אין אַ בונד אָדער אָפּמאַך מיטן אַלמעכטיקן גאָט, כּדי אויסצופירן געטריי זיין גאָט־געגעבענע פּרעדיקונג־טעטיקייט, אַזוי לאַנג ווי ער לעבט—ניט אָפּצוטרעטן שוין קיינמאָל צוריק פון דאָזיקן וועג. ווען ער זאָל זיך אָפּקערן אין אַ זייט פון די אָנגעצייכנטע פליכטן און באַשעפטיקט זיך אין דינסט צו אַן אַנדער הערשער און נעמט אָן אַנדערע אַרבעטן, וואָס זיינען אָנגעצייכנט דורך דעם ציווילן שטאַאַט, אָדער ווען ער זאָל זיך אָפּהאַלטן פון דער פּרעדיקונג צוליב זיין אונטערוואַרפן זיך אונטער די ווילקירלעכע באַפעלן אָפּצושטעלן זיין טעטיקייט, וואָלט דאָס געווען אין די אויגן פון יהוה ווי אַ פאַרברעך קעגן זיין בונד. אַזעלכע בונד־ברעכערס, האָט גאָט דערקלערט, פאַרדינען דעם טויט. (רוימער א:31, 32; מעשים ג:23) אַזוי ווי קיינער קען ניט פאַרענטפערן פאַר גאָט דעם שליח פון דער בשורה, ווען ער איז ניט געטריי ביים אויספירן זיינע בונד־פאַרפליכטונגען צו יהוה, אַזוי קען קיינער ניט מיט רעכט פאַרלאַנגען פון אַזאַ מיניסטער, אַז ער זאָל ברעכן דעם דאָזיקן בונד מיט יהוהן. די גרויסמוטיקע אויסנאַם־פּריווילעגיעס, וואָס ליבעראַלע רעגירונגען שענקען די מיניסטאָרן, פאַרמיידן אַזעלכע מין שווערע סיטואַציעס.

[5] היות יהוה האָט אויסגעוויילט זיינע עדות פון אויס דער

4. (א) צו וועמען און צו וואָס זיינען געווידמעט די צייט, די ענערגיע, און דאָס לעבן פון יהוהס עדות, און פאַרוואָס? (ב) וואָס איז דער רעזולטאַט פונם אויפגעבן דעם בונד פון אַ יהוה־עדות, און פאַרוואָס קען קיינער זיי ניט צווינגען אויפגעבן דאָס?
5. (א) צי קענען יהוהס עדות אָנטייל נעמען אין וועלטלעכער פּאָליטיק, און פאַרוואָס? (ב) ווי אַזוי און דורך וועמען איז געגעבן געוואָרן דער ביישפּיל צו פאָלגן פאַר יהוהס עדות אין דעם דאָזיקן פּרט?

וועלט, אַז זיי זאָלן זיין אַמבאַסאַדאָרן צו די מענטשן אויף דער ערד אין נאָמען פון זיין קעניגרייך, זיינען זיי, בכן, ניט קיין טייל פון דער דאָזיקער וועלט. אַזוי ווי זיי האָבן געשוואָרן טריישאַפט צום אַלמעכטיקן גאָט און זיין קעניגרייך, באַטייליקן זיי זיך דעריבער ניט אין די לאָקאַלע, נאַציאָנאַלע אָדער אינטערנאַציאָנאַלע וואַלן אָדער אין דער פּאָליטיק. פון אָט די זאַכן זיינען זיי באַפרייט דורך דעם געזעץ פון אַלמעכטיקן גאָט, וועלכער באַפעלט זיי „צו האַלטן זיך אומבאַפלעקט פאַר דער וועלט". (יעקב א:27) פּונקט אַזוי ווי ישוע־המשיח און זיינע תּלמידים, וועלכע האָבן געוויזן אַ ביישפּיל נאָכצופאָלגן, —געפינען זיי זיך אויך אויף דער אַ וועלט, אָבער זיי זיינען ניט קיין טייל פון דער וועלט. (יוחנן יז:16, 17; טו:17־19) נאָך אַ סבה איז דאָ, פאַרוואָס זיי האַלטן זיך אָן אַ זייט פון דער וועלט: דער שטן איז דער אומזעבאַרער הערשער דאָ, און זיי ווייסן, אַז צו זיין אַ פריינד פון דער וועלט—מיינט ארויס־רופן פיינטשאַפט פון אַלמעכטיקן גאָט.—קאָרינטער ב, 4:4; יוחנן א, ה:19; יעקב ד:4.

מיליטער־דינסט באַפרייונג

6 די פּרעדיקונג־טעטיקייט פון יהוהס עדות אַלס מיניסטאָרן באַרעכטיקט זיי צו פאָדערן מע זאָל זיי באַפריין פון אַ מיליטערישער שולונג און פון דינסט אין די באַוואָפנטע קרעפטן אין די נאַציעס אין וועלכע זיי וווינען. דער אויסנאַם־סטאַטוס פון יהוהס עדות באַפרייט זיי אפילו פון אויספירן אַזעלכע רעגירונגס־אַרבעטן, וועלכע ווערן געפאָדערט פון יענע, וואָס זיינען געוויסנספולע איינוווענדער פון מיליטערישער דינסט סיי אויפן פראָנט און סיי ניט אויפן פראָנט, ווייל יהוהס עדות זיינען שלוחים פון דער בשורה און זיינען ניט סיי רעליגיעזע, פּאָליטישע אָדער אַקאַדעמישע פּאַציפיסטן. זיי באַהויפּטן אויף נייטראַלקייט און אויף די רעכט פון נייטראַלע, דערפאַר ווייל

6. (א) וועלכע טעטיקייט פון יהוהס עדות באַרעכטיקט זיי צו פאָדערן די לעגאַלע באַפרייונג פון מיליטער־דינסט? (ב) וועלכע מאָטיוון גיבן די יהוה־עדות אָן פאַר זייער באַהויפּטונג וועגן געזעצלעכע באַפרייונג?

זייער סטאַטוס איז אַזאַ ווי—אַמבאַסאַדאָרן פונעם מלכות פונעם אַלמעכטיקן גאָט. דאָס איז געווען די זעלבע שטעלונג וואָס ישוע־המשיח און זיינע תּלמידים האָבן פאַרנומען. (יוחנן יח:36) אויסער דעם, אַזאַ שטעלונג האָבן פאַרנומען די ערשטע קריסטן אין רוים, וועלכע זיינען געוואָרפן געוואָרן צו די לייבן דורך די דעספּאָטישע הערשער.

[7] דאָס פאָלקאָמע און העכסטע געזעץ פונם אַלמעכטיקן גאָט האָט שטענדיק געזאָרגט, אַז זיינע מיניסטאָרן זאָלן זיין פריי פון אויסערגעוויינלעכע דינסטן אינם ציווילן שטאַאַט. באמת, אינם ערשטן מיליטער־דינסט־געזעץ פון די יידישע נאַציע, דורך וועלכן זיינע מענער זיינען מאָביליזירט געוואָרן צוליב מלחמה, איז געווען איינגעשלאָסן אַ ספּעציעלע פאָרשריפט באַפרייענדיק די כהנים און לויים וואָס האָבן אויסגעפירט אַקטיוו זייערע אַמטלעכע פליכטן. אוודאי האָבן די יידן געמוזט פאָלגן אַלע פונקטן פון יענעם מאָביליזאַציע־געזעץ, ווייל זייער רעגירונג איז דאָך געווען אַ טעאָקראַטישע און די מאָביליזאַציע גופא איז געמאַכט געוואָרן אויפן באַפעל פון גאָט. (במדבר א:47‏-54; ב:33; כו:62) און גייענדיק מיטן וועג פון דעם דאָזיקן פּרעצעדענט, האָבן די ציוויליזירטע נאַציעס, האַלטנדיק זיך פאַר קריסטלעכע, באַפרייט זינט יאָרהונדערטער זייערע גייסטלעכע פון מיליטערישער דינסט. היינט־צו־טאָג האָט איינער פון די פירנדע מיטגלידער פון דער פאַרייניקטע נאַציעס אָרגאַניזאַציע, נעמלעך, די פאַרייניקטע שטאַאַטן פון אַמעריקע, דערקלערט, אַז יהוהס עדות איז אַן אָנערקענטע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע, און אַז אירע מיניסטאָרן זיינען באַפרייט פון שולונג און דינסט אין די באַוואָפנטע קרעפטן.

[8] פאַראַן נאָך אַ מאָטיוו, צוליב וועלכן יעדער שליח פון

7. (א) דורך וועמען און וואָס איז צוערשט באַזאָרגט געוואָרן פאַר גאָטס מיניסטאָרן די באַפרייונג פון מיליטער־דינסט און פון ציווילע דינסט־פליכטן? (ב) האַלטנדיק זיך ביי אָט דעם מוסטער, ווי אַזוי דאַרפן האַנדלען די אויפגעקלערטע נאַציעס פון היינטיקער צייט?

8. וועלכע אַנדערע מאָטיוון שטיצן דעם שטאַנדפונקט פון אַן אַקטיוון יהוהס־עדות, ווען ער פאַרלאַנגט באַפרייונג פון מיליטער־דינסט?

אַלמעכטיקן גאָט, אַלס אַ נאָכפאָלגער פון ישוע־המשיח, פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל באַפרייט ווערן פון מיליטערישער שולונג און דינסט: ער געפינט זיך דאָך אין דער אַרמיי פון ישוע־המשיח, און דינט ווי אַ זעלנער פון ישוע־המשיח, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן פאַרן הויפט־באַפעלער דורך יהוהן. (טימאָטעאוס ב, ב:3, 4) און אַזוי ווי די מלחמה־כלי־זין פון ישוע־המשיחס זעלנער איז ניט לויט נאָך דעם פלייש נאָך, דערלויבט אים ניט זיין הויפט־באַפעלער אָנגרייפן אין דער דאָזיקער וועלט מיט דער מלחמה־פירונג נאָך דעם פלייש נאָך. (קאָרינטער ב, י:3, 4; עפעזער ו:11־18) נאָך מער, איז ער איינגעמאָלדן אינם חיל פון ישוע־המשיח, קען ער ניט אַנטלויפן פון יהוהס חיל און נעמען אויף זיך די פליכטן פון אַ זעלנער אין וועלכער ס'איז אַרמיי אויף דער אָ וועלט, און ניט זיין שולדיק אין דעזערציע און דערפאַר לײדן די שטראָף, וואָס איז דורכן אַלמעכטיקן גאָט אָנגעצייכנט פאַר די דעזערטערן.

[9] דער פאַקט וואָס געוויסע אַדמיניסטראַטיווע באַאַמטע אַנטזאָגן זיך ווילקירלעך און לויט זייער קאַפּריזן איינזען צו שענקען יהוהס עדות יענע פּריווילעגיעס אויף וועלכע זיי באַהויפּטן, באַווייזט ניט בשום אופן, אַז אַ מיניסטער וואָס פּרעדיקט אויף באמת און אַקטועל—איז ניט קיין מיניסטער. אַזאַ מין ווילקירלעכער אַדמיניסטראַטיווער אָפּזאָג אין די פאַרלאַנגטע באַפרייונג קען ניט אויפליזן אָדער גאָר מבטל־מאַכן זיין פאַקטישן מיניסטער סטאַטוס. אין אַזעלכן פאַל, ווען די שלעכט־אינפאָרמירטע און פאָרורטיילטע באַאַמטע ווענדן אָן זייער שלעכט־באַגריפענע פּריוואַטע מיינונג ווי אַ באַרעכטיקונג פאַר אַזאַ מין אָפּזאָג, דאַן פאַרגוואַלטיקן זיי פשוט דאָס געזעץ. אַזעלכע זיינען עס וואָס האַנדלען פאַלש, און ניט דער שליח וועלכער באַשטייט אויף זיין באַפרייונג, וואָס איז אים געזיכערט דורכן געזעץ פון לאַנד און דורכן געזעץ פון אַלמעכטיקן גאָט. אַפילו די העכערע געריכטן, ווען מ'האָט פאַר זיי פאָרגעבראַכט צו באַטראַכטן די האַנדלונג פון אַזעלכע ווילקירלעכע באַאַמטן, האָבן דערקלערט,

9. ווי אַזוי האָט מע באַהאַנדלט די אמתע פאָדערונגען פון געוויסע יהוהס עדות, און מיט וועלכן רעזולטאַט?

אַז יהוהס עדות זיינען באַרעכטיקט צו פונקט אַזאַ באַהאַנדלונג און ריקזיכט, אַזוי ווי עס באַקומען די געוויינלעכע אָרטאָדאָקסי־שע גייסטלעכע, כּדי אַזוי אַרום אָפּצוהיטן גלייכע גערעכטיקייט אונטער געזעץ.

[10] יענע אַלע וואָס זיינען קלאַסיפיצירט געוואָרן אַלס מיניס־טאָרן פון רעליגיע, אַלץ איינס צי דאָס זיינען אָרטאָדאָקסישע גייסטלעכע צי יהוהס עדות, האָבן אוודאי צוליב זייער באַפרייונג פון אויספירן מיליטער־דינסט, מיט קיין זאַך ניט געהאָלפן (מיט טראָגן וואָפן) צו געווינען די לעצטע וועלט־מלחמה. דאָך, מיט זייער פּרעדיקונג־טעטיקייט האָבן יהוהס עדות במשך דעם קריג יאָ באַדינט די מענטשן פון אַלע נאַציעס און זיי אַ סך געשטאַרקט און געטרייסט. און קיין שום אָרענטלעכער מענטש קען ניט דערווייזן, אַז זיי האָבן ניט געטאָן פאַר דער טובה פון פאָלק אַזוי פיל, ווי די געוויינלעכע גייסטלעכע האָבן געטאָן. פון שטאַנדפּונקט פון דער ביבל, האָבן יהוהס עדות געטאָן און זיי טוען ווייטער אַ סך אויף צו פאַרלייכטערן די גייסט־ליידנדיקע, און העלפן די וואָס האָבן פאַרלוירן דורך טויט זייערע טייערע, און לינדערן די גייסטיקע יסורים פון די פאַרוואונדעטע. דאָס אַלץ האָבן זיי געטאָן און טוען ווייטער דורך דעם, וואָס זיי ברענגען צו יעדן הויז פון אַלע נאַציעס די טרייסט־בשורה פון דעם קעניגרייך פון אַלמעכטיקן גאָט. דורך דעם מין וווילטוענדע טעטיקייט האָבן זיי אונטערגעהאַלטן און האַלטן נאָך אונטער דעם גוטן מוט, דעם גלויבן און די האָפענונג פון מיליאָנען, אַלץ איינס צי זיי קומען אין קירך הערן אַ גייסטלעכן אָדער צי ניט. און דערפאַר באַקומט זיך, אַז די מענטשן זיינען געהאָלפן געוואָרן דורך דער אַרבעט פון יהוהס עדות במשך דער לעצטער מלחמה אין אַ גרעסערער מאָס, איידער דורך דער אַרבעט פון די רעליגיעזע גייסטלעכע.

---

10. (א) מיט וואָס האָבן יהוהס עדות געהאָלפן די מענטשן במשך פון מלחמה־צייט, און מיט וועלכן רעזולטאַט? (ב) ווי אַזוי לאָזט זיך אין דעם פּרט פאַרגלייכן די אַקטיוויקייט פון יהוהס עדות—מיט דער אַקטיוויקייט פון די גייסטלעכע?

קעגן יעדן מין פאַרגעטערונג

[11] נאָכדעם ווי די נאַצים זיינען געקומען צו דער מאַכט אין דייטשישן רייך, איז, ווי אַ טייל פון זייער פּלאַן צו קאָנטראָלירן דאָס פאָלק, אויפגעצווּנגען געוואָרן די פּאָליטישע צערעמאָניע צו סאַלוטירן די האַקן־קרייץ־פאָן, און זיך גריסן מיט „הייל היטלער" איז געווען אַ חוב פאַר אַלע איינוווינער פונם דאָרטיקן לאַנד. יהוהס עדות האָבן אָבער—צוליב מאָטיוון פון דער ביבל און פון געזעץ—זיך אָפּגעזאָגט צו סאַלוטירן די פאָן און גריסן מיט „הייל היטלער". דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז מ'האָט זיי פאַרפאָלגט. קינדער האָט מע אַוועקגעריסן פון די עלטערן. מענער האָט מע פאַרשפּאַרט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווי אויך געטרייע פרויען. מאַנכע האָט מע דערהרגעט, דערפאַר וואָס זיי זיינען געבליבן אין געטריישאַפט צו יהוה גאָט און זיך אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין אַזעלכע פּאַטריאָטישע צערעמאָניעס. די דאָזיקע פאַקטן זיינען גוט באַקאַנט צו יעדער געהעריק־אינפאָרמירטער פּערזאָן. ווו נאָר די נאַצישע און פאַשיסטישע פלאָג האָט געהערשט, אין אַ גרויסן טייל פון דער ערד,—זיינען געשען ענלעכע טייוואָלישע מעשׂים און רעזול־טאַטן. בשעת די נאַצים און פאַשיסטן האָבן געהאַט דערפאָלג מיט זייערע פּלענער וועגן באַהערשן די וועלט, האָט זיך אין די דעמאָקראַטישע לענדער אָנגעהויבן אַ ענלעכע פּאַטריאָטישע באַוועגונג, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ קעגן־מיטל צו דער נאַצי־פאַשיסטישער פאַרשווערונג. אין יענע לענדער, באַזונדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, האָט די פאַרפאָלגונג פון די געטרייע קריסטן, יהוהס עדות, דערגרייכט צו אַזאַ הויך כמעט, ווי אין די אַקס־באַהערשטע מדינות. יענע וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו סאַלוטירן די פאָן, אין די פאַראייניקטע שטאַ־טן, האָט דער המון געשלאָגן,—און געווען אומבאַשרענקט אין זייערע גוואַלט־מעשׂים. די קינדער האָט מע אַוועקגענומען

---

11. (א) וועלכע פּאַטריאָטישע צערעמאָניעס זיינען אויפגעקומען אין די טאָטאַליטאַרע לענדער, און ווי אַזוי האָט דאָס געווירקט אויף די דאָרטיקע יהוהס עדות? (ב) וואָס איז געשען אויף דער זעלבער ליניע אין די דעמאָקראַטישע לענדער, און וואָס פאַר אַ רעזולטאַט האָט דאָס געבראַכט פאַר יהוהס עדות?

פון די עלטערן. טויזנטער קינדער האָט מע באַרויבט דאָס רעכט צו באַקומען אַ דערציִונג אין די פאָלקס־שולן נאָר דערפאַר ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו סאַלוטירן די נאַציאָנאַלע פאָן. די פאַרפאָלגונגען האָבן דעם הויך־פונקט דערגרייכט, ווען דער דער העכסטער געריכט פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן האָט דעם 3טן יוני, 1940, דערקלערט, אַז דאָס אויפצווינגען צו סאַלוטירן די פאָן איז געזעצלעך און ניט אומקאָנסטיטוציאָנעל. מיט דריי יאָר שפּעטער, דעם 14טן יוני, 1943, האָט דער זעלבער העכסטער געריכט צוריקגעצויגן זיין פּסק־דין, צוגונסטן דער פרייהייט פון גאָטס־דינסט.

[12] די יהוה־עדות גיבן ניט אָפּ קיין סאַלוט דער פאָן פון קיין שום נאַציע. די געשיכטע ווייזט, אַז ניט נאָר האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו סאַלוטירן די פאָן פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן און אַנדערע דעמאָקראַטישע לענדער, נאָר פונקט אַזוי האָבן זיי זיך אַנטזאָגט צו סאַלוטירן די פאַשיסטישע פאָן, די דייטשע פאָן און די יאַפּאַנישע פאָן. זייער האַנדלונג אין אָט דעם פּרט איבער דער גאַנצער וועלט איז אין הסכּם מיט דער ביבל. דאָס אָפּזאָגן זיך צו סאַלוטירן איז באַגרינדעט אויף די פאַרבאָט־געזעצן פון אַלמעכטיקן גאָט, וועלכע זיינען אויסגעדריקט אין קאָרינטער א, י:14, און אין אַנדערע ערטער אין די גריכיש־קריסטלעכע שריפטן ווי אויך אין די העברעישע כּתבי־הקודש. אין קאַפּיטל כ פון שמות שטייט געשריבן: „איך בין יהוה דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט. זאָלסט ניט האָבן אַנדערע געטער פאַר מיין פּנים. זאָלסט דיר ניט מאַכן אַ געשניץ, אָדער אַ שום געשטאַלט פון וואָס אין הימל אויבן, אָדער וואָס אויף דער ערד אונטן, אָדער וואָס אין וואַסער אונטער דער ערד. זאָלסט זיך ניט בוקן צו זיי, און זאָלסט זיי ניט דינען; וואָרום איך יהוה דיין גאָט בין אַ צערנדיקער גאָט, וואָס רעכן זיך פאַר די זינד פון די פאָטערס מיט די קינדער, מיטן דריטן און מיטן פירטן דור פון די וואָס האָבן מיך פיינט." (שמות כ:2—6) און

12. (א) סאַלוטירן יהוהס עדות די פאָן פון וועלכער איז נאַציע? און פאַרוואָס? (ב) וואָס האָט פּאַסירט אין די נאָר אַלטע צייטן מיט די יידן, פאַרלעצנדיק די געבאָטן פון אַלמעכטיקן גאָט?

ווייל זיי האָבן עקשנותדיק עובר געווען אויף דעם דאָזיקן געבאָט און אָנגעהויבן דינען א געצן־בילד, א געשטאַלט, אָדער א סימבאָל, האָט יהוה באַשטראָפט די נאַציע און דאָס פאָלק ישׂראל, וואָס אַלע זיינען געווען אין א בונד מיט יהוח צו פאַר־בלייבן געטריי צו אים.—שמות לב:1—8, 30—35.

[13] יעדע נאַציאָנאַלע פאָן איז א סימבאָל אָדער אָפּבילד פון דער הערשנדיקער מאַכט אין דער דאָזיקער נאַציע. א סך נאַציאָ־נאַלע פענער זיינען ענלעך צו זאַכן וואָס אין הימל, ווי למשל, די שטערן, די זון, א. א. וו.; אַנדערע האָבן די ענלעכקייט צו זאַכן וואָס אויף דער ערד אָדער אין אירע וואַסערן, ווי למשל, אַן אָדלער, א לייב, א שלאַנג, א פיש, א.א.וו.. אַלע אַזעלכע נאָכמאַכונגען נעמט ארום דעם געבאָט אין שמות כ:2־6. בכלל ווערט ביי יעדער נאַציע איר פאָן באַטראַכט ווי א הייליקטום, צו וועלכער די מענטשן שווערן געטריישאַפט. (די ענציקלאָפּעדיאַ אַמעריקאַנאַ [ענגליש], באַנד 11, זייט 316) אַלץ איינס, צי מ'קוקט אויף דער צערעמאָניע פון סאַלוטירן די פאָן ווי אויף א רעליגיעזע אָדער א הייליקע, איז עס דאָך נאָר א פּאָליטישע צערעמאָניע וואָס דערביי מע בוקט זיך אָדער סאַלוטירט דעם סימבאָל, די פאָן.

[14] דאָס אָפּגעבן דעם סאַלוט צו דער פאָן פון א וועלכער עס איז נאַציע איז אַן אַקט, אַז אַדאַנק דער פאָן און אַדאַנק דער נאַציע וועלכע זי שטעלט פאָר, וועט מע געראַטעוועט ווערן. דער פאָן־סאַלוטער דערקלערט אַזוי דורך זיין סאַלוט, אַז זיין ישועה קומט נאָר אַדאַנק דער זאַך, וועלכע די פאָן שטעלט פאָר, נעמלעך, די נאַציע וואָס איז דאָ רעפּרעזענטירט דורך דער פאָן. אַן אמתער אַמבאַסאַדאָר פון ישוע־המשיח און א שליח פון יהוה האָט אויף תמיד געשוואוירן אומצעררייסבאַרע געטריי־שאַפט צום אַלמעכטיקן גאָט יהוה, דורך זיין מקדיש־זיין און א בונד, און ער קען ניט דערפאַר צושרייבן קיין רעטונג צו

13. (א) די נאַציאָנאַלע פענער זיינען סימבאָלן פון וואָס? (ב) וואָס פאַר א שטעלונג האָבן מענטשן לגבי דער פאָן פון א נאַ־ציע, און וועלכע מין צערעמאָניע באַשטעטיקט דאָס?
14. (א) וואָס אַנטהאַלט אין זיך דאָס אָפּגעבן א סאַלוט דער פאָן? (ב) פאַרוואָס קען ניט א יהוה־עדות צושרייבן, אַז וועלכע איז נאַציאָנאַלע פאָן ברענגט רעטונג?

וועלכן אַנדערן הערשער אָדער וועלטמאַכט. זיין רעטונג אָדער באַפרייונג פון רשעותן און שׂונאים—געזעענע צי ניט־געזעענע, —קומט נאָר פון דעם העכסטן אויבערהערשער, יהוה, וואָס לעבט אייביק, און זיין זון, ישוע־המשיח. (תהלים ג:9, כ:6—8) יעדער יהוה־עדות וואָס צושרייבט די רעטונג צו אים, קען דערפאַר ניט סאַלוטירן קיין שום פאָן פון א נאַציע, און ניט פאַרלעצן יהוהס געבאָט קעגן געצן־דינעריי ווי עס ווערט פעסט־געשטעלט אין זיין וואָרט.—יוחנן א, ה:21.

[15] דאָס וואָס יהוהס עדות זאָגן זיך אָפּ צו סאַלוטירן די פאָן איז ניט קיין פּועל־יוצא פון פריוואַטע שלעכטע אויסטייטשונגען פון די הייליקע שריפטן. און אוודאי איז דאָס ניט קיין פאַר־קרימונג פונעם געבאָט פונעם אַלמעכטיקן גאָט. דער אויספיר, צו וועלכן זיי קומען, איז אַזא, וואָס ווערט דיקטירט דורך יהוה גאָט, וועלכער אַנטפּלעקט די באַדייטונג פון זיינע געבאָטן צו אַלע מענטשן וואָס זיינען אין א בונד מיט אים. ווייטער, דער דאָזיקער אויספיר שטיצט זיך אויף יענע פאַלן וואָס ווערן פאַר־צייכנט אין דער ביבל, ווען אַנדערע געטרייע דינער פון יהוה האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו בוקן זיך אָדער סאַלוטירן צי אָפּבילדער צי סימבאָלן, אויב מענטשן אָדער פון מענטשן־געמאַכטע זאַכן. דער אַלמעכטיקער גאָט האָט אויסגעדריקט זיין הסכמה אויף דעם דרך, מיט וועלכן אַזא געטרייע דינערס זיינען געגאַנגען, און דאָס דינט פאַר די היינטיקע יהוהס עדות ווי א מוסטער נאָך וועלכן זיי דאַרפן נאָכגיין—א באַווייז, אַז זייער אויספיר איז ריכטיק.

[16] דער אַליין־הערשער פון אַמאַליקער פערסיע האָט דורך א דעקרעט געפאָדערט, אַז יעדער מענטש אין זיין קעניגרייך זאָל זיך בוקן פאַר זיין ערשטן מיניסטער, המן. המן איז געווען

---

15. ווען א יהוה־עדות זאָגט זיך אָפּ צו סאַלוטירן די פאָן, איז עס א פּועל־יוצא פון פריוואַטע אויסטייטשונגען און פון אויס־קרימען פון די הייליקע שריפטן? און פאַרוואָס?

16. (א) וועלכע צוויי אויסערגעוויינלעכע פאַלן אין דער ביבל אונטערשטיצן דעם אויספיר צו וועלכן די יהוהס עדות קומען בנוגע דער סאַלוטירונג? (ב) אין אָט די פאַלן—וועלכן פּרינציפּ פון טאַט האָט יהוה אַנגעוויזן זיינע עדות? און פאַרוואָס לאָזט זיך אַנווענדן דער זעלבער פּרינציפּ צו די היינטיקע יהוהס עדות?

א פאָרשטייער אָדער אַ אָפּבילד פון די עמלקים, וועלכע האָבן פאַרפאָלגט די בני־ישׂראל, און אַזעלכע עמלקים יהוה האָט פאַר־משפּט צו אַן אויסראָטונג. מרדכי, אַ געטרייער ייד וואָס האָט אָנגעהאַלטן זיין בונד מיט יהוהן, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו בוקן פאַר המנען לויטן באַפעל. און אָט פאַר דעם האָט מע געמאַכט אַלע צוגרייטונגען אויפצוהענגען מרדכין און פאַרטיליקן אַלע יידן. אָבער צוליב מרדכים געטריישאַפט, צוזאַמען מיט אסתר, האָט יהוה גאָט פאַרהיט אים און די יידן פון אומברענגען. (אסתר, קאַפּ. ג, ד און ה) נאָך פריער, איידער די פערסישע אימפּעריע האָט באַהערשט די וועלט, האָט דער דיקטאַטאָרישער מלך פון בבל געלאָזט שאַפן אַן אָפּבילד. ער האָט געלאָזט אויפשטעלן אַזאַ אָפּבילד און פאַרעפנטלעכט אַ באַפעל, אַז לויטן געגעבענעם סיגנאַל מוזן אַלע מענטשן אין דער אימפּעריע זיך בוקן צום דאָזיקן אָפּבילד פון דעם פּאָליטישן שטאַאַט: אָבער דריי געטרייע יידן, עדות פון יהוה, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן דעם באַפעל פונעם הערשער. האָט ער זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ פייערדיקן קאַלכויוון, וואָס איז געווען זיבן מאָל הייסער אָנגעהייצט ווי געוויינלעך. אָבער צוליב זייער פעסטער אָפּזאָגן זיך צו אומגע־האָרכזאַמקייט צו אים, האָט דער אַלמעכטיקער גאָט י ה ו ה זיי באַפרייט פון דעם פייערדיקן קאַלכויוון, און זיי זיינען ניט פאַרברענט געוואָרן. (דניאל, קאַפּיטל ג) דערמיט האָט דער אַל־העכסטער גאָט קלאָר געוויזן, אַז ווער ס'איז אין אַ בונד מיט אים, טאָר ניט סאַלוטירן די פאָן פון וועלכער ס'איז נאַציע. די דערפאַרונגען פון אָט די דאָזיקע געטרייע מענער ווערן ניט פאַרצייכנט גלאַט אַזוי צוליב אַ פוסטן צוועק. דער באַגייסטער־טער שרייבער שטרייכט אונטער, אַז „דאָס אַלץ האָט זיך זיי געטראָפן פאַר אַ ביישפּיל; און עס איז פאַרשריבן געוואָרן פאַר אַ וואָרענונג פאַר אונז, אויף וועמען דער סוף פון די צייטן האָט גענענט”.—קאָרינטער א, י:11.

[17] הגם קיינער פון יהוהס עדות סאַלוטירט ניט די פאָן פון

17. (א) צי רעספּעקטירן יהוהס עדות די פאָן פון דער נאַציע, אין וועלכער זיי לעבן, און ווי אַזוי און מיט וואָס דערווייזן זיי עס? (ב) פאַרוואָס פאָלגן יהוהס עדות אַלע גערעכטע געזעצן פון יעדער נאַציע?

וועלכער עס איז נאַציע, פונדעסטוועגן באַציט ער זיך מיט אכטונג צו די גוטע פרינציפן, וועלכע ווערן פאָרגעשטעלט דורך דער פאָן פון דער נאַציע, צווישן וועלכער ער לעבט. אַזאַ ארט דרך־ארץ ווייזט ער אַרויס מיט דעם, וואָס ער פאַרשעמט ניט די פאָן מיט זיין שלעכטער אויפפירונג. חוץ דעם ווייזט ער אַרויס זיין דרך־ארץ סיי פאַר דער פאָן און סיי פאַר דער נאַציע וועלכע זי סימבאָליזירט, דורך דעם, וואָס ער פאָלגט פרייוויליק אַלע רעכטיקע געזעצן פון לאַנד, וועלכע זיינען ניט אין סתירה צום געזעץ פונם אַלמעכטיקן גאָט. ער פאַסט זיך צו צו אַלע אַזעלכע גוטע געזעצן, ווייל אַזוי פאַסט עס באמת פאַר אַ גאָטס־פאָרכטיקן נאָכפאָלגער פון זיין לערער, ישוע־המשיח. די יהוה־עדות פאָלגן דעם געזעץ ניט דערפאַר, ווייל דער געזעץ זעט פאָרויס אַ שטראָף פאַר יענע וואָס פאַרלעצן אים. די געריכטן פון ליבעראַלע און אויפגעקלערטע רעגירונגען אין אַ סך לענדער האָבן דערקלערט, אַז ווען יהוהס עדות זאָגן זיך אָפּ צו סאַלוטירן די פאָן—איז עס ניט קיין אומלעגאַלער אַקט אָדער קיין ניט־רעספּעקט צו דער פאָן.

18 יהוהס עדות זיינען ניט קעגן יענע, וואָס סאַלוטירן אָדער ווילן סאַלוטירן די פאָן פון וועלכער ס'איז נאַציע. נאָך מער, זיי זיינען ניט קעגן און זיי באַשטרייטן ניט איינעמס אַ פאַרלאַנג צו דינען אין די באַוואָפנטע כּוחות פון אַ וועלכער ס'איז נאַציע. אויך שטעלן זיך יהוהס עדות ניט אַנטקעגן די באַמיונגען פון דער נאַציע אויפצושטעלן אַן אַרמיי דורך רעקרוטירן פאַר מיליטער־דינסט. אויב אַ פּערזאָן וויל סאַלוטירן די פאָן אָדער אַריינטרעטן אין די באַוואָפנטע קרעפטן פון וועלכער איז נאַציע, איז'ס זיין רעכט צו טאָן אַזוי, און יהוהס עדות באַטראַכטן עס פאַר זיך אַלס פאַרקערט אַנטקעגן צו שטעלן זיך די באַמיונגען פון אַזאַ פּערזאָן אָדער צו פאַרדאַמען אַזאַ פּערזאָן. עס איז ניט זייער כּוונה צו באַקערן די וועלט—אַלע זאָלן זיך אָפּזאָגן

---

18. (א) פאַרוואָס זיינען ניט יהוהס עדות אַנטקעגן יענע, וואָס ווילן סאַלוטירן די פאָן אָדער דינען אין די באַוואָפנטע קרעפטן? (ב) באַמיען זיך יהוהס עדות באַקערן די וועלט לטובת זייער איינענער שטעלונג בנוגע דער פאָן־סאַלוטירונג און דעם טראָגן פון וואָפן? און וואָס זיינען זייערע כּוונות ביים פּרעדיקן?

צו סאלוטירן די פאן אדער אויסמיידן צו טראגן וואפן. זיי האלטן זיך פשוט ביי זייער נייטראליטעט און ביי זייערע בונד־פארפליכטונגען ווי אמבאסאדארן פאר גאטס קעניגרייך, און זיי דערקלערן זייערע אורזאכן פארוואס זיי אנטזאגן זיך צו ברעכן זייער לאיאליטעט צום אלמעכטיקן גאט יהוה. יענע וואס זיינען ניט אין א בונד צו פאלגן יהוהן, און די וואס ווילן ניט זיין יהוהס עדות, ווערן ניט איינגערעדט צו נעמען אזא שטעלונג. אפילו יעדער איינער פון יהוהס עדות מוז אליין פאר זיך באשליסן, וואס פאר א שטעלונג ער נעמט אן בנוגע אזעלכע שטרייטפונקטן, אזוי, אז קיין שום אנדער עדות זאל אים דערביי ניט שטערן און ניט אויפצווינגען.

ניט קיין אומשטירצער

[19] די יהוה־עדות זיינען ניט קיין אומשטירצער און זיי נעמען ניט קיין אנטייל ניט אין אומשטירצערישע אקציעס אין מיטן די נאציעס, וווּ זיי לעבן. זיי זיינען ניט קיין רעוואלט־מאכערס, ווייל זייער עובדא צווישן די נאציעס איז—ווי אמבאסאדארן פון גאטס קעניגרייך. אלע אויפגעקלערטע נאציעס גאראנטירן די פרייהייט פון אנבעטונג צום אלמעכטיקן גאט, און אזא גאטס־דינסט פארלאנגט, אז דער אמתער דינער פון יהוה זאל זיין א מיניסטער פון זיין רעגירונג. די מענטשן פון אלע קריסטלעכע נאציעס האבן געלערנט מתפלל־זיין, אז גאטס קעניגרייך זאל קומען אויף דער ערד. דערפאר איז, ווען יענע, אלס מיניסטארן, זאגן אן—דעם אלמעכטיקן גאטס ענטפער אויף די דאזיקע תפילה איז שוין גאר נאענט,—הייסט עס ניט, אז זיי זיינען קעגן דער רעגירונג פון דער נאציע, ווו דאס דאזיקע פרעדיקן ווערט אפגעהאלטן. פונקט אזוי ווי די טעטיקייט פון די וועלט־לעכע אמבאסאדארן פון פרעמדע רעגירונגען ווערט ניט געפירט להפך צו די אינטערעסן פון יענע לענדער, ווו יעדער פון זיי

---

19. (א) ווי אזוי קאן מע דערווייזן, אז יהוהס עדות זיינען ניט באטייליקט אין קיין אומשטירצערישע טעטיקייטן און זיינען ניט קיין אויפרירער? (ב) אין וועלכן פרט לאזט זיך פארגלייכן די אקטיוויטעטן פון יהוהס עדות מיט אן אמבאסאדאר וואס איין וועלטלעכע נאציע שיקט צו א צווייטער?

לעבט,—אַזוי איז אויך די טעטיקייט פון יהוהס עדות ניט אַנטקעגן דער רעגירונג פון וועלכן עס איז לאַנד, ווו זיי לעבן.

[20] יהוהס עדות ברענגען די בשורה וועגן יהוה גאָטס אורטייל צו פאַרניכטן אַלע בייזע רעגירונגען פון דער דאָזיקער וועלט און איינצושטעלן זיין אייביקע קעניגרייך פון גערעכטיקייט; אָבער דאָס מיינט ניט, אַז יהוהס עדות וועלן נעמען אַקטיוון אָנטייל ביים אויספירן דעם פסק־דין וועגן אָט דער צעשטערונג און ביים אויפשטעלן די אָ נייע בלייבנדע רעגירונג. זיי וועלן ניט נעמען קיין אָנטייל ניט אין ביידע. זייער עובדא איז נאָר—אַלס יהוהס שלוחים, אָנצוזאָגן איבער דער וועלט זיין צוגעזאָגטן קעניגרייך. זיי זיינען פון אים ניט באַפולמעכטיקט צו האַנדלען ווי אויספירער פונם אורטייל. נאָר זיין הויפט־באַאַמטער, ישוע־המשיח, וועט אונטער דער אָנפירערשאַפט פון יהוה אויספירן די דאָזיקע עובדא פון צעשטערונג. (יחזקאל ט:1—7; התגלות יז:14) וואָרום, אויב עמיצער פון יהוהס עדות פאַרזוכט צו נעמען אָנטייל אין דער צעשטערונג פון אַ רעגירונג דורך באַנוצן גוואַלט אָדער אַנדערע אומגעזעצלעכע גוואַלט־מיטלען, איז עס קעגן דעם געזעץ פון אַלמעכטיקן גאָט. נאָך מער, דאָס אייביקע קעניגרייך פון יהוה וועט ניט אויפגעשטעלט ווערן אויף דער ערד, דורך יהוהס עדות. קיין שום גוואַלט־טאַט וועלן זיי ניט טאָן ביים אויפשטעלן אָט די רעגירונג. יהוה האָט זי שוין אויפגעשטעלט אין די הימלען—דורך ישוע־המשיח, זיין קעניג. (ישעיה ט:5, 6; דניאל ב:44; תהלים ב) אַלס זעבאַרע באַאַמטע פון דער דאָזיקער אומזעבאַרער רעגירונג—וועלן זיין נאָר די געטרייע נביאים, שופטים און עדות דערמאָנט דורכן וואָרט פון יהוה. (יידן קאַפּיטל יא; לוקאס יג:28—30) זיי אַלע זיינען געשטאָרבן אידער ישוע־המשיחס טויט און זיין תחית־המתים. זיי אַלע האָבן אַרויסגעוויזן זייער לויטערקייט און געטריישאַפט צו יהוהן, און דערפאַר וועט ער זיי פריער און מיט אַ בעסערע מחיה־מתים־זיין, כדי זיי זאָלן איבערנעמען

---

20. (א) וועמען דערוואַרטן די יהוהס עדות אַליין—ווער וועט צעשטערן די היינטיקע בייזע רעגירונגען און אויפשטעלן יהוה גאָטס קעניגרייך? (ב) ווער וועלן זיין די זעבאַרע הערשערס און פירשטן פון דער דאָזיקער טעאָקראַטישער רעגירונג?

די אדמיניסטראטיווע פליכטן אונטערן קעניג ישוע־המשיח, אלס זיינע קינדער. (תהלים מה:17) זיי וועלן זיין די פרינצן אויף דער ערד און הערשן אין משפט און גערעכטיקייט.—ישעיה לב:1.

21 די רעליגיעזע קעגנער, וועלכע באשולדיקן פאלש יהוהס עדות, אז זיי זיינען קעגן די וועלטלעכע רעגירונגען צוליב זייער שטעלונג אלס אמבאסאדארן, טענהן אזוי: יהוהס עדות מוזן זיך צופאסן צו יעדער פארארדענונג פון די הערשער אויף דער דאזיקער וועלט. אזעלכע רעליגיאניסטן באהויפטן, אז אט די הערשער זיינען עס „די אויבערשטע מאכט" וואס ווערט דער־מאנט אין דער ביבל, און צו זיי מוזן אלע זיין אונטערטעניק. אבער די „אויבערשטע מאכט" וואס ווערט דערמאנט אין רוי־מער יג:1־5, דאס זיינען די הערשנדיקע הויפט־פאקטארן פון אלמעכטיקן גאטס קהלה, אדער די אומזעבארע רעגירנדע קער־פערשאפט פון גאטס קעניגרייך. דאס וואס דער אפאסטאל רעדט פון אן אויבערשטער מאכט—ווענדט ער גאר ניט אן צו די הערשערס פון דער איצטיקער זינדיקער וועלט, געפירט דורכן שטן, און וועלכע זיינען זעבאר פארן מענטשנס אויג. די „אויבער־שטע מאכט" וואס דער אפאסטאל דערמאנט—דאס איז יהוה גאט און ישוע־המשיח, און ישוע־המשיח איז יהוהס גרויסער מיניסטער.

22 א סך, וועלכע ווילן דורכוים פועלן, אז יהוהס עדות זאלן ברעכן זייער בונד מיט יהוה גאט, טענהן: יהוהס עדות מוזן זיך צופאסן צו אלע פארארדענונגען פון די אפיציעלע רעגירונגס־באאמטן פון דער דאזיקער וועלט, ווארום ישוע האט דערקלערט: „גיב דעם קיסר וואס געהער צום קיסר, און צו גאט—וואס געהער צו גאט." (מארקום יב:17; פארגלייך מתיא כב:21) די קעגנער פון יהוהס עדות טייטשן אוים בייזוויליק

21. (א) וואס פאר א טענות האבן די קעגנער פון יהוהס עדות—בנוגע זייער צופאסן זיך צו אלע פארארדענונגען פון די וועלט־לעכע הערשערס (ב) ווער איז די „אויבערשטע מאכט", וואס צו איר זיינען יהוהס עדות יא אונטערטעניק? און פארוואס?
22. וואס פאר אן אויסטייטשונג לייגן אריין די וועלטלעכע הערשערס אין ישועס ווערטער פארצייכנט אין מארקום יב:17? און ווי אזוי לאזט זיך פארגלייכן די דאזיקע אויסטייטשונג מיט דער אפאסטאלישער פראקטיק פון יהוהס עדות?

און פריוואַט אָט די רעדנסאַרט פון ישוע—פאַר זייער אייגענעם צוועק, שטרעבנדיק צו צווינגען יהוהס עדות אָפּצוגעבן פאַרן „קיסר" דאָס, וואָס געהערט צו גאָט. פונקט ווי ישוע־המשיח, אַזוי אַנטזאָגן זיך יהוהס עדות אָפּצוגעבן „קיסר" די זאַכן געהערנדיק צו גאָט. אַפילו פּילאַטוס האָט ניט געקענט געפינען אין ישוען קיין שולד, ווייל ער האָט באַהויפּט צו זיין אַ מלך און אַנטזאָגט זיך צו שווערן געטריישאַפט צום קיסר. (לוקאַס כג:2—4) און קיין שום שולד קאָן מע אייגנטלעך ניט געפינען אויך אין יהוהס עדות, אַלס נאָכפאָלגער פון ישוע־המשיח, וועלכע גיבן אָפּ צו גאָט ענלעכע איבערגעגעבנקייט. מיט רעכט זאָגן זיי: „מיר מוזן ליבערשט געהאָרכן גאָט איידער מענטשן."
—מעשים ה:29.

קאפיטל 19

„דער קץ [סוף] פון דער וועלט“

דאָס וואָס האָט אַמאָל אויסגעזען ווי אַ פאַנטאַזיע, איז איצטער אַ ביטערע מעגלעכקייט. אַזוי האָט די מענטשהייט אין 1945, נאָך דער צווייטער אַטאָמישער באָמבע וואָס מע האָט אויפגעריסן איבער יאַפּאַן, דערזען די וואָרענונג פון די הייליקע שריפטן וועגן דעם סוף פון דער וועלט. די שרעקלעכע פאַרלוסטן פון אייגנטום און לעבנס האָבן אַרויסגערופן טיפן זאָרג ביי די איינוווינער פון דער ערד, צי האָט דער מענטש זיך ניט אַנגעשטרויכלט מיט עפּעס אַזוינס, וואָס ער איז שוין אַליין ניט בכּוח צו קאָנטראָלירן און וואָס וועט דערפירן צום סוף פון מענטשלעכן מין. דאָס איז נאָר איינע פון די פיל געשעענישן, זינט און נאָך דעם יאָר 1914 נ. ק., וועלכע האָבן געצוווּנגען די אויפריכטיקע, גאָטס-פאַרכטיקע מענטשן צו פאַרטראַכטן זיך, צי לעבן מיר ניט אין די „לעצטע טעג“ פאַר דער צעשטערונג פון דער וועלט. כּדי צו ענטפערן דערויף, דאַרף מע זיך ווענדן צו גאָטס וואָרט און דאָ זוכן די נבואות וואָס באַציִען זיך צו אַזאַ מין צייט, און זען צי זיינען זיי צוגעפּאַסט צו די געשעענישן פון היינטיקן טאָג.

[2] פראַגן בנוגע דעם סוף פון דער וועלט זיינען צום ערשטן מאָל אַנטשטאַנען אין די מוחות פון ישוּעס שלוּחים, ווען זיי האָבן אים געפרעגט: „זאָג אונז, ווען דאָס וועט געשען? און וואָס וועט זיין דער סמן פון דיין קומען, און פון דעם קץ [סוף] פון דער וועלט?“ (מתּיא כד:3; מאַרקוס יג:4; לוקאַס כא:7) ענטפערנדיק דערויף האָט ישוּע פאָרויסגעזאָגט אַ סך סמנים,

---

1. וועלכע וויכטיקע פראַגע איז אַנטשטאַנען אין די לעצטע יאָרן? און ווי קאָן מע געפינען דעם ענטפער דערויף?
2. ווער האָט דער ערשטער געשטעלט אַזאַ מין פראַגע, און וואָס האָט ישוּע געענטפערט דערויף?

וואָס וועלן ווייזן די צייט פון זיין קומען און פון דער איינשטעלונג פונם מלכות. דער סוף פון „די צייטן פון די געצנדינער [גויים]“—דאָס איז די צייט, ווען אָט יענע זאַכן וועלן אָנהייבן זיך באַווייזן.

[3] „און ירושלים וועט צעטרעטן ווערן פון די געצנדינער [גויים], ביז די צייטן פון די געצנדינער [גויים] וועלן דערפילט ווערן.“ (לוקאס כא:24) די „צייטן פון די געצנדינער [גויים]“—דאָס באַצייכנט די תקופה, אין וועלכער ס'וועט ניט זיין קיין שום רעגירונגס־פאַרטרעטערשאַפט פון יהוה אויף דער ערד, אַט אַזאַ, למשל, ווי ס'איז געווען די נאַציע פון ישראל, נאָר די גוישע נאַציעס וועלן באַהערשן די וועלט. די דאָזיקע „צייטן“ האָבן זיך עס אפנים אָנגעהויבן שוין פאַר ישועס טעג, ווייל דעמאָלט האָט שוין טאַקע עקזיסטירט אַזעלכן סאַמען צושטאַנד. איז דען ירושלים ניט געווען דעמאָלט אין קנעכטשאַפט ביי רוים, און פריער, ביי גריכנלאַנד, פרס און בבל? יאָ. און ווען האָבן זיך די „צייטן פון די געצנדינער [גויים]“ אָנגעהויבן, און ווי לאַנג וועט זיין דער פעריאָד פון זייער דויער?

[4] להפך צום אַלגעמיין־פאַרשפּרייטן גלויבן, האָט יהוה, זינט דער מענטש האָט רעוואָלטירט אין עדן, ניט געקיניגט איבער דער גאַנצער ערד. דער הייליקער ספר־הזכרון באַווייזט, אַז שפּעטער האָט גאָט געשאָנקן זיין אָנפירונג און פאַרזאָרגונג—נאָר איין איינציקע נאַציע, די נאַציע ישראל, און אים האָט יהוה באַנוצט ווי אַ נביאותדיק באַוועגלעך בילד פון יענער רעגירונג, וואָס וועט אַמאָל באַהערשן די גאַנצע ערד,—דאָס מלכות. צוליב זיין אומטרייקייט האָט ישראל פאַרלוירן זיין הערשאַפט און איז פאַרשלעפּט געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט קיין בבל, אין יאָר 607 פ. ק.. אַזוי האָט זיך געענדיקט די לאָקאַלע טעאָקראַטישע הערשאַפט אויף דער ערד.

---

3. (א) וועלכע נבואה באַווייזט, אַז דער סוף פון דער וועלט וועט קומען נאָך אַ ספּעציעלער צייט־תקופה? (ב) דערקלער וואָס מיינט „געצנדינערישע [גוישע] צייטן“.

4. ווו איז די טעאָקראַטישע הערשאַפט אויסגעיבט געוואָרן, און ווען האָט זי זיך געענדיקט?

⁴ באַלד נאָכדעם ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גלות־בבל, האָט יהוה געלאָזט חלומען א נבואה און אויך דאָס פאָרצו־שטעלן בנוגע די „צייטן פון די געצנדינער [גויים]" און מיט דער צוריק־אויפשטעלונג פון יהוהס טעאָקראַטיע. דער נביאי־שער חלום האָט געוויזן א גרויסן בוים, וועלכער איז אַרויסגע־וואקסן פון דער ערד און דערגרייכט ביזן הימל אריין, און אזוי געשאפן שפייז און שוץ פאַר אַלע לעבעדיקע. לויט אָט דעם באַריכט האָט א הייליקער אַראָפּגעגאַנגענ־ערט פון הימל און באַפוילן: „האַקט אָפּ דעם בוים, ... נאָר דעם שטאָם פון זיינע וואָרצלען לאָזט אין דער ערד, און אין א קייט פון אייזן און קופּער, ... און זיבן צייטן זאָלן אַריבערגיין איבער אים." (דניאל ד:11־13) במשך פון איין יאָר צייט האָט די דאָזיקע נבואה אָנגעהויבן דערפילט צו ווערן אין מיניאַטור—אויף דעם בעל־חלומות נבוכדנצר: בעת אַן אָנפאַל פון זיין באַרימערייט איז ביי אים צוגענומען געוואָרן זיין געזונטער פאַרשטאַנד און טראָן, און ער האָט געגעסן גרינס ווי א בהמה אויפן פעלד. צום סוף פון זיבן יאָרן איז ער צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן אין זיין מלוכה. מיט דעם האָט יהוה באַנוצט דעם מלך פון בבל אויף פאָרצושטעלן א בילד, ווי אזוי די נבואה וועט נאָך אין א גרעסערער פאָרמע דערפילט ווערן, נעמלעך, דער שטן וועט אויסגעוואָרצלט ווערן און מער ניט זיין קיין באַרעכטיקטער אויבערהערשער איבער דער ערד, און די טעאָקראַטישע הער־שאַפט וועט צוריק אויפגעשטעלט ווערן.—זע קאַפּיטל 18 פון „דער אמת וועט דיך מאַכן פריי [ענגליש]".

⁵ די „זיבן צייטן"—זיינען געווען די זיבן יאָרן אינם פאַל פון נבוכדנצר, ווען ער האָט פאַרלוירן דעם טראָן. די זיבן יאָרן זיינען געווען גלייך צו 84 חדשים, לויט ווי עס איז אָנגע־נומען אין די כתבי־הקודש—30 טעג פאַר יעדן חודש,—הייסט עס 2,520 טעג. אין התגלות יב:6, 14 ווערט דערמאָנט וועגן

5. (א) וועלכע נבואה האָט יהוה געלאָזט וויסן מיט זיין פאַר־רויסזאָגן די גוישע צייטן און דעם צוריקשטעל פון דער טעאָ־קראַטישער הערשאַפט? (ב) מיט וועלכע צוויי זאַכן איז די דאָזיקע נבואה מקוים געוואָרן?

6. ווי אזוי ווערן באַרעכנט די „זיבן צייטן", און ווען ענדיקן זיי זיך?

1,260 טעג און עס ווערט באַשריבן אלס „אַ צייט־און־צייטן און אַ־האַלבע־צייט",—אָדער 2 מאָל 3־אַ־האַלבס. די „זיבן צייטן" מאַכן אויס צוויי מאָל 1,260, אָדער 2,520 טעג. דער יחזקאל, יהוהס געטרייער נביא האָט געשריבן: „אַ טאָג פאַר אַ יאָר, אַ טאָג פאַר אַ יאָר האָב איך עס דיר געמאַכט." (יחזקאל ד:6) ווען מיר אָנווענדן אָט די רעגל, וועלן די 2,520 טעג אויסמאַכן 2,520 יאָרן. דערפאַר, וואָס גאָטס פאָרבילדלעך קעניגרייך מיט זיין הויפּטשטאָט ירושלים האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן אין האַרבסט־צייט 607 פ. ק.; דאַן, אויב מיר וועלן רעכענען די „צייטן פון די געצנדינער [גויים]" פון אָט דער דאַטע אָן, דערגייען די 2,520 יאָרן ביז האַרבסט 1914 נ. ק..

דער סוף פון „די צייטן פון די געצנדינער [גויים]"

[7] די פאַרענדיקונג פון די גוייִשע צייטן מערקט אָן, אַז ס'איז געקומען די צייט צו באַפרייען דעם סימבאָליש־געקייטן בוים־שטאָם. פאַרשטייט זיך, דאָס מיינט ניט, אַז דער שׂטן וועט צוריק באַקומען זיין מאַכט איבערן מענטשן ווי אַ באַרעכטיקטער אויבערהערשער,—הגם אין די פאַרגאַנגענע זעקס טויזנט יאָרן איז ער כּסדר געווען דער „גאָט פון דער וועלט". דאָס מיינט אויך ניט, אַז ער וועט ווידער געווינען דעם גנאָד מיט גאָט און אָנגעשטעלט ווערן אַכטונג צו געבן אויף דעם גערעכטיקן מענטשן אין דער נייער וועלט. דער טייוול איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און דער פּסק־דין וועט אויסגעפירט ווערן. אויך דאָס אומקערן זיך פון די נאַטירלעכע יידן קיין פּאַלעסטינע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ניט קיין סמן, אַז דאָס מלכות איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן פאַרן ערדישן ישׂראל, וואָרום אָט די דאָזיקע יידישע באַוועגונג איז אַ פּאָליטישע און סאָציאַלע, אָבער אָן דעם געדאַנקט וועגן גאָטס מלכות. ניין, ניט דעם שׂטנס ווידערקערונג צו גאָטס אָרגאַניזאַציע און ניט די רעפּאַטריאַרציע פון די יידן

7. וועלכע זאַכן ווערן נישט געמיינט מיטן באַזייטיקן די „קייטן" אין שייכות מיט דעם נביאישן בוים־שטאַם? וואָס זשע פאַראַ פּועל־יוצא איז אַרויסגעקומען דערפון?

—ניט דאָס מיינט דאָס באַפרייען פון די „קייטן“, ווען עס רעדט זיך דאָ נביאיש וועגן דעם בוים־שטאַם; דאָס מיינט נאָר די צייט פון צוריק־אויפשטעלן יהוהס טעאָקראַטיע. אין פּועל־יוצא איז געקומען די נייע שפּראָצונג, נעמלעך, דאָס מלכות אונטער ישוע־המשיח. דאָס איז די נייע טעאָקראַטישע רעגירונג געווענדט צו אונזער ערד, דאָס „נייע ירושלים“ וואָס טוט „אַראָפּ־נידערן פון דעם הימל פון גאָט“.—התגלות כא:2.

8 דעמאָלט ווען ישוע איז געווען אויף דער ערד, איז עס ניט געווען פאַר זיין פּאָטער די געהעריקע צייט איינצושטעלן דאָס מלכות; הגם ישוע איז געווען פּאַסיק צו ווערן דער קעניג. נאָך זיין טויט אויפן בוים און נאָך זיין תחית־המתים אויפשטיין, איז ישוע דערהויבן געוואָרן אויפן הימל אַרויף, כּדי דאָרטן צו וואַרטן אויפן סוף פון די גויישע צייטן, באַפאָר אויפשטייגן אויף זיין טראָן־שטול. און ערשט אין 1914, צום סוף פון דער תקופה פון זיין וואַרטן, איז געקומען די צייט, אַז די נבואה זאָל מקוים־ווערן: „דעם צעפּטער פון דיין מאַכט וועט גאָט אויסשטרעקן פון ציון; געוועלטיק צווישן דיינע פיינט.“ (תהלים קי:2, 3) אָט די אַקציע איז געווען אַ סמן, אַז עס הייבט זיך אָן דער סוף פון דער אַלטער וועלט און עס ווערט געבוירן אַ נייע טעאָקראַטישע רעגירונג געווענדט צו אונזער ערד. מער וועט שוין דעם שׂטנס וועלט ניט זיין טעטיק אומגעשטערט, ווייל די „צייטן פון די געצנדינער [גויים]“ איז צו ענד. אינם לעצטן בוך פון דער ביבל האָט ישוע־המשיח באַשריבן די דאָזיקע אַנטוויקלונג: עס וועלן זיך באַווייזן צוויי גרויסע צייכנס אין הימל, און עס וועט געבוירן און אויפן טראָן אַרויפגעזעצט ווערן דער „בן־זכר“. אַ קריג אין הימל פאָלגט דעמאָלט, און אַ העפטיקע שלאַכט צווישן גאָטס אָרגאַניזאַציע און דעם שׂטנס. און וואָס איז דער פּועל־יוצא? דער הימל איז אינגאַנצן אויס־גערייניקט פונם שׂטן און זיינע דעמאָנישע באַנדעס זיינען פאַר־טריבן געוואָרן צו דער ערד. (התגלות קאַפּיטל יב) אוודאי, האָבן

8. ווי אַזוי באַשרייבט די התגלות, קאַפּיטל יב, די געשעענישן אין הימל צום סוף פון די גויישע צייטן? און וואָס באַדייטן זיי פאַרן שׂטנס וועלט?

מענטשן ניט געזען אַט די אַלע גייסטיקע זאַכן; אָבער אַ גרויסע השפּעה אויף מענטשן האָבן זיי יאָ געהאַט.

[9] דער דירעקטער פּועל־יוצא פונעם דאָזיקן קאָנפליקט אין הימל איז געווען נאָך אַן אַנדער צייכן וועגן דעם סוף פון דער וועלט, דער ערשטער זעבאַרער צייכן: „וואָרום אומה [נאַציע] וועט אויפשטיין קעגן אומה [נאַציע] און מלוכה קעגן מלוכה, און עס וועלן זיין הונגער און ערדציטערנישן אין פאַרשידענע מקומות." (מתיא כד:7) דערצאָרנט פון אַט דעם דערפאָלגרייכן געבורט פון דער טעאָקראַטישער רעגירונג, האָט דער שטן באַשלאָסן צו פאַרניכטן אַלע פערזאָנען, איידער זיי דערוויסן זיך וועגן דאָס ניי־איינגעשטעלטע מלכות. דאָס איז געווען די כוונה פון אַריינטרייבן די נאַציעס אין דער מלחמה פון 1914--1918. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזאַ גרויסער קאָנפליקט. פאַרן ענד פון דער מלחמה זיינען אין איר דרייסיק נאַציעס אַריינגעצויגן געוואָרן, און דער קריג איז אָנגעגאַנגען אין אַלע עקן ערד. אויף אַן אמת, „די אומות האָבן געצערנט" (התגלות יא:18); און געקעמפט האָבן זיי ניט פאַר דער גערעכטיקער זאַך פון יהוהס מלוכה און קעגן דעם שטן, נאָר פאַר אייגננוציקער וועלט הערשאַפט. דאָס איז אַן אַנטשיידענער באַוויז, אַז די גוישע צייטן האָבן זיך געענדיקט, דעם שטנס הערשאַפט איז איבערגעריסן געוואָרן, און עס איז געקומען דאָס אויפשטייגן אויפן טראָן שטול פון ישוע־המשיח.

[10] מיטן אָפּשטעל פון דער מלחמה ענדיקט זיך ניט די נויט און ווי. נאָכן וועלטקריג 1 איז אַ הונגערסנויט געקראָכן אויף דער ערד, בפרט אייראָפּע. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מ'האָט געמוזט אָרגאַניזירן הילפסמיטלען פאַר די געטראָפענע געגנטן. מגפות האָבן אויך צוגענומען קרבנות. פון דער „שפּאַנישער אינפלוענציע" אַליין זיינען אין וועניקע חדשים צייט אויסגעשטאָרבן 20 מיליאָן מענטשן, ניט געקוקט אויף דער היינטיקער

---

9. וואָס איז געווען דער ערשטער זעבאַרער צייכן, און ווי אַזוי האָט ער באַוויזן דעם סוף פון די „צייטן פון געצנדינער [גויים]"?
10. וועלכע נאָך צייכנס קומען אָן, כדי צו באַווייזן דעם „אָנהויב פון די ווייען"?

מעדיצינישער וויסנשאפט,—דאס האט אויסגעמאכט א סך א גרעסערן פארלוסט פון לעבנס איידער די פיר יאר מלחמה האבן געקאסט. זינט 1914 זיינען געקומען באריכטן וועגן שטערונגען דורך ערדציטערנישן אין א סך א גרעסערער מאס, ווי דאס איז ווען געשען אין דער געשיכטע; אייניקע פון זיי האבן געמאכט גרויסע חרבנות פון לעבנס און אייגנטום: אזוי, למשל, האט די ערדציטערניש פון 1923 אין יאפאן געבראכט דעם טויט פאר 99,331 פערזאנען. האט דאך ישוע געזאגט: „דאס אלץ איז אבער דער אנהייב פון ווייען."—מתיא כד:8.

[11] ווי ריכטיק האט'ס די געשיכטע פון פארגאנגענעם האלבן יארהונדערט—באשטעטיקט! די וועלט איז נאך ניט געקומען צו זיך פונם וועלטקריג 1 און נאכאמאל זיינען די נאציעס, אין 1939, פארשטריקט געווארן אין א נייעם קריג. דאס מאל זיינען דא געווען די זעלבע קעמפנדיקע צדדים און די זעלבע שטרייט־פראגע: וועלט־הערשאפט; ווען אבער מע זאל מעסטן לויט די שטרייט־קרעפטן און זייערע אויסשטאטונג, די הוצאות פון געלט און די וועלט־ווייטע ווירקונג, דער פארלוסט פון לעבנס און אייגנטום,—האט די וועלט־מלחמה 2 ביי ווייטעם אריבער־געיאגט די פריערדיקע. מגפות, הונגערסנויטן און רעוואלוציעס האבן באגלייט איר טויטן־וועג, געפאדערט א ווייטערדיקן אפצאל מיט מענטשלעכע לעבנס, נויט און ליידן. יא, די וועלט קרימט זיך אין ווייטיקן אונטער דער דריקנדיקער ווירקונג פון דעם אומזעבארן דעמאנישן אויבערהאר, דעם שטן.

די מלכות באקאנטמאכונג

[12] דאס געבוירן פונם מלכות האט באקומען ברייטע עפנטלעכע באקאנטמאכונג. מיט יארן צוריק, אין 1884, געפירט פון גאט, האבן יהוהס עדות, צווישן אנדערע ביבלישע אמתן, פראקלא־מירט די וויכטיקייט פונם יאר 1914. נאך א געוויסער צייט איז געקומען אן אויפהער אין זייערע עפנטלעכע באקאנטמאכונג

11. וועלכע געשעענישן, זינט דעם וועלטקריג 1, באווייזן, אז די „ווייען" ווערן פארטגעזעצט?
12. אויף וועלכן וויכטיקן צייכן האט ישוע אנגעדייט אין מתיא כד:14? און אין וואס פאר א מאס איז דאס מקוים געווארן?

במשך וועלט־קריג 1; שפּעטער האָבן יהוהס דינערס זיך צוריק צוזאַמענגענומען און רעאָרגאַניזירט און גענומען אויף זיך אָנצוגיין ווייטער נאָך מיט אַ גרעסערער טעטיקייט. (מתיא כד: 31) דאָס מאָל האָבן זיי פּראָקלאַמירט: „דאָס מלכות־שמים איז נאָענט," אַז עס ווערט מקוים ישועס צייכן: „און די דאָזיקע בשׂורה פון דעם מלכות וועט געדרשנט ווערן אין דער גאַנצער וועלט צום עדות פאַר אַלע אומות; און דערנאָך וועט קומען דער קץ [סוף]." (מתיא כד:14) די יהוה־עדות האָבן דאָס אַלץ געטאָן אויף אַזאַ געטרייַלעכן אופן, אַז זינט דעם וועלטקריג 1 האָט זיך פאַרענדיקט און ביז צו דער דאָזיקער פּובליקאַציע — איז פאַר די מענטשן אין 88 שפּראַכן פאַרעפנטלעכט געוואָרן כמעט אַ האַלבער ביליאָן ביכער און ביכלעך, אַלץ אויף דער זעלבער טעמע, און דאָס איז — אַ חוץ זשורנאַלן, פלוגבלעטער און עפנטלעכע לעקציעס. און איצט, שוין אין דער צייט פון נאָכן קריג, ווערט די דאָזיקע אַרבעט ווייטער אויסגעשפּרייט, כדי צו דערגרייכן אַלע פּערזאָנען, נאַציעס און שפּראַכן.

[13] דער שׂטן און זיינע רעליגיעזע אונטערטאַנען וואָלטן געוואָלט מאַכן אַן ענד צו דער פּרעדיקונג פון דער בשׂורה. זיי קענען עס אָבער ניט דערגרייכן, ווייל די בשׂורה־שליחות איז דאָך פון גאָט; זיי קענען אָבער יאָ טרייבן רכלות און פאַרפאָלגן. וויסנדיק דאָס האָט ישוע געזאָגט: „אויב זיי האָבן מיך גערודפט, וועלן זיי אייך אויך רודפן." (יוחנן טו:20) אַזאַ אַרט באַהאַנדלען די אמתע קריסטן איז געקומען צו אַ הויכפּונקט אין די „לעצטע טעג". (מתיא כד:9) שוין די וועלט־מלחמה 1 האָט געגעבן אַ געלעגנהייט צו אַ סך פאַרפאָלגונגען, אָבער מיט דעם אָנקומען פון דעם טאָטאַליטאַרער שטאַאַט האָט זיך די אָפּאָזיציע צו דעם מלכות־שמים פאַרפילפאַכט. אַלס קרבנות פון די אָנגריפן און די אָנפאַלן פונם נאַצי־פאַשיסט־וואַטיקאַן, האָבן די יהוה־עדות געליטן אומבאַשרייבלעכע יסורים במשך די צוועלף יאָר פון דער נאַצי־הערשאַפט. אַ סך האָבן פאַרזיגלט זייער צייגעניש מיט זייער לעבנס־בלוט. די פאַרפאָלגונג האָט זיך ניט נאָר באַגרענעצט מיט דער נאַצי־פאַשיסטן־אָקופּירטער

---

13. ווי אַזוי האָבן זיך אָפּגערופן אויף דער בשׂורה די רעליגיאָניסטן און אַנדערע?

אייראפע, נאר מע האט זי געפילט איבער דער גאנצער וועלט; ווי למשל, אין יאפאן, אויסטראליע און קאנאדע, און אפילו אין אמעריקע, וועלכע איז געווען אן עדות פון הונדערטער פאלן פון גוואלט־טאטן פון המון. און דאס אלץ—נאר דערפאר ווייל די יהוה־עדות האבן באקאנט געמאכט די בשורה וועגן גאטס מלכות־שמים.

14 ישוע האט נאך איין צייכן געגעבן: „און אויף דער ערד צרות אויף פעלקער, אין שרעק; ... מענטשן וועלן אויסגיין פון אימה [שרעק], און פון דערווארטונג פון דעם וואס דארף קומען אויף דער וועלט. ווארום די חילות פון הימל וועלן אויפגעטרייסלט ווערן.״ (לוקאס כא:25, 26) א סך מענטשן קוקן אויף דער צוקונפט—אן שום האפענונג. „מיר זיינען דערגאנגען ביזן שיידוועג, און קיינער ווייס ניט ווו דער אויסוועג איז,״— אזוי האט געשריבן א באקאנטער היסטאריקער פון אונזער צייט. מורא און אומזיכערקייט האבן ארומגענומען די וועלט. כדי צו פארלייכטערן אט דעם צושטאנד האבן זיך די נאציעס איצט געווארפן צו די פלענער פון אינטערנאציאנאלער מיטארבעטשאפט—דאס זאל זיין דער וועג צו שלום און זיכערקייט.

„דער גרויל פון חורבן״

15 די פירער פון דער דאזיקער אלטער וועלט האבן ניט געלייגט קיין אכט אויף ישועס ווארענונגען און האבן זיך אריינגעווארפן אין דער ארבעט צו פורעמען א וועלט־אויבער־רעגירונג. עס קומט זיי גארניט אויפן געדאנק, אז זיי נעמען אנטייל אין דאס וואס איז א גרויל און ברענגט א חרבן און איז פארמשפט אויף דורכפאל. „דעריבער, ווען איר וועט זען דעם גרויל פון חורבן, ... שטיין אין מקום־קדוש, ... דעמאלט זאלן די, וואס זענען אין יהודה אנטרונען אין די בערג.״ (מתיא כד:15, 16)

---

14. וואס פאר א נאך־מלחמה־מצב איז פארויסגעזאגט געווארן פאר די נאציעס פון היינטיקער צייט? און וועלכע ריכטונג האט מע זיי באוועגט אנצוהאלטן?

15. (א) וואס האט ישוע געזאגט וועגן דעם „גרויל פון חורבן״? און פארוואס איז עס אזוי באצייכנט? (ב) ווי האט מע באטראכט די פריערדיקע פעלקער־ליגע, צי וויזט זי זיך ארויס ווי א חרבן?

נאָר דאָס מלכות־שמים פון גאָט אַליין פאַרדינט צו פאַרנעמען דעם „מקום־קדוש"; ווייל דאָס מלכות איז דורכויס געווידמעט צו גאָטס כּבוד, לויבונג און רעכטפאַרטיקונג. אַלצדינג וואָס ווערט גענומען אָנשטאָט דעם, וואָלט געווען אַ גרויל פאַר גאָט און באַשטימט אויף אונטערגאַנג. און דאָך לייגט דער רוב מענטשהייט זייערע האָפענונגען און צוטרוי אויף אַזאַ סאָרט אָרגאַניזאַציע. אַ סך קוקן אויף די פאַראייניקטע פעלקער אָרגאַני־זאַציע ווי אויף דעם פּאָליטישן אויסדרוק פונעם מלכות־שמים אויף דער ערד, און דעריבער מאַכן זיי זיך ניט־וויסנדיק וועגן ישועס ווערטער: „מיין מלכות איז נישט פון דערדאָזיקער וועלט".

האָט מען די אַלטע פעלקער־ליגע ניט באַטראַכט אַזוי? אין מאַי, 1919, האָט אַזאַ באַריכט פאַרעפנטלעכט דער „ראַט פון דער פעדעראַציע פון קריסטוס׳ קירכן אין אַמעריקע": „די פעלקער־ליגע איז דער פּאָליטישער אויסדרוק פונעם מלכות־שמים אויף דער ערד." די פּראָטעסטאַנטישע קירכן האָבן גע־געבן זייערע ענטוזיאַסטישע שטיצע פאַר דער ליגע. די רוימיש־קאַטוילישע היעראַרכיע אָבער איז געבליבן אָן אַ זיץ־פּלאַץ אין דער ליגע, און צוליב דעם האָט זי זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן די ליגע. אַדאַנק דער טאָטאַליטאַרער אַגרעסיע האָט זי דאָס טאַקע דערגרייכט, און די ליגע איז אַראָפּ פון דער סצענע אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה 2.

[16] און דאָך איז עס געשען, לויט דער נבואה, אַז די ליגע—אָט די „חיה" אָדער באַשעפעניש—איז אַרויסגעקומען פונעם מצב פון ניט־זיין, דאָס מאָל אָבער איז שוין צוזאַמען מיט איר—די „אָרגאַניזירטע רעליגיע" אין זאָטל, איינגעשלאָסן די רוימיש־קאַטוילישע היעראַרכיע. „און איך האָב געזען זיצן אַ ווייב אויף אַ שאַרלעך־רויטער חיה, פול מיט נעמען פון לעסטערונג, און זי האָט געהאַט זיבן קעפּ און צען הערנער. די חיה וואָס דו האָסט געזען, איז געווען [די אַלטע ליגע], און איז נישט [געווען טויט בשעת דער וועלט־מלחמה 2], און איז גרייט אַרויפצוקומען פון דעם תהום [אַלס די פאַראייניקטע פעלקער אָרגאַניזאַציע], . . . און די חיה, וואָס איז געווען, און איז נישט,

16. ווי אַזוי באַשרייבט קאַפּיטל יז, פון התגלות, די נאָכמלחמה־דיקע חיה? און דער רייַ נאָך, וואָס פאַר אַ וועלטקראַפט איז זי?

איז אליין אויך אן אכטע, און איז פון די זיבן, און זי גייט אין פארדארבונג." (התגלות יז:3, 8, 11) אין דער מענטשלעכער געשיכטע ביז 1914 נ. ק. זיינען געווען זיבן גרויסע וועלט־אימפעריעס, די לעצטע פון זיי—דאס איז די היינטיקע ענגליש־אמעריקאנישע אימפעריע. נעמט אין אכט: די נבואה זאגט, אז עס וועט זיין אן אכטע, וואס זי איז פון די פריערדיקע זיבן. דער אנהויב פון דער ליגע איז אויפגעקומען אין דער זיבעטער אימפעריע, און די איצטיקע נייע פאראייניקטע פעלקער ארגאניזאציע [יונא] באקומט איר הויפט־שטיצע און אונטערשטיצונג פון דער זעלבער אימפעריע. אפילו דער זיץ־פלאץ פון דער נייער רעגירונג איז אין אמעריקע.

17 דער מענטש איז פשוט א משכון אין די הענט פונם מעכטיקן גייסט־דעמאן, דער שטן, וועלכער ברענגט איצט צוזאמען זיין כוחות—פאר דעם הר־מגדון. הר־מגדון? מ'באצייכנט אפט אומריכטיק די וועלט־קאנפליקטן ווי דעם הר־מגדון. דער הר־מגדון וועט ניט זיין גלאט א צוזאמענשטויס צווישן קאפיטאליזם און קאמוניזם, אזוי ווי אייניקע האבן מורא. פון דער צווייטער זייט, א סך זיינען איצט באזארגט, אז עס איז מעגלעך, עפעס אן אומ'ברחמנות'דיקע קראפט דורכן באנוצן די אטאמישע ענערגיע, וועט חרוב־מאכן סיי די נאציעס און סיי אונזער ערד. אבער דער סוף פון דער וועלט מיינט ניט, אז די ערד וועט טאקע בוכשטעבלעך פארברענט ווערן. (קהלת א:4; ישעיה מה:18) דאס וואלט אפשר געמאכט א סוף צום מענטשן, אבער ניט צו די רשעותדיקע גייסטער. די שלאכט פון הר־מגדון—דאס וועט זיין יהוהס קאמף, אין וועלכן אלע רשעות וועט אפגעווישט ווערן פונם אוניווערס; אויף אן אנדער אופן ווערט די שלאכט אנגערופן „די מלחמה פון דעם גרויסן טאג פון גאט, דעם אלמעכטיקן". (התגלות טז:14־16) זי וועט פולשטענדיק פארניכטן די אומזעעבארע און די זעעבארע טיילן פון שטנס ארגאניזאציע,—און אזוי ארום וועט זי באדייטן דעם ענדגילטיקן סוף פון דער דאזיקער רשעותדיקער אלטער וועלט. ישוע האט עס אזוי באשריבן: „ווארום דעמאלט וועט זיין א

---

17. ווי אזוי באטראכטן א סך מענטשן דעם הר־מגדון? און וואס איז ער לויט די הייליקע שריפטן?

גרויסע צרה, אזא וואָס איז נאָך נישט געווען פון אָנהייב וועלט ביז איצט, און וועט שוין מער נישט זיין." (מתיא כד:21; זע אויך צפניה ג:8) דאָס קאפיטל יט פון התגלות באשרייבט סימבאָליש דעם קעניג ישוע־המשיח—ווי ער פאָרט אויף א א ווייסן פערד בראש פון יהוהס גרויסער מחנה פון הימלישן קריגס־חיילות און טוט משפטן און מלחמה־האלטן אין גערעכטיקייט. ווער וועט עס זיין בכוח זיך אנטקעגן צו שטעלן אזא קראפט? די מאָדערנע ווּיסנשאפט מיט איר ניי־אויסגעפונענער „אוניווערסאלער קראפט" וועט בטל־ומבוטל־ווערן אין איר נישטיקייט—אין פארגלייך מיט די אלמעכטיקע קרעפטן וועלכע יהוה און זיין מלך וועלן פרייל אָזן אין דעם ענדגילטיקן קריג פון הר־מגדון.

[18] דער ענדגילטיקער סוף טוט זיך דערנענטערן, און די דרינגנדיקע נויט פון דער וועלט־סיטואציע איז ניט צום פארלייקענען. ישוע האָט געוואָרנט אלע וואָס האָבן גוטע כוונות לגבי יהוהן, זיי זאָלן זיך ראטעווען אין זיין מלכות־אָרגאניזאציע (סימבאָליזירט דורך די בערג), כדי צו זיין געזיכערט—ווען דער „גרויל" וועט זיך באווייזן. דער מעגלעכער געווינס ווערט קלאָר געמאכט אין אָט די ווערטער: „זוכט גאָט, איר אלע פארליטענע פון לאנד, וואָס האָט געטאָן זיין געזעץ; זוכט גערעכטיקייט, זוכט עניוות, אפשר וועט איר פארבאָרגן ווערן אין טאָג פון גאָטס כעס." (צפניה ב:3) בשעת די וועלט קעמפט אין א טויטקאמף צוליב אירע ליידן, און בשעת די בשורה פון מלכות איז א צרותדיקע פלאָג פאר שׂטנס אָרגאניזאציע,—דאָך זיינען די יהוה־עדות און זייערע חברים פון גוטן־ווילן צופרידן און זיי פרייען זיך, ניט געקוקט אויף די יסורים,—ווייל זיי זעען—די רעטונג איז גאָר נאָענט. זיי טוען אזוי ווי ישוע האָט געזאָגט: „און בעת דאָסדאָזיקע וועט נעמען קומען, גלייכט אייך אויס און הויבט אויף אייערע קעפ, מחמת אייער גאולה דערנענטערט זיך."—לוקאס כא:28.

18. וואָס דארפן טאָן די מענטשן מיט גוטן־ווילן—פנים־אל־פנים מיט דער דרינגנדער נויט פון דער וועלט־סיטואציע?

קאַפּיטל 20

די „נייע ערד“

אַ נייע ערד! וואָס קאָן עס באַדייטן? אַז אונזער פּלאַנעטע וועט פֿאַרברענט ווערן און אויף איר אָרט וועט קומען אַ נייער ערד־קויל? ניין, ניט דאָס; ווארום דאָס אמתע וואָרט פֿון גאָט זאָגט קלאָר: „און די ערד באַשטייט אייביק.“ (קהלת א:4; תהלים עח:69; קיט:90) אָבער, אַז עס וועט דאָ זיין אַן „ערד אַ נייע“—דאָס האָט דער באַשעפֿער אַליין קלאָר און זיכער אָנגעזאָגט: „ווארום זע, איך באַשאַף הימלען נייע, און אַן ערד אַ נייע; און דאָס פֿריערדיקע וועט ניט געדאַכט ווערן, און אויפֿן זינען ניט אַרויפֿקומען.“ (ישעיה סה:17) אָבער אויב ניט קיין נייער ערד־קויל, טאָ וואָס זשע איז אָט די „נייע ערד“? וואָס פֿאַר אַ צושטענדן וועלן הערשן אויף איר, און ווי אַזוי און ווען וועט זי אַנטשטיין? אַ סך אַזעלכע פֿראַגן פֿילן אָן דיין מוח, בלי־ספק, ווען דו פֿאַרטראַכטסט זיך וועגן דער אויסזיכט פֿון אַן „ערד אַ נייע“.

[2] דער אויסדרוק ערד, באַנוצט אין דער ביבל, ווערט ניט שטענדיק אָנגעווענדט לגבי אָט דעם אומבאַלעבטן ערד־קויל. למשל, אין תהלים צו:1 ווערט אַזאַ באַפֿעל געגעבן: „זינגט צו גאָט אַ ניי געזאַנג, זינגט צו גאָט, די גאַנצע ערד.“ ניט צו דער בוכשטעבלעכער פּלאַנעטע ווערט דאָ די דערמאָנונג געמאַכט, נאָר צו די אינטעליגענטע מענטשלעכע דינער פֿון גאָט דעם עליון, וועלכע לעבן אויף דער ערד. (זע תהלים סו:4; חבקוק ב:20) אויף דעם זעלבן אופֿן ווערט באַנוצט דער אויסדרוק „נייע ערד“—צום באַצייכענען ניט די פּלאַנעטע גופֿא, נאָר אַ באַשטימטן קלאַס פֿון דער ערדס באַוווינער, וועלכע זיינען

---

1. מיינט „די נייע ערד“—אַ נייע פּלאַנעטע?
2. אין וועלכן זינען ווערן אין די הייליקע שריפֿטן באַנוצט די ווערטער „ערד“ און „נייע ערד“?

טעטיק ווי די מענטשישע פּאַרטרעטער פונם באַשעפער אין הימל. פונקט אַזוי קען מע זאָגן, אַז גאָטס פּערפעקטער מענטשן־זון אָדם האָט געדינט אין גן־עדן ווי אַ באַלעבטע „ערד" אָדער ווי דער זעבאַרער טייל פונם באַשעפערס ערשטער וועלט. „דער ערשטער מענטש איז פון דער ערד, ערדיש." (קאָרינטער א, טו:47) וואָלט אָדם פאַרבליבן געהאָרכזאַם צו זיין באַשעפער, וואָלט ער בלי שום ספק פאַרנומען אַ נביאישע שטעלונג, און ער וואָלט צו זיינע קומענדיקע דורות איבערגעענטפערט גאָטס פולקאָמען געזעץ, און דורך זיין ווירקזאַמקייט וואָלט דער גן־עדן זיך אויסגעשפּרייט ביז אַלע עקן ערד. צוליב זיין אומגעהאָרכזאַמקייט אָבער האָט אָדם פאַרלאָרן אויף אייביק די געבענטשטע פּריווילעגיע צו דינען ווי אַ פּאַרטרעטער פון גאָט אויף דער ערד.

[3] ניט געקוקט אויף דעם אָבער, וועט דער אַלמעכטיקער יאָ האָבן אויף דער ערד גערעכטע, געטרייע פּאַרטרעטער, מענער מיט פולקאָמענע הערצער, דורך זיי וועלן זיינע גערעכטע באַפעלן און ענדלאָזע בענטשונגען אויסגעשפּרייט ווערן אויף דער מענטשן־משפחה. אויסגעקליבן וועלן אָט די פּאַרטרעטער ווערן ניט פון צווישן די זינד־באַלאָדענע, היינט־לעבנדע הערשער, נאָר פון צווישן מענער וואָס זיינען לאַנג טויט! דאָס איז אומגלויבלעך, זאָגסטו? יאָ, פאַר די וואָס זיינען ניט באַקאַנט מיט גאָטס צילן. לאָמיר אָבער זען, וואָס די ביבל דעקט אויף פאַר אונז. אינם עלפטן קאַפּיטל פון יידן זיינען אויסגערעכנט די נעמען פון אַ טייל פונם „גרויסן וואָלקן עדות" וועלכע האָבן געלעבט איידער ישוע איז געקומען. (יידן יב:1) אָט דער איינגעהיטער באַריכט וועגן זייערע לעבנס שטעמפּלט זיי אַלס מענער, וואָס האָבן פאַרדינט דעם צוטרוי, מענער פון געטרייקייט און איבערגעגעבנקייט, און הויפּטזעכלעך האָבן זיי זייערע האָפענונגען אַרויפגעלייגט נאָר אויף דער צוקינפטיקער „שטאָט [מלכות] וואָס האָט יסודות, און וואָס איר בוימייסטער און בויער איז גאָט". (יידן יא:10) די געטריישאַפט ביז צום טויט האָט זיי פאַרדינט דעם צוזאָג פון „אַ בעסערער תחית־המתים", אַ צוריק־ויפשטעלונג צום לעבן, ניט אין די הימלען, נאָר אַלס מענטשן

3. וואָס איז גאָטס צוזאָג בנוגע די געטרייע מענער פון אַמאָל? און פאַרוואָס וועלן זיי אויף דעם אופן באַלוינט ווערן?

מיט פולקאמע הערצער, און אזוי באויפטראגט צו דינען אין אן ספּעציעלן אמט.—יידן יא:35; מעשים ב:34; מתיא יא:11.

[4] א סך פון די געטרייע מענער פון אמאל האבן געהאט די זכיה אויף אן אמת צו זיין די אורעלטערן פונם מאן ישוע, און וועגן זיי רעדט זיך ווי וועגן די „אבות". (רוימער ט:5; טו:8; מעשים ג:13) היינט אבער זיינען אט די ישועס „אבות" טויט, אזוי אויך די אנדערע געטרייע מענער פון אמאל, ענלעך צו זיי,—ישוע אבער איז פול באלעבט. (יידן יא:13; מעשים ב:29; התגלות א:18) קענען זיי צוריקקערן צום לעבן? יא, אבער בלויז דורך דער לעבן־אויפשטעלנדיקער קראפט פון ישוע, וועלכער האט געזאגט: „איך בין דער תחית־המתים און דאס לעבן." און אט דערפאר מוזן די אנגערופענע „אבות" און זייערע געטרייע נאכגייער—ווערן קינדער פונם „אייביקן פאטער" (וואס שענקט לעבן) ישוע־המשיח, דורך דעם תחית־המתים. (ישעיה ט:5) דעריבער זאגט גאטס ווארט נביאותדיק צו ישוע־המשיח דעם קעניג: „אנשטאט דיינע פאטערס וועלן [זיי] זיין דיינע זין." (תהלים מה:17) און וואס איז די באזונדערע שטעלונג, אויף וועלכער די דאזיקע אונטערטעניקע דינערס וועלן באשטימט ווערן? אויף דעם ענטפערט דער לעצטער טייל פון דעם תהלים־פסוק: „וועסט זיי אויפזעצן פאר הארן [פרינצן] אין גאנצן לאנד."

[5] אט דא איז זי, די „נייע ערד"! א נייע, זעבארע רעגירונגס־ארגאניזאציע, אויפגעשטעלט דורך גאטס האנט. (ישעיה סו:22) ס'פארא אונטערשייד עס וועט זיין צווישן אט דער „נייער ערד" און דער פארדארבענער, טייוולשער „ערד" וואס הערשט היינט! (פעטרוס ב, ג:10, 13) גערעכטיקייט, גוטסקייט און אויפריכטיקייט—וועלן באצייכענען יעדן טריט פון די „הארן", ווייל זיי וועלן ארבעטן אין פולשטענדיקן הסכם מיט זייער קעניג־פאטער, ישוע־המשיח. ווי ישעיה לב:1 זאגט פארויס: „זע, מיט

---

4. ווי אזוי וועלן ווערן די „אבות"—קינדער? און וועלכע שטעלונג איז פאר זיי אנגעגרייט?

5. וואס זשע איז אזוינס די „נייע ערד"? מיט וואס וועט זי זיך אונטערשיידן פון דער איצטיקער „ערד", און ווען קען זי איינגעשטעלט ווערן?

רעכטפאַרטיקייט וועט קיניגן דער קיניג, און האַרן [פּרינצן]— זיי וועלן הערשן מיט גערעכטיקייט.״ (זע תהלים פה:11) און ווען קענען מיר דערוואַרטן די איינשטעלונג פון דער „נייער ערד״? יעדעס פּיצל פון באַווייז, אַז די ביבלישע נבואה וועט פולשטענדיק מקוים ווערן, און זאָגט עדות, אַז די נביאים וועלן זיך אומקערן ווי ערדישע באַרעכטיקטע הערשערס אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט, נאָך אין „דעמדאָזיקן דור״.—לוקאַס כא: 25—32; יג:28; התגלות יח:20.

„אַנדערע שאָף״

[6] „אַ סך פאָלק״, מענטשן „פון יעדער אומה און פון אַלע שבטים און פעלקער און לשונות״ וועלן באַגריסן די „נייע ערד״ און איר קעניג—(התגלות ז:9). דאָס מיינט די מענטשן, וואָס לעבן היינט און וואָס לערנען מיט פליים גאָטס וואָרט, ווייל זיי שטרעבן צו דערגרייכן דאָס אמתע ווּיסן. (טימאָטעאוס ב, ב:15; משלי ב:1־6) זיי זיינען די ליבהאָבער פון גערעכטיקייט וואָס וועלן אַרויסקומען פון די גרויסע צרה אָנגעשיקט אויף דער דאָזיקער וועלט, און וועלן הייליקן זייער לעבן אינגאַנצן צו דינען אָן איבעררייס ,זייער גאָט און דעם לאָם׳. (התגלות ז:10, 14, 15) אָט די באַשיידענע מענטשן פון גוטן־ווילן האָט ישוע־המשיח אָנגערופן די „אַנדערע שאָף״, ווייל זיי געהערן ניט צו דער „קליינער [הימלישער] סטאַדע״; זייער האָפענונג אויף אַ צוקינפטיק לעבן ליגן זיי אויף אַ גן־עדנדיקער ערד. (יוחנן י:16; מתיא ו:10) אין אונזערע טעג נעמען זיי מיט גרויס חשק אַן אָנטייל אין דער פאַראַנטוואָרטונג, וואָס ליגט אויף יעדן קריסט, נעמלעך, ,פּרעדיקן די בשורה פון דעם מלכות׳. (מתיא כד:14) מיט נחת גייען זיי פון הויז־צו־הויז, און אויף די גאַסן, און אין פלעצער פון עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, מאַכן באַקאַנט גאָטס לעבנס־דרך—זיי רעדן צו אַלע רעכט־געשטימטע קאַטוילן, פּראָטעסטאַנטן, יידן און אַפילו אַזעלכע וואָס האַלטן ניט פון קיין שום רעליגיעזן גלויבן.—התגלות כב:17.

---

6. ווער איז עס דאָס „אַ סך פאָלק״? און ווי אַזוי אונטערשיידט מע זיי פונם רעשט מענטשהייט?

7 מעג עס קלינגען ווי אומגלויבלעך, א סך פון די דאזיקע „אנדערע שאף" וועלן קיינמאל ניט שטארבן. זיי זיינען געווען שאטנבילדלעך פון נחס משפחה, וואס אדאנק זייער גלויבן און גערעכטע מעשים—אין סאמע מיטן פון א פארדארבענער וועלט—האבן זיי זייערע לעבנס, צוזאמען מיט נחן, געראטעוועט פונם מבול. (בראשית ו:18—22; ז:1) און פונקט ווי אין נחס דור, אזוי אויך היינט, לויפט איבער די ערד—רשעותדיקייט. (בראשית ו:5, 11; מתיא כד:37) מיליאנען פארגעסן אין גאט, און זיי באמיען זיך כסדר פארטצוזעצן אלץ די דאזיקע אלטע וועלט. אבער די „אנדערע שאף" געדענקען יא זייער באשעפער, האלטן פעסט זייער גלויבן, און רייסן פולשטענדיק איבער מיטן שטנס כוחות וואס הערשן איצט. מיט אייפער פרעדיקן זיי די דערנענטערונג פון הר־מגדון און פונם מלכות' ברכות נאך דעם. אנגייענדיק ווייטער אין זייער געטריישאפט ביזן הר־מגדון, וועלן די „אנדערע שאף", שטרעבנדיק נאך באשיידנקייט און גערעכטיקייט, וועלן זיין באהאלטן, אזוי ווי די געראטעוועטע פון מבול אין נחס ציטן, אין א מאדערנער תבה, אין גאטס ארגאניזאציע, און זיי וועלן גאנץ בלייבן אויף דער ערד, וועלכע וועט זיין אויסגערייניקט פון שלעכטס. (צפניה ב:1—3; ישעיה כו:20; מתיא כה:31—40) יענע פון די „אנדערע שאף" וואס שטארבן היינט אוועק, וועלן זיכער רוען און דערווארטן זייער תחית־המתים, און זיי וועלן געניסן פון א סך ערדישע צוגעזאגטע בענטשונגען. טא הויב אויף דיינע אויגן צו דער צוקונפט, און באטראכט איטלעכע פון די ברכות וואס די נייע וועלט האט גרייט.

נייע וועלט—צושטענדן

8 די רייניקונג פון דער רשעותדיקער הערשאפט וועט אויסטרעטן דעם וועג פאר דער הערשאפט פון דער „נייער ערד אין וועלכער עס האלט זיך אויף די גערעכטיקייט". דעמאלט וועלן

7. פארוואס ווערט געזאגט, אז א סך פון די „אנדערע שאף" וועלן קיינמאל ניט שטארבן?
8. וועלכע וועט זיין איינע פון די ערשטע פריווילעגיעס, וואס „א סך פאלק" וועלן פון זיי געניסן אויף דער „נייער ערד"?

פון מזרח און מערב און פון אַלע עקן—קומען אַלע אָנבעטנדיקע איבערלעבנדע פון הר־מגדון, און זיי וועלן זיך פרייען און פאַרגעניגן האָבן פון דער חברהשאַפט מיט אַברהם, יצחק און יעקב און מיט די אַנדערע פרינץ־קינדער. (מתיא ח:11; לוקאַס יג:29) „וואָס וועלן מיר איצטער טאָן?“—וועלן פרעגן די „אַנדערע שאָף“, ווען זיי וועלן זוכן די הימלישע אָנפירונג אין דער „נייער ערד“.—„צעברעך און שמיד איבער אַלע טאַנקען, קאַנאָנען און באָמבערס פון דער אַלטער וועלט—אין אַקער־אייזנס‘,—אָט דאָס וועט זיין דער ענטפער; ווייל אַלע צעשטערונגס־כלי־זין מוזן פאַרוואַנדלט ווערן אין אויפבוי־וועקצייג. (ישעיה ב:4; מיכה ד:3) אין דער נייער וועלט וועט אונזער פּלאַנעטע שוין קיינמאָל מער ניט אויסגעשטעלט ווערן אויף מלחמה־חרבנות, מיט צוועקלאָזער בלוט־פאַרגיסונג, האַרצלאָזער גרויזאַמקייט, און טראַגישע פאָלגן, ווייל „אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הייבן אַ שווערד, און מע וועט ניט מער לערנען מלחמה“.

[9] און פאַרוואָס זאָל דאָ זיין ווי נאָר נאָך אַן אַנדער קריג? אָט די איינוווינער פון דער ערד וועלן ניט זיין פאַרטיילט אין קעגנגעזעצטע גרופּן צוליב די ביטערע נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע אָדער ראַסן־אונטערשיידן. אַלע אַזעלכע שטערונגען פון דויערנדיקן שלום און איינהייט וועלן פאַרניכטעט ווערן. עס וועט בלייבן נאָר איין אַרט אָנבעטונג: דאָס קלאָרע, ריינע און גערעכטע דינען דעם אמתן גאָט פון אַלוועלט, יהוהן. און אָט דאָס פאַרייניקטע אָנבעטונג צו זייער באַשעפער—אָט דאָס וועט אומצעררייסבאַר בינדן צוזאַמען אַלע באַוווינער פון דער ערד אין דער תקופה נאָכן הר־מגדון.—ישעיה סו:23; זכריה יד:16.

[10] און דעמאָלט, מיטן ענד פונם קריג, וועט איינגעשטעלט ווערן פרייהייט, אין פולן זינען פון וואָרט. דאָס וועט זיין פרייהייט פון מורא, ווייל מער וועט שוין ניט הענגען איבער די מענטשן ווי אַ דראָענדיקע כמאַרע—ניט די אַטאָמישע באָמבע, ניט קיינע דעמאָנישע, טייוולשע הימלען. מע וועט מער

---

9. פאַרוואָס וועט די נייע וועלט זיין אַ וועלט אָן מלחמות?
10. וועט נאָך זיין אַ סבה פאַר מורא, ווען די „נייע ערד“ וועט הערשן?

ניט באַדאַרפן קיין שום אַרמיי, אַפּצוהיטן דעם אינטערנאַציאָ־נאַלן שלום', און אפילו ניט קיין אָרטיקע פּאָליציי־קראַפט אויף צו אונטערדריקן פאַרבּרעכנס אָדער צו האַלטן אָרדענונג; וואָרום געזעצלאָזיקייט און לאַסטער, ווי אויך פאַרלוסט־בּרענגענדיקע אומגליקספאַלן, די פייערן און די פאַרפּלייצונגען,—דאָס אַלץ וועט שוין געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט פון דער אַלטער וועלט. (ישעיה יא:9) פּונקט אַזוי וועט דאָ מער ניט זיין קיין מיליאָנען אַרבּעטסלאָזע, ,היימלאָזע פערזאָנען', וואָס וואַנדערן אָן אַ ציל פון איין שטאָט צו דער אַנדערער; וואָרום אַזוי איז די הבטחה פון יהוה: „און זיי וועלן זיצן איטלאַכער אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייגנבּוים, און קיינער וועט ניט שרעקן."—מיכה ד:4; יחזקאל לד:25.

[11] הונגער און טרוקעניש, ווי אויך ראַציאָנירונג און שוואַר־צער האַנדל, וועלן אויף אייבּיק פאַרשווינדן, ווייל אומעטום וועט זיך פילן די פרייהייט פון נויט. די פאַרזיכערונג פון יהוה איז, אַז „די ערד גיט איר פרוכט [פּילפּאַך]". (תהלים סז:7; יחזקאל לד:27, 29) דער אומבּאַלעבּטער ערד־קויל, פריי פון דער קללה וואָס איז אויף אים אַרויסגערופן געוואָרן, וועט אָנ־נעמען גאָר אַ „נייעם" אויסזען און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּלאַץ פון גן־עדנשער פּרעכטיקייט און שיינקייט, אַט אַזוי, אַז דער מענטשישער געדאַנק קען זיך איצט גאָר ניט פאָרשטעלן. (תהלים צו:11, 12; בּראשית ג:17, 18; ב:8, 9) דער גערעכטי־קער מענטש וועט ווידער באַקומען די מאַכט צו ,באַצווינגען די ערד' און ,געוועלטיקן' איבּער די נידעריקע חיות־באַשעפענישן, וואָרום דעמאָלט וועלן אפילו די חיות אין פעלד לעבּן בשלום איינס מיטן אַנדערן און מיט זייער שומר—דעם מענטש.—ישעיה יא:6—9; סה:25; בּראשית א:28.

[12] נאָך מער, די נייע וועלט וועט זיין אַ וועלט אָן קראַנק־הייטן; ווייל די היילנדיקע קראַפט פונם געטלעכן דאָקטער וועט זיין געווענדט צו אונזער ערד. (מתיא ד:23; תהלים קג:3, 4)

---

11. וועלכע ענדערונגען קאָן מען דערוואַרטן מיט דער בּוכשטעבּ־לעכער ערד, און מיט וואָס פאַרא פּועל־יוצא פאַרן מענטש?
12. וואָס וועט זיין מיט—קראַנקהייט, אַלטקייט און טויט?

עס װעט זײַן אױס מיט װײטיקן און יסורים, װײל אין יעדער באַשעפעניש װעט אַרײַנדרינגען דאָס שטראַלנדע געזונט, און ניט קײן קרעבס, צי אינפלוענציע, אַפילו ניט קײן פּשוטע צײנװײטאָג װעלן זײ ניט פילן. (התגלות כא:4) דאָס מײנט, אַז ס'װעט אָפּגעשאַפט װערן אַלטקײט—מיט דער אײנגעשרומפּענער הויט, מיט די גרויע האָר, מיט דער אָפּגעשװאַכקײט. דאָס מײנט, אַז די קרעפטיקע, ענערגישע יוגנטלעכקײט, װאָס הײנט לויפט שנעל אַדורך, װעט װערן דער אײביקער געװינס פון יעדן מענטשישן יחיד. כדי צו גענימען אָט די אַלע בענטשונגען אויף אײביק, איז עס נויטיק צו באַזײטיקן דעם מענטשנס גרעסטן שונא—דעם טויט. און דאָס האָט יהוה, דער קװאַל פון לעבן, פאַרהײסן צו פאַרװירקלעכן. (תהלים לו:10; קאָרינטער א, טו:26) באַשרײַבנדיק אָט דעם דערהויבענעם שטאַאַט פון דער נײַער װעלט, זאָגט דאָס באַריכטעטע װאָרט פון גאָט אַזױ: „און איך האָב געזען אַ נײַעם הימל און אַ נײַע ערד. . . . און גאָט װעט אָפּװישן יעדע טרער פון זײערע אויגן; און קײן טויט װעט מער נישט זײַן, אויך נישט קײן טרויער, קײן געװײן, קײן פּײַן, מחמת די ערשטע זאַכן זענען פאַרגאַנגען." (התגלות כא:1-5) דאָס איז נישט קײן חלום; אָדער אַ פּראָפּאַגאַנדע פּראָיעקט אויף צו זוכן אַ שטיצע פאַר אַ „בעסערער װעלט" געמאַכט פון מענטשן, נאָר דאָס איז דער אמת. אָט אַזעלכע צושטענדן װעלן זיכער אָנקומען, װאָרום דער האַר האָט װײטער געזאָגט צו יוחנן: „שרײַב, װאָרום דידאָזיקע רײד זענען װאָר און באַגלײבט."

[13] אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ: די „אַנדערע שאָף" װעלן נאָך האָבן דאָס פאַרגעניגן און די גרויסע זכיה אויסצופירן דעם גטלעכן אויפטראָג. די דאָזיקע ערד איז ניט באַשאַפן געװאָרן דערויף, זי זאָל פאַרניכטעט װערן, נאָר אַז זי זאָל באַװױנט זײַן אויף אײביק פון גערעכטיקע, פולקאָמענע מענער און פרויען. (ישעיה מה:12, 18; משלי י:30; ישעיה ס:21) צוליב דעם אַ ענד האָט גאָט באַפױלן דאָס פולקאָמע מענטשן־פּאָר אין גן־עדן: „פרוכפּערט אײַך און מערט אײַך און פילט אָן די ערד."

13. צו װאָס באַציט זיך דער אויסדרוק „געטלעכער אויפטראָג", און װען איז ער צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט געװאָרן?

(בּראשית א:28) צוליב זייער זינד זיינען אָדם און חוה געוואָרן אומגערעכט, און פאַרלוירן די זכיה אויפצוברענגען אַ גערעכטיקן דור. אָבער גאָטס כּוונה גייט קיינמאָל ניט פאַרלוירן; זיין געטלעכער אויפטראָג צו האָבן גערעכטיקע באַשעפענישן, אויפברענגנדיק אָפּשטאַמער נאָך זייער מין, וועט יאָ אויסגעפירט ווערן. (ישעיה יד:24, 27, נה:11) אָבער ווען און ווי אַזוי?

[14] נאָכן מבּול אין נחס צייט, האָט יהוה צו די לעבנגעבליבענע איבערגעחזרט זיין געטלעכן אויפטראָג: „פרוכפּערט אייך און מערט אייך, און פילט אָן די ערד." (בּראשית ט:1) אָבער הגם נחס משפּחה האָט זיך גערעכנט פאַר גערעכטיקע לויט זייער גלויבן נאָך,—האָט זי דאָך, אויף אַן אמת, ניט געקענט אויספירן דעם דאָזיקן אויפטראָג. (יידן יא:7) פאַרוואָס? ווייל ישוע איז נאָך דעמאָלט ניט געהאַט געקומען באַפרייען זיי פון די איינגעבוירענע זינד און פון דער פאַרורטיילונג. (רוימער ה:12; יוחנן א, א:7) און דערפאַר איז דער געטלעכער אויפטראָג, וואָס איז איבערגעחזרט געוואָרן נאָכן מבּול, בּלויז אַ מיניאַטור פאַרבילד פון דער אמתער דערפילונג דורך יענע, וועמען עס האָבן נחס זין און שניר פאַרגעשטעלט, נעמלעך, דורך דעם „סך פאָלק" וואָס וועט איבערלעבן הר־מגדון. (קאָרינטער א, י:11) אין אַן אויסגעלייטערטער ערד, פריי פון שׂטנס שלעכטן איינפלוס, און אין דעם פאַרדינסט פון משיחס קרבּן, וואָס ווישט אָפּ די זינד, וועלן די איבערגעלעבטע פון הר־מגדון, אונטער דער פירערשאַפט פונם קעניג און זיינע פרינצן, חתונה האָבן און אויפברענגען קינדער אין גערעכטיקייט, צום לויב פון גאָט. (משלי כח:28) זייערע אָפּשטאַמער וועלן געבוירן ווערן לויטן געוויינלעכן לעבן־שטייגער, און מע וועט שוין מער ניט וויסן פון דעם מין שטאַרבן פון זויג־קינדער, וואָס פאַרשאַפט אַזוי פיל האַרץ־ווייטיקן צער. (ישעיה סה:20) יעדער קינד, דערצויגן אין „די מוסר און וואָרענונג פון דעם האַר", וועט האָבן די פולע מעגלעכקייט צו אַ לעבן דורך דעם מלך־משיח; אָבער דער וואָס וועט ניט וועלן דינען יהוהן, וועט אומקומען, און מיט רעכט.—ישעיה לח:19; עפּעזער ו:4; תהלים קמה:20.

---

14. ווער וועט מקוים־זיין דעם געטלעכן אויפטראָג? און ווען, און אונטער וועלכע צושטענדן?

דער צוריקקער פון די טויטע

15 דאָס אויספירן דעם געטלעכן אויפטראָג וועגן אָנפילן די ערד וועט ניט גרייכן צו אַזאַ מדרגה, אַז עס זאָל ווערן אומבאַקוועם און אוממעגלעך פאַרזאָרגן פאַר דאָס תּחית־המתים פון יענע טויטע וואָס געפינען זיך אין זייערע קברים. אָנפילן די ערד— דאָס וועט אויך אַריינגעמען דאָס איבערפאָרמירן די ערד אין אַ פּאַראַדיז ווי דער גן־עדן; דאָס וועט ניט פאָדערן די פולע טויזנט יאָר פון משיחס קיניגן. במשך פון דער צייט וועט דער שׂטן, אין צושטאַנד פון אומבאַוווּסטזיין, אַריינגעוואָרפן ווערן אין „תּהום" [אָפּגרונט] אַריין, און זיין טויט־אויסטיילנדיקע אָרגאַניזאַציע וועט זיין פאַרשוווּנדן. (התגלות כ:1—4) עס וועט זיך דעריבער פאָדערן אַן אויסגעדיינטע חנוך־אַרבעט במשך פון די טויזנט יאָר קיניגשאַפט, ווען די ביליאָנען „אומגערעכטיק"־געשטאָרבענע, באַדאַרפנדיק די אָנווייזונגען פון גאָטס געזעץ, וועלן אָנגעצייכנט ווערן אויפצושטיין פון זייערע קברים. (התגלות כ:5) דער געפאַנגענער שׂטן וועט ביים סאַמע סוף פון דער אָט תּקופה באַפרייט ווערן. (התגלות כ:7) זיינע אינערלעכע געדאַנקען וועלן אַלץ זיין די זעלבע, און דער שׂטן וועט ווייטער פּרוּוון צו פאַרכאַפּן יהוהס פּאָזיציע אַלס אַלוועלטלעכער אויבערהערשער, און ער וועט זיך באַמיען אָפּצוקערן די גאַנצע מענטשהייט אין קעגנערשאַפט צו יהוה גאָט. (התגלות כ:8) איניקע וועלן זיך לאָזן אָפּנאַרן, אָבער יענע וואָס וועלן איינהאַלטן זייער לויטערקייט ביים סוף פונם דאָזיקן טרייקייט־פּרוּוו—און זיי וועלן זיך יאָ באַטייליקן אין דער ענדגילטיקער רעכטפאַרטיקונג פון יהוהס נאָמען. און די וואָס וועלן שטיצן דעם שׂטן, וועלן צוזאַמען מיטן טייוול, אַריינגעוואָרפן ווערן „אין דעם טייך וואָס בּרענט מיט פייער און שוועבל: דאָס איז דער צווייטער טויט". (התגלות כא:8; כ:10, 14, 15) פאַר זיי איז שוין ניטאָ קיין שום תּחית־המתים.

16 און דעמאָלט, אין אָט דער ניט־רשעותדיקער וועלט, וועט

---

15. וועלכע דערגרייכונגען וועלן די טויזנד־יאָר קיניגשאַפט פאַרווירקלעכן? און וואָס וועט געשען צום ענד פון דעם?
16. ווי לאַנג וועט שטיין יהוהס נייע וועלט?

דער אלמעכטיקער, דורך זיין מלכות און דער איינאָרדענונג פון דער „נייער ערד”, אראָפּשטראָמען אויף די ביליאָנען פאָלקאָמענע איינוווינער פון דער ערד—זיין איבערפלוס פון הימלשע ברכות, און עס וועלן אָנגעפילט ווערן זייערע הערצער מיט אומגעשטילטער פריידיקייט. דאָ וועט זיין א וועלט אָן טויט, אָן קראַנקהייטן, קיינע צרות, קיינע טרערן, קיין שום רעליגיעזע צעטומלעניש. (התגלות כא:4) דאָס וועט זיין א וועלט א זיכערע, מיט גאָט־דינונג, פול מיט ליבע און פרייד און מיט אלע געוווּנטשטע זאכן,—און זי וועט שוין פארבלייבן ניט אויף טויזנט, צי א מיליאָן, צי אפילו א ביליאָן יאָרן, נאָר טאקע לעולם־ועד. —תהלים עב:7.

[17] דאָס וועט זיין די וועלט—ביז אייביק אייביקייטן. (ישעיה מה:17; עפעזער ג:21) ווילסטו האָבן דאָס נחת צו לעבן אין אזא וועלט? אויב יאָ, דעמאָלט דאַרפסטו ווערן איינער פון די „אנדערע שאָף” שוין איצט, נעמען א חלק אין דער הארץ־דערפרייענדיקער פּראָקלאמירונג פונם מלכות, קענסט זיכער זיין מיט גאָטס בענטשונג, פירונג און באשיצונג: דיינע טריט וועלן דיך פירן צו דער פולער פארווירקלעכונג פון דער הערלעכער לעבנס־אויסזיכט וואָס איז פאָרויס.—תהלים קמח:12, 13; קמה:10--13, 21.

---

17. ווי אזוי קען מע געווינען לעבן אין דער „וועלט פון אייביק אייביקייטן”?

קאפיטל 21

תחית-המתים

פון יענעם מאָמענט אָן זינט דער ערשטער שטערבלעכער מענטש איז געפאַלן אין טויט—און ביז צו איצט זיינען אָן אַ שעור מיליאָנען מענטשן פריצייטיק געבראַכט געוואָרן אין גרוב אריין. קראַנקהייט און מגפה האָבן געגריזשעט דעם לעבנס-כח פון דער מענטשהייט. דורך גוואַלטקייט אין מלחמה, צופאַל, שׂרפה, פאַרפלייצונג האָט געהאָלפן פאַרשנעלרן דעם מענטשנס אריבערקומען אין לאַנד פון דעם שׂונא, דעם טויט. און פנים-אל-פנים מיט אָט דער טרויעריקער ווירקלעכקייט, פרעגן אויפריכטיק אַ סך אָרנטלעכע מענטשן: „איז אונז באַשערט צו לעבן אויף דער דאָזיקער ערד נאָר אַ פּאָר געציילטע יאָרן פול מיט צער, און דעמאָלט אריינגעבראַכט ווערן אין גרוב, שוין ניט צו קומען קיינמאָל צוריק? איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז די וואָס זיינען אריינגעבראַכט געוואָרן אין זייער קבר, וועלן נאָך קענען ווייטער צוריק לעבן?".

[2] דער מענטש פון גוטן-ווילן זוכט קלוגערהייט אַן ענטפער פון באַפרידיקונג, און ער קוקט אויס צום קוואַל פון אמת, צו גאָטס וואָרט. דאָ געפינט ער די ווערטער פון נחמה און דערקוויקונג. ער זעט ווי ביי די מענער פון אַמאָל—אַזעלכע ווי אַברהם, איוב און ישעיה—האָט געגליט די האָפענונג, אַז זיי וועלן נאָך אַמאָל לעבן אויף דער ערד אונטער מער גליקלעכע צושטענדן. איוב האָט אין זיינע צרות עדות געזאָגט, אַז עס וועט קומען אַן „ענדערונג", און גאָט וועט רופן צו אים און ער וועט אים ענטפערן פון זיין קבר אַרויס. ער האָט געזאָגט:

1. וואָס איז געווען דער אומגליקלעכער צושטאַנד פון די מענטשהייט? און וועלכע פראַגן שטעלט מען אָפט?
2. ווי דאַרף אַ מענטש פון גוטן-ווילן זוכן אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן? און וועלכע טרייסט-ווערטער געפינען מיר בנוגע דער האָפענונג פאַר די טויטע?

„ווען דו וואלסט מיך אין אונטערערד באהאלטן, מיך פאר־בארגן ביז דיין צארן וועט אפגיין, מיר שטעלן א צייט, און זיך דערמאנען אן מיר! — אז א מענטש שטארבט, וועט ער דען לעבעדיק ווערן? — אלע טעג פון מיין דינסטצייט וואלט איך געהארט ביז מיין אורלויב וועט קומען. וואלסט גערופן, און איך וואלט דיר געענטפערט, ווען דו וואלסט געגלוסט צו דעם ווערק פון דיינע הענט.” (איוב יד:13־15) אויך ישעיה האט אויסגעדריקט זיין גלויבן אין גאטס קראפט און געזאגט: „זאלן אויפלעבן דיינע מתים, מיינע טויטע לייבער זאלן אויפ־שטיין!” (ישעיה כו:19) „ער וועט פארטיליגן דעם טויט אויף אייביק; און גאט דער האר וועט אפווישן די טרער פון איטלאכן פנים.” (ישעיה כה:8) און בנוגע נאך אן אנדערן געטרייען, גאטס א פריינד, שטייט געשריבן: „אברהם . . . האט גערעכנט, אז גאט איז בכולת אויפצושטעלן [די מענטשן] אפילו פון די טויטע.” — יידן יא:17, 19; זע אויך לוקאס כ:37, 38.

[3] דער בטחון און צוטרוי פון די דאזיקע, און פון אנדערע האבנדיק אן ענלעכן גלויבן, וועט צו דער געהעריקער צייט זיכער ברענגען פרוכטן; אז דאס איז אזוי, האבן מיר אזא טרייסט־פארזיכערונג פון דעם בכור פון די טויטע, ישוע אליין: „וואונדערט אייך נישט אויף דעם; ווארום קומען קומט די שעה, אין וועלכער אלע, וואס זענען אין די קברים, וועלן הערן זיין קול און וועלן ארויסקומען.” (יוחנן ה:28, 29) אויך פאולוס האט אויפן הייגל מארס, [אטענס, גריכנלאנד], דערקלערט: „גאט . . . האט פארזיכערט צו אלע, מיט דעם וואס ער האט אים [ישוען] מחיה־מתים־געווען.” (מעשים יז:30, 31) אזוי ארום איז דאס תחית־המתים פון ישוען געווארן א באווייז אדער א פארזיכערונג, געגעבן צו די מענטשן: זיי קאנען זיך מיט פולן צוטרוי פארלאזן אויף גאטס הבטחות, דורכפירן דאס תחית־המתים.

[4] אויך דאס תחית־המתים פון ישוען איז ניט קיין אילוזיע,

---

3. וועלכע ווייטערע פארזיכערונג איז געגעבן בנוגע יענע וואס געפינען זיך אין זייערע קברים?

4. (א) וועלכע באמיונג איז געמאכט געווארן אויף צו הינדערן דאס תחית־המתים פון ישוען? (ב) וועלכן באווייז האבן מיר, אז ער איז טאקע ארויס פונם קבר?

—אָדער אַן איינגעבילדטע זאַך,—הגם די רעליגיאָניסטן פון יענער צייט האָבן געפרווט אָן דערפאָלג צו פאַרהינדערן מיט זייערע שוואַכע כּוחות דאָס אַרויסקומען פון קבר—פון גאָטס זון. (מתיא כז:62־66) פּאָולוס האָט מיט אַזאַ זיכערקייט גע־קענט עדות־זאָגן איבער דער דאָזיקער וויכטיקער פראַגע וועגן תּחית־המתים, מחמת ער האָט אַליין געזען די הערלעכקייט פונם אויפגעשטאַנענעם ישוע, בשעת ער איז געווען אויפן וועג קיין דמשק. און ניט נאָר דאָס אַליין, ער רופט אַרויס פאַר אונז די עדות וועלכע האָבן געזען ישוען נאָך זיין תּחית־המתים: „און ער האָט זיך באַוויזן צו כיפאן, דערנאָך צו די צוועלף. דערנאָך האָט ער זיך באַוויזן צו איבער פינף הונדערט ברידער מיט אַמאָל, . . . דערנאָך האָט ער זיך באַוויזן צו יעקבן, דער־נאָך צו אַלע שליחים. און צום סוף פון אַלע, ווי צו דעם קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן פאַר דער צייט, האָט ער זיך אויך באַוויזן צו מיר."—קאָרינטער א, טו:5־8. זע אויך מעשים יג: 29—37 און מתיא כח:5—9, 16.

[5] דורכגעפאַלן אַזוי מיט זייער צעשטערן דעם מענטשנס גלויבן אין תּחית־המתים, האָבן דעמאָלט דער שׂטן און די דעמאָנען געפרווט שטעלן אין שאָטן דעם אמתן באַדייט פון פּאָולוסעס לערע. זיי האָבן בנוגע אָט דער לערע אַרויסגערופן פאַלשע מיינונגען, בכדי זיי זאָלן אויפגענומען און געפריידיקט ווערן דורך די מענטשן „וואָס האָבן געטעותט בנוגע דעם אמת, זאָגנדיק, אַז תּחית־המתים איז שוין געווען, און מאַכן אַ תּל פון דער אמונה פון טייל". (טימאָטעאוס ב, ב:18) אָט אַזוי באַשטרייטנדיק און לערנענדיק, אַז דאָס תּחית־המתים איז שוין עבר־זמן און וועט שוין קיינמאָל מער ניט געשען, האָבן זיי געוואָלט אַריינפירן אַנדערע אין אַ טעות און אויף אַ דרך וואָס זאָל זיי מאַכן ניט צוגעפּאַסט צום לעבן. שפּעטער איז די היידנישע לערע וועגן דער „איינגעבוירענער אומשטערבלעכקייט פון אַלע נשמות" אָנגענומען און אַדאָפּטירט געוואָרן אין דער אַזוי־גערופענער „קריסטלעכער" רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע. דער

5. ווען דער שׂטן האָט פאַרפעלט צו צעשטערן דעם מענטשנס גלויבן אין דעם תּחית־המתים, וועלכע אַנדערע באַטרוגן האָט ער אויסגעטראַכט און מיט וועלכע רעזולטאַטן?

גלויבן אין דער דאָזיקער לערע האָט צעשטערט דעם מענטשנס אמת־קריסטלעכן גלויבן, מחמת זי האָט געמאַכט צונישט דעם אמת פון די כתבי־הקודש, אַז ביי דעם טויט גיין אַלע מענטשן אין גרוב אריין, וווּ עס איז „ניטאָ קיין טאָן, אָדער אויסרעכענונג, אָדער קענטשאַפט, אָדער חכמה". (קהלת ט:10) די דאָזיקע לערע האָט אַזוי פאַרווירט דעם פאַקט, אַז די טויטע מוזן פאַרבלייבן אין גרוב אָדער אין צושטאַנד פון טויט אַזוי לאַנג, ביז עס וועט קומען די געהעריקע צייט ווען גאָט וועט זיי ארויסברענגען, נאָך דער איינשטעלונג פון גאָטס מלכות.

[6] קיינער פון די געהאָרכזאַמע, געטרייע מענער פון אַמאָל איז ניט אויפגעשטאַנען תחית־המתים איידער ישוע איז אַראָפּגעקומען אויף דער ערד, אויך האָבן זיי ניט געגלויבט אין דער איינגעבוירענער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. פאַרקערט, די באַריכטן פון די הייליקע שריפטן בנוגע די דאָזיקע מענער ווייזן קלאָר, אַז זיי זיינען געשטאָרבן און ביים טויט געווען אָן באַוווסטזיין, אַזוי ווי זיי וואָלטן איינגעשלאָפן—און פון דאָזיקן טויט־שלאָף וועלן זיי אויפגעוועקט ווערן ווען ס'וועט קומען יהוהס געהעריקע צייט. צו משהן האָט גאָט געזאָגט: „זע, דו ליגסט זיך מיט דיינע עלטערן." (דברים לא:16) אויך דוד האָט געוווסט, אַז ער מוז איינשלאָפן אין טויט, ווייל גאָט האָט אים געזאָגט: „אַז דיינע טעג וועלן דערפילט ווערן, און וועסט זיך לייגן מיט דיינע עלטערן." (שמואל ב, ז:12) שפּעטער האָט פּעטרוס, אין טאָג פון שבועות, „אויפגעהויבן זיין קול און צו זיי געזאָגט: ... איך קאָן אייך זאָגן אָפן בנוגע דעם פּאָטער דוד. ער איז געשטאָרבן און איז באַגראָבן געוואָרן, און זיין קבר איז מיט אונז ביז אויף היינטיקן טאָג. ... וואָרום דוד איז נישט ארויף אין הימל אריין." (מעשים ב:14, 29, 34) הגם אין פּעטרוסעס צייט זיינען זיי אַלע נאָך געווען טויט, וועט אָבער קומען די צייט, ווען זיי וועלן צוריק אויפשטיין צום לעבן. און דאָך, איידער ס'וועט קומען זייער תחית־המתים, וועלן אַפּריער אַנדערע מוזן אויפשטיין פון די טויטע.

6. (א) ווי אַזוי ווערט באַשריבן דער טויט־מצב פון די גאָר אַמאָליקע מענטשן? (ב) באַווייז, אַז זיי זיינען ניט אריינגעקומען אין הימל?

עס איז דאָ אַ באַשטימטער סדר בנוגע דעם אַרויסקומען פון
די קברים.

„דאָס ערשטע תחית־המתים“

[7] ישוע איז געווען דער ערשטער וואָס איז אויפגעשטאַנען
פון די טויטע, און דערפאַר רעדט זיך וועגן אים ווי וועגן „דעם
בכור פון די טויטע“, „דער בכור פון די, וואָס שלאָפן.“ (קאָ־
לאָסער א:18; קאָרינטער א, טו:20) אָט דער בכור פון די
טויטע איז ניט אויפגעהויבן געוואָרן פון קבר ווי אַ מענטשישע
באַשעפעניש, ער איז אויפגעהויבן געוואָרן נאָר ווי אַ גייסט.
און דערפאַר איז ער אויך דער בכור פון יענע וואָס וועלן האָבן
אַ הימלישע תחית־המתים. „ער איז געטייט געוואָרן אין דעם
פלייש, אָבער לעבעדיק געמאַכט געוואָרן אין דעם גייסט.“—
פעטרוס א, ג:18.

[8] עס איז אָבער גאָטס כוונה געווען, אַז ישוע זאָל ניט זיין
אַליין אין זיין הימלישן תחית־המתים, נאָר אַז אויך אַנדערע
זאָלן זיין צוזאַמען מיט אים. (יוחנן יד:3) אַזוי זאָגן די הייליקע
שריפטן בנוגע יענע, וואָס וועלן טיילן מיט ישוע־המשיח ניט
נאָר זיינע יסורים נאָר אויך זיין תחית־המתים: „וואָרום וועמען
ער האָט פון פריער געקענט, האָט ער אויך פאָרויסבאַשטימט
צו זיין גלייך געשטאַלטיקט צו דעם בילד פון זיין זון, כדי ער
זאָל זיין דער בכור צווישן אַ סך ברידער.“ (רוימער ח:29) אָט
אַזוי האָט זיך פאַר די נאָכפאָלגער פון גאָטס זון געעפנט אַ
נייער וועג און אַ נייע האָפענונג: זיי וועלן זיין משיחס ברידער;
און די דאָזיקע האָפענונג איז, אַז זיי וועלן קענען אָנטייל נעמען
אינם הימלישן לעבן נאָך זייער אויפשטיין תחית־המתים. „פונקט
ווי משיח איז אויפגעוועקט געוואָרן פון די טויטע ... אַזוי
זאָלן מיר אויך גיין אין דער נייקייט פון לעבן. וואָרום אויב
מיר זענען באַהעפט געוואָרן מיט אים אין דער ענלעכקייט פון
זיין טויט, וועלן מיר אויך זיין באַהעפט אין דער ענלעכקייט

7. ווער איז געווען דער ערשטער בכור פון די טויטע, און צי
איז ער אויפגעשטאַנען ווי אַ מענטשישע באַשעפעניש?
8. (א) האָט ישוע געזאָלט פאַרבלייבן אַליין אין זיין הימלישן
תחית־המתים? (ב) וואָס איז די ענלעכקייט פון זיין תחית־
המתים, און וויפיל האָבן אַ חלק אין אים?

פון זיין אויפערשטייונג." (רוימער ו:3—5) די „ענלעכקייט פון זיין אויפערשטייונג"—דאָס איז דאָס הימלשע תּחית־המתים, אזא ווי ישוע האָט געהאַט; און, פּונקט ווי ישוע, מוזן די, וואָס באַטייליקן זיך אין אים, שטאַרבן געטריי ביז צום טויט. דער אַפּאָסטאָל פּאַולוס האָט אויסגעדריקט זיין האָפענונג צו זיינע הייליקע חברים, אז ער וועט אויפגעהויבן ווערן פון טויט צום לעבן אין הימל: „איך האָב געגלויבט . . . אז דער, וואָס האָט אויפגעוועקט דעם האַר ישוע, וועט אויך אונז אויפוועקן מיט ישוען, און וועט אונז פירשטעלן מיט אייך." (קאָרינטער ב, ד:13, 14) דאָס איז דאָס ערשטע תּחית־המתים—אין פּרט פון צייט און וויכטיקייט; און „געבענטשט און הייליק איז דער, וואָס האָט אַ חלק אין דעם ערשטן תּחית־המתים". (התגלות כ:6) די הייליקע שריפטן ווייזן אויף אָן, אז די צאָל פון יענע וואָס האָבן אַ חלק אינם דאָזיקן ערשטן תּחית־המתים—איז ניט אַ גרויסע צאָל, נאָר איז אַ „קליינע סטאַדע" (לוקאַס יב:32), און זי איז באַשרענקט מיט דעם האַר ישוע און די 144,000 מיטגלידער פון גאָטס קירך.—התגלות ז:4; יד:1, 3.

[9] נון, שטעלט זיך די פראַגע: ווען וועלן אָט די אַלע אַרויס־קומען פונם טויט־מצב? ווען פּאַולוס האָט זיך דערנענטערט צום ענד פון זיין לעבן אויף דער ערד, האָט ער אין זיין שריפט צו טימאָטעאוסן געוואָרפן אַ ליכט אויפן דאָזיקן ענין: ער האָט געקעמפט אַ גוטן קאַמף, און ער איז שוין געווען באַלד ביים ענד פון זיין לויף און איינגעהיט דעם גלויבן; און ווייל ער האָט געהאַט דעם גלויבן אין דעם הימלשן תּחית־המתים אינם טאָג פונם האַר און ביי זיין דערשיינונג, „פון איצט אָן איז אָנגעברייט פאַר מיר די קרוין פון גערעכטיקייט, וואָס דער האַר, דער גערעכטער שופט, וועט מיר געבן אין יענעם טאָג; און נישט נאָר מיר אַליין, נייערט אויך אַלע די, וואָס האָבן ליב געהאַט זיין דערשיינונג." (טימאָטעאוס ב, ד:8) פּאַולוס האָט געוווּסט, אז ניט נאָר ער, אָבער אויך 'אַלע די וואָס האָבן ליב געהאַט זיין דערשיינונג' מוזן איינשלאָפן אין טויט ביז דער צווייטער אָנוועזנהייט פונם האַר. דעריבער איז

9. ווי אזוי האָט דער שליח פּאַולוס אויסגעדריקט זיין האָפע־נונג, און ווען וועט די דאָזיקע מקוים־ווערן?

עס גאַנץ באַשטימט פעסטגעשטעלט, אַז קײנער פון משיחס אַפּאָסטאָלן אָדער אַנדערע ענלעך צו זײ װעלן ניט אױפגעװעקט װערן פון טױט װײניקסטנס ביזן צװײטן אָנקומען פונם משיח. „יענער טאָג", צו װעלכן זײ האָבן פאָרױסגעקוקט, דאָס איז דער טאָג פונם האַר ישוע, װעלכער הױבט זיך אָן מיט זײַן קומען צום טעמפל צוליבן משפט אין 1918 נ. ק.

[10] פּאָולוס האָט דערמונטערט זײַנע חברים־קריסטן, זײ זאָלן זיך ניט מצער־זײַן צוליב אָט די אײנגעשלאָפענע, נאָר זײ זאָלן האָבן בטחון אין גאָט, װאָרום ער האָט זײ צוגעזאָגט אַ תחית־המתים, פונקט װי ער האָט מבטיח־געװען ישוען, אַז ער װעט ניט לאָזן ישועס נשמה אין גרוב. לײענט די װערטער פון טרײסט און דער האָפענונג פאַרצײכנט אין טעסאַלאָניער א, ד:13—15: „און מיר װילן פון אײַך נישט פאַרהוילן, ברידער, בנוגע די, װאָס זענען אײנגעשלאָפן, כדי, איר זאָלט זיך נישט מצער־זײַן, אַזױװי די איבעריקע, װאָס האָבן נישט קײן האָפענונג. װאָרום אױב מיר גלױבן, אַז ישוע איז געשטאָרבן און איז צוריק אױפגעשטאַנען, אַזױ װעט אױך גאָט צוריקברענגען די, װאָס זענען אײנגעשלאָפן אין ישוע. װאָרום דאָס זאָגן מיר אײַך דורך דעם װאָרט פון דעם האַר, אַז מיר, װאָס לעבן און פאַרבלײַבן ביז דער האַר װעט קומען, װעלן באין־אופן זיך נישט פעדערן פריער פון די, װאָס זענען אײנגעשלאָפן." קלאָר, דאָס מײנט, אַז דאָס ערשטע תחית־המים איז געזיכערט פאַר יענע געטרײַע נאָכפאָלגער, װעלכע זײַנען געשטאָרבן אָדער אײנגעשלאָפן אין דעם האַר, און אַז געשען װעט דאָס װען „דער האַר װעט קומען". נאָך מער, דאָס מײנט, אַז װען אָט דאָס תחית־המתים װעט צושטאַנדנקומען, װעלן אײניקע לעבעדיקע פונם דאָזיקן הימלשן קלאַס—זײַן דאָ אױף דער ערד; זײ װעלן זײַן באַשעפטיקט בײַ דער אַרבעט פון פרעדיקן די בשורה אין אָט דער צײַט, װען ער קומט צו משפטן, און זײ װעלן עפנטלעך באַקאַנט מאַכן זײַן משפט־בשורה. דאָס מײנט אױך, אַז זײ װעלן „זיך נישט פעדערן" אָדער „פאָרױסקומען פריער פאַר די, װאָס זײַנען אײנגעשלאָפן". די הערלעכע אױסזיכט, װאָס איז געשטעלט געװאָרן פאַר יענע װאָס זײַנען אײנגעשלאָפן

10. װאָס באַדײַטן די פסוקים פון טעסאַלאָניקער א, ד:13-15?

אין ישוע, וועט ערשט דעמאָלט פאַרווירקלעכט ווערן: „וואָרום דער האַר אַליין וועט אַראָפּנידערן פון הימל, מיט אַ שאַלן, מיט דעם קול פון דעם שר־המלאָכים, און מיט דעם שופר פון גאָט; און די טויטע אין משיח וועלן קודם אויפשטיין.‟ (טעסאַלאָניער א, ד:16) אַלס אַ גייסטיק תּחית־המתים, וועט זייער „קודם אויפשטיין‟ זיין אומזעבאַר פאַרן מענטשלעכן אויג, אַזוי ווי ישועס תּחית־המתים איז עס געווען. אין פולער מאָס איז דאָס באַשריבן אין קאָרינטער א, טו: 42—54.

[11] וואָס איז אָבער מכּח יענע, וועלכע וועלן סוף־כּל־סוף זיך געפינען אין הימל, אָבער זיי זיינען גאָר דער רעשט וואָס לעבט דאָ אויף דער ערד ביים אָנקומען פונם האַר? ווען זיי וועלן ענדיקן זייער ערדישע שליחות מיט דעם טויט,—צי מוזן זיי איינשלאָפן אין טויט אַזוי ווי יענע וואָס זיינען געשטאָרבן נאָך איידער דער האַר ישוע איז געקומען צום טעמפּל? דער באַגייסטערטער באַריכט אין קאָרינטער א, טו:51, 52 ענטפערט אַזוי: „זעט, איך בין אייך מגלה אַ סוד: מיר אַלע וועלן נישט אַנטשלאָפן ווערן, נייערט מיר וועלן אַלע איבערגעביטן ווערן, אין אַ רגע, אין אַ הרף־עין [אויגנבליק] ביי דעם לעצטן שופר־בלאָז: וואָרום דער שופר וועט שאַלן, און די טויטע וועלן אויפשטיין אומפאַרדאַרבלעך, און מיר וועלן איבערגעביטן ווערן.‟ דעריבער איז, אַז יענע פון דעם דאָזיקן הימלשן קלאַס, וואָס שטאַרבן אינם דאָזיקן טאָג פון דער אומזעעבאַרער אָנ־וועזנהייט פונם האַר, וועלן האָבן אַ גיכן איבערבייט, „אין אַ הרף־עין‟, און זיי וועלן ניט שלאָפן אין טויט, נאָר זיי וועלן מיט־אַ־מאָל איבערגעביטן ווערן ביים טויט. זיי וועלן אויפשטיין תּחית־המתים אין דעם גייסט.

דאָס ערדישע תּחית־המתים

[12] וויבאַלד די הייליקע שריפטן זאָגן קלאָר, אַז די 144,000 —דאָס זיינען די איינציקע וואָס וועלן אַחוץ ישוע־המשיחן

---

11. וואָס איז די אויסזיכט פאַרן הימלשן קלאַס, וועלכער וועט פאַרבלייבן אויף דער ערד ביזן אָנקומען פונם האַר?

12. (א) ווער נאָך וועט אויפשטיין תּחית־המתים? און ווו וועלן זיי לעבן? (ב) ווער זיינען עס די וואָס האָבן „געטון גוטס‟ און די וואָס האָבן „געטון שלעכטס‟?

נעמען אָנטייל אינם הימלשן תּחית־המתים, טאָ איז דערפון ניט געדרונגען, אַז מער וועלן קיינע ניט אויפשטיין פון קבר? ניין; עס וועט יאָ זיין אַן ערדישע תּחית־המתים. די גרעסערע מענטשהייט־מאַסע וועט געפינען לעבן דאָ אויף דער ערד אין גן־עדנשע צושטענדן. (תהלים עב:6—8; ישעיה ב:4; ס:13; יחזקאל לו:35) ישועס ווערטער זיינען אמתדיק: „אַלע, וואָס זענען אין די קברים, וועלן הערן זיין קול און וועלן אַרויסקומען; די וואָס האָבן געטון גוטס, וועלן אויפשטיין צום לעבן, און די וואָס האָבן געטון שלעכטס, וועלן אויפשטיין צום משפּט." (יוחנן ה:27־29) די וואָס האָבן „געטון גוטס"—דאָס מיינט אַזעלכע ווי אַברהם, דוד, דניאל און אַנדערע, וועלכע האָבן „פאַרשטאָפּט די מיילער פון לייבן, פאַרלאָשן די מאַכט פון פייער, זענען אַנטרונען די שאַרף פון דער שווערד ... נישט אָנגענומען זייער אויסלייזונג, כּדי זיי זאָלן זוכה־זיין אַ בעסערע תּחית־המתים". (יידן יא:33—35) זיי אַלע וועלן אַזוי ווערן די „האַרן [פּרינצן] אין גאַנצן לאַנד", און דערפאַר וועלן זיי זיין די ערשטע פון די מענטשן־טויטע וואָס וועלן אויפשטיין; און זיי וועלן דעריבער האָבן אַ בעסערע תּחית־המתים, איידער די רעשט פון דער מענטשהייט. (ישעיה לב:1; תהלים מה:17) די וואָס האָבן „געטון גוטס"—דאָס וועט אויך איינשליסן יענע פון מין „אַנדערע שאָף", וועלכע וועלן אפשר אין יענעם טאָג שטאַרבן צוליב זייער איבערגעגעבנקייט צו גאָט און צו זיין מלכות. מ'קען רעכענען, אַז זיי וועלן אַרויסגעבראַכט ווערן פרי, באַלד נאָכדעם ווי די שלאַכט פון הר־מגדון וועט אַריבער. פון דער אַנדערער זייט, „די וואָס האָבן געטון שלעכטס"—דאָס זיינען יענע, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין גלויבן און קענטשאַפט פון גאָט, זיי האָבן געטאָן אומרעכט, ווייל זיי זיינען געווען אומווויסנדיק, און זיינען געבאָרן אין זינד און געפורעמט אין אומגערעכטיקייט. זיי וועלן האָבן אַ חלק אינם אַלגעמיינעם תּחית־המתים פאַר אַלע פון דער מענטשהייט, אויף וועמען משיחס אויסלייז־קרבן וועט אויסשפּרייטן זיינע ברכות. נאָכן אויפשטיין פון זייערע קברים, וועלן זיי ניט נעמען קיין אָנטייל אין געבערן וועלכע עס איז קינדער,—די ווערטער פון לוקאַס כ:34—36 זיינען אָנגעמאָסטן אויף זיי.

[13] אַ זעונג פֿונם דאָזיקן ערדישן תּחית־המתים איז אונז געוויזן אין התגלות כ:12־15: „און איך האָב געזען די טויטע, די גרויסע און די קליינע, שטיין פֿאַר דעם שטול [פֿון גאָט]; און ספרים זיינען געעפֿנט געוואָרן. ... און די טויטע זענען געמשפּט געוואָרן אויף דעם סמך פֿון דעם, וואָס איז געווען געשריבן אין די ספרים, לויט זייערע מעשׂים נאָך. און דער ים האָט אַרויסגעגעבן די טויטע וואָס זענען געווען אין אים; און דער טויט און דער שאול האָבן אַרויסגעגעבן די טויטע וואָס זענען געווען אין זיי. און איטלעכער מענטש איז געמשפּט געוואָרן לויט זיינע מעשׂים נאָך.” „גרויסע און קליינע” מוזן וואַרטן אויפֿן טאָג באַשטימט פֿאַר זייער אַרויסקומען פֿון די קבֿרים, און אַלע וועלן געמשפּט ווערן לויט זייערע שפּעטערדיקע מעשׂים אויף דער ערד אונטערן מלכות פֿון גאָט, און קיינע קרומע מעשׂים וועלן אַזוי ניט דערלאָזט ווערן. „ווייל ער האָט באַשטימט אַ טאָג, אין וועלכן ער וועט משפּטן די וועלט אין רעכטפֿאַרטיקייט דורך דעם מענטשן, וועמען ער האָט אויסדערוויילט.” (מעשׂים יז:31) אָט דער באַשטימטער טאָג—דאָס איז ניט אַ טאָג פֿון פֿיר־און־צוואַנציק שעה, נאָר דאָס איז יענע תּקופֿה אויסגעשפּראָכן דורך פּעטרוסן: „פֿאַרגעסט אָבער נישט דאָס איינע, באַליבטע, אַז איין טאָג איז ביי גאָט ווי טויזנט יאָר, און טויזנט יאָר ווי איין טאָג.”—פּעטרוס ב, ג:7, 8.

[14] דער דאָזיקער „טאָג” וועט זיין גענוג לאַנג און געבן גענוג געלעגנהייט פֿאַר אַלע, וואָס וועלן אַרויסקומען פֿון די קבֿרים, אַז זיי זאָלן געמשפּט ווערן לויט זייערע מעשׂים. די פֿאָדערונגען וועלן זיין, אַז „דער, אָבער, וואָס גלויבט נישט אין דעם זון, וועט נישט זען קיין לעבן, נייערט דער צאָרן פֿון גאָט טוט בלייבן אויף אים”. (יוחנן ג:36) ער איז געמשפּט אומגינסטיק. עס וואָלט געווען קעגן שׂכל־הישר און קעגן די כּתבֿי־הקודש צו זאָגן, אַז דאָס אייביקע לעבן מוז געגעבן ווערן צו אַלע מענטשן, אַפֿילו צו יענע וועלכע וואַרפֿן אָפּ מיט פֿאַראַכטונג

13. ווער וועט אַרויסקומען אינם באַשטימטן טאָג, און ווי לאַנג וועט זיין אָט דער טאָג?
14. באַווייז, אַז ניט אַלע מענטשן וועט געשאָנקען ווערן דאָס אייביקע לעבן.

די ליבנדע פאַרזאָרגונגען פון יהוה גאָט. אוודאי, אייניקע — נעמלעך, די עקשנותדיקע שלעכטע און די אומפאַרבעסערלעכע — וועלן „איינשלאָפן אַן אייביקן שלאָף, און זיך ניט אויפכאַפּן, זאָגט גאָט". (ירמיה נא:39) פון דער אַנדערער זייט, ,די וואָס גלויבן וועלן געראַטעוועט ווערן.' (רוימער י:9, 10; יוחנן ג:36) במשך פון משיחס קיניגשאַפט וועלן זיי צוריקקערן פונם לאַנד פונם שונא און, אויב געהאָרכזאַם, וועלן זיי צום סוף זען, ווי די הבטחה וועט מקוים ווערן — „דער לעצטער פײַנט, וועמען ער וועט אומברענגען, איז דער טויט." (קאָרינטער א, טו:26) און צום סוף פון די טויזנט־יאָר משיחס קיניגשאַפט, נאָכדעם ווי זיי וועלן מיט דערפאָלג אַדורכגיין די פּראָבע פונם לעצטן משפט, וועלן אָט די אַלע דערגרייכן זייער לעבנס־רעכט אָדער רעכטפאַרטיק־זײַן פון יהוה גאָט, — וועגן דעם איז טאַקע געזאָגט: „די איבעריקע פון די טויטע זענען נישט לעבעדיק געוואָרן, ביז די טויזנט יאָר וועלן נישט זײַן געענדיקט." (התגלות כ:5) און דעמאָלט וועט פאַרענדיקט ווערן דאָס ערדישע תחית־המתים צוגלייך מיטן הימלשן. לויב־געזאַנגען וועלן זיך טראָגן אַרויף צו יהוה גאָט, און ער וועט געבן די געהאָרכזאַמע מענטש־הייט דעם נצחון איבערן טויט, דורך אונזער האַר ישוע־המשיח. — קאָרינטער א, טו:57.

[15] דער גלויבן אינם תחית־המתים פילט דערפאַר אָן יעדן גלויביקן מיט אַ הערלעכער האָפענונג. ער ווייסט, די צייט וועט קומען און די גריבער וועלן אויסגעליידיקט ווערן און „קיין טויט וועט מער נישט זײַן, אויך נישט קיין טרויער, קיין געוויין, קיין פּיין". (התגלות כא:4) און די באַזונדערס באַגינסטיקטע גלויביקע, וועמען גאָט האָט געגעבן צו דער האָפענונג פון דעם „ערשטן תחית־המתים" — זיי אַלע וועלן אַוועקלייגן אין אַ זייט אַלע פאַרוויקלטע זאַכן וואָס קענען זיי שטערן צו דערגרייכן דאָס לעבן, און אַזוי ווי דער אַפּאָסטאָל פּאַולוס, וועלן זיי זאָגן: „איך רעכן אַלצדינג פאַר אַ היזק [פאַרלוסט] ... אויב איך וועל דורך עפּעס קענען דערגרייכן צו תחית־המתים." — פיליפּער ג:8—11.

---

15. וואָס זשע, דען, וועט דער גלויביקער טאָן?

קאַפּיטל 22

דער יום־הדין

זײַנען יינגיקע טעמעס זײַנען דאָ, בײַ וועלכע דער שונא האָט אַזוי פֿולשטענדיק פֿאַרפּלאָנטערט און פֿאַרבלענדט דעם עולם בכלל, ווי דאָס איז דער ענין „יום־הדין". אַ סך מענטשן, אויפֿריכטיקע און מיט גוטע כּוונות, דערוואַרטן דעם יום־הדין מיט אַ גרויס שרעקעניש און גײַסטיקע יסורים, וואָס זיי פֿילן וועט געשען מיט זיי אָדער אויך מיט זייערע טײַערע ווען דער דאָזיקער טאָג וועט דאָ אָנקומען; און דאָס דאָזיקע איז להפך דעם, וואָס די הייליקע שריפֿטן פֿאַררופֿן זיך אויף דעם טאָג ווי אויף אַ זייער פֿרײַדיקער אָנגעלעגנהייט. הערט זיך צו צו דוד־המלכס באַדאַנקונגס־תּפֿילה ווען ער באַטראַכט די דאָזיקע פֿרײַלעכע געשעעניש. דאָס קאַפּיטל צו:10־13 זאָגט אַזוי: „זאָגט צווישן די פֿעלקער: גאָט טוט קיניגן; אויך איז באַפֿעסטיקט די וועלט, זי זאָל זיך ניט וואַקלען, ער וועט משפּטן די פֿעלקער מיט יושר. זאָלן זיך פֿרייען די הימלען, און זאָל לוסטיק זײַן די ערד זאָל דונערן דער ים מיט זײַן פֿולקייט. זאָל פֿריילאַך זײַן דאָס פֿעלד און אַלץ וואָס דערין; דענסמאָל זאָלן זינגען אַלע בוימער פֿון וואַלד, פֿאַר גאָט, וואָרום ער קומט, וואָרום ער קומט משפּטן די ערד; ער וועט משפּטן די וועלט מיט גערעכטיקייט, און די פֿעלקער מיט זײַן וואָרהאַפֿטיקייט."

[2] אין הסכּם מיט די דאָזיקע הייליקע שריפֿטן איז דער יום־הדין אַ געשעעניש, איבער וועלכער עס פֿרייט זיך די גאַנצע נאַטור, סײַ די באַלעבטע סײַ די אומבאַלעבטע. דוד האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום גײַסטיקן צער בײַם באַטראַכטן די דאָ־

1. (א) וואָס פֿאַר אַ ווירקונג האָט געהאַט אויף די וויל־מיינענדיקע מענטשן די פֿאַרפּלאָנטעניש בנוגע דעם יום־הדין, וועלכע הערשט אַלגעמיין אין די מוחות פֿונם עולם? (ב) ווי אַזוי שטעלן די כּתבֿי־הקודש פֿאָר די פֿראַגע וועגן יום־הדין?
2. איז דוד געווען אומרויִק ווען ער האָט באַטראַכט דעם יום־הדין?

זיקע הערלעכע געשעעניש. און פונקט אַזוי איז מיט יעדן מענטשן וואָס איז פון גוטן־ווילן לגבי גאָט—ער האָט ניט קיין שום סבה זיך צו שרעקן פאַר גאָטס יום־הדין.

[3] דער טויזנט־יאָריקער יום־הדין דערמאָנט אין די כּתבי־הקודש, שליסט ניט איין גאָטס אַלע משפּטים וואָס זיינען נוגע דעם מענטשן־געשלעכט. דער „יום־הדין" האָט אַ שייכות נאָר צו איינע פון די דאָזיקע משפּטים. (פּעטרוס ב, ג:8; התגלות כ:4) צום ביישפּיל, ער האָט ניט קיין שום שייכות צום משפּט איבער די מיטגלידער פון „משיחס קערפּער", וואָס אויף זיי איז אָנגעדייט אין יוחנן א, ד:17 און התגלות ב:10: „מיט דעם איז די ליבשאַפט אין אונז שלימותדיק געוואָרן, כּדי מיר זאָלן האָבן בטחון אין דעם יום־הדין; ווייל אַזויווי ער איז, אַזוי זענען מיר אויך אין דערדאָזיקער וועלט." „זיי געטריי ביז צום טויט, און איך וועל דיר געבן די קרוין פון לעבן."

[4] אויך האָט ער ניט קיין שייכות צום משפּט איבער די נאַציעס, וואָס איז באַשריבן אין צפניה ג:8: „דרום ריכט זיך אויף מיר, זאָגט גאָט, אויף דעם טאָג וואָס איך שטיי אויף צום רויב, וואָרום מיין משפּט איז איינצוזאַמלען די פעלקער איך זאָל אויפקלייבן די קיניגרייכן, אויסצוגיסן אויף זיי מיין כּעס, מיין גאַנצן גרימצאָרן; וואָרום אין דעם פייער פון מיין פאַרדראָס וועט פאַרצערט ווערן די גאַנצע ערד." דאָס אַלץ וועט געשען, איידער עס וועלן זיך אָנהייבן די טויזנט יאָר פון משיחס אומונטערבראָכענער קיניגשאַפט.

[5] מיר זעען, בכן, אַז דער „יום־הדין" האָט אַ שייכות בלויז צו איין ספּעציעלן משפּט פון יהוה,—און דערפאַר איז וויכטיק, אַז מיר זאָלן פעסטשטעלן וואָס איז עס פאַר אַ משפּט, ווען וועט ער פאָרקומען, ווו וועט ער פאָרקומען און צו וועמען באַציט ער זיך. ווייטער, כּדי פעסטצושטעלן ווער וועט זיין דער שופט, מוזן מיר באַטראַכטן זיינע אייגנשאַפטן, ווי אַזוי וועט

---

3. דער „יום־הדין" וואָס ווערט דערמאָנט אין די הייליקע שריפטן—שליסט דאָס איין יהוהס אַלע משפּטים איבער די מענטשן־משפּחה?
4. האָט דער „יום־הדין" אַ שייכות צום משפּט איבער די נאַציעס?
5. וועלכע פאַסיקע פראַגעס מוזן מיר פאַרשטיין, כּדי צו קענען הויכשאַצן דעם יום־הדין?

ער דורכפירן דעם משפט, און וואָס וועט זיין דער פועל־יוצא ווען פאַרענדיקט. נאָר דעמאָלט ווען מיר וועלן פאַרענטפערן אָט די אַלע שאלות צו אונזער אייגענער צופרידנהייט און אין הסכם מיט די כתבי־הקודש, וועלן מיר זיין בכוחַ אויף אָן אמת הויכשאַצן דעם האַרס „יום־הדין". לאָמיר דעריבער זוכן דעם ענטפער אויף אונזערע פראַגעס—אין דעם איינציקן פאַר־לאָזלעכן קוואַל, לויטן וואָרט פון גאָט.

[6] ביז אַהער האָבן מיר פשוט באַטראַכט, וואָס דער „יום־הדין" איז ניט. לאָמיר איצט אויסגעפינען וואָס ער איז יאָ. אין מעשׂים יז:30, 31 מאַכט אונז דער האַר, דורך זיין שליח, אויפמערקזאַם אויף דעם „יום־הדין" אין אַזעלכע ווערטער: „דעריבער האָט גאָט פאַרזען די צייטן פון אומוויסנדיקייט, אָבער איצטער טוט ער באַפעלן די מענטשן, אַז זיי זאָלן אומע־טום תשובה טון; ווייל ער האָט באַשטימט אַ טאָג, אין וועלכן ער וועט משפטן די וועלט אין רעכטפאַרטיקייט דורך דעם מענטשן, וועמען ער האָט אויסדערוויילט. און ער האָט דאָס פאַרזיכערט צו אַלע, מיט דעם וואָס ער האָט אים תחית־המתים־געווען."

[7] פינף אַרויסשטיינדע פונקטן זיינען פאַראַן אינם דאָזיקן טעקסט אין שייכות צום „יום־הדין": (1) יהוה גאָט האָט אַליין באַשטימט דעם דאָזיקן טאָג. (2) דער צוועק איז צו משפטן אַזוי די וועלט אין גערעכטיקייט. (3) יהוה האָט אויסגעקליבן און באַשטימט דעם שופט. (4) דער דאָזיקער שופט איז ישוע־המשיח. (5) יהוה האָט געגעבן זיין פאַרזיכערונג וועגן דאָזיקן „יום־הדין" דורך ישוע־המשיחס תחית־המתים. דער פאַקט פון דעם „יום־הדין" שטייט דערפאַר אויסער דער מעגלעכקייט פון ספק.

[8] דער איינציקער פונקט, וואָס איז אפשר אינם דאָזיקן טעקסט ניט גאָר קלאָר, דאָס איז וועגן דער „וועלט" וואָס דאַרף גע־

---

6. ווו אין די כתבי־הקודש געפינען מיר אַ באַשרייבונג פונם יום־הדין?

7. וועלכע אַרויסשטיינדע פינף פונקטן געפינען מיר אין מעשׂים יז:31?

8. (א) וועלכער פונקט פאָדערט אַביסל מער אויפקלערונג אינם טעקסט? (ב) וועלכע וועלט דאַרף עס געמשפט ווערן?

משפט ווערן. וואָס פאַר אַ וועלט מיינט מע דאָ? איז דאָס די היינטיקע שלעכטע וועלט, איבער וועלכער עס הערשט דער שׂטן דער טייוול? (קאָרינטער ב, ד:4; יוחנן יד:30; יוחנן א, ה:19) אָדער מיינט עס אַן אַנדער וועלט? עס קען ניט זיין די היינטיקע שלעכטע וועלט, ווייל זי איז שוין געמשפט און פאַר־דאַמט געוואָרן. יוחנן יב:31 זאָגט: „איצט איז דער משפט איבער דערדאָזיקער וועלט; איצט וועט דער שר פון דערדאָזיקער וועלט אַרויסגעוואָרפן ווערן." אויך פעטרוס ב, ג:7 זאָגט: „די איצטיקע הימלען אָבער, און די ערד, זענען דורך דעמזעלבן וואָרט באַוואָרענט, און באַהאַלטן ביז צום פייער פון יום־הדין און די פאַרדאַרבונג פון די רשעים." אָט די וועלט, וועגן וועל־כער דאָ איז די רייד, ווו עס דאַרף פאָרקומען דער גערעכטער משפט פונם האַר, דאָס מוז זיין די נייע וועלט פון דער גע־רעכטיקייט, אויף וועלכער עס טוט אָנדייטן פעטרוס אין דריי־צנטן פסוק פון זעלבן קאַפיטל, ווען ער זאָגט: „מיר אָבער וואַרטן, לויט נאָך זיין הבטחה, אויף נייע הימלען און אויף אַ נייער ערד, ווו עס טוט וווינען גערעכטיקייט."

וואָס, ווען, און ווו איז עס?

[9] צו מאַכן אַ סך־הכל ביז אַהער: מיר זעען, אַז דער „יום־הדין" באַצייכנט אַ טאָג אָדער אַ צייט־פעריאָד, אין וועלכן יהוה גאָט וועט זיך אוועקזעצן משפטן אַלע מענטשן אָדער דעם גאַנצן מענטש־געשלעכט אין דער נייער וועלט פון גערעכטיקייט —און דער ריכטער וועט דורך אים אַליין באַשטימט ווערן, דאָס איז ישוע־המשיח. דאָס זיינען די ערשטע 1,000 יאָרן פון דער נייער וועלט, און ניט אַ טאָג פון 24 שעה; וואָרום „איין טאָג איז ביי גאָט ווי טויזנט יאָר, און טויזנט יאָר ווי איין טאָג". אין פעטרוס ב, ג:7, 8 ווערן מיר געוואָרנט, מיר זאָלן ניט זיין אומוויסנד באַזונדערס וועגן דער דאָזיקער צייט באַשרייבונג. דערפון איז געדרונגען, אַז קיינער, ווער עס איז ניט פון דער נייער וועלט, וועט ניט אַריינגעצויגן ווערן אינם דאָזיקן ספּעצי־

---

9. (א) מאַך אַ סך־הכל, וואָס האָבן מיר ביז אַהער אויסגעפונען וועגן דעם יום־הדין. (ב) וואָס פאַר אַ פראַגע פאַרענטפערט דער דאָזיקער סך־הכל?

עלן משפט. אַלע באַשעפעניש וואָס ווילן געניסן פון דעם באַזונדערן זכות, וועלן מוזן זיין אין דער נייער וועלט. דער דאָזיקער סך־הכל פאַרענטפערט שוין אויך אונזער ערשטע פראַגע: וואָס איז אַזוינס ווי דער „יום־הדין"?

10 די צווייטע פראַגע איז: ווען וועט פאָרקומען דער „יום־הדין" פון דעם מענטשן־געשלעכט? ווענדן מיר זיך צו תהלים קי:1, 2, לייענען מיר: „גאָט זאָגט צו מיין האַר: זיץ ביי מיין רעכטער האַנט, ביז איך וועל מאַכן דיינע פיינט פאַר אַ בענקל צו דיינע פיס. דעם צעפטער פון דיין מאַכט וועט גאָט אויסשטרעקן פון ציון; געוועלטיק צווישן דיינע פיינט."

11 דאָ האָט אונז יהוה, דער קעניג פון דער אייביקייט, אָנגעזאָגט, אַז אויף אַ געוויסער צייט, נאָכדעם ווי זיין געזאַלבטער קעניג אָדער דער שופט ישוע־המשיח וועט אַרויפגעהויבן ווערן צום הימל, וועט ער פאַרבלייבן אומאַקטיוו בנוגע דער איינשטעלונג פונם מלכות; אָבער ווען יהוהס געהעריקע צייט וועט אָנקומען, וועט ער אים באַפולמעכטיקן צוטרעטן צו דער זאַך און הערשן. דער זעקסטער פסוק זאָגט: „ער וועט טאָן אַ משפט צווישן די נאַציעס",—אַן אָנדייטונג, אַז ער וועט זיין הן דער הערשער הן דער שופט. יענע צייט ווען יהוה וועט באַויפטראָגן זיין זון ער זאָל ווערן אַקטיוו, מיינט דעריבער דעם אָנהייב פונם „טאָג פון יהוה". דער אַפּאָסטאָל יוחנן דייט אָן אויף אָט דעם איבערנעמען די מאַכט דורכן שופט און קעניג פון דער נייער וועלט, אין אַזעלכע ווערטער: „די מלוכה פון דער וועלט איז געוואָרן די מלוכה פון אונזער האַר און פון זיין משיח; און ער וועט קיניגן אויף אייביק און אייביק." (התגלות יא:15) די רעאַלע פאַקטן באַווייזן, אַז די נבואות פון מתיא כד, מארקוס יג, לוקאַס כא, און פון אַ סך אַנדערע פסוקים, זיינען מקוים געוואָרן און זיי שטעלן פעסט און קלאָר, אַז ישוע־המשיח איז אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף דעם טראָן אַלס קעניג פון יהוה, אין האַרבסט 1914. דאָס איז פאַר אונז קלאָר באַשטעטיקט געוואָרן, ווען דער וועלט־קריג 1 האָט זיך אָנגעהויבן און עס זיינען מקוים געוואָרן די אַנדערע צייכנס אויפגעציילט אין

10, 11. נאָך וועלכער פאָרבאַרייטנער אַקציע פונם מלך ישוע הויבט זיך אָן דער טויזנט־יאָריקער יום־הדין?

דידאָזיקע נבואות. דערפאר באצייכנט די דאָזיקע דאטע יענע צייט, ווען יהוהס קעניג האט אנגעהויבן זיין קאמף קעגן דעם שטנס אָרגאניזאציע. פרילינג 1918 איז ער געקומען ווי יהוהס שליח צו דעם טעמפּל און דאָ אנגעהויבן דעם משפט צוערשט איבער דעם „הויז פון גאט“ און שפּעטער איבער די נאציעס פון אָט דער וועלט. (פּעטרוס א, ד:17; מתיא כה:31, 32) דער אויספיר פונם פּסק־דין קעגן די דאָזיקע נאציעס וועט פאָרקומען ביי דער שלאַכט פון הר־מגדון, ווו ער וועט „אנפילן די פלעצער מיט די טויטע קערפּערס“ און פאַרוונדן זייער אומזעבארן ראש, שטן דעם טייוול, און בינדן אים אויף טויזנט יאָרן. דאן וועט זיך אָנהויבן די נייע וועלט פון גערעכטיקייט, און מיט דעם דער טויזנט־יאָריקער יום־הדין.—התגלות כ:1—3, 11—15.

[12] אונזער דריטע פראגע, „ווו וועט דער דאָזיקער משפט פאָרקומען?“ מוז גאָר גוט פארענטפערט ווערן אינם מוח פון יעדן איינעם, וואָס איז מיט אונז מיטגעגאנגען ביז אהער. דער משפט וועט פאָרקומען אויף דער ערד, ווייל אהער וועט זיין געווענדט די אויפמערקזאמקייט פון דעם שופט און דעם קעניג. „ער זאָל משפטן די אָרעמע פון פאָלק, ער זאָל העלפן די קינדער אביון, און צעדריקן דעם רויבער. . . . בליען אין זיינע טעג זאָל דער צדיק. און אַ שפע פון פרייד ביז די לבנה וועט מער ניט זיין. און ער זאָל געוועלטיקן פון ים ביז ים, און פון טייך ביז די עקן פון דער ערד.“—תהלים עב:4, 7, 8.

יענע געמשפטע

[13] די פערטע פראגע איז: „צו וועמען וועט דער דאָזיקער משפט אנגעווענדט ווערן?“ מיר האָבן שוין אויסגעפונען, אז ער וועט אנגעווענדט ווערן נאָר צו די, וואָס וועלן זיך געפינען אויף דער ערד אין דער נייער וועלט. די הייליקע שריפטן ווייזן קלאָר: אין דער נייער וועלט וועלן דעמאָלט זיך געפינען ניט נאָר יענע איבערלעבנדע פונם הר־מגדון וואָס וועלן לעבן צו אָט דער צייט פון דער איינשטעלונג פון דער נייער וועלט און קענען איינגיין אויף אירע באדינגונגען; נאָר אויך אַ סך

12. ווו קומט פאָר דער משפט?
13. צו וועמען וועט דער משפט אנגעווענדט ווערן?

וועלכע זיינען געשטאָרבן און אריין אין זייערע קברים איידער די נייע וועלט איז איינגעשטעלט געוואָרן. דער פועל־יוצא איז, בכן, אַז דער דאָזיקער משפט וועט אָנגעווענדט ווערן צו ביידן—סיי די וואָס לעבן און סיי די וואָס זיינען געשטאָרבן. אין מעשים י:42 לייענען מיר טאַקע: „און ער האָט אונז געבאָטן צו דרשענען פאַר דעם פאָלק און צו זאָגן עדות, אַז דאָס איז ער, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון גאָט פאַר אַ שופט פון די לעבעדיקע און די טויטע.“ און אין טימאָטעאוס ב, ד:1 לייענען מיר: „איך בין מעיד [עדות] פאַר גאָט און ישוע־המשיח, וואָס וועט משפטן די לעבעדיקע און די טויטע, און ביי זיין אַנטפּלעקונג און זיין מלכות.“ אויך יוחנן ה:28, 29: „קומען קומט די שעה, אין וועלכער אַלע, וואָס זענען אין די קברים, וועלן הערן זיין קול און וועלן אַרויסקומען; די וואָס האָבן געטון גוטס, וועלן אויפשטיין צום לעבן, און די וואָס האָבן געטון שלעכטס, וועלן אויפשטיין צום משפט.“ אָט דאָס עדות שליסט אויס יעדע מעגלעכקייט פון אַ ספק, אויב עס זיינען איינגעשלאָסן די טויטע צוגלייך מיט די לעבעדיקע.

[14] ניט אַלע וואָס האָבן געלעבט און געשטאָרבן אויף דער ערד במשך די פאַרגאַנגענע זעקס טויזנט יאָר—וועלן אַרויסקומען צום משפט אינם דאָזיקן „יום־הדין“. אָדם, למשל, האָט געהאַט זיין ענדגילטיקן געריכט אינם גן־עדן, ווו ער איז פאַרמשפט געוואָרן. (בראשית ג:17—19) עס וועלן אויך ניט אַרויסקומען יענע רעליגיאָניסטן וואָס אויף זיי האָט דער האַר ישוע געזאָגט, אַז זיי וועלן ניט אויסמיידן דעם משפט פון גיהנום, ווייל זיי זיינען די זאָמען פון דער שלאַנג: „איר שלאַנגען, שפּראָץ פון עקדישן [גיפט־שלאַנגען]! וויאַזוי וועט איר אַנטרינען דעם משפט פון גיהנום?“ (מתיא כג:33) אויף אייניקע האָט אָנגעדייט דער אַפּאָסטאָל פּאָולוס ווען ער האָט געשריבן: „ביי טייל מענטשן זענען די זינד אָפן אַנטפּלעקט און גייען פאָרויס צום משפט, ביי עטלעכע אָבער טוען זיי נאָכגיין.“ (טימאָטעאוס א, ה:24) די וואָס וועלן שטאַרבן רשעים, מיט

14. (א) צי וועלן אַלע באַשעפענישן, וואָס האָבן געלעבט און זיינען געשטאָרבן אויף דער דאָזיקער ערד, דערגרייכן דעם יום־הדין? (ב) אויב ניט, פאַרוואָס ניט?

קיין פֿאַרבעסערונג אָדער ענדערונג און אויסערהאַלב דער גאולה דורך משיחס בלוט,—וועלן ניט אַרויסגעבראַכט ווערן פֿון קבר צום משפּט אין דער נייער וועלט. (במדבר לה:31) „גאָט באַהיט אַלע וואָס האָבן אים ליב, און אַלע רשעים וועט ער פֿאַרטיליקן.״ (תהלים קמה:20) די וואָס האָבן געזינדיקט קעגן דעם רוח־הקודש—וועלן אויסגעשלאָסן ווערן. „דעריבער זאָג איך אייך, יעדע זינד און לעסטערונג וועט דעם מענטשן פֿאַרגעבן ווערן, אָבער די לעסטערונג קעגן דעם גייסט וועט נישט פֿאַרגעבן ווערן. ... ווער אָבער וועט רעדן קעגן דעם רוח־הקודש, דעם וועט מען עס נישט מוחל־זיין, נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט.״ (מתיא יב:31, 32) און דאָס אַלץ איז טאַקע אַ באַווייז, אַז דער דאָזיקער משפּט וועט זיך באַשרענקן נאָר מיט יענעם לעבעדיקן און טויטן מענטשן־געשלעכט, וואָס אויף אים קען זיך אויסשפּרייטן דער זכות פֿונעם אויסלייז־קרבן פֿון ישוע־המשיח דעם שופֿט.

[15] ביים משפּט איבער די נאַציעס, וועלכער וועט זיך אָנהויבן נאָך דעם ווי דעם האַר גאָטס שליח און שופֿט וועט קומען צו דעם טעמפּל, וועלן די פּערזאָנען פֿון די נאַציעס זיין אָפּגעשיידט איינער פֿון אַנדערן—אַלס שאָף און בעק. יענע באָק־אַרטיקע מענטשן, וועלכע וועלן ניט אַרויסווייזן קיין הויכשאַצונג פֿאַר גאָטס מלכות, נאָר זיי וואַרפֿן אָפּ די בשורה פֿונעם מלכות און אירע טרעגערס און ווייזן זיי ניט אַרויס קיין שום הילף און גוטהאַרציקייט,—יענע וועלן פֿאַרניכטעט ווערן ביי דער קומענדיקער שלאַכט פֿון הר־מגדון. די שאָף־אַרטיקע צוהערערס פֿון דער בשורה, וועלכע וועלן מיט פֿרייד אויפֿנעמען דעם אָנקום פֿונעם מלכות און וועלן טאָן גוטס צום רעשט פֿון די לעצטע מיטגלידער פֿון משיחס קערפּער אויף דער ערד—וועלן אַזוי צונויפֿגעזאַמלט ווערן צו דער זייט פֿון דעם שופֿטס גונסט. אָט דער מין שאָף־אַרטיקע מענטשן וועט אויפֿגעהאַלטן ווערן ביים לעבן במשך דער געריכט־שלאַכט פֿון הר־מגדון, אָט אַזוי ווי נח און זיין משפּחה האָבן איבערגעלעבט דעם מבול,—און זיי וועלן אַריין אין דער נייער וועלט, ניט שטאַרבנדיק.

---

15. ווער וועלן עס זיין די „לעבעדיקע״, וואָס משיח וועט זיי משפּטן ?

פאַרבלייבנדיק ווייטער געטריי צו גאָט און צו זיין קעניג פון דער נייער וועלט, וועלן זיי באַקומען זיין גוטהייסונג במשך דעם טויזנט־יאָריקן יום־הדין, און סוף־כּל־סוף וועלן געווינען דעם אורטייל צו דעם רעכט פון אייביק לעבן. איבערלעבנדיק הר־מגדון, וועלן זיי זיין אָט יענע „לעבעדיקע”, וועמען ישוע־המשיח וועט משפּטן.

16 נאָך איינע גרופּע וועט באַהאַנדלט ווערן מיט חסד און געניסן די ברכות פונם משפּט אין דער נייער וועלט—דאָס זיינען יענע געטרייע דינערס פון גאָט, וועלכע האָבן געלעבט נאָך פאַר דעם ווי ישוע איז געשטאָרבן און אויפגעשטאַנען תחית־המתים; אַ סך פון זיי ווערן דערמאָנט אין יידן, קאַפּיטל יא, און אין די פּסוקים 39 און 40 זאָגט וועגן זיי פּאָולוס אַזוי: „און הגם זיי אַלע האָבן געהאַט דאָס עדות דורך זייער אמונה, האָבן זיי דאָך נישט באַקומען די הבטחה, ווייל גאָט האָט אָנגעגרייט עפּעס בעסערס פון אונזערטוועגן, כּדי אָן אונז זאָלן זיי נישט שלימותדיק [פולקאָם] ווערן.” אַזוי אַרום די אַלע וועלן ניט קענען באַקומען זייער שכר באַפאָר דער פאַרהערלעכונג פון דער קירך, אָדער פונם „אונז” קלאַס דערמאָנט ביי פּאָולוסן,— די דאָזיקע פאַרהערלעכונג וועט זיך אָנהויבן נאָך דעם, ווי דער שופט וועט קומען צום טעמפּל. זיי וועלן באַלוינט ווערן דורך מאַכן זיי פאַר די זעבאַרע פאַרטרעטערס פונם הימלשן שופט אויף דער ערד. דורך דעם בעל־התהלים זאָגט דער האַר וועגן דעם אָ קלאַס: „אָנשטאָט דיינע פאָטערס וועלן זיין דיינע זין; וועסט זיי אויפזעצן פאַר האַרן אין גאַנצן לאַנד.” (תהלים מה: 17) בנוגע אָט די האַרן [פּרינצן], ווידער זאָגט זיך אין ישעיה לב:1: „זע, מיט רעכטפאַרטיקייט וועט קיניגן דער קיניג, און האַרן [פּרינצן]—זיי וועלן הערשן מיט גערעכטיקייט.”

17 צו דער געהעריקער צייט, ווען אַלע צושטענדן אויף דער ערד וועלן זיין צוגעגרייט, וועט קומען די שעה און דער שופט וועט ווענדן זיין שטים צו אַלע טויטע אויפצושטיין, און דעמאָלט וועלן „אַלע וואָס זענען אין די קברים, הערן זיין קול און

16. ווער וועלן עס זיין די ערשטע פון די מענטשן־טויטע, וואָס וועלן אַרויסקומען צום גנאָדיקן משפּט?
17. ווער זשע דען וועט אויפשטיין תחית־המתים צום משפּט?

וועלן אַרויסקומען; ... די וואָס האָבן געטון שלעכטס, וועלן אויפשטיין צום משפּט". (יוחנן ה:28, 29) אין דעם וועט אַריינגענומען אויך יענער פאַרברעכער, צו וועלכן ישוע האָט אויפן בוים געזאָגט: „פאַרוואָר, איך זאָג דיר, היינט, וועסטו זיין מיט מיר אין גן־עדן."—לוקאַס כג:43.

די אייגנשאַפטן פונם שופט

[18] די הייליקע שריפטן גיבן אונז געניג באַווייזן, אַז ישוע־המשיח וועט זיין אַ גערעכטער שופט אין יענעם טאָג. יוחנן ה:22 זאָגט אַזוי: „וואָרום דער פאָטער משפּט קיינעם נישט, נייערט האָט דעם גאַנצן משפּט איבערגעגעבן דעם זון."

[19] נון, לאָמיר באַטראַכטן די אייגנשאַפטן פונם שופט—צוליב אונזער אייגענער באַפרידיקונג און שלום־מנוחה. די הייליקע שריפטן זאָגן וועגן אים, אַז ער האָט געדינט זיין פאָטער מיט גאָטס־פאָרכטיקייט, אַז ער האָט געלערנט געהאָרכזאַמקייט דורך דעם וואָס ער האָט געליטן,—און אַז דעריבער וועט אייביק־דויערנדיק לעבן געשאָנקען ווערן די אַלע, וואָס וועלן דערגרייכן זיין גינסטיקן משפּט. לאָמיר אָבער לאָזן די שריפטן רעדן אַליין פאַר זיך. אין יידן ה:7־9 ווערט געזאָגט: „וואָס האָט אין די טעג פון זיין פלייש געגעבן תּפילות און געבעטן מיט גרוים געשריי און טרערן צו דעם, וואָס איז געווען בכּוח אים מציל צו זיין פון טויט, און ער איז דערהערט געוואָרן פאַר זיין גאָט־פאָרכטיקייט; הגם ער איז געווען אַ זון, דאָך האָט ער געלערנט אונטערטעניקייט דורך דעם, וואָס ער האָט געליטן; און דורך זיין שלימות [פולקאָמקייט] איז ער געוואָרן פאַר אַלע, וואָס געהאָרכן אים, די סיבה פון אייביקער ישועה." און ישעיה יא:1־4 זאָגט: „און אַ ריטל [שפּראָצעלע] וועט אַרויס פון דעם שטאַם פון ישי, און אַ צווייג פון זיינע וואָרצלען וועט שפּראָצן. און רוען וועט אויף אים דער גייסט פון גאָט, דער גייסט פון חכמה און פאַרשטאַנדיקייט, דער גייסט פון עצה און גבורה, דער גייסט פון דערקענונג און גאָטספאָרכטיקייט. און זיין

---

18. ווער וועט זיין דער ריכטער אינם יום־הדין?
19. וועלכע אייגנשאַפטן פאַרמאָגט ער פאַרן דאַזיקן דערהויבענעם אַמט?

קוויקונג וועט זיין אין גאַטספּאַרכטיקייט; און ניט נאָך דער זעאונג פֿון זיינע אויגן וועט ער משפּטן, און ניט נאָך דער הערונג פֿון זיינע אויערן וועט ער אַנטשיידן; נאָר ער וועט משפּטן מיט גערעכטיקייט די אָרעמע, און אַנטשיידן מיט יושר די געדריקטע פֿון לאַנד." ניטאָ דעריבער קיין שום מעגלעכקייט, אַז דער דאָזיקער משפּט זאָל געשטערט ווערן דורך מענטשישע באַגרענעצונגען און שוואַכקייטן. די אייגנשאַפֿטן פֿון דעם שופט מאַכן זיכער, אַז עס וועט געהעריק גענומען ווערן אין באַטראַכט יעדער אומשטאַנד באַטרעפֿנדיק יעדן איינעם ביים משפּט.

[20] וואָס פֿאַר אַ ווירקונג וועט האָבן אויף די מענטשן אָט דער משפּט פֿון יענעם גרויסן טאָג? אין התגלות כ:11, 12, ווערט אַזוי דערציילט וועגן דעם חורבן פֿון אָט דער אַלטער וועלט און וועגן דעם אָנהויב פֿונם טויזנט־יאָריקן יום־הדין: „און איך האָב געזען אַ גרויסן ווייסן שטול, און דעם וואָס איז אויף אים געזעסן, פֿון וועמעס פּנים די ערד און דער הימל זענען אַנטרונען געוואָרן; און עס איז פֿאַר זיי נישט געפֿונען געוואָרן קיין פּלאַץ. און איך האָב געזען די טויטע, די גרויסע און די קליינע, שטיין פֿאַר דעם שטול; און ספֿרים זענען געעפֿנט געוואָרן. און אַן אַנדער ספֿר איז געעפֿנט געוואָרן, וואָס איז דאָס ספֿר פֿון לעבן. און די טויטע זענען געמשפּט געוואָרן אויף דעם סמך פֿון דעם, וואָס איז געווען געשריבן אין די ספֿרים, לויט זייערע מעשׂים נאָך." זיי וועלן ניט געמשפּט ווערן פֿאַר זייערע פֿאַרגאַנגענע מעשׂים, נאָר פֿאַר דעם וואָס זייערע מעשׂים וועלן זיין במשך פֿונם יום־הדין, אויף אָט דעם יסוד וועט מע זיי משפּטן. די וואָס וועלן געהאָרכן דעם קעניג און שופט, וועלן בהדרגה אַרויסגעהויבן ווערן פֿון זייער געפֿאַלן צושטאַנד—צו מענטשלעכער פֿולקאָמקייט, און זיי וועלן די גאַנצע צייט לערנען גערעכטיקייט פֿונם שופט און דורך זיינע ערדישע פּרינצן. צום סוף פֿונם טויזנט־יאָריקן יום־הדין וועט קומען דער ענדגילטיקער געריכטס־אויספּרוּוו איבער אַלע לעבע־דיקע, וואָס וועלן דעמאָלט באַוווינען די ערד, און עס וועט באַשלאָסן ווערן, ווער זאָל אַריינגעשריבן ווערן אינם בוך פֿון

20. ווי אַזוי וועט ווירקן אויף די מענטשן פֿון גוטן־ווילן—אָט דער משפּט פֿונם יענעם טאָג?

יענע באַרעכטיקט צום רעכט צו אַן אייביק־דויערנדיקן לעבן אויף דער ערד. דער דאָזיקער ענדגילטיקער אויספּרוּוו וועט קומען דורך דעם, וואָס שטן דער טייוול וועט אַזוי באַפרייט ווערן פון זיין געפענגעניש.—התגלות כ:7–9.

[21] יענע אַלע וואָס וועלן זיך אונטערגעבן דעם שטנס פאַרזוּכונגען און באַטרוּגן, וועלן געמשפט ווערן אַלס ווערטלאָז, און זיי וועלן אַהינגעשיקט ווערן צו דעם „צווייטן טויט", וועלכער ווערט סימבאָליזירט דורך דעם „טייך פון פייער", אַזוי ווי עס איז געשריבן: „און אויב עמיצער איז נישט געפונען געוואָרן פאַרשריבן אין דעם ספר פון לעבן, איז ער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם טייך פון פייער." (התגלות כ:14, 15) יענע אַלע וואָס וועלן ווידערשטיין דעם שׂונא און אָנהאַלטן זייער געטריישאַפט אין זייערע לויטערקייט לגבי יהוה גאָט, זיי וועלן באַקומען די גוטהייסונג פון זיין שופט. דורך אים וועלן זיי באַקומען די מתנה פונם רעכט אויף אייביק־דויערנדיק לעבן, אין דער מענטשלעכער פולקאָמקייט אויף אַ גן־עדנשער ערד.—לוקאס כ:35, 36.

---

21. וועלכע צוויי פּועל־יוצאס וועט ברענגען דער ענדגילטיקער געריכטס־אויספּרוּוו?

קאפיטל 23

הייליקן זיך—דער וועג צום לעבן

ווי גינסטיק איז געווען דער צושטאנד פון דעם ערשטן מענטשן! ער איז געווען פולקאם, געגאסן פונם רעכט צו לעבן, און געהאט די געמיינשאפט מיט זיין באשעפער. באשאנקן מיט א מאס חכמה, גערעכטיקייט, ליבע און קראפט, איז ער געווען ענלעך צו זיין רבונו־של־עולם, און ער איז געווען אין דעם געשטאלט פון גאט אין האבנדיק די הערשאפט איבער די נידעריקע באשעפענישן. ער האט באקומען א פרעכטיקע היים, דעם גן־עדן; א ליבע העלפערין, חוה; און א געטלעכן געבאט אדער א פולמאכט אויסצושפרייטן אט דעם גארטן ביז צו די ענדן פון דער ערד און אנפילן אים מיט גערעכטיקע באשעפענישן, אלץ צום לויב פון גאט. (בראשית א:26־28) וואס פארא ברכות! וואס פארא זכיות! וואס פארא אויסזיכט!

[2] און דאך, אנשטאט הויכשאצן אלץ וואס גאט האט אים געשאנקן, האט דער מענטש בעסער זיך געלאזט אויף אן אייגנ־נוציקן דרך, און ניט געפאלגט, און אזוי ארום אלץ פארלוירן. ניט חרטה געקראגן און א פארמשפטער, האט מע אים ארויסגעטריבן פון גן־עדן אויף דער פארשאלטענער ערד ארויף, און דא האט ער ארויסגעצויגן זיין עלענד עקזיסטענץ ביז ער האט זיך צוריקגעקערט אין שטויב. (בראשית ג:17־19) דעם דאזיקן אומגליקלעכן גורל האט ער איבערגעטראגן צו זיינע אפשטאמער, טאקע ווי מיר לייענען: „דורך איין מענטשן איז די זינד געקומען אין דער וועלט אריין, און דער טויט דורך דער זינד, אזוי איז דער טויט אריבער צו אלע מענטשן, ווייל אלע האבן

1. וועלכע ברכות און אויסזיכטן האט דער ערשטער מענטש געטאן געניסן?

2. וואס איז געשען צו אדמען און צו זיינע קינדער צוליב זיין אומגעהארכזאמקייט?

געזינדיקט." (רוימער ה:12) און דער פועל־יוצא איז: די גרויסע מערהייט פונם מענטשן־געשלעכט היינט־צו־טאָג גייט שנעל אַרונטער אויפן ברייטן וועג, וואָס פירט צו פאַרדאַרבונג (מתיא ז:13; און ניט נאָר דאָס אַליין, נאָר וואָס די מערהייט איז צופרידן צו גיין אַלץ ווייטער אַוועק פון דער ענלעכקייט צו גאָט און פון דער האָפענונג אויף לעבן.

[3] פאַראַן פונדעסטוועגן אַ ביסל ערלעכע נשמות, וועלכע זיינען גאָר ניט אין איינטראַכט מיט די דאָזיקע רשעותדיקע צושטענדן. זיי זיפצן און קלאָגן צוליב די רעליגיעזע גרוילען וועלכע זיי זעען דורכגעפירט אינם „קריסטנטום", און זיי פילן זיך אויסגעמאַטערט און שווער־באַלאָדן צוליב זייערע אייגענע שוואַכקייטן און חסרונות. און ווייל זיי זיינען ערלעך, הונגערן און דאָרשטן זיי נאָך גערעכטיקייט; און שטרעבנדיק צו קומען אין איינטראַכט מיט זייער באַשעפער, „כדי זיי זאָלן זוכן גאָט, אפשר וועלן זיי אים פילן און געפינען".—מעשים יז:27.

דער גאַנג צו גאָט

[4] כדי צו געפינען גאָט, מוז מע אַפריער קומען צו ישוען, ווייל „קיינער קומט נישט צום פאָטער, סיידן דורך מיר [ישוען]". (יוחנן יד:6) אָבער קיינער קאָן אויך ניט ‚קומען צו ישוען, סיידן דער פאָטער טוט אים ציען'. (יוחנן ו:44) ווי אַזוי זשע ציט גאָט אַזאַ ערלעך־האַרציקן מענטשן צו ישוען? דורך דעם, וואָס ער ברענגט אים אין באַרירונג מיטן אמת וואָס איז אַנטהאַלטן אין זיין וואָרט, אין דער ביבל. זייענדיק באַשיידן און גרייט צו לערנען, הערן אַזעלכע מענטשן זיך צו צום אמתן גאָט און זיינע צילן, טוען תשובה און עס קומט אַן ענדערונג אין זייערע מחות בנוגע דער זינד און דער דאָזיקער שלעכטער וועלט.

[5] „ניט אַלע מענטשן האָבן גלויבן"; אָבער ווען אָט יענע ערלעכע נשמות באַקומען דאָס דאָזיקע וויסן, איבן זיי אויס דעם

---

3. ווי אַזוי באַשרייבן די הייליקע שריפטן יענע, וואָס זיינען ניט אין איינטראַכט מיט די היינטיקע רשעותדיקע צושטאַנדן?

4. וואָס באַוועגט די דאָזיקע צו תשובה־טאָן?

5. וואָס איז גלויבן, ווי אַזוי דערגרייכט מע אים, און אין וואָס מוז מע האָבן גלויבן?

גלויבן. „דרום קומט אמונה פון הערן, און הערן דורך דעם וואָרט פון משיחן." (רוימער י:17) וואָס זשע איז גלויבן? „אמונה [גלויבן] איז אַ פאַרזיכערונג אויף דעם וואָס מען האָפט, דער באַווייז פון דעם וואָס מען זעט נישט." (יידן יא:1) דאָס מיינט: אדאנק דער ביבל־קענטעניש, באַקומט מע אַ פעסטע פאַרזיכערונג, אַז גאָט עקזיסטירט, און אַז ער וועט באַלוינען די וואָס זוכן אים פלייסיק, און אַז די ביבל—דאָס איז דער אמת און דעם מענטשנס זיכערער אָנפירער. (יידן יא:6; יוחנן יז:17; תהלים קיט:105) דאָס מיינט ווייטער: מע דאַרף אָנערקענען ישוען נישט נאָר פאַרן לערער און בײשפּיל, נאָר אויך פאַרן רעטער און אויסקויפער. (מתיא א:21; כ:28) אַזאַ גלויבן באַוועגט איינעם צו ענדערן זיין דרך פון טאָט, זיך פאַרענדערן אָדער באַקערן.—מעשים ג:19; מתיא יג:15.

• ווען מע מאַכט פאָרטשריט אין קענטעניש און פאַרשטענדעניש, הערט ער ווי ישוע זאָגט: „ווילמיר ווער נאָכגיין, זאָל ער זיך אַליין פאַרלייקענען, און נעמען אויף זיך זיין קרייץ [גריכיש: סטאַווראָס, אַ בוים, צו וועלכן מע איז צוגענאָגלט], און מיר נאָכגיין." (מתיא טז:24) דאָס מיינט: מע דאַרף זיך באַפרייען פונעם אייגענעם ווילן און איינשטימען אָדער הייליקן זיך—צו טאָן גאָטס ווילן, אָט אַזוי ווי ישוע האָט געטאָן. הייליקן זיך—דאָס מיינט זיך אַליין אָפּרוקן אָן אַ זייט, און כּדי צו זיין אָננעמבאַר פאַר גאָט—מוז מע זיך אונטערגעבן אָן באַדינגונגען. מע קען נישט זאָגן: „גאָט, איך וועל טאָן דיין ווילן, אויב—." ניין, דאָס וואָלט זיין עגאָאיסטיש, און וואָלט זיין אַ סמן, אַז עס פעלט גלויבן. דער וואָס באַזיצט גלויבן הויכשאַצט, אַז „עס איז נישט פאַרן מענטשן צו ריכטן זיינע טריט", נאָר אַז גאָט מיט זיין פולקאָמער חכמה, גערעכטיקייט, ליבע און קראַפט, ווייסט אַמבעסטן; און דעריבער איז דינען אים—דאָס איז נישט נאָר די איינציקע ריכטיקע זאַך, נאָר דאָס איז אויך די איינציקע קלוגע זאַך צו טאָן. אָט אַזוי ווייזט דער מענטש אַרויס זיין גלויבן דורך דעם, וואָס ער איינשטימט צו טאָן גאָטס ווילן און איז צופרידן, וואָס פאַר אַ פּלאַץ גאָט זאָל פאַר אים באַשטימען.

6. ווי אַזוי קען איינער אַרויסווייזן זיין גלויבן?

די טבילה

7 ישוע האָט געמאַכט זײַן עפנטלעכע באַקענטעניש װעגן זײַן הייליקן זיך אום צו טאָן זײַן פאָטערס װילן—דורך דעם, װאָס מ'האָט אים געטובלט אין װאַסער (תהלים מ:9; יידן י:7; מאַרקוס א:9-11); זײַנע נאָכפאָלגערס האָט ער אויך געגעבן די אָנװײַזונג: „שטעלט אויף תּלמידים פון אַלע אומות, און טובלט זיי אין דעם נאָמען פון דעם פאָטער, און פון דעם זון, און פון דעם רוח־הקודש". (מתיא כח:19) און דעריבער דאַרף יעדער, װאָס האָט אײַנגעשטימט צו טאָן גאָטס װילן, גע־טובלט װערן.

8 װעט אײנער אפשר זאָגן: „איך בין געטובלט געװאָרן װען איך בין געװען אַ פּיצל קינד, מע האָט מיך דעמאָלט באַשפּריצט; איז דאָס ניט גענוג?" ניין, עס איז ניט גענוג. פאַרװאָס? װײַלע, דאָס װאָרט טובלען מיט װעלכן עס װערט איבערגעזעצט דאָס גריכישע װאָרט באַפּטיזעין—מײנט בוכשטעבלעך אונטער־טינקען אונטערן װאַסער, אונטערטױכן, באַדעקן מיט װאַסער. װײַטער, װען אײנער הייליקט זיך צו טאָן גאָטס װילן, איז ער גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון זײַן אײגענעם װילן, אַזױ װי ער װאָלט געװאָרן טויט צו זײַן אײגענעם װילן; און דער צוגעפּאַסטער סימבאָל צו דעם קען זײַן—נאָר דאָס טובלען זיך. דאָס אַרונ־טערגענומען װערן אונטערן װאַסער סימבאָליזירט דעם טויט פון יענעמס אײגענעם װילן, און דאָס אַרױסהייבן פון װאַסער —שילדערט דאָס אױפשטעלן און לעבעדיק װערן, כּדי צו טאָן גאָטס װילן.

9 חוץ דעם, די קאַנדידאַטן פאַר דער טבילה דאַרפן װערן געטובלט אין דעם נאָמען פון דעם פאָטער, און פון דעם זון, און פון דעם רוח־הקודש', און דאָס באַדײַט, אַז זיי מוזן

---

7. װעלכע עפנטלעכע באַקענטעניש דאַרף אײנער מאַכן װעגן זײַן הייליקונג צו גאָט, אַזױ װי דאָס איז באַװיזן דורכן בײַשפּיל און געבאָט פון ישוען?

8. װעלכע פאַקטן װײַזן, װי אַזױ דאַרף די טבילה דורכגעפירט װערן?

9. אין אָנערקענונג פון װעלכע פאַקטן מוז די טבילה געטאָן װערן?

דערקענען יהוה ניט נאָר אַלס זייער לעבן־שענקער, נאָר אויך אַלס דעם איינעם העכסטן וואָס צו אים זיינען זיי פֿאַרפּליכטעט צו אונטערטעניקייט און דינסט; זיי מוזן אָנערקענען די ראָל וואָס דער זון שפּילט אין יהוהס כוונה און וואָס ער האָט געטאָן פֿאַר זיי; און זיי מוזן אויך אָנערקענען דעם רוח־הקודש ווי די אַקטיווע קראַפֿט פֿון גאָט, וועלכע וועט זיי העלפֿן אויסצופֿירן זייער הייליקונג, און אַז זיי וועלן תּמיד האַנדלען אין הסכּם מיט אים. נאָר ווען מע טויכט זיך אונטער אין דער אָנערקענונג פֿון די אַלע אמתן—באַשטייט אַזוי דער אמתער סימבאָל פֿון דער הייליקונג; און נאָר דאָס אַליין מיינט די וואַסער־טבילה פֿון דער ביבל.

דער וועג צו הימלישער הערלעכקייט

10 אַלע וואָס הייליקן זיך צו טאָן גאָטס ווילן, ווייל זיי האָבן גלויבן אין יהוה גאָט און אין ישוע־המשיח, און פֿירן אויס געטריי זייער הייליקונג, וועלן באַלוינט ווערן מיט אייביק לעבן. (רוימער ו:23) דאָך וועט דאָס דאָזיקע לעבן ניט זיין דאָס זעלבע פֿאַר אַלעמען. די ביבל ווייזט אָן קלאָר, אַז נאָר איייניקע פֿון די דאָזיקע, 144,000, וועלן טיילן די הימלישע הערלעכקייט מיט ישוע־המשיח (התגלות יד:1, 3); אַנדערע ווידער וועלן געניסן די ברכות פֿון לעבן טאַקע דאָ אויף דער ערד. (מיכה ד:1־5) גאָט שענקט זיינע מתּנות אין הסכּם מיט זיינע כּוונות און אַזוי ווי אים געפֿעלט עס צו טאָן; און פֿאַר זיינע באַשעפֿענישן בלייבט נאָר אָנצונעמען דאָס מיט דאַנק, ווייל אַלע זיינע מתּנות זיינען ניט־קיין־פֿאַרדינטע טובֿות.—קאָרינטער ב, ט:15.

11 גאָט האָט אַ באַשטימטע צייט פֿאַר יעדן צוועק. (קהלת ג:1) און כּדי צו געבן די באַשעפֿענישן אויף דער ערד די געלעגנהייט זיך צוצוגרייטן פֿאַר דער הימלישער באַלוינונג, האָט גאָט באַשטימט די צייט פֿון יאָר 29 נ. ק. ביז 1931, בעקר, וואָס ווערט אָנגערופֿן „דער טאָג פֿון ישועה". (קאָרינטער ב, ו:2) אָנגעהויבן האָט זיך די צייט מיט ישוען ביים ירדן און

10. וועלכע אויסזיכטן שטעלן זיך פֿאַר פֿאַר איינעם וואָס שטימט איין צו טאָן גאָטס ווילן? און וואָס אַנטשיידט די זאַך?
11. במשך פֿון וועלכער צייט באַזונדערס האָט אָנגעהאַלטן די הימלישע האָפֿענונג פֿאַר די וואָס הייליקן זיך?

איצט גייט זי שנעל פאָריבער. במשך פון אַט דער צייט איז די הימלישע האַפענונג באַקאַנט געוואָרן צו אַלע וואָס האָבן זיך געהייליקט צו גאָט. אַזוי ווי אָבער „אַ בשר־ודם קאָן נישט ירשענען דאָס מלכות פון גאָט" (קאָרינטער א, טו:50), וואָלטן אַזוי יענע געהייליקטע געדאַרפט אַרויס געבערענקט צו ווערן ווי גאָטס גייסטיקע זין,—דורך זיין גייסט געבאָרן צו אַן הימלישער האָפענונג,—איידער גאָט קען זיי שענקן אָט די הערלעכע באַלוינונג.

[12] כדי אַזעלכע זאָלן קענען אַרויף אויפן הימלישן וועג, מוזן זיי דורכמאַכן דאָס מקריב־זיין פון אַלע מענטשישע לעבנס־רעכט און האָפענונגען, אַזוי ווי ישוע האָט עס געטאָן. (קאָלאָסער ג:1-4) אָבער ישוע איז געווען פולקאָם, און האָבנדיק צוטריט צו גאָט, האָט ער אויך געהאַט דאָס רעכט צו לעבן ווי אַ מענטשישע באַשעפעניש. זיינע נאָכפאָלגערס אָבער,—אומפולקאָמע און זינדיקע און דערפאַר אונטער פאַרדאַמונג—ניט זיי האָבן קיין צוטריט צו גאָט, ניט זיי באַזיצן דאָס רעכט צו לעבן און ניט זיי פאַרמאָגן אַזאַ גוף וואָס איז אָננעמבאַר אויף צו ברענגען אים פאַר אַ קרבן. ווי זשע איז'ס מעגלעך פאַר אַזעלכע, אַז יהוהס כהן־גדול, ישוע־המשיח זאָל זיי יאָ פאָרלייגן פאַר אַ קרבן? דורך זייענדיק גערעכטפאַרטיקט; דורך די צורעכענונג אָדער צומאָסטונג, פאַרמאָגן זיי די גערעכטיקייט. ווי אַזוי קאָן דאָס דערגרייכט ווערן?

[13] ראשית־כל מוז די באַשעפעניש אויסיבן גלויבן אין גאָטס פאַרזאָרגונג, דאָס מיינט—גלויבן אין משיחס פאַרגאָסענעם בלוט, אָט אַזוי ווי מיר לייענען: „מיר ווערן גערעכטפאַרטיקט דורך אמונה." (רוימער ה:1) ישוע־המשיח ווירקט דאָ ווי אַ פאַרטיידיקער, ער דעקט די זינד פון אַזאַ איינעם מיטן פאַרדינסט פון זיין קרבן, און דערפאַר זיינען אַזעלכע ‚גערעכטפאַרטיקט דורך משיחס בלוט'. (רוימער ה:9, 19) גאָט נעמט אין אַכט דעם מענטשנס גלויבן און דעם פאַרדינסט פון משיחס בלוט וואָס איז אָנגעווענדט צו אים, און ער רעכנט צו צו אַזאַ

12. וועלכע איינגשאַפטן מוז איינער האָבן, כדי צו זיין געאַפפערט מיט משיחן?
13. וועלכע פאַקטאָרן טראָגן צו צו דער גערעכטפאַרטיקייט?

איינעם די גערעכטיקייט, פאררעכנט אים פאר גערעכטפארטיקט.
„עס איז גאָט, וואָס טוט רעכטפאַרטיקן."—רוימער ח:1—4, 33.

[14] אָט די אַלע זיינען איצט אין שטאַנד צו ווערן „טויט מיט אים", דאָס מיינט מיט ישוע־המשיח; איצט באַקומען זיי שוין צוטריט צו גאָט דורך ישוע־המשיחן, און זיי פאַרמאָגן שוין סיי אַן אָננעמבאַרן גוף און סיי דאָס רעכט צו לעבן אויף דער ערד און צו זיין פאַרגעשטעלט צום קרבן. איצט נעמט גאָט אָן דעם כהן־גדולס קרבן פאר זייערטוועגן, און אָנערקענט זיי אַלס זיינע זין און לאָזט זיין אַקטיווע קראַפט אָדער רוח־הקודש ווירקן אויף זיי, אַזוי אַז זיי זאָלן געבוירן ווערן ווי גייסטיקע זין מיט דער האָפענונג אויף לעבן אינם הימל. גאָטס רוח־הקודש ווירקט ניט לגבי די דאָזיקע מחוץ פון זיין וואָרט פון אמת, און דערפאַר רעדט זיך עס וועגן יענע ווי וועגן אַזעלכע וואָס ווערן „געבוירן פון וואַסער [אמת] און דעם גייסט" (יוחנן ג:5); און נאָך איז אויף זיי געזאָגט: „מיט זיין אייגענעם רצון האָט ער אונז באַשאַפן דורך דעם וואָרט פון אמת." (יעקב א:18) אַזוי ווי דער ירדן האָט אָנגעצייכנט דעם אָנפאַנג פון ישוען ווי אַ גייסטיקער זון (מתיא ג:17), אַזוי האָט דער טאָג פון שבועות אָנגעצייכנט דעם אָנפאַנג פון גייסטיקער זין־קרובה־שאַפט פאר זיינע נאָכפאָלגערס (מעשים ב:3, 4, 17); זייענדיק דאָ געטובלט געוואָרן מיטן רוח־הקודש.—מעשים א:5.

[15] די דאָזיקע באַנייונג דורכן רוח־הקודש (טיטוס ג:3־5)—דאָס איז אַ רוף צוצוגרייטן אַזעלכע צו דער הימלישער הערלעכ־קייט צוזאַמען מיט ישוע־המשיח. (טעסאַלאָניער ב, ב:13, 14) די אַלע וועלן איצט האָבן נייע האָפענונגען, נייע צילן, נייע קרובהשאַפט. „אויב איינער איז אין משיחן, איז ער אַ נייע באַשעפעניש; די אַלטע זאַכן זענען פאַרגאַנגען; זע, זיי זענען געוואָרן ניי." (קאָרינטער ב, ה:17) ישוע־המשיח, אַליין אַ גע־זאַלבטער, וועט אַזאַ נייע באַשעפענישן, ביים ווערן מיטגלידער פון זיין גוף, שענקען פון זיין זאַלבונג. „און איר האָט אַ זאַל־בונג פון דעם הייליקן, און ווייסט אַלצדינג" (יוחנן א, ב:20, 27); מיט דעם אַקט איז אויך געמיינט דאָס טובלען־זיך אין

14. דורך וועלכע שריט ווערט איינער געבוירן ווי אַ גייסטיק זון?
15. וואָס איז דער צושטאַנד פון די, געבוירן דורכן גייסט?

משיחס גוף. „ווארום דורך איין גייסט זענען מיר אַלע געטובלט געוואָרן אין איין גוף." (קאָרינטער א, יב:12, 13) דער רוח־הקודש וואָס ווירקט בנוגע אַזעלכע, איז אַ טייל־צאָלונג אָדער אַ משכון וואָס גאַראַנטירט זיי זייער ענדגילטיקע באַלוינונג. (עפעזער א:13, 14) „באַליבטע, אַצונד זענען מיר קינדער פון גאָט; און עס איז נאָך נישט אַנטפּלעקט געוואָרן וואָס מיר וועלן זיין. מיר ווייסן, אַז ווען ער וועט נתגלה ווערן, וועלן מיר זיין גלייך צו אים; ווארום מיר וועלן אים זען אַזוי ווי ער איז."—יוחנן א, ג:2.

דאָס מקדיש־זיין זיך

[16] און דאָך, איידער אַזעלכע מיטגלידער פון משיחס גוף וועלן קענען באַקומען זייער הימלישע באַלוינונג, וועלן זיי מוזן אַזוי פאַרוואַנדלט ווערן—אַוועק פון דער דאָזיקער וועלט און אַריין אין דער ענלעכקייט צו זייער ראש, ישוע־המשיח; זיי וועלן מוזן דערווייזן, אַז מע קען צו זיי האָבן צוטרוי, דורך דעם, וואָס זיי וועלן זייער הייליקונג אויספירן געטריי ביז סאַמע טויט אַריין. ווענן דער דאָזיקער פאַרוואַנדלונגס־אַרבעט דייטן אָן די כתבי־הקודש ווי ווענן אַ „מקדיש־זיין": „דאָס איז דער רצון פון גאָט [בנוגע אייך], אייער הייליקייט." (טעסאַלאָניער א, ד:3) ווי אַזוי וועט דאָס דערגרייכט ווערן? ביידע, הן דער באַשעפער הן די באַשעפעניש, האָבן אַ חלק דערין. „און איר זאָלט אייך הייליקן, ... איך בין יהוה וואָס הייליקט אייך." (ויקרא כ:7, 8) גאָט באַזאָרגט דעם אמת וואָס ווערט הייליקן: „הייליק זיי אין דעם אמת; דיין וואָרט איז אמת" (יוחנן יז:17); און זיין רוח־הקודש אָדער אַקטיווע קראַפט איז אויך אַ הילף פאַרן באַשעפעניש. אָבער פון דער אַנדערער זייט, מוז דער באַשעפעניש מיט פליים שטודירן גאָטס וואָרט און אַזוי באַנייען זיינע געזינונג (רוימער יב:2); מוז זיך באַמיען אָנווענדן די זאַכן וואָס ער לערנט (מתיא ז:21); ער וואָגט ניט זיך אַנטקעגנשטעלן אָדער דערצערנען גאָטס רוח־הקודש, נאָר מוז זיך באַמיען פון אים תמיד געפירט צו ווערן.—רוימער ח:14; עפעזער ד:30.

16. וואָס באַדייט מקדיש־זיין זיך? און ווי אַזוי דערגרייכט?

17 בארופן צו זיין „הייליקע” אדער געהייליקטע (רוימער א:7), מוזן זיי זיין הייליק, אזוי ווי גאט איז הייליק. „גלייך ווי דער, וואס האט אייך בארופן, איז הייליק, זאלט איר גופא אויך זיין הייליק אין יעדן שטייגער פון לעבן.” (פעטרוס א, א:15) דאס מיינט: זיי מוזן זיין אינגאנצן געווידמעט צו גאט און גערעכטיקייט. זייערע אלע ליבשאפטן מוזן זיי ווענדן אין דער הימלישער ריכטונג און טייטן זייערע נידעריקע גלוסטן. (קאלאסער ג:2, 5) יעדער פון זיי מוז „מער פון יעטוועדער היטונג פאס אויף זיין הארץ, ווארום פון אים זיינען די ארויס־גאנגען פון לעבן.' (קהלת 23:4) לעבן אין הסכם מיט זייער אפמאך—דאס איז אן ערנסטער ענין, און דערפאר ווערן זיי ווייטער געווארנט: „זאלט איר אייך מיען פאר אייער ישועה מיט מורא און ציטערניש.”—פיליפער ב:12.

18 אלס תלמידים פון ישוע־המשיח, דארפן זיי אויך טרייסטן אלע וואס טרויערן (לוקאס ד:17–21), פרעדיקן די בשורה וועגן דעם מלכות־שמים (מתיא ד:17), און בכבודן דעם נאמען פון יהוה. (יוחנן יז:4, 6; פעטרוס א, ב:9) אזוי האנדלנדיק, וועלן זיי זיין אויסגעזעצט אויף דער שנאה פון דעם שטן און זיין וועלט אזוי ווי מיט ישוען איז עס געווען. (יוחנן טו:19; התגלות יב:17) באמת, „אלע וואס ווילן לעבן פרום אין ישוע־המשיח, וועלן גערודפט ווערן.” (טימאטעאוס ב, ג:12) ווי אבער זיי שטעלן זיך אנטקעגן דעם שטן און זיין וועלט און אונטערהאלטן לויי־טערקייט ביזן סאמע טויט, זיינען אט די אלע געזיכערט מיט דער „קרוין פון לעבן”, אומשטערבלעכקייט, די געטלעכע נאטור. —התגלות ב:10; קארינטער א, טו:53, 54; פעטרוס ב, א:4.

19 שטרעבנדיק צו טאן אלץ וואס איז גערעכטיק; באגערנדיק לעבן; ליבנדיק יהוה פאר דעם וואס ער איז און פאר אלץ וואס ער האט געטאן פאר זיי; פול מיט בענקשאפט צו זען אים און זייער ראש, ישוע־המשיח; און, איבער אלץ, שטרעבנדיק

17. וועלכע ווייטערדיקע ווארענונגען זיינען געגעבן צו די, וואס טאן זיך מקדיש־זיין?

18. אלס נאכפאלגער פון ישוע־המשיח, וועלכע ארבעט מוזן זיי אויפטאן, און אונטער וועלכן פרווו מוזן זיי פארבלייבן טריי?

19. וואס באוועגט אט די גייסטיקע זין? און פארוואס וואגן זיי ניט זיך צוריקצוציען?

צו האָבן אַ חלק אין דער רעכטפאַרטיקונג פון גאָטס נאָמען (משלי כז:11);—אַזעלכע געהייליקטע האָבן קיין אַנדער אויס־וואַל, אוּן מוזן אויספירן זייער אָפמאַך פון הייליקן זיך. צוריקגיין —וואָלט געהייסן, אַז זיי זיינען בונד־ברעכערס, וואָס פאַרדינען דעם טויט, דעם אייביק־דויערנדיקן טויט.—רוימער א:31, 32; יידן י:38, 39.

די געהייליקטע „אַנדערע שאָף“

[20] יענע געהייליקטע קריסטן וואָס האָבן היינט־צו־טאָג די דאָזיקע הימלשע האָפענונגען און פירן אויס געטריי זייער שליחות פון פּרעדיקן די בשורה; און נאָר זיי אַליין באַנוצט יהוה אויף צו לייטן זיין ווערק אויף דער ערד—צו באַקאַנטמאַכן זיין נאָמען און זיין מלכות. היינט איז פאַראַן נאָר אַ רעשט פון אַזעלכע אויף דער ערד, און זיי זיינען באַקאַנט ווי דער „געטרייער און קלוגער קנעכט“. (מתיא כד:45־47) אַזעלכע זיינען נאָר אַ רעשט אים פאַרגליך מיט דעם גאַנצן גוף פון משיחן (התגלות ז:4—8; יב:17), און זייער צאָל פאַרקלענערט זיך מיט יעדן טאָג, וויבאַלד איינער נאָך איינעם ענדיקן זייער גאַנג אין טויט. פונדעסטוועגן, וואַקסט כסדר די פּרעדיקונג־טעטיקייט, ווייל עס וואַקסט די צאָל מענטשן וואָס זיינען גענויגט צו גע־רעכטיקייט און וואָס די ערדישע האָפענונגען שפּרייטן זיך אויס אויף זיי; זיי אַלע פאַרבינדן זיך מיטן פאַרבליבענעם רעשט, און זיי נעמען אַלץ אַ גרעסערן חלק אין דער אַרבעט. ישוע רעדט וועגן די דאָזיקע ווי וועגן זיינע „אַנדערע שאָף“—צום אונטערשייד פון זיינע שאָף, וועלכע האָבן די הימלשע האָפע־נונגען און רופט זיי „די קליינע סטאַדע“. (לוקאס יב:32) און זיי אַלע מוז ער אויך מיטברענגען, כדי סוף־כל־סוף זאָל זיך אויסבילדן איין סטאַדע און איין פאַסטוך.—יוחנן י:16.

[21] כדי די דאָזיקע „אַנדערע שאָף“ זאָלן באַקומען זייער שכר פון אייביק לעבן אויף דער ערד און די ברכות פונם מלכות, מוזן זיי אויך מאַכן אַ הייליקונג צו גאָט דורך דעם משיח. זיי

---

20. וועלכע טעטיקייט לייטן אָט די קריסטן אויף דער ערד? און ווער פאַרבינדט זיך מיט זיי אין אַלץ־וואַקסנדיקע צאָלן?
21. וואָס פאָדערט זיך פון די דאָזיקע „אַנדערע שאָף“?

מוזן אויך אויספירן זייער הייליקונג געטריילעך, אין איינקלאנג מיט גאָטס מאסשטאב פון גערעכטיקייט, לויט זייערע בעסטע פעיקייטן. און אזוי האנדלנדיק, האָבן זיי די האָפענונג „קיינ־מאָל ניט צו זען דעם טויט" אין דעם פלייש.

קאַפּיטל 24

דאָס דינען דעם אמתן גאָט

יהוה, דער שענקער פון יעדער גוטע און פולקאָמענע מתנה, האָט געשאָנקען דעם מענטשן־געשלעכט איין באַזונדערע מתנה פון אומפאַרגלייכלעכן ווערט — דאָס איז זיין געשריבן וואָרט. ווען דו שטודירסט דאָס וואָרט, לערנסטו וועגן גאָט. דאָס וואָס דו האָסט געלערנט אין אָט דעם בוך, איז ניט לויט דער טראַדיציע פון מענטשן, איז עס? קאָנסט נוצן וועלכע איז איבערזעצונג פון דער ביבל, און וועסט אַלץ אויסגעפינען, אַז אַלע דאָקטרינעס אָדער לערעס האָבן דעם זעלבן באַווייז. זיי אונטערשיידן זיך פון די רעליגיעזע גלויבנס־לערעס און פון דער מענטשלעכער חכמה. די יסודות פון יהוהס אמת און גערעכטיקייט ענדערן זיך קיינמאָל ניט, זיי זיינען שכלדיק און כסדר יושרדיק. און דערפאַר איז זיין וואָרט שטענדיק אמתדיק. שטן האָט אַרויסגעפאָדערט גאָטס וואָרט, און אַ סך מענטשן האָבן אויך דאָס זעלבע געטאָן; אָבער גאָטס וואָרט וועט זיך קיינמאָל ניט אומקערן צו אים ליידיק. (ישעיה נה:11) פון דיין איינענער שטודירונג קענסטו איצט זאָגן: „יהוה איז אַ ‚גאָט פון געטריישאַפט [אמת]‘"? (דברים לב:4) מיר זיינען זיכער אין דעם, ווייל דער וואָס האָט גלויבן אין יהוהן און אין זיינע פאַרזאָרגונגען פאַר לעבן, דער וועט גלייבן מיט זיין גאַנצן האַרצן, אַז די גוטע זאַכן וואָס גאָט האָט אַנטפּלעקט פאַר אונז, זיינען אמתדיק.

2 זאָלן מיר זיך אָבער דאָ אָפּשטעלן? ניין; אויב נאָר מיר ווילן פאָלגן דעם אַפּאָסטאָל פּאָולוסעס עצה, אַזוי ווי זי איז

1. וואָס האָט דיר דערוויזן דאָס שטודירן אָט דעם בוך בנוגע דער אמתער דאָקטרינע? און פאַרוואָס דאַרפסטו גלייבן, אַז די אַלע גוטע זאַכן זיינען אמת?
2. וואָס דאַרפסטו ווייטער טאָן, לויט ווי דער אַפּאָסטאָל פּאָולוס לערנט? און פאַרוואָס וועט דאָס זיין צו דיין געווינס?

אויסגעדריקט אין יידן ו:1—3: „לאָמיר דעריבער לאָזן די לערנונג פֿון די ערשטע עיקרים פֿון משיחן, און גיין ווייטער צו דער שלימות [פֿולקאָמקייט]; לאָמיר נישט נאָכאַמאָל לייגן אַ יסוד פֿון תשובה פֿון טויטע מעשׂים, אָדער אמונה צו גאָט, די לערנונג פֿון טבֿילות, און דאָס אַרויפֿלייגן פֿון הענט, און וועגן תּחית־המתים, און אייבּיקן משפּט. און דאָסדאָזיקע וועלן מיר טון, אם־ירצה־השם [גאָט דערלויבנדיק].״ קענען מיר זיין אין הסכּם מיט דעם פּאָולוס, און אויך זאָגן: „דאָס דאָזיקע וועלן מיר טון״? דאָס מיינט, וועלן מיר שטודירן מער און „גיין ווייטער צו דער שלימות״? דו האָסט ערשט וואָס פֿאַרענדיקט דאָס לערנונג פֿון די גאָר וויכטיקע דאָקטרינעס און „ערשטע עיקרים פֿון משיחן״. פֿאַרוואָס זשע ניט גיין איצט ווייטער צו מער פֿאָרטגעשריטענע אמתן און זיך באַפֿרייען אַבּסאָלוט פֿון אַלע מענטשישע טראַדיציעס? דו האָסט זיך שוין באַפֿרייט פֿון פֿיינלעכע און מיסטעריעזע לערנונגען פֿון אַ סך רעליגיעזע אָר־גאַניזאַציעס; און, ווייל דו האָסט שטודירט די גרונט־לערעס וואָס זיינען פֿאָרגעשטעלט אין דער ביבל, קענסטו זיך אויף אַן אמת פֿילן פֿריי פֿונם יאָך פֿון אומדערקלערבּאַרער רעליגיע. אָט דאָס איז פֿאַרוואָס פּאָולוס האָט אויך געזאָגט, בּיי גאַלאַטער ה:1: „פֿון פֿרייהייט־וועגן האָט אונז משיח פֿריי געמאַכט.״ „לאָז גאָט זיין וואָרהאַפֿטיק,״ און דו פֿאַרבּלייב פֿריי.

[3] נו, לאָמיר איצט באַטראַכטן, ווי אַזוי קומט די דאָזיקע פֿרייהייט. זי קומט דורכן אויפֿמערקזאַם שטודירן די פּשוטע לערנונג פֿון גאָטס וואָרט. ישוע האָט געזאָגט: „דער אמת וועט אייך פֿריי מאַכן״ (יוחנן ח:32); און טאַקע אַדאַנק דעם וויסן און פֿאַרשטענדעניש פֿון גאָטס וואָרט—ווערסטו זיך באַפֿרייען פֿון די אוממעגלעכע און אומבאַגרייפֿלעכע טראַדיציעס פֿון די רעליגיעס אין „דערדאָזיקער איצטיקער רשעותדיקער וועלט״. שרייבנדיק צו די רוימער, האָט דער אַפּאָסטאָל פּאָולוס, ווי עס איז פֿעסטגעשטעלט אינם צענטן קאַפּיטל פֿון זיין בּריוו, אָנגעוויזן, אַז די מענטשן מוזן אַפֿריער הערן דעם אמת, איידער

---

3. ווי אַזוי האָסטו געוווּנען די דאָזיקע פֿרייהייט? פֿאַר וועמען נאָך האָט גאָט געמאַכט גילטיק די דאָזיקע פֿרייהייט? און וואָס איז נויטיק, זיי זאָלן זי געניסן?

זיי קענען אָנהויבן גלייבן אין אים. די יהוה־עדות באַמיען זיך טאַקע העלפן אַנדערע צו הערן, און אַזוי ווי דער האַר האָט געזאָגט, אַז ער מאַכט ניט קיין חלוק צווישן מענטשן, אַזוי רעדן די דאָזיקע עדות ,אין צייט און אויסער דער צייט׳—צו אַלע וועמען זיי טרעפן. דער אמת איז אָפן פאַר אַלע פעלקער־שאַפטן, צי רייך צי אָרעם; און „איטלעכער וואָס וועט רופן דעם נאָמען פון גאָט, וועט געראַטעוועט ווערן“. (רוימער י:13) אָבער ראשית־כּל מוזן זיי הערן; וואָרום אַז ניט, ווי אַזוי קענען זיי גלייבן? גלויבן קומט דורך הערן; און הערן קומט דערפאַר וואָס עס זיינען דאָ פּרעדיקערם.—לייען רוימער י:10—18.

[4] ווען אַ מענטש גלייבט אין עפּעס, דערציילט ער אַנדערע וועגן דעם. ווען דיין האַרץ איז פול פרייד און צופרידנקייט, וועסטו עס דערציילן דיינע פריינד און שכנים. זאָגט טאַקע פּאָולוס: „וואָרום מיט דעם האַרץ גלויבט מען, כּדי גערעכט צו ווערן, און מיט דעם מויל איז מען מודה, כּדי געראַטעוועט צו ווערן.“ (רוימער י:10) אויב דו גלייבסט באמת אין גאָטס וואָרט און האָסט צוטרוי אין די גנעדיקע פאַרזאָרגונגען פאַר לעבן, וועלכע ער האָט איינגעשטעלט פאַר דיר,—דאַן וועסטו מודה־זיין צו אַנדערע מענטשן וועגן די זאַכן וואָס דו ווייסט און גלייבסט. נייע האָפענונגען זיינען געשטעלט פאַר דיר. דיין גאַנצער קוק אויף דעם וועלט־מצב האָט זיך געענדערט, ווייל גאָטס וואָרט האָט פאַר דיר אַנטפּלעקט דעם באַדייט פון די היינט־צו־טאָגיקע צרות. דו קענסט זיך ניט צוריקהאַלטן פון דיינע מיט־מענטשן מיט די דאָזיקע „גוטע נייעס“; מיט אומייגנ־נוציקייט ווילסטו דאָס אַרויסגעבן!

[5] ווען דו וועסט די דאָזיקע „גוטע נייעס“ דערקלערן אַנדערע, וועט דאָס מיינען גאָר מער פאַר דיר אַליין, ווי דעמאָלט ווען דו האָסט זי באַקומען, וואָרום „עס איז מער געבענטשט צו געבן, ווי צו נעמען“. און אַזוי וועסטו אויך וועלן נאָכגיין דעם ביישפּיל

4. (א) ווען איינער גלויבט אין גאָטס וואָרט מיטן גאַנצן האַרצן, וואָס דאַרף ער איצט טאָן? (ב) ווי אַזוי האָט דער אַפּאָסטאָל פּאָולוס דערוויזן, אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועג?

5. וועלכער דרך צו גיין איז ענלעך צו משיחס און איז אויך לויט גאָטס געבאָטן?

פון ישוע־המשיח און באַקאַנט מאַכן „עפנטלעך און פון הויז־צו־הויז", אַז דאָס מלכות־שמים איז נאָענט". דו וועסט היילִיקן דיין לעבן אויף צו טון גאָטס ווילן, וועסט זיין פאַרינטערעסירט אין צוריק אויפשטעלן צווישן אַנדערע דאָס אמתע גאָטס־דינסט, און אַזוי אַרום וועסטו זיך באַמיען אויסצופירן דיין היילִיקונג. דו וועסט פילן אַזוי ווי ישעיה, נעמלעך: „גאָט דער האַר האָט מיר געגעבן אַ צונג פון געלערנטע." (ישעיה נ:4) יעדער אומיגנוציקער מענטש, וואָס ווייסט דעם אמת, דאַרף אויסנוצן זיין צונג אויף צו ערנען אַנדערע און באַקאַנטמאַכן צו די וועלט די גוטע זאַכן, וועלכע ער האָט געלערנט פון גאָטס וואָרט. דער נביא זכריה האָט אויך דאָס זעלבע געפילט ווען ער האָט געשריבן זיינע נבואות; און ער האָט געזאָגט: „דאָס זיינען די זאַכן וואָס איר זאָלט טאָן: רעדט אמת איינער מיטן אַנדערן." (זכריה ח:16) ווער עס האָט ליב אמת און גערעכטיקייט, קען זיך ניט אָפּהאַלטן פון דערציילן עס אַנדערע, ער וועט אָבער אָנזאָגן די גוטע בשורה—און „לאָז גאָט זיין וואָרהאַפטיק"!

[6] דער מענטש האָט במשך די פאַרגאַנגענע יאָר־טויזנטער אַרויסגעבראַכט אַזוי פיל טעאָריעס, און איז אינגאַנצן דורכגעפאַלן מיט זיין פּרוּוו צו לייזן דעם סוד פון לעבן. זיינע טראַדיציעס און נייַנע באַטראַכטונגען האָבן אים פאַרפירט אויף אַ פאַלשן דרך. אויב די מענטשהייט אין אַלגעמיין וויל ניט אויפנעמען גאָטס וואָרט, איז אָבער ניטאָ קיין שום סבה פאַרוואָס דו זאָלסט עס ניט טאָן. נאָכגיין נאָך אַ מענטשנס פּלענער—מיינט פירן צום טויט. צו געווינען אייביק לעבן, פאָדערט זיך צו דערקענען יהוה גאָט און זיין זון ישוע־המשיח. צו דערקענען זיי—דאָס איז דאָס אייביקע לעבן. (יוחנן יז:3; ג:16) דו ווילסט לעבן! דעריבער, דיין גאָט און לעב! יהוהס וואָרט זאָגט: „וואָרום ביי דיר [יהוה] איז דער קוואַל פון לעבן." (תהלים לו:10) און, וועגן דעם וואַסער פון אָט דעם קוואַל, זאָגט אין התגלות כב:17 אַזוי: „און דער וואָס הערט, לאָז ער זאָגן: קום! און דער וואָס איז דאָרשטיק, לאָז ער קומען; דער וואָס וויל, לאָז ער נעמען אומזיסט דאָס וואַסער פון לעבן." באַנוץ

6. ווּהין קען פירן דאָס נאָכגיין נאָך דעם מענטשנס פּלענער?
און ווי אַזוי קען מע געווינען אייביק לעבן?

זיך אַליין מיט דער דאָזיקער מתּנה און דאַן לאָד איין אויך אַנדערע, זיי זאָלן „קומען“!—רוימער ו:23.

[7] ווען דו ווערסט זיך באַקענען מיט די ערשטע עקרים פון משיחס לערנונג, און ווערסט זיך דאַן באַפרייען פון די מענטשנס לעבנס־פּראָבלעמען און לעבנס־דרך, וועסטו ערשט דעמאָלט פּראָגרעס מאַכן אין דעם שטודירן גאָטס וואָרט. קענסטו נאָך אַנדערע הילפסביכער שטודירן און לייענען: „דער אמת וועט דיך מאַכן פריי“ און „דאָס מלכות־שמים איז נאָענט“, [ביידע אין ענגליש]—ביידע ביכער אַרויסגעגעבן דורך דער וואַכטורעם ביבל־ און טראַקטאַט געזעלשאַפט, אינק. . און אַזוי שטודירנדיק דאָס, פאַרבינדט זיך מיט די יהוה־עדות, די מענטשן וואָס גלייבן און שטודירן דעם אמת ווי ער איז אויסגעדריקט אין גאָטס וואָרט. דער גוטער פּאַסטוך, ישוע־המשיח, האָט שוין אַוועקגעגעבן זיין לעבן פאַר זיינע „שאָף“ און האָט גענומען דעם וועג צו אייביק לעבן; און ער איז פאַרינטערעסירט אין זיינע „שאָף“ און זאַמלט צונויף די אַלע וואָס ליבן גערעכטיקייט. ער ווייסט, ווער זיי זיינען עס; און די וואָס ליבן גערעכטיקייט וועלן אויך ישוע־המשיחן ליב האָבן, און וועלן קומען צו אים. זיי וועלן הערן זיין שטים, און פון אַלע זיינע „שאָף“ וועט ווערן איין סטאַדע און זי וועט זיין אונטער דעם איינען פּאַסטוך. פאַרייניקט זיך מיט זיי און לעב!—יוחנן י:11, 14, 16.

[8] אַ גרויסע צונויפזאַמלונג אין אַלע נאַציעס, שבטים און לשונות—קומט פאָר היינט אויף דער ערד, אונטער דער פירונג פון דעם גוטן פּאַסטוך. דאָס איז באמת אַן „אומגעוויינלעכע אַרבעט“; דאָס איז אָבער אַן אַרבעט, וואָס מוז אויסגעפירט ווערן איידער עס קומט די ענדגילטיקע צעשטערונג פון דעם שׂטנס אָרגאַניזאַציע און די איינשטעלונג פון דער גערעכטער „נייע ערד“ אונטער דעם „מלכות־שמים“. איר זענט

---

7. (א) וועלכע אַנדערע ביבל־שטודיע הילפסמיטל קען דיר העלפן, און מיט וועמען דאַרפסטו זיך פאַרייניקן? (ב) וואָס געשעט בנוגע די שאָף פונם גוטן פּאַסטוך?

8. (א) וואָס איז דער פאַרנעם פון דער דאָזיקער „אומגעוויינלעכער אַרבעט“ פון צונויפזאַמלונג? און ווען מוז זי זיין פאַרענדיקט? (ב) צו וואָס ביסטו איינגעלאַדן, און וואָס פאַר אַ פּריווילעגיע שטייט דיר פאָר?

ווילקאמען צו קומען און זיך פארבינדן מיט יהוהס עדות, ווו נאר זיי זיינען; און אויב איר ווילט נאר, קענט איר אזוי זיי העלפן טראגן אומעטום דעם געבאט פונם האר: „גייט דעריבער, און שטעלט אויף תלמידים פון אלע אומות.” „און די דאזיקע בשורה פון דעם מלכות וועט גענדרשנט ווערן אין דער גאנצער וועלט צום עדות פאר אלע אומות.” דו האסט שכנים, פריינד און קרובים; לערן זיי! גאט האט דיר געגעבן א צונג צום לערנען, און איצט, מיט דיינע קענטעניש, איז עס דיין זכות און די געלעגנהייט אויסצונוצן דאס.—מתיא כח:19; כד:14.

[9] האסט איבערגעלייענט און דורכשטודירט דעם דאזיקן בוך „לאז גאט זיין וואָרהאפטיק”, דאן ביסטו פעיק צו לערנען אנדערע דאס, וואס דו האסט שוין געלערנט און געגלייבט אין דיין הארצן. קענסט אזוי ארום דערוויזן דאס וואס דו גלייבסט. אלע פסוקים זיינען אין דעם דאזיקן בוך ציטירט און פאר־צייכנט פאר דיין באקוועמלעכקייט וועגן, און די פראגן זיינען געגעבן דיר פארטיקערהייט, כדי זאלסט קענען פירן דיסקוסיעס. בשעת דערציילסטו אנדערע מענטשן וועגן די אלע גוטע זאכן וואס דו ווייסט שוין, דאן זעץ פארט דאס שטודירן פון גאטס ווארט און גרייט זיך צו צו זיין א נאך מער טיכטיקער דינער פון משיחן. אננעמענדיק דעם דאזיקן דרך אין דיין לעבן, וועסטו זיין בכולת צו העלפן א סך אנדערע מענטשן, זיי זאלן זיך פרייען מיט די דאזיקע אמתן; און דו וועסט זיין בכולות צו העלפן זיי פארשטיין דעם אלהעכסטן, א „גאט פון אמת.” דו וועסט זיין אימשטאנד זיך צו פארייניקן אין דעם גרויסארטיקן געזאנג: „פרייט אייך, איר אומות, מיט זיין פאלק.” (רוימער טו:10) און אזוי אנגיינדיק ווייטער מיט דער דאזיקער גרויס־ארטיקער ארבעט, ווי א שליח פון דער בשורה, זאלסטו ניט אנטמוטיקט ווערן אויב איטלעכע וועלן דיך ניט הערן, און אויב נאך אנדערע, נאכן אויסהערן דיך, וועלן זיך אפקערן פון דיר.

---

9. (א) פארוואס ביסטו איצט בכולת צו לערנען אנדערע? און וואס פאר א ווירקונג וועט דאס דערציילן די דאזיקע אמתן—האבן אויף א סך פון די צוהערער? (ב) פארוואס דארפסטו ניט זיין אנטמוטיקט אויב עמיצער וועט זיך אפזאגן צו הערן און אנדערע וועלן זיך אפקערן און א זייט?

„און װאָס אויב עטלעכע האָבן נישט געגלויבט? צי זאָל זייער נישט־געטרײשאַפט מבטל־זיין די געטרײשאַפט פון גאָט? חלילה! גיכער זאָל גאָט זיין װאָרהאַפטיק, און יעדער מענטש אַ ליגנער, װי עס שטייט געשריבן: ,כדי דו זאָלסט זיין גערעכט־פאַרטיקט אין דיינע רייד, און זאָלסט ביישטיין, בעת דו װעסט געמשפט װערן.׳ "—רוימער ג:3, 4.

[10] דינענדיק דעם אמתן גאָט, דאַרפסטו זיין גרייט, אַז די רעליגיאָניסטן װעלן זיך שטעלן אַנטקעגן, און אויך די אַלע װאָס האָבן ליב די דאָזיקע אַלטע, פאַרדאָרבענע װעלט, װעלן דיך פאַרפאָלגן: „געדענקט דאָס װאָרט, װאָס איך האָב אייך געזאָגט: אַ קנעכט איז נישט גרעסער פון זיין האַר. אויב זיי האָבן מיך געררודפט [פאַרפאָלגט], װעלן זיי אייך אויך רודפן; אויב זיי האָבן אָפּגעהיט מיין װאָרט, װעלן זיי אייערס אויך אָפּהיטן." (יוחנן טו:20) האָב ניט קיין מורא! זיי שטאַרק אין גאָט, גיי װייטער מיט לערנען זיין װאָרט, און מאַך עס באַקאַנט! בכלל־אופן—„לאָז גאָט זיין װאָרהאַפטיק."

10. (א) אויב דו לאָזט זיך גיין אויפן ריכטיקן װעג, טאָ װאָס דאַרפסטו דערװאַרטן פון „דער איצטיקער פאַרדאָרבענער װעלט"? (ב) װאָס דאַרף זיין דיין שטעלונג? און פאַר װעלכער כונה צו גאָטס כבוד?

די קלוגע מענטשן פון דער דאָזיקער װעלט לערנען היינט זייערע רערעליגיעזע טראַדיציעס און מאַטעריאַליסטישע טעאָריעס װאָס אונטערגראָבן גלויבן אין גאָט און װידערשפּרעכן זיין װאָרט. אָבער אַ מענטשישער װידערשפּרוך אַליין באַװייזט ניט, אַז גאָט איז פאַלש; להפך, אַ סיסטעמאַטיש שטודיע פונם תנ"ך װייזט אים אַרויס פאַר אמתדיק. װאָס פאַרא בעסערן װעג פון ,לאָזן גאָט זיין װאָרהאַפטיק׳ איז פאַראַן, װי דאָס ברענגען צו אַנדערע דאָס דאָזיקע בוך? נעם צו זיך נאָך מער קאָפּיעס פון „לאָז גאָט זיין װאָרהאַפטיק" פון די אַרויסגעבערס. איינ־צעלנע קאָפּיעס פאַרא ביישטייערונג פון 35 ¢; דריי קאָפּיעס פאַר 1.00 $, פּאָסט באַצאָלט.

זעע, ביטע, לעצטע זייט פאַר אַדרעסן װען מע באַשטעלט דאָס אויבנדערמאָנטע בוך.

פֿאַרצייכעניש פֿונם ענין

אַכטונג! די ציפֿערן ווייזן אָן די זייטן; די רוימישע נומערן זיינען אָפּזעצן פֿונם זייטל און האָבן גאָר ניט צו טאָן מיט די קליינע ציפֿערן, ווי ^{2}, ^{3}, ^{4}, א. אַ. וו., אין יעדן קאַפּיטל.

א

„אַ סך פֿאָלק", 118, I; 248, I
זע „אַנדערע שאָף",
„אויבערשטע מאַכט", 29, I; 231, I
אויסלייז, אָדם ניט באַגינסטיקט דורך, 97, I
אַן אַנטשפּרעכנדער פּרייז, 83, II; 92, II; 94, I; 97, I
באַדייטונג פֿונם וואָרט, 90, II; 91, I, II
די לערע פֿון, 91, I
ווי פֿאַרזאָרגט, 92, III—95, I; 96, II
ישוע דער, 39, I; 41, I; 60, I; 88, I; 90, I; 92, III; 94, I; 96, II; 99, II; 140, I; 171, II; 294, I
נויטווענדיק, 91, I; 92, I; 95, I—96, I
פֿאַר אַלע גלייביקע, 98, I
פֿאַרזאָרגט דורך גאָט, 91, I; 92, III
פּרעזענטירט אין הימל, 41, I; 171, II
אומשטערבלעכקייט, גאָט האָט, 61, III
געברענגט צום ליכט דורך בשׂורה־טובֿה, 62, III
געזוכט פֿון קריסטן, 62, I, II; 287, II
ווען געווינען קהלה־גלידער, 62, II
פֿון נשמה אָנגעהויבן ביים שׂטן, 63, II
תּנ"ך פּסוקים פֿונם וואָרט, 61, II
זע נשמה (ות)
אוניווערסאַלע אויבערעגירונג, 123, II; 134, II; 184, I; 215, I; 238, I
אוניווערסאַלע אָרגאַניזאַציע פֿון יהוה, 27, II
אידן, זע יידן,
אייביקער בונד, 152, II
אַמבאַסאַדאָרן, 216, II; 218, I; 219, I; 229, I
אמת, אין תּנ"ך, 8, I; 9, I; 13, I; 15, I; 256, II; 290, I
באַקאַנטמאַכן צו אַנדערע, 292, I—295, I
געבוירן דורך, 285, I
ישוע געקומען צו זאָגן עדות צום, 38, I
מאַכט פֿריי, 40, I; 211, II; 214, I; 290, II; 291, I
מקדיש־מאַכן, 286, I
ציט מענטש צו גאָט, 280, II
צעשיידן שאָף פֿון בעק, 28, I; 29, I; 45, IIII; 113, II; 186, II
„אַנדערע שאָף", זאַמלונג פֿון, 188, I; 294, I, II
זיינען יהוהס עדות, 213, I

דערפילן אויפטראַג, 118, I; 128, III; 252, I; 253, I
ערדישע קלאַס, 213, I; 248, I; 288, I, II
פּאַסיק אָנרופֿן גאָט אַלס „פּאָטער", 144, I
פּרעדיקן איצט, 188, I; 248, I; 249, I; 255, I; 288, I; 292, II; 293, I; 294, II; 295, I
קיינמאָל ניט שטאַרבן, 249, I; 274, I; 288, II
שטאַרבנדיק, האָבן פּריען תּחית־המתים, 249, I; 263, II
אָפּבילדער־דינסט. זע געצן־דינסט,
ארץ־ישׂראל. זע פּאַלעסטינע,

ב

ביבל, אמת אין, 8, I; 9, I; 15, I; 256, II; 286, I; 290, I
אמת, נאָך ישוען, 13, I־15, I
באַשטייט אויף אייביק, 18, I
געטייטשט פֿון גאָט, 19, I
גרונט פֿון דעם דאָזיקן בוך, 9, I; 19, I; 56, I; 81, I; 268, III; 290, I
גרונטלאַגע פֿאַר דעם גלויבן, 99, II; 139, I; 280, III
דערווייזט מענטשן און דעם טייוול פֿאַר ליגנערס, 11, I; 13, I; 15, I
מתּנה פֿון גרויסן ווערט, 290, I

ג

גוֹיים, צייטן פֿון, 183, II; 233, II; 235, I־־238, I
גיהנום, 61, I; 72, I; 73, I; 74, I; 76, II
אורשפּרונג פֿון אויסדרוק, 66, III
אָרט פֿון, 68, II
באַפֿרייונג פֿון דעם, 70, II; 71, II
גוטע מענטשן אין, 68, I
דער קבר, 67, I־־70, II; 76, II
טויטע זעלנער אין, 69, I
ניט אָרט פֿון פֿלאַמיקע פּייני־קונג, 67, I; 68, II
פֿאַרניכטן צו ווערן, 71, II
שׂטן נאָך ניט דאָרט, 71, I
זע האַדעס; שאול
גיהנום־פֿייער לערע, 76, I, II
גלויבן, 99, I, II; 139, I; 176, II; 280, II; 281, I; 284, II; 290, I; 291, I
געזעץ־בונד, אומריכטיק איינגעטיילט, 165, I; 169, I; 170, I
איינגעפֿירט דורך משה, 165, I; 169, I; 191, III
דערפֿילט און אָפּגעשאַפֿט, 14, I; 156, II; 157, I; 158, II; 164, II־166, I; 168, I; 172, I; 195, II
וואָס איז איינגעפּאַסט דורכן וואָרט, 165, I; 166, II
ניט בלויז די צען געבאָטן, 166, II
ניט וויכטיק פֿאַר מאָראַל, 165, I; 169, I
ניט מינדלעך, 11, I
ניט פֿאָרטגעזעצט אייביק, 169, I; 171, I־־172, I
פּאַסיק צו שטודירן, ציטירן, 176, I, II

פאַר וואָס געגעבן צו יידן, 126, I
פאַרבילדלעך, 158, II; 167, I; 168, II; 176, I, II; 195, II
פאַרנומען דורך נייעם בונד, 173, I, II
קריסטן ניט אונטער, 164, I; 165, I; 175, I–176, II
געטלעכער אויפטראָג, 27, II; 118, I; 121, III; 152, I, II; 252, I–254, I; 279, I
„געטרייער און קלוגער קנעכט", 192, I–193, (5)
געצן־בילדער, איינגעפירט אין „קריסטנהייט", 129, I
אָרגאַניזאַציעס אויפגעשטעלט פאַר, 132, II; 134, I
באַהויפּט צו העלפן אָנבעטונג, 125, II
באַנוצט פון קאַטוילישער קירך, 129, I; 131, I
באַקומען אמתע אָנבעטונג, 126, II; 129, I
געטרייע מענער פון אַמאָל אָפּגעזאָגט די אָנבעטונג, 226, II
ישׂראל פאַרשטריקט דורך, 127, I; 132, II
פאָנען זיינען, 225, I
פאַרבאָטן פון גאָט, 125, I; 127, I; 128, I; 132, I; 134, II; 224, I
פון היידנישן אורשפּרונג, 129, I
פריציייטיקע קריסטן מיידן, 128, I
קיין מאַכט צו העלפן, 127, I; 134, I
תפילות צו אָדער דורך, 132, I
זע פאָן; געצן־דינסט
געצן־דינסט, 128, I; 224, I; 225, II
„גרויל פון חורבן", 134, I; 241, II; 244, I
„גרויסע מחנה": זע „אַ סך פאָלק"
זע „אַנדערע שאָף"

ד

דריי־איניקייט, אומבאַוויזן, 83, II; 85, I–88, I
אורשפּרונג פון לערע פון, 79, I; 89, I
„ביבלישע שטיצע" ניט באַוויזן, 34, I; 81, II–84, I
די לערע פון, 78, I
פסוקים באַנוצט פאַר דעם „שטיצן", 80, I

ה

האַדעס, 70, II; 73, I; 76, II
האַרץ, 46, I; 138, II; 287, I; 292, I
הייליקן זיך, „אַנדערע שאָף" טון, 288, II; 292, II
באַדייטונג, 281, I; 282, II
דורכן רוח־הקודש, 38,, II
דערפילט, 286, I; 287, III; 288, II
ישוע געמאַכט דאָס, 282, I
סימבאָליזירט דורך טבילה, 282, I–III
הייליקער גייסט, 85, II
אויף ישוען, 38, II; 86, I; 115, I

ביי שבועות, 35, I
נעפירט דורך, 175, II
דעפינירט, 85, II
זאלבן די קהלה, 105, I; 109, II; 116, I; 285, I, II
זינדיקן קעגן, 273, I
כח פאר גערעכטיקייט, 174, I; 175, I
נייער בונד פונם, 174, I–175, II
עדות־ווערק אויסגעפירט דורך, 182, I
הר־מגדון, 123, I; 195, I; 200, I; 201, II; 243, I; 271, II; 274, I

ח

חסד, קריסטן אונטער, 164, I; 176, II

ט

טבילה, אונטערטונקן אין וואסער, 282, II
אינם גוף פון משיחן, 285, II
אינם נאמען פון פאטער, זון, הייליקן גייסט, 282, III
סימבאליזירט, 38, II; 282, I–III
פון ישוע, 38, II; 115, I; 282, I
טייוול, אורשפרונג פונם, 45, IIII–47, I
איז סבה פון וויי, 50, III 120, I
איינגעצאמט, 52, I; 161, II; 188, II; 254, I; 271, II
ארויסגעווארפן פון הימל, 50, I, II; 120, I; 121, I; 184, I; 237, I
באוויזן א ליגנער, 49, I; 52, II
דער גאט פון דער איצטיקער וועלט, 44, III; 50, II; 53, II; 218, II; 235, I; 236, I
דער פאטער פון שקרים, 46, II; 49, I
דערלויבט צו לעבן, 30, II; 50, III
זוכט דערהייבן זיך, 45, IIII
לויזגעלאזט פאר א צייט, 52, I; 255, I; 277, I
ניט באשאפן דורך יהוה, 27, I; 34, I
עקזיסטענץ פון; געצווייפלט, 51, II
פארורטיילט צום טויט, 47, I; 236, I
פארניכט אויף אייביק, 47, I; 53, I, II; 71, II; 215, I; 255, I
צייט פון; קורץ, 50, III; 51, I
רופט ארויס שטרייטפראגע פון לויטערקייט, 47, II
שוץ קעגן, 13, I; 52, II, III; 54, I; 146, II
טראדיציעס פון מענטשן, 8, I; 9, I; 11, I; 11, II–13, I; 16, I, II; 40, I; 182, II; 194, I; 290, I; 291, I; 293, I

י

יהוה, א גאט פון אמת, 7, II; 8, I
אומזעבארער גייסט פערזאן,

25, I, II; 61, III
אייביקייט פון, 24, II; 25,
I; 61, III; 85, I
אַלהעכסטער, 28, I; 29, I;
151, I
דער נאָמען, 22, I—24, I;
30, I; 25, I
ווערק פון, 26, I; 27, I;
118, II; 149, I
קוואַל פון לעבן, 27, I, II;
293, I
יהוהס עדות, אין פאַלשן ליכט
געשטעלט, 201, ; 211, II
אָפּגעזונדערט פון וועלט,
218, II
באַריכטן פאַרצייכנט ביי,
212, I
באַשטייט פון, 208, II
דער נאָמען, 203, II
וווּקס אין היינטיקע אָרגאַני־
זאַציע, 202, 1—203, I
ווי לאַנג אויף ערד, 202, I
ליטעראַטור, 182, II; 205,
II; 239, II
מיליטער אויסנאַמען פון,
217, I—220, II
מיניסטאָרן, 206, I; 212, I;
216, II; 219, I
ניט אומשטירצעריש, 229,
I; 230, I
ניט פון טעאָלאָגישע סעמי־
נאַרן, 174, I; 207, I
ניט קענן רעקרוטירונג,
228, I
עדות־זאָגן מעטאָדן פון,
110, I; 111, I; 204, I—
205, II; 211, I, II
פאַראָרדענונג פון, 208, I
פאַרפאָלגונג פון, 198, II;
223, I; 240, I; 287, II;
296, I
פינאַנצירונג פון ווערק פון,
205, II; 209, I; 221, I
צוועק פון, 30, II; 201, II;
210, I
קאָרפּאָראַציעס פון, 203, I
קיין געלט־פּראָפיט צו די,
214, I
שולונג פון, 202, I, II;
207, I, II
זע קהלה
יוחנן־המטביל, 38, I, II
יום־הדין, בשעת, געמשפּט ווען
מעשים, 277, I
דעפינירט, 269, I, II
וועלט געמשפּט בשעת דעם,
269, III
ווען און ווו, 271, I, II;
272, I
זעונג פון, 265, I; 277, I
לענג פון, 265, I; 268, I;
270, I
פאַר וועמען, 270, I; 272,
II; 273, I—275, II
פאַרווירונג בנוגע, 267, I
צווייטער טויט אין, 278, I
רעכטפאַרטיקונג, 265, II
שופט באַשטימט פאַר דעם,
269, II; 271, II; 276, II
שופטים איינגעשאַפטן פאַרן,
276, II
שליסט ניט איין אַלע משפּ־
טים, 268, I, II
יידן, אורשפּרונג פון, 190, III
אַמאָל גאָטס פאָלק, 190, I;
191, III; 234, II
אָפּגעוואָרפן, 194, I
אָפּפאַל ווי פריי, טעאָקראַטיש
פאָלק, 127, I; 193, I;
234, II
באַדייטונג פון אויסדרוק,
191, II

נייסטיקע, 195, II; 196, II; 198, II
געפענקעניש פון, 234, II
דערמוטיקט דורך באַלפאָר דעקלאַראַציע, 197, I
כהונה פון, 171, I, II; 172, I; 194, I
נבואות פון מאָדערנען צוריקשטעלונג, ניט בנוגע פלײשלעכע, 196, II; 198, II; 220, I
ענגלאַנדס „ווייס פאַפּיר" וועגן, 197, I
פּאַלעסטינע אַלס היימלאַנד פאַר, 189, II; 190, I; 196, I‒197, I; 236, I
פאַרוואָרפן משיחן, 194, I; 195, I; 200, I
פאַרפאָלגונג פון, 189, I; 198, I, II
צונויפגעזאַמלט נאָך גלות־בבל, 194, I
ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון, 189, II; 196, I
רעטונג פאַר די איינצעלנע, 195, I; 199, I; 200, I
רעשט אויפגענומען משיחן, 195, I
ישוע־המשיח, אויפטראָג פון, 109, I
אויפשטייגן פון, 35, I; 41, I
געבוירט ווי א מענטש, 36, II; 37, I
געזאַלבט אַלס מלך, 38, I; 38, II; 115, I
געטויבלט, 38, II; 115, I; 282, I
דער אויסלייז, 39, I; 41, I; 60, I; 88, I; 90, I; 92, III; 94, I; 96, II; 99, II; 140, I; 171, II; 173, I; 294, I
דערהויבן, 32, II; 41, II; 96, II
הינריכטער, 187, I; 230, I
וואַרפט אַרויס שׂטן פון דעם הימל, 50, I; 237, I
טויט אויפן בוים, 35, II; 40, I
טיטלען פון, 32, I; 34, I
כהן, 41, I; 96, II; 171, II; 172, II; 285, I
ניט גלייך צו גאָט, 33, I; 34, I; 35, II; 41, II; 81, II; 83, II; 88, I
עדות פאַרן אמת, 38, I; 109, I
פאַרמיטלער, 132, I; 140, I
פאָרמענטשלעכע עקזיסטענץ פון, 32, II; 34, I; 35, I; 41, II; 84, I; 85, I
פירשפּרעכער, 284, II
ראש פון זיין קהלה, 81, II; 105, I; 162, I
שופט, 184, II; 186, I, II; 269, II; 276, I, II
תחית־המתים פון, 41, I, II; 70, II; 88, I; 117, I; 257, II; 260, I

ל

לויטערקייט, א שטרייטפראַגע פון לאַנגער צייט, 48, I, II
איוב איינגעשלאָסן אין די שטרייטפראַגע פון, 47, III; 48, I
לעצטער פרווו פון, 254, I; 277, I; 278, I
פון יהוהס דינער, 49, I; 96, II; 230, I; 287, II

שטרייטפראַגע פון, 47, II
תמיד געווען מענער פון, 49, III
לוציפר, 45, I—47, I

מ

מיניסטאָרן. זע קהלה; יהוהס עדות
מלחמה, 43, I; 50, I; 52, III; 184, I; 220, II; 237, I; 238, I; 249, II; 250, I
מלכות, אומזעבאַר, הימליש, 116, I—118, I; 119, I, II; 283, II
איז נאָענט, 119, I; 121, I; 123, II
אייביק־דויערנדיק, 123, I; 199, I; 216, II; 254, II
איינגעשטעלט אין 1914, 120, I—121, I; 123, I; 183, II; 184, I; 200, I; 271, III
בונד, 113, II—114, II; 116, I
געקויפט פון ישוע־המשיח, 122, I
ווייטער פאַסיק צו בעטן פאַר, 144, II
זעבאַרע סמנים פון, 119, II—120, II; 237, I—242, I
ניט פון וועלט, 38, I; 117, I; 198, II; 241, II
ערדישע אונטערטאַנען פון, 108, I; 118, I
ערדישע פאַרטרעטער פון, 118, I
צאָל אין, 108, I; 115, II; 213, I; 263, II
רעכטפאַרטיקונג דורך, 38, I; 121, III
מענטש, אין גאָטס בילד, 125, I; 134, II; 279, I
לויט וויסנשאַפטלער און רעליגיאָניסטן, 55, II
ניט אומשטערבלעך, 62, III; 64, I, II
צייט פון באַשאַפן פונם, 149, II
תנ"כס וואָרט וועגן, 56, II—57, II
זע נשמה (ות)
מקדיש־זיין זיך, 286, I; 287, I
מרים, 24, II; 36, II; 37, I; 140, I
משיחס 1,000־יאָר הערשאַפט, דער יום־הדין, 268, I; 271, II; 277, I
דער קענגבילדלעכער שבת, 161, II—162, II
דערציונגס־אַרבעט בשעת, 254, I
נאָכן בינדן שׂטן, 161, II
ערדישע קינדער בשעת דער, 144, I
פאָלגט נאָך הר־מגדון, 160, I
צוגרייטונגען פאַר, 188, II
משפט, ביים טעמפּל, 184, II; 186, I; 268, I; 271, II
נאָך פאַר מעשׂים, 265, II; 277, I
פון נאַציעס, 186, II; 268, II; 271, II; 274, I

נ

נייטראַליטעט, 219, I; 228, I
נייע באַשעפעניש, 38, II; 285, II
„נייע הימל", 245, I; 251, II
נייע וועלט, אָנהויב פון, 271, II

פאַרבלייבט אייביק, 254, II; 255, I
געליבט ביי יהוה, 122, I
טיילן פון, 117, I; 118, I
צושטענדן אין, 249, II--252, I; 254, II
„נייע ערד", 245, I, II; 247, II
נייער בונד, 173, I--175, II
נשמה (ות), אלע ערדישע באַ־שעפענישן זיינען, 57, I, II
אָריגינאַלע ווערטער פאַר, 58, I, II; 59, II, III
געברויכט פאַר מיינען „רעכט צו לעבן", 61, I
מענטש אַ לעבעדיקע, 57, I, II; 59, III
ניט אומשטערבלעך, 57, II; 58, I; 60, I
שטערבלעך, 59, I, II, IIII; 60, I; 64, I, II
שלאָפט אין טויט, 259, I; 262, I; 265, II

ס

„סוף פון דער וועלט", דאָס באַ־דייט „אָנהויב פון צרות", 238, II; 239, I
סוף ביים הר־מגדון, 243, I
סמנים באַצייכענען דעם, 238, I--242, I
פאַרקינדיקט יאָרן פאָרויס, 183, II; 239, II
צייטרעכענונג שטעלט אויף צייט פאַר, 233, I--235, I
זע גוים, צייטן פון; צווייטע קומען פון משיחן

ע

עושר און עלעזר, 75, I, II
ערד, באַדייטונגען פונם וואָרט, 245, II
באַפרייט פון קללה, 251, I
באַשטייט אייביק, 245, I
באַשיינערט, 151, I; 251, I; 254, I
זעבאַרע הערשער פון דער, 118, I; 230, I; 245, I--247, II; 275, I
צו זיין באַוווינט, 252, I
צייט פונם באַשאַפן פון, 149, II
זע „נייע ערד"; נייע וועלט

פּ

פּאָליטיק, 110, I; 218, II
פּאַלעסטינע, אלס היימלאַנד פאַר יידן, 189, II; 190, I
פּעטרוס, 18, II; 102, I; 103, I; 104, I;
פּרעדיקן די בשורה־טובה, אַ מלכות צייכן, 120, II; 182, I; 183, I; 239, II
ביי „אַנדערע שאָף", 188, I
248, I; 249, I; 288, I; 292, I, II
ביי די געזאַלבטע, 106, I; 109, I--111, I; 287, II
ביי ישוע־המשיח, 40, I
זעבאַרע אַגענטור פירט אָן, 182, I
ניט אומשטירצעריש, 229, I; 230, I

פ

פאָן, אַן אָפּבילד, 225, I
אָפּזאָגן זיך סאַלוטירן די,

133, I; 223, I; 224, I;
225, II; 226, I—228, I
באטראכט הייליק, 225, I
געאכט פון יהוהס עדות,
227, I
סאלוט שרייבט צו רעטונג
צו, 225, II
סאלוטירן דורך אנדערע ניט
פארהינדערט, 228, I
פארייניקטע נאציעס, 51, II;
198, I; 216, I; 241, II;
242, I
פעלקער־בונד, 197, I; 241, II
242, I

צ

צווייטע קומען פון משיחן, אומ־
זעבאר פאר מענטשלעכע
אויגן, 179, I
אלס גייסט, ניט אלס מענטש,
178, II
אנטפלעקט דורך אויסגעפיר־
טע משפטים, 187, I
באגלייט מיט הייליקע מלא־
כים, 178, II; 187, I
באדייטונג פון, 180, II
דינער־קערפערשאפט ביי דער
צייט פון, 182, I, II
דערקענען דאס, 179, II;
180, I
ווי א גנב, 183, I
טעמפל משפט ביי, 184, II—
186, I
ניט צו אן ערדישן טרוין,
178, III
פרעדיקן; א סמן פון, 183, I
צייט פאר שיידן שאף פון
בעק, 186, II
ציוניזם, 196, I, II

ק

קהלה, זע קירך
קירך, אויפטראג, 109, II;
110, I
איז הימליש, 107, I, II
אפאסטאלן, גרונט־שטיינער,
105, II
אפפערן מענטשלעכע לעבן־
רעכטן, 284, I; 285, I
גייסט־געבוירענע, 105, I;
109, II; 116, I; 283,
II; 285, I
גלידער געוויילט, איינגע־
זעצט, דורך גאט, 106, I
גלידער פרעדיקערס, 106, I;
109, II; 110, I; 111, I;
206, I; 212, I; 287, II
געגרינדעט אויף משיח, 104, I
געטריי ביזן טויט, 107, II;
109, II; 286, I; 287, II,
287, III
דעפינירט, 103, II; 108, I
וואקסן פון, 106, I; 107, I
משיח הויפט עק־שטיין פון,
105, II
משיח ראש פון, 81, III;
105, I; 162, I
נאר איינע אמתע, 103, II
צאל פון, 108, I; 115, II;
213, I; 263, II; 283, I
צוועק, פאראנטווארטונג פון,
110, I; 111, I
צייט פונם אויסוואל פון,
283, II
קיין זעבאר מענטשיש ראש,
105, I
רעשט נאך אויף דער ערד,
107, II; 288, I

שטרייטיקע באהויפטונגען בנוגע, 101, I, II
זע יהוהס עדות; מלכות

ר

רוח־הקודש. זע הייליקער גייסט
רוימיש קאטוילישע קירך, 17, I; 101, II–103, I; 129, I; 131, I; 198, II
רייכער מאן אין גיהנום. זע עושר און עלעזר
רעכטפארטיקונג, 28, I; 29, I; 30, I; 103, II; 121, III; 144, II; 151, I; 163, I; 188, II; 215, I
רעשט, 182, I; 195, I; 288, I

ש

שאול, 66, III–70, II; 76, II
שבת, גאטס, 149, I; 159, I–160, II; 163, I
גויים קיינמאל אונטער דעם וועכנטלעכן, 155, II; 156, I
געזעץ־בונד פירט איין צו־ערשט וועכנטלעכן, 149, I; 152, I–155, II
וואס איז געווען פארגעשאטן דורך יידישן, 158, II; 161, II–162, II
ווי האלטן קריסטן גאטס, 159, I–161, I
וועכנטלעכער; ניט פאר די קריסטן, 156, II; 157, I; 158, II
זיבעטער טאג געהייליקט אלס, 149, II; 151, I; 160, I
לענג פון גאטס, 149, II–151, I; 159, I–160, II; 163, I
שטודירן, דורך צו נעמען נאכן, 292, I–296, I
ישוע עצהט, 14, I
סכות פאר, 17, I; 52, II; 248, I; 286, I; 290, I–291, I
פראגן פאר, 19, II; 295, I

ת

תורה־משה. זע געזעץ־בונד
תחית־המתים, אלגעמיין, 214, II; 254, I; 263, II; 265, I
בעסערע, 263, II
געגרינדט אויף אויסלייז, 98, I
האפענונג פאר, 256, II; 257, I; 266, I; 272, II
ניט פאר רשעים, 273, I
ערשטער, 62, II; 107, II; 184, II; 260, I–263, II; 266, I
פארווירט דורך רעליגיעזע לערעס, 258, I
פון די געטרייע מענער פון אמאל, 247, I; 259, I; 263, II
פון ישוע־המשיחן, 41, I, II; 70, I; 88, I; 117, I; 257, II; 260, I
פון רעשט, 107, II; 184, II; 263, I
תנ"ך. זע ביבל
תפילה, ביי געטרייע מענער פון אמאל, 137, I; 138, I; 147, I
געהערטע, און ניט געהערטע,

138, II; 139, I; 140, II; 145, I
דורך משיחן, 132, I; 140, I
דעם האַרס, 29, II; 121, I, II; 143, II; 144, II
דער גאָט וואָס ענטפֿערט, 138, I, II
ישועס באַלערונגען בנוגע, 141, I—143, II
מיט רעדער און רויזנקראַנצן, 143, I
מיספאַרשטענדענישן וועגן, 136, I
ניט דורך „הייליקע", אָפּבילדער, די פּויפּסטן, אָדער מרימן, 132, I; 140, I
פּאַסיקע אָנרופֿן ביי, 144, I
פֿאַר וואָס, 144, II—146, I; 147, I
שטעלונג פֿון קערפּער ביי, 137, II

פאַרצייכעניש פון פסוקים

בראשית	זייט
1:1	26
1:20, 30	57
1:26-28	125, 279
1:28	152, 251, 253
1:31	149
2:1-3	150
2:2	159, 160
2:4	151
2:4, 5, 7-9, 15, 18, 19, 21, 22	26
2:7	57
2:8, 9	251
2:15-17	152
2:17	63, 92
3:4	64
3:15	47, 113, 163
3:17, 18	251
3:17-19	273, 279
6:5, 11	249
6:18-22	249
7:1	249
7:1-10	152
8:4	153
8:21	147
9:1	253
9:1-17	153
12:1-3	192
14:13	190
15:6	140
17:7, 8	114
קאפ. 17, 22	154
22:16-18	114
26:3-5	114
26:4, 5	153
28:13-15	114
32:28	191
35:2	126
35:23-26	191
37:35	67
40:8	19
42:38	67
49:8-10	191
49:10	114
49:28	191
50:24	181

שמות	
3:14	35
3:14, 15	22
3:15-21	30
5:2	21
6:2, 3	22
6:2-8	30
6:3	23
6:7	30
7:4, 5	21
9:14-16	31
16:23	154
16:23-30	154
20:2-6	224, 225
20:3	192
20:3-5	126
20:8-11	155
20:20	192
21:23-25	167
22:18	134
22:20	133
31:13-17	156
31:16, 17	169, 171
31:17	149
32:1-8, 30-35	225
33:20	26, 179
34:27, 28	165
35:2	163
40:15	171

ויקרא	
6:11, 15	171
19:18	167
20:7, 8	286
25:46	171

במדבר	
1:47-54	220
2:33	220
14:28-35	159
16:32, 33	70
26:62	220
30:2	167
31:28	57
35:31	274

דברים	
4:2	11
4:13, 14	156
4:15-23	126
4:23-28	128
5:1-15	155
5:1-21	170
6:13	14
6:16	14
7:6-8	192
7:16	133
7:16, 25	192
8:3	14
16:16, 17	167
18:15-18	192
19:21	167
24:1	167
31:16	259
32:3, 4	27
32:4	96, 119, 290
32:17	133
32:37, 38	134

יהושוע	
10:28-39	59
24:15	96

שופטים	
2:11-17	128
6:25-27	128

שמואל א	
1:24	209
2:11	209
3:1	209
15:23	134

שמואל ב
5:20, 21 — 128
7:12 — 259
7:12-16 — 114

מלכים א
18 קאַפּיטל — 138

מלכים ב
10:15-28 — 213
17:35 — 127
18:4 — 128
25 קאַפּיטל — 194

ישעיה
1:15 — 141
2:3 — 114
2:4 — 250, 264
8:19, 20 — 10
8:20 — 10
9:5 — 99, 247
9:5, 6 — 230
9:6 — 123
11:1-4 — 276
11:6-9 — 251
11:9 — 251
12:2 — 23
14:9 — 71
14:12-14 — 46
14:15 — 71
14:24, 27 — 253
25:8 — 257
26:4 — 23
26:19 — 257
26:20 — 249
29:13, 14 — 12
32:1 — 118, 231, 247, 264, 275
33:22 — 119
38:19 — 253
40:1, 2 — 197
41:21-29 — 129
42:8 — 30, 132
43:3 — 90
43:10 — 182, 204
43:10-12 — 129
44:8 — 204
45:12, 18 — 252
45:17 — 255
45:18 — 243
50:4 — 293
53 קאַפּיטל — 60
53:10-12 — 60
55:4 — 188
55:11 — 253, 290
57:15 — 25
60:13 — 264
60:21 — 252
61:1, 2 — 14, 40, 109, 208
61:1-3 — 158
61:6 — 110
65:17 — 117, 245
65:20 — 253
65:25 — 251
66:1 — 117
66:22 — 247
66:23 — 250

ירמיה
1:4-7 — 209
2:34 — 59
10:10-15 — 128
10:23 — 137
15:16 — 204
22:8, 9 — 128
32:37 — 196
35:8, 18, 19 — 213
49:14 — 217
51:39 — 266

יחזקאל
4:6 — 236
6:7, 10, 13, 14 — 30
9:1-7 — 230
16:17 — 128
18:4 — 59
20:12 — 156
21:30-32 — 194
21:32 — 115, 183
28:12, 13 — 45
28:14 — 45
28:16-19 — 53
32:27 — 69
34:25 — 251
34:27, 29 — 251
36:35 — 264

הושע
11:1 — 38

יואל
2:28, 29 — 209

עמוס
5:26 — 128
9:2 — 69

עבדיה
1 — 217

יונה
2:1, 11 — 137
2:2 — 69

מיכה
4:1-5 — 283
4:3 — 250
4:4 — 251
5:2 — 37
5:13 — 133

חבקוק
2:18, 19 — 131
2:20 — 245

צפניה
2:1-3 — 249
2:3 — 65, 244
2:11 — 133
3:8 — 244, 268

זכריה
8:16 — 293
8:21, 22 — 147
14:16 — 250

מלאכי
3:1, 2 — 184
3:22 — 11

תהלים
2 קאַפּיטל — 230
3:9 — 27, 226

8:5, 6 179
8:5-9 56
11:4 186
12:7 81
16:10 70
20:6-8 226
22:21, 30 60
25:4, 5 56
36:10 252, 293
40:9 282
45:17 118, 231, 247, 264, 275
49:7, 8 91
51:6 9
51:7 92
65:3 139
66:4 245
67:7 251
72:4, 7, 8 272
72:6-8 264
72:7 255
78:69 245
קאפיטל 83 135
83:18, 19 28
83:19 23
85:12 248
89:28 179
קאפיטל 90 25
90:1, 2, 13 25
90:2 85
95:7-11 159
96:1 245
96:10-13 267
96:11, 12 251
97:11 210
103:3, 4 251
104:1-4 27
106:36, 37 132
110:1, 2 24, 271
110:1-3 119
110:2, 3 237
110:6 271
115:4-8 131
116:11 7
119:90 245
119:105 281
139:8 68
143:1 137
143:10 146
145:10-13, 21 255
145:18 137
145:20 253, 274
146:3 200
146:4 64
147:19, 20 156
148:12, 13 209, 255
150:6 135

משלי

2:1-6 248
4:7 82
4:23 287
10:30 252
15:29 139
23:7 46
27:11 288
28:9 141
28:28 253
30:5 81
30:5, 6 11

איוב

1:6-11 48
14:13 68
14:13-15 257

רות

1:6 181

קהלת

1:4 243, 245
3:1 283
3:18-21 57
3:19, 20 64
9:10 259

עקלעזיאסטיקוס

17:29 63

אסתר

קאפ. 3, 4, 5 227

דניאל

2:44 123, 199, 230
קאפ. 3 133, 227
4:11-13 235
7:14 123

נחמיה

2:4 139
8:6 138
9:13, 14 156

דברי־הימים א

29:11 119
29:23 114, 179

דברי־הימים ב

34:1-7, 33 128
קאפיטל 36 194
36:12-16 193

מתיא

1:2-16 115
1:21 93, 281
1:22, 23 93
2:13-23 38
3:2 119
3:16, 17 86
3:17 115, 285
קאפיטל 4 44
4:4, 7, 10 14
4:8, 9 44
4:17 119, 287
4:23 251
5:7 146
5:17 157
5:17, 18 14
5:17-19 166
5:20 168
5:21, 27 167
5:23, 24, 31, 33, 38, 43 167
קאפיטל 6 141
6:6-15 132
6:9, 10 29
6:9-13 144
6:10 248
6:13 146, 147

6:14, 15	146
6:19-33	110
6:33	122
7:13	280
7:13, 14	116
7:15, 20	112
7:21	286
8:11	250
10:1-14	110
10:28	61, 74
11:1	111
11:11	115, 247
12:1-8	162
12:1, 9	157
12:31, 32	274
12:46-50	37
13:15	281
13:44-46	122
14:19	142
15:1-9	13
16:13, 27, 28	56
16:18	102, 104
16:24	281
16:27	187
20 קאפיטל	90
20:28	40, 90, 91, 281
21:5, 9, 42	195
21:43	112
21:43-45	117
22:1-14	186
22:21	231
22:41, 42	36
23:33	74, 273
23:37, 38	194
24 קאפיטל	271
24:3	119, 233
24:3, 27, 37, 39	180
24:7	238
24:8	239
24:9	240
24:14	110, 111, 120, 240, 248, 295
24:14, 15	134
24:15, 16	241
24:15-20	124
24:21	244
24:26-28	180
24:31	240
24:37	183, 249
24:45-47	182, 288
25:1-13	186
25:14-30	186
25:31	178
25:31, 32	272
25:31-40	249
25:31-46	187
25:41	53
25:46	75
27:22	195
27:62-66	258
28:5-9, 16	258
28:19	282, 295
28:19, 20	110
מארקוס	
1:9-11	282
1:21	157
1:38	111
2:27, 28	162
4:11	103
9:47, 48	72
10:45	100
11:25	138
12:17	231
13 קאפיטל	271
13:4	233
לוקאס	
1:31-35	36
1:32	179
2:8-14	37
3:21-23	39
3:23-34	115
3:38	28, 95
4:14-21	158
4:16-21	14, 40
4:16, 31	157
4:17-19	208
4:17-21	287
4:18-21	109
6:6-9	211
10:1-12	110
11:1-4	141
12:32	116, 213, 261, 298
12:37	181
13:16	162
13:28	248
13:28-30	230
13:29	250
16:19-31	75
17:20, 21	119
17:29, 30	187
19:12-27	186
19:37-40	188
19:44	181
20:34-36	264
20:35, 36	278
20:37, 38	257
21 קאפיטל	271
21:7	233
21:24	234
21:25, 26	241
21:25-32	248
21:28	244
21:36	188
22:28-30	117
22:29, 30	108
22:37	15
22:42	82
23:1, 2	121
23:2-4	232
23:43	276
24:27, 44-46	15
24:48	205
יוחנן	
1 קאפיטל	34
1:1	80, 84
1:1-3	34
1:12, 13	116
1:14	85
1:17	165
1:18	83
1:29	94, 158
1:29, 36	39, 168
2:4	37
3:3-13	116
3:5	285

3:16 122, 293
3:16, 17 93
3:27 106
3:36 98, 265, 266
4:24 26
5:22 276
5:27-29 264
5:28, 29 257, 273, 276
5:39, 46, 47 14
6:44 212, 280
6:62 35
8:23 117
8:23, 58 35
8:32 291
8:44 47
10:11, 14, 16 294
10:16 213, 248, 288
10:18 88
10:30 80, 81, 82
11:42 143
12:31 270
14:2 117
14:3 260
14:6 140, 280
14:9 83
14:13 132
14:14 140
14:19 117, 179
14:28 82
14:30 44, 270
15:16 132
15:17-19 219
15:18-21 214
15:19 106, 287
15:20 240, 296
15:26 105
16:7, 13 105
16:24 146
17:1 188
17:3 92, 293
17:4, 6 287
17:4-11 35
17:6 106
17:9 145
17:16, 17 219
17:17 13, 281, 286
17:20-22 82
18:28-32 121
18:36 44, 110, 117, 220
18:36, 37 38
19:26 37

מעשים

1:5 285
1:6-8 119
1:8 180, 205
1:11 179
1:14 142
קאַפּ. 1, 2 35
2:3, 4, 17 285
2:14, 29, 34 259
2:16-18 209
2:29 247
2:31, 32 70
2:34 247
2:41, 46, 47 107
2:44-47 207
3:13 247
3:19 281
3:20-24 122
3:23 218
4:11, 12 105
4:12 93
5:29 232
5:42 207
6:1 190
7:37, 38 106
7:43 128
10:24-26 132
10:38 39
10:39-42 205
10:42 273
10:44-48 107
13:14, 44 157
13:22 114
13:29-37 258
13:33 115
14:11-18 132
15:5 169
15:14 107, 128
16:13 157
17:2 157
17:10, 11 17
17:17-22 205
17:27 280
17:29 129
17:30, 31 257, 269
17:31 265
18:4 157
20:20 204
20:20, 21 111
24:15 118

רוימער

1:7 287
1:20 27
1:23, 25 126
1:31, 32 218, 288
2:7 62
2:28, 29 194
3:3, 4 9, 296
3:4 81
3:10 139
3:19, 20 193
4:3-13 154
4:11 98
5:1 284
5:9, 19 284
5:12 96, 253, 280
5:18 98
5:20 193
6:3-5 261
6:14 164
6:23 65, 91, 283, 294
8:1-4, 33 285
8:14 286
8:15-17 116
8:29 260
9:5 247
10 קאַפּיטל 291
10:9, 10 266
10:10 292
10:10-18 292
10:12, 13 200
10:13 292

פיליפער

2:5-8 36, 122
2:5-11 33
2:6-8 84
2:12 180, 287
3:5, 6 33
3:5-9 168
3:8-11 266
3:13, 14 122
3:20 117
3:20, 21 107

קאָלאָסער

1:15 33, 85
1:16-18 34
1:18 105, 260
1:27 116
2:8 16
2:12-18 158
2:13-17 165
2:13, 14, 16, 17 196
2:17 176
2:18 132
3:1-4 284
3:2, 5 287
3:5 176

טעסאַלאָניער א

4:3 286
4:13-15 262
4:15 185
4:16 263

טעסאַלאָניער ב

1:7-9 187
2:13 106
2:13, 14 285

טימאָטעאוס א

1:17 25, 61
2:5, 6 56, 93, 98
2:14 96
3:15 104
3:16 80, 83
4:12 209
5:24 273
6:16 62, 179
4:4 35, 44, 219, 270
4:13, 14 261
5:7 132
5:17 285
5:20 217
6:2 283
9:15 283
10:3, 4 221
10:10 181
11:5 103
11:14 51
11:22 190

גאַלאַטער

1:7-9 17
1:13, 14 16
3:13 98
3:19 192
3:19, 24 193
4:4 37
4:4, 5 157
4:9-11 158
5:1 291
5:13-23 175
5:18 175
5:20 176
6:16 197

עפעזער

1:13, 14 286
1:20-23 108
2:8, 9 177
2:11-16 165
2:13-15 158
2:20 106
3:14 138
3:20 138
3:21 255
4:30 286
5:23 82, 105
6:1-3 176
6:4 253
6:11-18 221
6:12 53
6:18 138
6:20 217
10:17 281
11:7, 8 195
12:2 286
13:1, 2 29, 121
13:1-5 231
13:8-10 176
13:11 123
14:4-6 161
15:8 247
15:10 295

קאָרינטער א

4:17 209
5:7 158
6:20 97
7:23 97
8:4-6 129
9:7-14 210
9:11-14 206
10:7 129
10:11 227, 253
10:14 129, 176, 224
11:3 82
12:12 82
12:12, 13 286
12:18 106
14:33 8, 78
15:5-8 258
15:20 260
15:25 122
15:25, 26 188
15:26 252, 266
15:42-54 108, 263
15:45 57
15:47 246
15:50 115, 116, 284
15:51, 52 185, 263
15:53, 54 62, 287
15:54, 55 72
15:56 99
15:57 266

קאָרינטער ב

3:5-11 175
3:5-18 175

טימאטעאוס ב

1:10 — 62
2:3,4 — 221
2:15 — 52, 248
2:18 — 258
2:24, 25 — 208
3:12 — 287
4:1 — 185, 273
4:8 — 261

טיטוס

3:3-5 — 285

יידן

1:2-6 — 178
1:7, 14 — 27
1:8 — 123
2:5-10 — 56
2:6-9 — 42
2:9 — 83, 93
2:14 — 53
3:3, 4 — 104
3:13-19 — 160
4:1-11 — 160
4:3-11 — 161
4:9 — 159
5:7-9 — 276
5:8, 9 — 97, 122
6:1-3 — 291
7:11-24 — 172
7:12 — 172
7:14 — 115
7:16, 24, 25 — 173
7:18, 19 — 164
7:26 — 40
8:2 — 104
9:11 — 176
9:11, 23, 24 — 41
9:24-26 — 95
10:1 — 161, 176
10:7 — 282
10:12, 13 — 41
10:24, 25 — 212
10:37 — 178
10:38, 39 — 288
11 קאפ. — 118, 214, 230, 275
11:1 — 281
11:6 — 281
11:7 — 253
11:10 — 246
11:13 — 247
11:17, 19 — 257
11:33-35 — 264
11:35 — 247
11:39, 40 — 275
12:1 — 214, 246

יעקב

1:17 — 27
1:18 — 116, 285
1:27 — 219
2:10, 11 — 170
2:19 — 51
4:3 — 139
4:4 — 219
4:7 — 52
5:16 — 146

פעטרוס א

1:13 — 178
1:15 — 287
1:25 — 18
2:3-10 — 105
2:4 — 106
2:5 — 106
2:9 — 110, 117, 287
2:21 — 108, 205
3:18 — 41, 117, 260
3:21, 22 — 42
4:17 — 272
5:8 — 147
5:8, 9 — 54
5:13 — 103

פעטרוס ב

1:4 — 287
1:19-21 — 19
2:1 — 19
3:2 — 19
3:7 — 270
3:7, 8 — 265, 270
3:8 — 268
3:10 — 183
3:10, 13 — 247
3:13 — 117, 270

יוחנן א

1:7 — 253
2:20, 27 — 110, 285
2:28 — 188
3:2 — 286
4:16 — 76
4:17 — 268
5:7, 8 — 80, 81
5:19 — 219, 270
5:19-21 — 129
5:21 — 176, 226

התגלות

1:7 — 188
1:18 — 105, 247
2:10 — 108, 268, 287
3:14 — 33, 85, 109
3:21 — 117, 179
5:5 — 115
5:10 — 117
6:15-17 — 187
7:4 — 261
7:4-8 — 108, 116, 288
7:9 — 248
7:9, 10 — 188
7:9-17 — 118
7:10, 14, 15 — 248
7:14 — 99
11:15 — 123, 271
11:15, 17 — 184
11:17, 18 — 120
11:18 — 238
12 קאפיטל — 237
12:1-12 — 120
12:6, 14 — 235
12:7-9 — 50
12:9 — 47
12:10 — 184
12:12 — 51
12:17 — 287, 288
13:15-17 — 216
14:1, 3 — 108, 116, 261, 283
14:13 — 108, 185
16:14-16 — 161, 243

17:3, 8, 11	243
17:11	134
17:14	116, 230
18:20	248
קאַפּיטל 19	244
19:7	108
19:10	132
20:1-3	52, 188
20:1-3, 7	71
20:1-3, 11-15	272
20:1-4	254
20:1-6	161
20:4	268
20:4, 6	117
20:5	254, 266
20:6	108, 261
20:7	254
20:7-9	278
20:7-15	118
20:8	254
20:10, 14, 15	53, 254
20:11, 12	277
20:12-15	265
20:13, 14	71
20:14	72
20:14, 15	278
21:1-5	252
21:2	237
21:4	252, 255, 266
21:8	74, 254
21:9	108
21:14	103, 106
22:8, 9	132
22:17	248, 293
22:20	178

פאַר מער אמתן און פאַקטן

לייען

באַטראַכט מוטיק די פאַקטן

פנים־אל־פנים מיט די סכּנות וואָס שטעלן אין געפאַר זייער פרייהייט, זייער אייגנטום און זייער לעבנס, זיינען די מענטשן געוואָרנט דורך דאָס דאָזיקע ביכל פון 64 זייטן; און ווייל עס צייגט אַרויס דעם איינציקן וועג צו אַנטרינונג, איז עס, בּהן, וויכטיק פאַר אַלע לייט, אַז זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו לייענען באַטראַכט מוטיק די פאַקטן.

בנוגע דעם באַפעלקערן די הנאהטע „נייע ערד‘ אין דערפילונג פון גאָטס זיכערן וואָרט, אַנטהאַלט דאָס ביכעלע נאָך מער דערפרישנדיקע אמתן.

איר ווילט וועלן דערפאַר אַ קאָפּיע פאַר זיך און אפשר נאָך מער קאָפּיעס, כּדי צו ברענגען צו אַנדערע די דאָזיקע אינפאָרמאַציע. איר מעגט באַקומען דאָס דאָזיקע ביכעלע פאַר 5¢ אַ קאָפּיע; 3 פאַר 10¢, אָדער 7 פאַר 25¢.

זעע, ביטע, לעצטע זייט פאַר אַדרעסן ווען מע באַשטעלט דאָס אויבנדערמאָנטע ביכעלע.

„פּ ַא ר ו ו ָא ס

ז י י נ ע ן   פ ַא ר ַא ן   ַא   ס ך
מ ע נ ט ש ן   ו ו ָא ס   ַא נ ט ל ו י פ ן

פון זייערע היימען און זוכן אַן אָרט פון זיכערקייט אין דערפֿאָלג? מחנות מענטשן אין אַ סך נאַציעס האָט מע אַרויסגעטריבן פון זייער היימלאַנד, און זיי וואַנדערן אַרום אויף דער ערד אָן אַ ציל. אַ סך מענטשן זיינען שיינבאַר אין אַ מורא צו פאַרלירן אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן. נו, צו וואָס קומען מיר?"

די דאָזיקע אָנפאַנגס ווערטער זיינען פון אַ ביכעלע באַטיטלט „פ ל י כ ט ל י נ ג ע ן". ענלעכע פראַגעס זיינען אפשר אויך אויפגעקומען אין דיין מח. אויב אַזוי, וועלן פון דיר די ענלעכע ענטפערס הויכגעשאַצט ווערן. צו די אויבנדערמאָנטע פראַגעס, ווי אויך צו אַ סך אַנדערע פאַרוויקלטע פראַגעס, וועסטו געפינען די ענטפערס אינצווישן די זייטן פון דעם דאָזיקן 64 זייטיקן ביכעלע. אַ קאָפּיע פון ביכעלע „פ ל י כ ט ל י נ ג ע ן" קענסטו באַקומען פאַר 5 ¢, אָדער 3 פאַר 10 ¢, אָדער אויב מע איינשליסט 25 ¢ פאַר 7.

זעע, ביטע, לעצטע זייט פאַר אדרעסן ווען מע באַשטעלט דאָס אויבנדערמאָנטע ביכעלע.

פאַשיזם אָדער פרייהייט

בשעת טאָטאַליטאַריזם, וואָס איז מיט דער פלוט פון דער וועלט־מלחמה 2 פראַקטיש אַוועקגעשווענקט געוואָרן, איז אָבער די דאָזיקע סכנה נאָך ניט אַוועקגענומען געוואָרן. די דאָזיקע צרה פון פאַשיזם און ענלעכע פאָרמען פון שלעכטע רעגירונגען וואָס שטעלן אויף דעם שטאַאט אַלס אויבערהאַר און פאַרוויינערן איינצלנע אַלע רעכטן, קען דערפאַר נאָך אַוועקנעמען די פרייהייט פון די מענטשן. די קשה וואָס איר קענט זיך אַליין ענטפערן איז: „זאָל איך זיך אונטערוואַרפן און ווערן אַ געפאַנגענער צו דעם דאָזיקן גרויל, אָדער וועל איך זיך אַנטקעגנשטעלן און דינען גאָט, און פאַרטרוין אויף זיין כח מיך צו באַשיצן און צו דערעטן?"

כדי צו ענטפערן די דאָזיקע קשה מיט דעם גרעסטן נוצן פאַר אייך און אייערע טייערע, ווערט אָט די פאַקטפולע בשורה אָנגעזאָגט אין דעם 64 זייטיקן ביכעלע „פאַשיזם אָדער פרייהייט". באַשטעל איצט דיינע קאָפּיע דורך שיקן 5 ¢ צו דער נאָענסטער אַדרעס וואָס איז געוויזן אויף דער לעצטער זייט פון דעם דאָזיקן בוך. פאַר אייערע פריינד קענט איר באַקומען מער קאָפּיעס צו 3 פאַר 10 ¢, אָדער 7 פאַר 25 ¢.

הויפּט־אָפיס און אָפיציעלער אדרעס פון
WATCH TOWER BIBLE & TRACT SOCIETY
WATCHTOWER BIBLE & TRACT SOCIETY, INC.
INTERNATIONAL BIBLE STUDENTS ASSOCIATION
אין
124 Columbia Heights, Brooklyn 2, New York, U.S.A.

אדרעסן פון פאבריקן און ארויסגעבערס:

America (U.S.), 117 Adams St., Brooklyn 1, N.Y. ****Argentina,** Calle Honduras 5646-48, Buenos Aires. ****Australia,** 11 Beresford Road, Strathfield, N.S.W. ****Austria,** Liechtensteinstr. 24, Vienna IX. ****Belgium,** 28 Ave. Gen. Eisenhower, Schaerbeek-Brussels. ****Bolivia,** Casilla No. 1440, La Paz. ****Brazil,** Rua Licínio Cardoso 330, Río de Janeiro. ****British Guiana,** 5 Croal Street, Georgetown, Demerara. ****British Honduras,** Box 257, Belize. ****British West Indies,** 21 Taylor St., Woodbrook, Port of Spain, Trinidad. ****Burma,** 39 Signal Pagoda Road, Rangoon. ****Canada,** 40 Irwin Ave., Toronto 5, Ontario. ****Chile,** Moneda 2390, Santiago. ****China,** P.O. Box 1903, Shanghai. ****Colombia,** Avenida 32, No. 18-24, Bogotá. ****Costa Rica,** Apartado 2043, San José. ****Cuba,** Calle D No. 206, Almendares, Marianao, Havana. ****Cyprus,** Box 400, Nicosia. ****Denmark,** Sondre Fasanvej 54, Copenhagen - Valby. ****Dominican Republic,** Calle Estrelleta No. 37, Ciudad Trujillo. ****Ecuador,** Casilla 4512, Guayaquil. ****Egypt,** Post Box 387, Cairo. ****El Salvador,** Apartado 401, San Salvador. ****England,** 34 Craven Terrace, London, W. 2. ****Finland,** Vainamoisenkatu 27, Helsinki. ****France,** Boite Postale 23-16, Paris 16°. ****Germany (Soviet Zone),** Wachtturmstrasse 17/19, Magdeburg. ****Germany (U.S. Zone),** Am Kohlheck, (16) Wiesbaden-Dotzheim, Hesse. ****Gold Coast,** B.W.A., Box 760, Accra. ****Greece,** 16 Tenedou St., Athens. ****Guatemala,** 11 Avenida Norte No. 8, Guatemala. ****Haiti,** Post Box B-185, Port-au-Prince. ****T. Hawaii,** 1228 Pensacola St., Honolulu 14. ****Honduras,** Apartado 147, Tegucigalpa. ****Hungary,** Gvadányi-u 8, Budapest XIV. ****India,** 167 Love Lane, Bombay 27. ****Israel,** Post Box 1399, Jerusalem. ****Italy,** Via Monte Maloia 10, Monte Sacro, Rome. ****Jamaica,** 151 King St., Kingston. ****Japan,** 1 Toyooka-Cho, Shiba-Mita, Minato-Ku, Tokyo. ****Lebanon,** P.O. Box 1122, Beirut. ****Liberia,** Monrovia. ****Luxembourg,** 95 Rue Eugene Welter, Luxembourg - Howald, G. D. of Luxembourg. ****México,** Calzada Melchor Ocampo 71, México, D. F. ****Netherlands,** Koningslaan 1, Amsterdam-Z. ****Newfoundland,** Post Box 521, St. John's. ****New Zealand,** G. P. O. Box 30, Wellington, C. 1. ****Nicaragua,** Apartado 183, Managua, D.N. ****Nigeria, West Africa,** P. O. Box 695, Lagos. ****Northern Rhodesia,** Box 5, Lusaka. ****Norway,** Inkognitogaten 28 B., Oslo. ****Nyasaland,** Box 83, Blantyre. ****Panama,** Box 274, Ancon, C. Z. ****Paraguay,** Río de Janeiro y Esq. Mary Lyons, Asunción. ****Peru,** Ramon Danino 256, Lima. ****Philippine Republic,** 104 Roosevelt Road, San Francisco del Monte, Quezon City. ****Poland,** Ul Rzgowska 24, Lodz 7. ****Puerto Rico,** 704 Calle Lafayette, Pda. 21, Urb. Hip., Santurce 34. ****Romania,** Str. Alion No. 38, Bucuresti 2. ****Sierra Leone,** Box 136, Freetown. ****Singapore,** 477 East Coast Road. ****South Africa,** 623 Boston House, Cape Town. ****Southern Rhodesia,** "Grafton," P.O. Sauerstownship, Bulawayo. ****Surinam,** 80 Gemeenelandsweg, Paramaribo. ****Sweden,** Luntmakaregatan 94, Stockholm. ****Switzerland,** Allmendstrasse 39, Berne. ****Thailand,** Box 67, Bangkok. ****Uruguay,** Joaquín de Salterain 1264, Montevideo. ****Venezuela,** Ave. Prin. del Paraíso 27, Quinta Savtepaul, Paraíso, Caracas.